STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01413

FIR PYESN

Shmuel Halkin

Permanent preservation of this book was made possible
by Mr. & Mrs. Sol Blickman
in honor of
their children, Neil, Andrew, Michael & Rita and their families

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמועל האלקין

פיר פיעסן



פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״
מאָסקווע. 1977

С(Евр)2
Г 16

דאָס בוך שליסט אײַן אין זיך פיר פּיעסן, וואָס דער מערקווירדיקער סאָוועטישער ייִדישער דיכטער און דראַמאַטורג שמועל האַלקין האָט אָנגעשריבן דירעקט ערעוו דער גרויסער פּאַטעראַלענדישער מילכאָמע און אין די מילכאָמע־יאָרן. לויט דער טעמאַטיק און סצעניש פאַרשיידענע. די דראַמע זשאַנער זײַנען דאָס ווערק גאַנץ פאַרשיידענע. די דראַמע „דער שפּילפויגל״ (1942), וואָס איז טײלווײַז געשריבן אין דער מאַניר און אין נוסעך פון א פאָלקסשפּיל, שילדערט דעם פײַנפולן וועג פון א הויך־באַגאַבטן ייִדישן פידלער אין ביזרעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד; „אָרן פרידמאַן״ (1939) איז א פּראָבלעמען־פּיעסע, אין וועלכער עס ווערן באַהאַנדלט פראַגן פון ייִדישער ערד־אײַנאָרדענונג אין ראַטנפאַרבאַנד און ס'ווערט באַוויזן ייִדיש שטייגער־לעבן אין א קרימער קאָלווירט; די פילאָסאָפישע דראַמע „אומשטערבלעכקייט״ (1940) הייבט אויף וויכטיקע מאָראַליש־עטישע פּראָבלעמען, וועלכע קלינגען אַקטועל ביז הײַנט־צו־טאָג און ווערן דיסקוטירט אין די קרײַזן פון דער סאָוועטישער שעפערישער אינטעליגענץ, וואָס אירע פאָרשטייער זײַנען געמאָלט אין דער פּיעסע; „אָף טויט און אָף לעבן״ (1944—1945) — א דראַמאַטישע פּאָעמע, ווי דער אווטאָר האָט באַשיידן באַצייכנט, אין טאָך א טראַגעדיע, — איז געווידמעט דעם העראָישן געראַנגל, וועלכן עס האָבן געפירט קעגן די פאַשיסטישע טאַליאָנים די אסירים פון די געטאָס אין אָקופּירטן פּוילן.

שמועל האַלקינס דראַמאַטישע ווערק צייכענען זיך אויס מיט דער פאַרשאַרפטקייט פון די קאָנפליקטן, שפּאַנענדיקער האַנדלונג, שטײַפקייט און פינקטלעכקייט פון דיאַלאָג. געשאַפן פון א גרויסן מײַסטער, האָבן זיי ניט בלויז א סצעניש, נאָר אויך אן אויסשליסלעך באַדײַטנדיקן ליטעראַרישן ווערט.

די טעקסטן צוגעגרייט
מ. שולמאַן

© Издательство «Советский писатель», 1977 г.
Произведения, отмеченные в содержании звездочкой, печатались до 27 мая 1973 г.

Г $\frac{70600-166}{083(02)-77}$ 341—77

מײַן ביאָגראַפיע אינקורצן

איינער א קלוגער מענטש האָט געזאָגט: „ווילסטו קענען דעם דיכטער, באַזוך זײַן קאַנט״. מײַן קאַנט האָט זיך אָבער נאָך די רעוואָליוציע־יאָרן אַזוי געענדערט צום שענערן און צום בעסערן — סײַ לויטן אויסזען און סײַ לויטן טאָך — ביז ניט צו דערקענען. דעריבער, קעדיי צו געבן כאָטש אַוועלכן־ניט־איז באַגריף, אין וואָס פאַר אן אַרומרינגלונג איך בין דער־צויגן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אַזאַ ווי איך בין, מיט מײַנע וועלט און וועלטעלעך, מיט גלײַכן וועג און אומוועגן מײַנע, וועל איך אינקורצן דערציילן דאָס, וואָס אַן אַנדערער, אויסער מיר, וואָלט דערציילן ניט גע־קאָנט.

געבוירן בין איך אין ווײַסרוסלאַנד, אין דער שטאָט ראָהאַטשאָוו, דעם 5 דעקאַבער 1897.

איך האָב געהערט זאָגן, אַז דאָס נײַנטע קינד איז אַ מאַזלדיקס. לאָמיר אָננעמען, אַז ס׳איז אַזוי, ביפּראַט, אַז בא אונדז אין שטוב, ניט זייער גע־ראַמער, ניט רײַכער, ניט אייגענער שטוב, — בין איך געווען דער נײַנטער. און מאַזל נומער איינס איז געווען, ווען ס׳פּלעגט אויספאַלן אַ טאָג און אין אונדזער הויכן, שמאָלן אַלמער זײַנען אַף דער פּאָליצע געשטאַנען, פאַר־טרויט־אָנגעשפּאַרט איינער אָן דעם אַנדערן, אַ גענוגע צאָל קײַלעכדיקע לאַבנס קאָרן־ברויט — פון אויבן פאַרברוינט און פון אונטן באַמעליקט. יענע געשמאַקע זעט ליגט מיר נאָך ביז הײַנט אין טאַם.

ביז הײַנט געדענקט זיך מיר דער מאמעס שמייכל, ווען זי פלעגט נאָכן ווארמעס אראָפּציִען פונעם אלטן, גרויסן טיש דעם טישטעך און פאָרזיכטיק אויסטרייסלען פון אים אין ברייטן צעבער ארײַן א הײַפעלע מעל־שטויב — דאָס אלץ, וואָס דער גרויסער לאבן קאָרן־ברויט האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט.

פארבײַגייענדיק לאָמיר דערמאָנען אויך דעם טישטעך. פון ריינעם לײַן, אין א סאך קעסטעלעך געוועבטן טישטעך, וואָס ערשט געבראכט פונעם דאָרף, איז ער נאָך געווען גרוי און קניפּלדיק און גראָב, און פון לאנגע יאָרן ניצן — געוואָרן בלייך און שטאָטיש־אויסגעיידלט.

דאָס הײַפעלע מעל, וואָס די מאמע פלעגט פון אים אראָפּטרייסלען אינעם צעבער, האָט באדארפט ווי צופוצן דאָס ווייניק־נערהאפטע שפּײַז פאר דער בעהיימע. פאר אלע שטעטלדיקע יאָרן מײַנע געדענק איך אָבער נאָר איין קורצע צײַט, ווען בא אונדז איז געווען א בעהיימע — א רויטע, וואָס האָט זיך פארגינט גראָד מיך, דעם מאזלדיקן, ארופנעמען אף די הערנער און נאָר דערפאר, וואָס איך בין געווען נײַגעריק צו טאָן א פּרווו, ווי הארט איז איר האָרן; צי זײַנען אירע הערנער פינקטלעך אויסגעקײַלעכט און צי איז אין זיי פאראן פון יענער היימישער ווארעמקײַט, מיט וועלכער איר דיך אָטעמט.

מיִטן קנאפּן שטעטך צווישן אָט די צוויי גראָע הערנער וואָלט איך געקאָנט אויסמעסטן מײַן גאנצע קינדערשע וואָכעדיקײַט.

און מײַן יאָמטעוו?

ווען דער טאטע (א בראקער אין וואלד) — א מענטש מיט א סאך יִדיש וויסן; מיט א קלאָרן ניכטערן קאָפּ און מיט א ברייט טרוימעריש הארץ, — ווען ער, דער טאטע, פלעגט, זיצנדיק באַם טיש אויבנאָן, אונדז אלעמען — פינף ברידער און פינף שוועסטער — מיטאמאָל ווי אופרופן מיט א שמייכל און פארציִען א ניגן מיט ווייניקע ווערטער, צי גאָר אָן ווערטער, אָדער מיט ווערטער ווײַסרוסישע, ווי לעמאָשל:

בודיעם ליקאָ דראטי,
בודיעם לאפּטי פלעסטי...
בודיעם דיעטאָק האָדוואטי...

מיר, קינדער פון דער זייער נײַט רײַכער שטוב, האָבן נאָך דעמלט זיכער ניט פארשטאנען, נאָר בעכוש האָבן מיר געפילט, אז אין אָט דער פולער צונויפגעלעבטקײַט פון יִדישן ניגן און ווײַסרוסישע ווערטער זאָגט זיך ארויס דאָס בַּידנע הארץ פון צוויי ווײַט ניט מאַזלדיקע פעלקער: וואָס

טרויעריקער דער ניגון — אלץ טיפער דער מיין; וואָס טיפער דער מיין — אלץ פּיַיערלעכער, יאָמטעוודיקער דאָס געזאַנג. און אין אָט דער באַהעפֿטונג פֿון וואָך און יאָמטעוודיקייט איז באַשטאַנען מײַן קינדעריש מאַזל נומער צוויי.

העיזיס ווי קיין מאיאָנטקעס, קיין פעלדער און וועלדער, וואָס זאָלן איבערגיין פֿון דאָר צו דאָר, האָבן אונדזערע אורזיידעס בעירושע אונדז ניט איבערגעלאָזט, קיין באַזונדערע טיטלען און מישפּאָכע־הערבן — אויך ניט, האָבן מיר און אונדזער גלײַכן ניט באַזונדערס אכט געלייגט און ניט זיכער פאַרגעדענקט די הערעלדיק, דאָס מיינט דעם ייִכעס־בריוו אַף א סאַך דורעס צוריק.

וואָס זשע האָבן מיר, קינדער פֿון אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, פּאָרט געיאַרשנט פֿון זיידעס און עלטערזיידעס? — א שיינעם ניגון, א גוטן נאָמען, א טיפּזיניק, מוסערהאסקלדיק שפּריכוואָרט, א ווונדערלעכע געשיכטע, וואָס איז אין דער מישפּאָכע איבערגעגאַנגען פֿון דאָר צו דאָר, פֿון מויל צו מויל.

— ווייניקלעך, — וועט עמעצער זאָגן.

— אַן אָרעמאַנסקע יערושע, — וועט א צווייטער א טראַכט טאָן.

— ניין, — ענטפֿער איך, — א רײַכע, א שיינע יערושע.

ביז היינט האָט זיך מיר פאַרגעדענקט א מײַסע, געהערט פֿון מײַן טאַטן, וואָס איר טיפער נאָבעלער זין האָט געהאַט א ווירקונג אַף מײַן לעבנס־אַרט ביכלאַל און אַף מײַן שאַפן ביפראַט.

איינער פֿון מײַנע זיידעס — א טוישעוו פֿון א דאָרף אַרום מײַן געבורטשטאָט, — אַז ס׳איז געקומען די צײַט זיך שיידן מיט דער וועלט, האָט ער, ליגנדיק אין בעט א גרײַז־גרויער, אָנגעטאָן אין א ווײַסן לײַנען־העמד מיט א ברייטן אָפּגעלייגטן קאָלנער, ווי די מאָדע איז דעמלט געווען, זיך אָנגעשפּאַרט אַף אַן עלנבויגן און א צײַט ארויסגעקוקט אין דרויסן דורכן קליינעם פירשויביקן פענצטער. די עטלעכע האָרעפּאַשנע דאָרפישע ייִדן, וואָס זײַנען געקומען צו אים אָפּשייד נעמען, זײַנען געבליבן שטיין און זיך ניט דערוועגט עפּעס צו זאָגן אָדער פרעגן בא אים: א מענטש פאַרן טויט, אָנשטאָט צו מאַכן א כעזשבן־האַנפּעש, פאַרגינט זיך צו קוקן רויק אין דרויסן, גלײַך ווי ניט ער וואָלט זיך געגרייט אין לעצטן וועג אַרײַן.

— הערט איר, ייִדן, — האָט דער אַלטער א זאָג געטאָן שפּעטער, זוכנדיק פאַרן קאָפּ אַן אָרט אַפן קישן, — הערט איר, א שיינע, א גוטע, א נאַכעסדיקע וועלט.

די דערבײַשטייענדיקע זײַנען געבליבן ווי דערשטוינט.

— סטײַטש, אז איר זאָלט אזעלכעס זאָגן! אונדזער זינדיקע וועלט איז דאָך נאָר אן אריינגאנג אין דער עמעסער וועלט, ווו מאלאָכים...

— עמעס, — האָט דער אלטער געענטפערט, פונעם אינערלעכן ווידער־אנאנד נאָך מער אָפּגעשוואכט, — עמעס, אָבער דאָ, אף דער זינדיקער ערד, ווען איך טו עפּעס אוף רעכטס, ווען איך גיב, לאָמיר זאָגן, א נעדאָווע אן אָרעמאן, ווערט פון מײַן גוטן ווילן געבוירן א מאלעך, אָבער דאָרטן, ווו מאלאָכים זײַנען, וועל איך דאָך עס שוין ניט קאָנען אופטאָן.

וואָס עמעס, איז עמעס — די דערציִונג אונדזערע איז געווען ווײַט ניט קיין בעהאדראָגעדיקע. צו דרײַצן יאָר — זיך יוגנטלעך פארטיפט אין אזוינע עטיש־פילאָסאָפישע פּראָבלעמען פון „ידיעה ובחירה״ — פון געטלעכער פאָרויסבאשטימטקײַט און דעם מענטשנס פרײַען ווילן; פון צדיק, ורע לו, — דאָס הייסט, פארוואָס איז דאפקע דעם גערעכטיקן אף דער וועלט שלעכט און דעם ניט־גערעכטיקן גוט, און נאָך און נאָך אזעלכע פאר א קינד צו הויכע איניאָנים, פארנעפּלטע, וואָס האָבן מיט זיך פארשטעלט פון מיר אזא פּאָשעטע זאך, אז די ערד דרייט זיך ארום דער זון.

נאָר אויב איר ווילט וויסן, איז דער איקער פון אלע איקרים אין אונד־זער דערציִונג געווען: „לא המקרא אלא המעשה״: ניט דאָס ווילקענען, נאָר דאָס ווילטאָן. דאָס הייסט, די מידעס, וואָס אליין דער מענטש איז מעכויעוו א גאנץ לעבן זיי צו פארשענערן און צו פארבעסערן. יעדער מענטש איז אן עולם קטן — א קליין וועלטל, אָבער אן אָרעוו, וועלכער טראָגט אכרײַעס פאר דער גאנצער גרויסער וועלט. ביידע זייערע גויראָלעס זײַנען אזוי אָפּהענגיק איינס פונעם אנדערן, אז דײַן מינדסטע געמיינהײַט לאָזט איבער א פלעק אפן אָנזיכט פון דער וועלט דער גרויסער.

און פון דער אנדערער זײַט, האָט בא אונדז אין דער מישפּאָכע גע־הערשט דער קולט פון לערנען, קענען, וויסן. פון דער סאמע פרײַער קינד־הײַט האָט מען אין אונדז אײַנגעפּלאנצט, אז ווען עמעצער האָט דיך אויס־געלערנט ניט מער אפילע ווי איין אָס, ביסטו שוין מעכויעוו אים אכטן, אים אָפּגעבן קאָווער.

און ווײַל קיין מעגלעכקײַטן צו צאָלן פאר מיר סכארלימעד איז ניט געווען (פאָרט דער נײַנטער), האָט א סאך יאָרן נאָכאנאנד מיט מיר גע־לערנט אן עלטערער ברודער — א גרויסער ווייסער און ליבהאָבער פון

דער אלטערטימלעכער העברעיִשער פּאָעזיע און וועלכער האָט אין דער שטיל, ווייס איך, געשריבן שירים. ער האָט אליין געלערנט זייער פליַיסיק, געווען א מאסמיד און אויך מיר ניט געלאָזט קיין פריַיע מינוט. ווינטער, פינף אזייגער פארטאָג — ער וועקט מיך שוין:

— שטיי אוף, ברודערקע, מע קאָן דאָך אזוי פארשלאָפן די וועלט. אזוי א גאנצן טאָג ביז א שטיק אין דער נאכט אריַין.

— לאָז מיך ארויסגיין א וויַילע אין דרויסן, — פלעג איך זיך בא אים בעטן.

— עפשער קאָנסטו מיר זאָגן, וואָס וועסטו דאָרטן טאָן?

— כ׳ווייס, א ביסעלע מאכן „הו־הא״.

— ווייסטו וואָס, זאָג אָפּ אָט דאָ אפּדערגיך „הו־הא״, און לאָמיר זיך ווידער זעצן לערנען.

איצט, פארשטייט זיך, בין איך אים זייער דאנקבאר: וואָס ווייניקער הו־הא — אלץ בעסער. אָבער דעמלט, צו דריַיצן יאָר, האָב איך דען גע־קענט טראכטן דאנקבאר זיַין מיַין פּיַיניקער. און אָט דער ברודער מיַינער האָט דאָך מיר אָפּגעגעבן אזויפיל ציַיט און געזונט! ער האָט מיך עפּשער מער ליב געהאט ווי זיך אליין. אָפט פלעג איך צוליב דעם לאָזן פילן מיַין שליטע איבער אים. און ער האָט דאָך בעעמעס געוואָלט אין מיר וואָס מער פארפלאנצן... אלץ, וואָס ער האָט געוווּסט, — א שארף לאקאָניש וואָרט, א שיינער פּאָעטישער פארגליַיך, א טיפזיניקער מוסערהאסקל, — אלץ ארײַנ־שטופּן אין מיר, זיַין ליבלינג. דאָס פלעגט ער אין א פרילינג־פארנאכט מיר צוליב, און צוליב אייגענער האנאָע אויך, מיך אוועקפירן אהינטער דער שטאָט, דאָרט, ווו דער שאָסיי, וואָס פירט אין דער גרעסערער שטאָט באָ־ברויסק, שניַידט זיך דורך צווישן צוויי, ווי מיר האָט דעמלט געדאכט, הויכע בערג. אף איינעם — ער, אפן צווייטן — איך. אזוי פלעגן מיר ביידע זיצן און שטילערהייט באוווּנדערן די זון, וואָס באם פארגיין שפּיגלט זיך אינעם פרילינגדיק־צעגאָסענעם דרוטש; דאָס האָט ער, דער ערשטער, אָנ־גערופן פאר מיר באם נאָמען א סאך שיינקיַיטן פון דער נאטור, וואָס גע־שטאנען זיַינען זיי פאר מיַינע יִינגלשע אויגן, און איך האָב ניט געוווּסט, אף וועלכער שפּראך מע ווענדט זיך צו זיי.

קיין לידער האָב איך נאָך דעמלט ניט געשריבן. אָנגעהויבן האָב איך פון א דראמע וועגן די פּליטים ביים דער מילכאָמע 1914. איך געדענק, אז מיַין ניט אויסגעטראכטע העלדין האָט געהייסן „ציליע די בעזשענקע״, אז מיַין עלטערער ברודער, דער רעבע מיַינער, איז אין איר געווען שטאַרק

פארליבט און אז מיר איז זי אויך געווען געפעלן. איצט בין איך זיך מודה, אז דאָס האָט ניט ווייניק געשאַט מײַן ברודערס דערפאָלג. די דאָזיקע „אינ־טריגע" איז געלייגט געוואָרן אין גרונט פון מײַן ערשטער „דראַמע", וועלכע מײַן ברודער און לערער האָט מיט א געקלעמט האַרץ געמוזט באַ־גיטיקן.

געטרוימט האָב איך אָבער צו ווערן א מאָלער.

ווען און פונוואַנען אָט דער טרוים האָט זיך צו מיר גענומען, וועלכע וואָרצלען האָבן אים גענערט, איז שווער צו זאָגן. נאָר מײַן זיקאָרן האָט פאַרהיט אַזא מין פאַל:

געקומען איז צו אונדז צוגאַסט פון דער שטאָט באָברויסק מײַן טאַטנס יינגסטער ברודער — הילעל, א מענטש אויסערלעך זייער אַ שיינער און דערצו שטאַרק א גראָטעסנער, מיט א שאַרפן דערפינדערישן קאָפּ. דער טאַטע האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט (און עפּשער זיך אויסבארימט), אַז איך, א באָכערל פון גאַנצע אַכט יאָר, אַנשטאָט צו לערנען, פאַטער איך גאָר צײַט אַף „מאָלן מענטשעלעך", אַז ס'איז בא מיר א מין כּאַלאַס — ווו איך שטיי און גיי מאָל איך. דער פעטער איז געשטאַנען און צופרידן געשמייכלט אין דער שוואַרצער, שיינער באָרד אַרײַן.

— אנו קאָרשט, קום אַהער, — רופט ער זיך אָפּ צו מיר, — נעם א פּאַפּיר מיט א בלײַער און מאָל מיר אויס א פּאַשטעט, א געדרוקטן אלעף. זע אָבער, ער זאָל שטיין פעסט, ער זאָל זיך ניט וואַקלען.

וואָס ער האָט געמיינט דערמיט, האָב איך דעמלט ניט אינגאַנצן פאַר־שטאַנען. אין קאָפּ האָט מיר א שווינדל געטאָן מײַן גאַנצע קינדערשע „דערפאַרונג" — די קרומע שטעטלדיקע שטיבלעך, די זיך וואַקלענדיקע פּלויטן, אפילו מײַן אייגענער שאָטן, וואָס איינמאָל, ווען איך האָב אים געפּרווט אויסמאָלן מיט א שטעקן אפּן זאַמד און מיר האָט זיך ניט אײַנ־געגעבן, האָב איך, אַנשטאָט שלאָגן זיך אליין איבער די הענט, געשלאָגן אים, מײַן ניט־אײַנגעגעבענעם אויטאָפּאָרטרעט.

דעם עקזאַמען האָב איך אויסגעהאַלטן, אלע אַרום זײַנען געבליבן צו־פרידן, וואָס מײַן אויסגעמאָלטער אלעף וואַקלט זיך ניט. און איך — מיט א סאַך צענדליקער יאָרן שפּעטער, שרײַבנדיק די דאָזיקע אויטאָביאָגראַ־פיע, — טראַכט, אַז דעמלט, מאָלנדיק יענעם ערשטן אָס, האָב איך שוין פאַראַטן מײַן מאָלערײַ און אַז פון יענעם אלעף הייבט זיך גאָר אָן מײַן ליטעראַרישע ביאָגראַפיע.

...קיין מוזייען און בילדער־גאַלערייעס זײַנען אין מײַן געבורטשטאָט, פאַרשטייט זיך, ניט געווען. די איינציקע מוסטערן פון קונסט זײַנען געווען די שילדן. איינע אַזאַ האָב איך פאַרגעדענקט ביז הײַנט. אַן אָפּגעבליאַקעוועטער, ערטערווײַז פאַרזשאַווערטער באַוואָנצלטער יונגערמאַן שטייט יאַרנלאַנג מיט אַן אַראָפּגענומענער הוט און מיט אַן עלעגאַנט־פאַרנייגטן קאָפּ פאַר זײַן אויסגעמאָלטער דאַמע, וואָס איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ ברייטער באַפעדערטער הוט און אין אַ גרויסער נאָרקע־שאַל, וואָס נעמט אַרום אירע פּלייצעס און מיט די נעגלדיקע לאַפּקעלעך קלאַמערט זיך אין איר צו הויכן בוזעם. איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר פאַרבײַגייענדיק די דאָזיקע לאָדנס־שילדן, פלעג איך, צו יענער צײַט אַ הויכער, שטאַלטנער יונג מיט פעסטע אַקסלען און מיט אַ הויפן פינגער, וואָס כאַפּן שטײַף אַרום דאָס קײַלעכדיקע הענטל פון אַ צווייפּודיק געוויכט אַף לאָזן עס לײַכט פאַרבײַפליִען דעם קאָפּ און העכער, — איך, צו זעכצן יאָר, אַ לערער אין דאָרף און ביז מעשוגאַס, ביז דער העכסטער אַנציקונג אין הימל און ערד אַ פאַרליבטער, — איך פלעג אַמאָל בלײַבן שטיין ווי געפּלעפּט פון אָט דער אָפּגעבליאַקעוועטקײַט און פון דער אומפאַרענדערלעכקײַט, וועלכע האָט פאַר מיר ווי סימבאָליזירט די פאַרגליווערטקײַט און רוטינע פונעם שטעטל.

איך זאָג: פונעם שטעטל אינגאַנצן גענומען, אויסטיילנדיק דערבײַ יענע אונטערערדיש־יוירנדיקע קראַפט פונעם באַוווסטזיניקן טייל באַלמעלאָכעס — ייִדישע און ניט־ייִדישע, וועלכע האָבן נאָך פאַרהיט די טראַדיציעס פון 1905 און וואָס האָבן אין זייערע האַלב־כאָרעווע שטיבלעך געהאַלטן אין איין פּרוכפּערן זיך און מערן, גלײַך ווי זיי וואָלטן געפילט, אַז די קומענדיקע רעוואָליוציע וועט פאָדערן פון זיי ברייטע פּלייצעס און טרײַע הערצער אַף זי צו פאַרטיידיקן.

א גרויסע צערודערונג אין שטעטל האָט אַרײַנגעבראַכט די מילכאָמע פון 1914. איר פײַער האָט געבערנט ערגעץ העט־ווו, און איר שאָטן האָט זיך אויסגעשפּרייט אויך אַף מײַן געבורטשטאָט.

א שווערע, אַ גרויזאַמע קייט פון צענדליקער טויזנטער פּויערשע פורן מיט הויכע לײַוונטענע בוידן, אָנגעשטאָפּט דעריקער מיט קינדער, פרויען און אַלטע לײַט, האָט זיך געצויגן פאַרבײַ אונדזער שטוב. באַטאָג און באַנאַכט האָט אָט דער שרעקלעכער שטראָם פון ווײַסע בוידן זיך ניט אָפּ־

געשטעלט: אף די צעפּאָרענע רעדער און לאַנג ניט־געשמירטע אקסן זיך געוויגט אלץ פאָרויס און פאָרויס. וווהין? — פרעגט ניט. פונוואנען? — פון די פוילישע גרענעץ־גובערניעס — פון סאמע פײַער. אָפּט פלעגט אזא הויכבוידיקע פור פלוצעם ארויס פון דער ריי, זיך אָפּקערן אין פעלד, אף איבערצולאָזן דאָרט א פריש בערגעלע אָדער בערגל ערד און איבער דעם — א צייכן פון צוויי איבערגעקרייצטע בעריאָזע־דרענגלעך. די שפּעטער־אָנקומענדיקע פורן פלעגן שוין וויסן, וואָס זיי האָבן צו טאָן: אף א ווײַלע איבעררײַסן די קייט, אף ווידער אײַנצושליסן אין זיך דעם ארויסגעפאלענעם רינג.

אויב אָט דער מענטשלעכער טרויער־צוג האָט ניט געוווּסט, וווהין ער פאָרט, האָב איך אָבער געפילט, אז ער פאָרט מיר גלײַך אין הארצן און אין מויעך ארײַן, ווי שוין די ערשטע פור וואָלט מיטן דישעל מיר גע־געבן א זעץ אין דער ברוסט און געטעפּט דאָרט דעם טויער און דורכגע־לייגט א וועג פאר גרויסע מענטשלעכע ליידן, פאַרן אומגליק פון א פאָלק.

און דאָ האָט זיך געענדיקט מײַן יינגלשקײַט. איך האָב שוין מער ניט געקאָנט זיך פארגינען דעם וועג פון דאָרף אין שטעטל דורכצומאכן, ווי פריִער, זאָרגלאָז לויפנדיק, צופאלן מיטן פּאָנעם צו דער ערד, זינגענדיק דערבײַ א לויב דעם הימל. ניין, די ערד, וואָס האָט איבער איר רוקן אדורכגעלאָזט אזא פאָלקס־אומגליק, האָט בא מיר אין די אויגן באקומען א נײַעם, גאָר אן אנדערן באטײַט. און דער הימל — אויך.

ווי שוין לאַנג פריִער, נאָר איצטער מיט א סאך א גרעסערער קראפט, האָבן אין מיר זיך גענומען ראנגלען צוויי קויכעס. איין קויעך האָט גע־שטויסן: אײַל זיך צו דאָס געזעענע און דורכגעלעבטע אויסצומאָלן. ווי דו קענסט, נאָר מאָל. מאָל אויס די ראָד אזוי, מע זאָל פונעם שטומען פּאפּיר דערהערן איר סקריפּ. און דער צווייטער קויעך האָט מיר אונטער־געזאָגט: אײַל זיך צו און פארשרײַב, זינג אויס דײַן לויב דעם מענטשן, וואָס לײַדט אזוי שווער צווישן דײַן הימל און דײַן ערד. אמאָל פלעג איך זיך אונטערגעבן איינעם, אמאָל — א צווייטן קויעך, אמאָל זיי ביידן צו־זאמען, נאָר ווען פון זיי אָפּגעבן די בכירע, האָב איך ניט געוווּסט.

„גאַנצע צען יאָר לעבן גיב איך אָפּ פאר אָנקוקן א לעבעדיקן פּאָעט”, — אזוי האָב איך זיך געזאָגט אין דער יוגנט, און דעמלט בין איך געווען זיכער, אז איך וואָלט געהאלטן וואָרט. נאָך ביז הײַנט — נאָך צענדליקער

יאָרן זײַן מיט זיי נאָענט באַקאַנט, און מיט איייניקע ברידערלעך־באַפרײַנ־דעט,—קוק איך נאָך אַלץ אַמאָל מיט פאַרוואונדערונג און מיט ייִראַס־האַקאָוועד אַף אַן עמעסן פּאָעט. איך קוק אַף אים און טראַכט: וויאַזוי? פונוואַנען נעמט זיך עס בא אים?

מיט גאַנצע יאָרצענדליקער, ווי אין דער יוגנט, וואָלט איך עפּשער איצ־טער זיך ניט געוואָרפן. אָבער ניט כאָלילע, ווײַל פּאָעטן זײַנען בא מיר געוואָרן ביליקער, נאָר די יאָרן זײַנען געוואָרן טײַערער.

פרעגט זיך אָבער: פאַרוואָס גאַנצע צען יאָר לעבן פאַר אָנקוקן א פּאָעט דעמלט, ווען מײַן טרוים איז געווען צו ווערן א מאָלער? עפּשער דערפאַר, ווײַל גרויסע פּאָעטן האָב איך שוין צו יענער צײַט געלייענט א סאַך. און געהאַט וועגן זיי מײַן אייגענע באַגײַסטערטע פאָרשטעלונג. איך האָב גוט געקענט די שאַפונגען פון די נעוויִים, פון די וווּנדערלעכע מיטלאַלטער־לעכע ייִדישע פּאָעטן פונעם שפּאַנישן פעריאָד און אויך פון א סאַך שפּע־טערדיקע; איך האָב געוווּסט, כאָטש ניט זייער גוט, פּושקינען און לערמאָנ־טאָוון, נעקראַסאָוון און קאָלצאָוון און אַנדערע רוסישע פּאָעטן, מיט וועלכע מיך האָט באַקאַנט געמאַכט מײַן פריוואַטער לערער—פּונקט אַזאַ אוטאָ־דידאַקט, ווי איך, נאָר שוין מיט אַן אַטעסטאַט אין בוזעם־קעשענע פון זײַן קורץ שוואַרץ „דעמאָקראַטיש" רעקל.

און פון גרויסע מאָלער האָב איך אַפילע ווייניק נעמען געוווּסט.

דער לערער פון רעאַל־שול — א טאַלאַנטפולער מאָלער און א גוט־האַרציקער רוסישער מענטש, וועלכער האָט מיך געלערנט מאָלערײַ פון מיצווע־וועגן, צוליב א פּראָטעקציע פון מײַן עלטערער שוועסטער, וועלכע פלעגט אים נייען פײַנע, ברייטע און לופטיקע זומער־העמדלעך,—ער, פאַרשטייט זיך, גייט אין כעזשבן ניט אַרײַן, כאָטש דעמלט האָבן מיך זײַנע אַקוואַרעלן, און דערהויפּט פּאַסטעלן, מאַמעש באַצויבערט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַזאַ מײַסטערשאַפט איז אומדערגרייכבאַר. שפּעטער מיט א צײַט פלעגט ער מיך שוין אַליין אײַנלאַדן גיין מיט אים אויסער דער שטאָט „אַף עטיודן". דאָס האָט ער פאַרפלאַנצט אין מיר דעם גלויבן, דאָס האָט ער מיך פאַרזיכערט, אַז מאָלערײַ איז מײַן באַרוף. און באַלד נאָך דער פעוראַל־רעוואָליוציע האָבן מיך שוין קיינע צוימען ניט געקאָנט אײַנ־האַלטן.

אויסגעמאָלט עטלעכע שילדן פאַר שוסטער, שנײַדער און א דעקאָראַציע פאַר אונדזער שטעטלדיקן פאָטאָגראַף, פאַרדינט א פּאָר „קערענקעס" און מיט דעם „קאַפּיטאַל" זיך געלאָזט אין דער גרויסער וועלט אַרײַן.

פאַרן גוירל פון מײַן געבורטשטאָט בין איך געווען זיכער. איך האָב געפילט, איך לאָז זי איבער אין ראיעלע הענט. גלײַך נאָך דער פעווראַל־רעוואָליוציע האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אין אונדזער שטאָט האָט עקזיסטירט א גוט־אָרגאניזירטע באָלשעוויסטישע גרופע, וואָס איז באשטאנען פון ארבעטער, וועלכע איך האָב גוט געקענט, און פון סטודענטישער יוגנט, וועלכע איך האָב געקענט נאָר פונדערווײַטנס.

אין שטעטל האָט געראשט: ס'האָבן זיך געעפנט קלובן, פאָלקס־הײַזער; ס'האָבן זיך אָרגאניזירט פראָפעסיאָנעלע פאריינען, אין וועלכע די באָלשעוויסטישע גרופע, איצטער שוין א היפש־צעוואקסענע, האָט געהאט א פעסטע דייע צו זאָגן; שארף אָנגעצייכנט האָבן זיך די צווישנבאציִונגען פון באזונדערע שיכטן באפעלקערונג, און פאר מיר פערזענלעך האָבן זיך שוין דעמלט געהאט אויסגעקלאָרט מײַנע סימפאטיעס און אנטיפאטיעס. א סאך זאכן און באגריפן האָבן פאר מיר באקומען זייער קאָנקרעטן באטײַט און נאָמען.

די גראָבע, שווארצע קייט פונעם דאמפער רוקט זיך איבער לאנגזאם און שווער, און דאָס רוישן פונעם וואסער פארטויבט ביסלעכווײַז דעם ראש פונעם שטעטל. מיטן געדאנק בין איך שוין געווען נעענטער צו דער גרויסער אומבאוווּסטער שטאָט קיִעוו, ווו קיינער ווארט אף מיר און קיינעם האָב איך ניט, אכוץ א ווײַטן קאָרעוו, וועמעס אדרעס איז געלעגן אינעם מיטלסטן טייל פון מײַן זייער מאָגערן געלט־בײַטעלע.

דערפאר איז אָבער דאָס הארץ געווען פול מיט שרעק און האָפענונג.

שעווטשענקאָ טאראס — איך בין אין דער פרעמד דאָ,
און דו ביסט א היגער — באשיץ און באהיט.
געקומען אין קראך אין א ציצענעם העמדל
א הויכער, א שלאנקער, מיט יִינגלשע טריט.

אף די הויפט־גאסן פון דער שטאָט קיִעוו, קימאט פון אלע פענצטער האָט אף מיר געקוקט א פאָרטרעט פון א מיטליאָריקן פעסטגעבויטן מענטשן אין א פויערישן פעלץ און אין א הויכער, פוטערנער פאפאכע: די לאנגע, האלברונדיקע וואָנצעס געבויגן אראָפּצו, און די אויגן — אי מילדע, אי שרעקלאָזע — האָבן געקוקט גלײַך אין הארצן ארײַן.

ווער איז ער? פארוואָס — אין אלע שויבן? פארוואָס האָב איך זײַן

פאָרטרעט קיינמאָל ניט באַגעגנט אין מײַן געבורטשטאָט, וועלכע שטייט אַפן ברעג פון דעם זעלבן טײַך דניעפּער?

מיט אַ קורצער צײַט שפּעטער האָט מיך איינער פון זײַנע פאַרערער באַקאַנט געמאַכט מיט זײַנע דערשיטערנדיקע לידער און מיט זײַן שווערן לעבנס־גורל. אַגעוו, אייניקע לידער פון זייער שווערן געמיט האָב איך געהערט נאָך אין דער היים. איך האָב אָבער ניט געוווּסט, אַז דער ערשטער, וואָס האָט זיי אויסגעזונגען, דאָס הייסט געשאַפן זיי, איז אָט דער מענטש אין גרויסן ווינטערדיקן פעלץ און הויכער פּאַפּאַכע, וואָס איז אייגנצײַטיק געווען אי אַ דיכטער, אי אַ מאָלער.

הייסט עס, ס׳איז מעגלעך. און ווידער האָט אַ געדאַנק גענומען בויערן אין מוידעך: ווי־אַזוי מאַכט מען שאָלעם צווישן ביידע קעגנזעצלעכע קוויכעס? ריכטיקער: ווו נעמט מען קויכעס זיי ביידן צו פאַרייניקן אָדער בײַקומען זייער ווידעראַנאַנד? און איך האָב געמאַכט אַ פּרווו: זיך לערנענדיק אין מאָלער־שול, געשריבן לידער. פאַר מײַנע אויגן איז אָבער געשטאַנען דער מענטש אין דער הויכער פּאַפּאַכע איבער דעם קײַלעכדיקן שטערן; אין די אויערן האָבן מיר געקלונגען זײַנע לידער, פול מיט ערנסט, זאָרג און אַכרײַעס פאַר דעם גורל פון זײַן פאָלק און ניט באַפרײַטן היימלאַנד, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ווי איך זאָל זיך ניט בעריען, וועט פון מײַן טאַנצן אַף צוויי כאַסענעס גאָרניט אַרויס. מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט נאָכמאַכן אים, שרײַבן לידער אינעם נוסעך פונעם פאָלקסליד, פאַרשטייט זיך, אין ייִדיש, און ס׳איז מיר ניט געלונגען.

אַ באַזיגטער אַפן פראָנט פון דיכטונג, האָב איך מיט לײַב־און־לעבן זיך איבערגעגעבן דעם, צוליב וואָס איך בין, אייגנטלעך, אַהער געקומען. אַף דעם געביט, האָב איך געטראַכט, אויב איך קאָן זיך ניט פאַרמעסטן מיט קיין גרויסע, איז כאָטש דאָ דער טערעץ: איך בין דאָך ניט מער ווי אַ שילער. די פאָדערונגען זײַנען דערווײַל אַ סאַך קלענערע — מער פּראָטימדיקע: אַ דרייסטער שטריך, אַ פּינקטלעכע צייכענונג, ליכט און שאָטן אַפן אָרט (דאָס זעלבע, וואָס איך פלעג שפּעטער פאָדערן בײַ מײַנע שילער) — און דו, און אַלע אַרום דיר זײַנען צופרידן, אָבער דאָרט — אינעם „קיניגרײַך פון פּאָעזיע"...

אָט דאָס „קיניגרײַך פון פּאָעזיע" האָט מיך צורו ניט געלאָזט.

פאַרבלײַבן אין קיִעוו און ניט לערנען האָב איך ניט געקענט, האָב איך באַשטימט אַוועקפאָרן. מאַטעריעלע און שטייגער־אָנגעלעגנהײַטן האָבן אונטערגעפירט אַ גרונט, אַ באַזע אונטער מײַן באַשלוס און, ניט פאַרענ־

דיקט דעם קורס פון מאָלערײַ־שול, בין איך אָפּגעפאָרן קיין יעקאַטערינאָ־סלאַוו, הײַנט — דניעפּראָפּעטראָווסק.

און דאָ פלעג איך שוין ניט דעם שאָטן מײַנעם, נאָר טאַקע מאַמעש זיך אַליין פּאַטשן איבער די הענט, איך זאָל ניט מאָלן.

אויב פּאָעזיע, איז פּאָעזיע! מאָלן פלעג איך נאָר פּאָרטרעטלעך פון פּאַר־בײַגייער אויף בולוואַר. דער טערעץ: ברויט.

שוין דרײַ טעג ליגט מײַן העפטל לידער בײַ איינעם אַ ייִדישן ניט יונגן ליטעראַט, און דאָס האַרץ גייט מיר אויס צו וויסן זײַן מיינונג. אויפן פערטן טאָג איז געקומען דער „אורטייל":

— אַז איר זײַט אַ דיכטער, יונגערמאַן, זעט מען פון יעדער ליד, די מאָטיוון זײַנען אָבער ווי פאַרעלטערט.

— איר זאָגט פאַרעלטערטע מאָטיוון? און וואָס הייסן נײַע?

— איר וועט ברעכן דעם קאָפּ, וועט איר וויסן.

— זאָל איך עפּשער אינגאַנצן ניט שרײַבן? מײַן פאַך איז מאָלערײַ.

— וועט איר וועלן, וועט איר שרײַבן, און טאָמער ניט... פונדעסטוועגן, אויב איר וועט האָבן עפּעס נײַס, ברענגט.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָב איך אים געבראַכט עטלעכע לידער. איינע אַן אַכטשורעדיקע.

איבערגעלייענט, רופט ער זיך אָפּ צו אַ וווּנדער־שיינעם יונגנמאַן, וועל־כער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און געבלעטערט אַ בוך: „מאַרקיש, קומט לאָמיר גיין צו לאָקשינען אין דרוקערײַ, איך בין גרייט אַליין דרייען די ראָד, די לידער גיכער אָפּצודרוקן".

וועגן מײַנע באַגעגענישן — דעמאָלטיקע און שפּעטערדיקע — מיטן גרויסן דיכטער פּערעץ מאַרקיש האָף איך נאָך אָנשרײַבן אַ באַזונדער קאַ־פּיטל.

וואָס מײַן ערשטער קריטיקער האָט אײַנגעפּונען אין דער דאָזיקער קליינער ליד, איז מיר שווער געווען צו זאָגן. נאָר איצט, אין פערציק יאָר אַרום, דוכט מיר, אַז אין יענע אַכט שורעס איז שוין געווען אָנגע־מערקט איינער פון די גרונט־שטריכן פון מײַן דיכטונג, וועלכער האָט זיך דערנאָך אַנטוויקלט, פאַרטיפט און אויסגעברייטערט: דער ווייטעקפו־לער איבערגאַנג פון יאָמערן צו וואָכעדיקײַט און דער דראַנג די וואָכע־דיקײַט דערהייבן צו יאָמטעוו.

...צוליבן כאראקטער פון א קורצער אווטאָביאָגראפיע היפער איך איבער א סאך, זייער וויכטיקע סאָציאַל־פּאָליטישע און געזעלשאפטלעכע פאסירונגען אין אוקראַינע און ווײַט אויסער איר, וועלכע האָבן געווירקט אף מײַן גאנצן וועלט־באַנעם, אף מײַן אנטוויקלונג און שאפונג.

דאָ, אף דער אוקראַינישער ערד, האָב איך מיט אַן אָפּן הארץ באַגעגנט די אָקטיאבער־רעוואָליוציע, וואָס ווען ניט זי, וואָלט איך און מיליאָנען אזעלכע ווי איך ניט געווען דאָס, וואָס מיר זײַנען. קיין איין מענטש, ווער עס זאָל ניט זײַן, איז אָבער ניט בעקויעך ארײַנצופאסן אזא וועלט־היסטאָרישע געשעעניש ניט נאָר אין געציילטע בלעטלעך — דערוף וואָלט געווען קארג א מענטשלעך לעבן, דעריבער שטעל איך זיך אָפּ נאָר אף אזוינס, וואָס מערקט אָן ערעך אָן מײַן שאפונגס־וועג.

אין 1922 יאָר בין איך געקומען קיין מאָסקווע, און מײַן גאנץ אייגנס איז געווען א קליינע זאמלונג לידער, וועלכע האָט גוט אויסגענומען בא די סאָוועטישע שרײַבער — מאָסקווער „טוישווים", די, וועלכע זײַנען געקומען אהער מיט צוויי אָדער מיט א יאָר פרײַער פאר מיר: דאָוויד האָפשטיין, ארן קושנירעוו, דאָברושין, גאָדינער, גורשטיין, ראַסין און נאָך אייניקע. לויט דער רעקאָמענדאַציע און איניציאַטיוו פון דעמלט שוין באַוווסטן דיכטער דאָוויד האָפשטיין איז די דאָזיקע זאמלונג דערשינען. און ווייסט איר ווו? דאַפקע אין קיִעוו.

נאָר אויב פאר אים, פאר האָפשטיינען, איז זײַן ערשט בוך „בײַ וועגן" (ווי פאר לייב קוויטקאָ זײַן בוך „טריט" און פאר פערעץ מארקישן „שוועלן") געווען די גרויסע זיכערע שיף, וואָס האָט דורכגעשניטן א נײַעם וועג פאר דער דעמלט נאָך יונגער סאָוועטישער ייִדישער פּאָעזיע, וואָלט איך מײַן ערשטע זאמלונג „לידער" פארגליכן מיט א קליין שיפל, אין וועלכן מע האָט מיך אָפּגעפירט פון ברעג אין מיטן יאם און געזאָגט: אָט דאָ שפּרינג ארויס און שווים...

נאָר אָט זײַנען שוין דורך פערציק יאָר, און ביז הײַנט־צו־טאָג שטיי איך נאָך אלץ פאר יעדער נײַער ליד, ווי פאר א טהאָם: איך וועל אָנקומען אפּן צווייטן ברעג אָדער ניט? און איך בין זיכער, אז אויב איך לעב און בין נאָך בעקויעך צו שרײַבן די דאָזיקע שורעס, איז נאָר אדאנק דער טאָגטעגלעכער פרייד, וואָס מיר פלעגט פארשאפן דאָס דורכגיין בעשאָלעם פון שורע צו שורע, פון ליד צו ליד.

...דער גרעסטער אָריגינעלסטער דיכטער הייבט ניט אָן פון זיך אליין. אין דער אָדער יענער מאָס הויערט אף אים די יערושע פון די פרײַערדיקע

דוירעס שפּעטער. שוין אָפּגערעדט פון אזא אָנפאנגער, ווי איך בין דעמלט געווען. איצט וואָלט איך אליין גיכער, ווי אן אנדערער, געקאָנט אָנווײַזן אף אייניקע ליטעראַרישע שפּורן בא מיר, וועלכע זײַנען, צום גליק, געווען פאר מיר מאזלבראָכעדיק.

אזעלכע אופּווירקער וואָלט איך אָנגערופן עטלעכע, וועלכע האָבן געלעבט אין פארשיידענע לענדער און פארשיידענע צײַטן: פּושקין און געטע, טיוטשעוו און באראַטינסקי; איבן־גאַבירואָל פון שפּאַניע און די אלטע כינעזישע ליריקער; טאגאָר און יעהודע האַלייווי; אָמאר כאיאם און מאיאַקאָווסקי.

הײַנט גיי פּרוּוו אָפּשאצן די ווירקונג פון מענטשן פון דײַן דאָר, פון עלטערע שרײַבער, געזעלשאפטלעכע און פארטיי־טוער, מיט וועלכע דו ביסט יאָרנלאנג געווען באפרײַנדעט. אכטנדיק זיי פערזענלעך, זיך פארטיפנדיק אין זייער שאפן, האָסטו מיט זיי מיטגעלעבט, און דער „מיט זיי" הייסט דאָך מיט דער גאנצער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט.

און אז איך האַלט שוין בא אופּווירקונגען פון אָט דעם מין, מוז איך ברענגען עטלעכע ווערטער, וואָס האָבן זיך מיר פארגעדענקט אפן גאנצן לעבן.

נאָך אין שטעטל זײַענדיק, האָט מיר איינער אן עלטערער מענטש אזוי געזאָגט: אמאָל איז געווען א שרײַבער, וואָס האָט א גאנץ לעבן געשריבן און אפילע געדרוקט ביכער, נאָר שטענדיק האָט ער געהערט פון פרײַנט און אומפרײַנט: אלץ גוט, אלץ גלאט, נאָר גאָרניט אייגנס. און ערשט צום סאָף פון זײַן לעבן האָט ער אין איינער א דערציילונג אָנגעשריבן: „געגאַנגען דער לאָקאָמאָטיוו, און נאָך אים האָבן זיך געצויגן געהאָרכזאמע וואַגאָנעס".

— זעסטו, — האָבן אים פרײַנט געטרייסט, — אָט דער עפּיטעט „געהאָרכזאמע וואַגאָנעס" איז דײַנער, דײַן אייגנס, פאָרט ניט אומזיסט אָפּגעלעבט א לעבן אף דער וועלט.

פון דעמלט אָן און ביז הײַנט, אלע מײַנע יאָרן, שרײַבנדיק א ליד אָדער עפּעס אנדערש, אפילע איצט, שרײַבנדיק די דאָזיקע שורעס, טראַכט איך: ווו איז דאָ מײַנס, אייגנס? — מײַנע „געהאָרכזאמע וואַגאָנעס"?

...ריידן געווי ווערן אלע מײַנע ביכער וואָלט פארנומען צופיל אָרט. איינס אָבער איז קלאָר, אז ס'זײַנען דאָ ביכער — עטאַפּן: „ווייַ און מוט" — איין עטאַפּ; „פארן נײַעם פונדאמענט" — א צווייטער; „קאָנטאַקט" — א דריטער; „ערדישע וועגן" — א פערטער; „דער בוים פון לעבן" — א פינפ־

טער. נאָר עטאפּן בא א דיכטער זײַנען דען אזוי שטרענג אָפּגעגרענעצט? אָפּט פלעגט א שטארקע כוואליע אריבערפלייצן פון איין עטאפּ אין צווייטן. דעריבער זײַנען אין יעדן בוך פאראן עלעמענטן פון אלע עטאפּן. כאָטש יעדעס בוך האָט זײַן אייגענעם גרונט־מאָטיוו.

שוין אליין די נעמען פון די אויבן־אויסגערעכנטע ביכער ריידן פאר זיך.

אויב אין „ווײ און מוט", לעמאָשל, איז דער גרונט־מאָטיוו געווען ווײ־געבורט פונעם סאָציאַליסטישן הײַנט, זײַן ארויסוואקסן פונעם נעכטן און זײַן אומראכמאָנעסדיק־מוטיקער ניצאָכן איבער אים, און איך אליין האָב נאָך אינעם בוך געבלאָנדזשעט צווישן ווײ און מוט, בין איך שוין אין צווייטן בוך מיט לײַב־און־לעבן געווען באַם נײַעם סאָציאַליסטישן פונדאַמענט.

א סאך יאָרן האָב איך אָפּגעגעבן דער דראמאטורגיע.

אזוי ווי באַם שרײַבן באזונדערע לידער, אזוי אויך אין דער דראמאַטורגיע, האָב איך שטענדיק געדענקט דרײַ קלאָלים: ערשטנס, וואָס הייסט נײַס? — ברעך דעם קאָפּ, וועסטו וויסן. צווייטנס, אז א דראמאטיש ווערק ווערט געשאפן ניט נאָר פאר דער בינע, אז ס'מוז פארמאָגן אייגענע אָריכאס־יאָמים, דאָס הייסט זײַן אויסגערעכנט אף א גרויסן ליטערארישן קיום. און דריטנס, אז אין א ווערק, אפילע אין אזעלכעס, וואָס טראקטירט פּראָבלעמען און געשעענישן זייער ווײַטע פון אונדזער הײַנטצײַטיקײַט, זאָל זיך פילן שארף דער שעפערישער טאָג און וועלט־באנעם פון א סאָוועטישן שרײַבער.

און וואָס שײַך דעם ריזיק־פארצווײַגטן בוים פון אונדזער הײַנטצײַטיקײַט, איז קעדיי אים איבערצופלאנצן אף דײַן אייגענעם באָדן, מוזסטו אדורכפילן, אדורכשטודירן זײַן וווּקס, ווי דײַן אייגענעם, פון א גרין ריטל ביז זײַן מעכטיקן שטאם, מיט אלע נאקעט־מאכנדיקע הארבסטן און אין גרינס אים אָנטועודיקע פרילינגס, מיט זײַן קרעכצן אין פראָסט און מיט זײַן רויִק־ראכוועסדיקער זומערדיקער באבלעטערונג. אזוי, און נאָר אף אזא אויפן וועט זײַן ניט אָפּצושיידן דיך פון דײַן הײַנט.

קויכעס און צײַט א סאך האָבן בא מיר אָפּגענומען איבערזעצונגען. פּושקין און שעקספּיר, לאָנגפעלאָ און מאיאקאָווסקי, קיפּלינג און יעסענין און נאָך א סאך סאָוועטישע און ניט־סאָוועטישע דיכטער און פּראָזאיקער.

א סאך ענערגיע און יאָרן האָב איך פאַרווענדט אף רעדאַגירן ביכער פון די עלטערע און יינגערע סאָוועטישע פּאָעטן. צווישן אלע איז אמערסטן מיר געווען צום הארצן די ארבעט מיט דער שרייבערישער יוגנט. דאָ, האָט מיר געדאַכט, פיל איך אויס, כוץ אלעמען, א באַזונדערס וויכטיקן און געזעלשאַפטלעכן כיוו.

סאָף 1939 בין איך געקומען אהיים קיין ראָהאַטשאָוו. דעם טאַטנס שטול איז שוין געשטאַנען איבנאָן ליידיק. אפילע די מאַמע פלעגט זעלטן פאַר־נעמען דאָס אָרט, שוין אָפּגערעדט פון אונדז, די קינדער. מיט מיין קומען פלעגן בא דער מאַמען אין שטוב זיך אופזאַמלען מישפּאָכע־לייט — ברי־דער, שוועסטער, אָרטיקע און צונויפגעפאָרענע פונעם ארום; שטעטלדיקע לערערס, באַקאַנטע. דער טיש שטייט גרייט, די מאַמע איז ניטאָ. מיטאַמאָל שווימט זי פון ערגעץ ארויס, אָנגעטאָן אין מיין פּידזשאַק, מיטן נאָרוואָס באַקומענעם אָרדען „ערן־צייכן“ אין דער לאַץ.

— לעכאיים, כאַוויירים! — זאָגט די מאַמע צו אלע די, וואָס זיינען ענגלעך צונויפגערוקט געזעסן באַם טיש, — איר מיינט אוואַדע, אז דאָס האָט מען אים באַלוינט? ניין, זייט וויסן, דאָס האָט די מעלוכע אונדזערע דעם אָרדען געגעבן מיר, דער מאַמען זיינער. צען קינדער האָב איך געהאַט, און אלעמען, כאָטש אין נויט, נאָר אף די פיס געשטעלט. ער איז דאָך בא מיר שוין, קיין איינהאָרע, דער ניינטער.

מיט יאָרן שפּעטער, אין 1957, ווען די מעלוכע האָט מיך צום צווייטן מאָל באַלוינט — מיטן אָרדען „רויטע ארבעטס־פאָן“, — האָט זיך מיר, באַדאַנקענדיק די מעלוכע און די פּאַרטיי פאַר איר אופמערקזאַמקייט, שטאַרק געוואָלט צוגעבן, אז ס'איז שוין ניטאָ יענע, וועלכע האָט געהאַט דאָס פולע רעכט צו זאָגן, אז דאָס האָט מען באַלוינט זי, אז איך בין בא איר דער ניינטער, דער מאַזלדיקער.

אָפּשטעלן זיך אף פּראָטים פון מיין שטייגער־לעבן איז ניט דאָ דאָס אָרט. איך האָב, לעמאָשל, פאַרפעלט, ווו איך האָב ווייטער געלערנט, שטו־דירט, אויסגעמיטן אפילע וויכטיקע איינצלהייטן פון אזא לעבנס־פּעריאָד, ווי זעקס יאָר (1924—1930) ארבעט בא קאָרעקטור אין דער צייטונג „עמעס“; אז אין די מילכאָמע־יאָרן האָבן מיר מיטן אלטן באָלשעוויק סטראָנגין געאַרבעט באַם ארויסלאָזן די אנטיפאַשיסטישע צייטונג „אייני־קייט“, מעסלעסנוויין ניט ארויסגייענדיק פון דרוקעריי, ווו די הענט

פלעגן צופירן צום מעש פון דער „ווערסטאַטקע״. און נאָך און נאָך, ווײַל... דער איקער פאַר אַ שרײַבער זײַנען די ביכער זײַנע, אָרנטלעך געשריבענע, יאָרנווײַז אויסגעטראָגענע און אויסגעהיטע — זיי זײַנען די סאַמע פּאַרטיפּטע און אויסגעברייטערטע אַוטאָביִאָגראַפיע זײַנע. בפּרט נאָך פון אַ ליריקער, וועלכער רעדט וועגן אַלץ און אַלעמען אין דער ערשטער פּערזאָן, ניט נאָר דערפאַר, ווײַל ער וויל זיך אַרויסזאָגן, באַפרײַען זיך פון דעם, וואָס אים קלעמט, אים פּערזענלעך, נאָר אויך, און דער עיקר, ווײַל דורך אים רעדט אַרויס זײַן צײַט, די ליידן און פרייד פון זײַן דור. זײַן גאַנצע דיכטערישע מי און זײַן לעבן גיט ער אָפּ, קעדיי וואָס מער אַרויסצוברענגען, וואָס אָפּטער אָפּצוקעמפן בא דער פאַרגעסנהײַט עפּעס וויכטיקס פאַרן הײַנט און פאַרן שפּעטער. דרינגט אַרײַן אין די ביכער, און איר וועט דאָרטן דערזען די ביִאָגראַפיע פונעם דיכטער — מיט געציילטע טעג און כאַדאָשים פרייד און באַפרידיקונג און לאַנגע, לאַנגע יאָרן שווערע האָרעוואַניע.

וואָס שײַעך מיך פּערזענלעך, איז אויף וויפל זעכציק טיילט זיך אויף דרײַ, זײַנען צוויי דריטל פון מײַן לעבן — אין מײַנע ביכער. די „בלויזן״ צווישן ליד און ליד, פּאָעמע און פּאָעמע, דראַמע און דראַמע, בעסער געזאָגט: דאָס אַוטאָביִאָגראַפישע — דער הינטערגרונט, וואָס ליגט אונטער אַלע זיי, — וועגן דעם האָב איך נאָך אָנשרײַבן אַ באַזונדער בוך. ווײַל עס דאַרף געשען אַן אָפּענער נעס, מע זאָל אין געציילטע עטלעכע זײַטלעך קאָנען אַרײַנפּאַסן אַ גאַנץ לעבן. און וואָס עפּעס נאָר דײַנס? ווי קאָנסטו אַרויסנעמען זיך פונעם גאַנצן אַרום און אויך פון יענע אַרומען, וועלכע האָבן אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן פאַר דיר זיך געעפנט און שוין פאַרשלאָסן זיך אַהינטער דיר!

נו, און דאָס לעבן פון דײַן נאָענטסטן פרײַנט — דײַן פרוי, וואָס האָט אין מעשעך פון קימאַט פערציק יאָר זיך אַזוי אַרײַנגעוועבט אין אַלע דײַנע ערגערנישן, אין אַלע דײַנע פריידן; די, וואָס איז צוזאַמען מיט דיר געוואַקסן און איז געוואָרן אַ מאָס פאַר דײַן אייגענעם וווּקס; די, וואָס איר געוויסנהאַפטיקײַט איז דײַן שטאָלץ, און איר באַשיידנקײַט — דער שפּיגל פאַר דײַן געוויסן; דער ערשטער וואַכזאַמער אויער פאַר אַלעם דעם, וואָס דו שאַפסט; איר ביִאָגראַפיע — די ביִאָגראַפיע פון דײַן צווייטן איך — קאָנסטו דען אָפּטיילן פון דײַנער? נו, און די קינדער דײַנע — שוין דערוואַקסענע, מיט זייער אייגענעם שאַפונגס־וועג, פון דײַנעם אָן אַנדערשדיקן, נאָר פּאָרט אַ פאָרזעצונג פון דײַנעם — איז דען ניט דײַן ביִאָגראַפיע? און

כאוויירים, נאָענטע פרײַנט, וועלכע פארנעמען דײַן מויעך און דײַן צײַט ניט נאָר מיט זייער לעבן, נאָר אויך נאָך זייער לעבן, — זיי זײַנען דען ניט דײַן ביִאָגראפיע? נו, און פײַנט, וועלכע ווילן, אז איך און מיליאָנען אזוינע ווי איך — יונג און אלט — זאָלן אין איין אויגנבליק פארשוווּנדן ווערן פון דער ערד דורך א פײַער, וואָס איז טויזנט מאָל הייסער, ווי דאָס אינגעווייד פון דער זון, — זיי, אָט די פײַנט, און דײַן סינע צו זיי, איז דען ניט דײַן ביִאָגראפיע? און דײַנע ברידער און שוועסטער, דורכן פאשיזם אומגעבראכטע צווישן מיליאָנען אנדערע, און דער העלדישער קאמף פונעם פאָלק קעגן פאשיזם, איז דען ניט דײַן ביִאָגראפיע? פערציק יאָר ניצכוינעס בא דיר אין לאנד איז דען ניט דײַן ביִאָגראפיע? און דער פרײַנטלעכער זיכערונגס־קרײַז פון אזויפיל דעמאָקראטישע לענדער האָבן דען א ווייניקע שײַכעס צו דײַן ביִאָגראפיע? און די קינסטלעכע לעוואָנעס אין הימל, און דער „פרידן־יישעוו" אף דער ערד, ווו ס'איז קאלט קימאט ווי אף דער לעוואָנע, איז דען ניט דײַן ביִאָגראפיע? נו, און דער שאָלעם־בונד פון העכער א מיליארד מענטשן אין אלע ווינקעלעך פון דער וועלט, איז דען ניט דײַן לײַבלעכע ביִאָגראפיע?

איך וואָלט געזאָגט, א גאנץ רײַכע ביִאָגראפיע פאר איין מענטשלעך לעבן.

נו, און אָט דאָס געלע בלעטל, וואָס שיידט זיך אָפּ אזוי לײַכט פונעם הארבסטיקן בוים, ווי ס'וואָלט דערפילט די אומפארמײַדלעכקײַט פון דעם,— איז דען ניט דײַן ביִאָגראפיע?

דעריבער טו אלץ, וואָס אין דײַנע קויכעס, און אפילע א ביסעלע מער, קעדיי אויב מע וועט אין דײַן שאפן ניט דערקענען דאָס, וואָס מענטשן האָבן אופגעטאָן פאר דיר, זאָל מען כאָטש זען, וואָס דו האָסט אופגעטאָן פאר זיי.

שמועל האלקין

סעפטיאבער 1958

דער שפּילפויגל

ארץ פרידמאַן

אומשטערבלעכקייט

אף טויט און אף לעבן

דער
שפּילפויגל



דראמע
אין פיר אקטן

אָנטיילנעמער

בירעך שפּילפויגל — א יונגער קלעזמער.
כײַע — זײַן מוטער.
עסטערקע — זײַן שוועסטער.
יויסעף — איר כאָסן.
גרוינעם — א מארשאלעק.
נאפּטאָלע פּויק — דער אונטערנעמער פון דער קאפּעלע.
כאנעלע — זײַן טאָכטער.
אנדריי — איר געליבטער. א רעוואָליוציאָנער.
טאָנצע — ביירעכס געליבטע.
ראָדל — איר מוטער.
יעקעוו — איר פאָטער.
טאָנצעס כאָסן.
ריווקע — זײַן מוטער.
יעשיע מעקובל.
וואלעריאן פּעטראָוויטש — פּראָפעסאָר פון מוזיק.
אָלגא — זײַן טאָכטער.
סערגיי מיכײַלאָוויטש — א קריטיקער.
געסט באם פּראָפעסאָר.
קלעזמער.
א באלעגאָלע.
מעכוטאָנים אף דער כאסענע.
טאָנצעס כאווערטעס.

די האנדלונג קומט פאָר אין די ערשטע יאָרן פון צוואנציקסטן יאָרהונדערט.

ערשטער אקט

באַ ביירעכן אין שטוב. זומער. פאַרנאַכט. אַף דער וואַנט אַ פידל און אַ קלאַרנעט; באַם פענצטער אַ נייַ־מאַשין. באַ דער וואַנט אַן אַלט־געשניצטע הילצערנע קאַנאַ־פּע, אַ הויכער, שמאָלער אַלמער פאַר ספאָרים, געשיר און שפּייַז. אַ לאַנגער טיש. אַפן טיש אַ קלייד פון ווייַסן אַטלעס. אַ קורצע ווייַל איז דער צימער ליידיק. עס עפנט זיך די טיר פון צווייטן צימער, און עס קומט אַרייַן ב י י ר ע ך.

ב י י ר ע ך. קיינער איז ניטאָ? עסטערקע! מאַמע! ווי גייט מען עס אַוועק און מע לאָזט איבער אַ שטוב אַף הפקר? אַפן טיש אַזויפיל פרעמדע סכויַ־רע. גאָט מייַנער, און אַז עמעצער וואָלט אַרייַן... (ער עפנט אויף די טיר, וואָס פירט אין פאָרהויז, קערט זיך אום צוריק, גייט צו צום טיש, נעמט אין ביידע הענט דאָס קלייד און דריקט צו צו דער ברוסט.) **נייַן, ניט קיין פרעמדע — טאָנצעס! טאָנצע... דו האָסט עס נאָר אָנגעמאָסטן אַף זיך, און דער אַטלעס לעבט, הערסט, ווי ער רעדט אַף ז ייַ ן אַטלעסענער ש פּ ר אַ ך: ס'איז אַ טאָעס, ביירעך, ניט יענער, ניט דער דאָקטער, ד ו ביסט איר כאָסן, ד ו ביסט איר באַשערטער.** (ער טוט אַ קוש דעם שטאָף, און פּלוצעם טוט ער אַ שלייַדער אָפּ פון זיך דאָס קלייד.) **אָט, נעמען און פאַרברענען דאָס, פון דעם און פון דער גאַנצער כאַסענע דייַנער זאָל בלייַבן אַש... נאָר אַש זאָל פון דעם בלייַבן — אַ בייזער כאָלעם...** (ער נעמט ווידער דאָס קלייד, שנייַדט אָפּ אַ דרייַקאַנטיק שטיקל שטאָף און נייט אייַן צו זיך אין בעגעד.) **שוין זשע וועט נאָר אָט דאָס בלייַבן מיר? איך האָב דאָך דיך ליב, ווי דאָס לעבן, טאָנצע...**

באַ די לעצטע עטלעכע פראַזעס הייבט זיך אומבאַמערקט אויף דאָס פאָרהענגל און עס באַווײַזט זיך יעשׁיִע דעם מעקובלס קאָפּ. יעשׁיִע שטעלט אָן אַ שפּיגעלע. אַף דער סטעליע און אַף די ווענט נעמען אַרומלויפן ליכט־העזעלעך. ביירעך קוקט זיך אום אין אַלע זײַטן און פאַרשטייט ניט, וואָס דאָס איז.

יעשׁיִע (מיט אַ ניגון). און אַז מאָשיִעך וועט קומען, וועלן אַלע ווערן גלײַך — אָרעם און רײַך.

ביירעך (דערשראָקן). ווער איז דאָרט?

יעשׁיִע. מאָ־שיִעך.

ביירעך. אַ, יעשׁיִע דער קלאָרער!

יעשׁיִע (אַרײַנקריכנדיק אין פענצטער). יעשׁיִע מעקובל, וואָס שפּײַט אַפן רובל, כויִזעקט פון גווירים און לאַכט פון די קלוגע — צוויי וואָכן קלאָר, און דאָס רעשטל מעשוגע...

ביירעך. זאָג דעם עמעס, יעשׁיִע, ביסט שטאַרק הונגעריק? עפּעס אַרײַנוואַרפן אין מאָגן וואָלט ניט געשאַט, האַ?

יעשׁיִע. ביירעך, בענעמאָנעס, ס'איז הײַנט באַ מיר אַ טאָנעס.

ביירעך (דערלאַנגענדיק ברויט און זאַלץ). נאָר הײַנט איז באַ דיר אַ טאָנעס?

יעשׁיִע (טונקענדיק דאָס ברויט אין זאַלץ). אַז מאָשיִעך וועט קומען, וועלן באָטל ווערן אַלע טאַנייסים.

ביירעך. און וואָס וועט נאָך זײַן, אַז מאָשיִעך וועט קומען?

יעשׁיִע (מיט אַ ניגון). אַז מאָשיִעך וועט קומען, וועלן אַלע אַלטע יאָמטויוועס באָטל ווערן.

ביירעך. און קלעזמער? קלעזמער וועלן אויך באָטל ווערן? ווער זשע וועט שפּילן כאַסענעס?

יעשׁיִע (מיט אַ ניגון). דאָוויד האַמעלעך וועט אַפן פידל שפּילן, קודעש־בורעך־הו וועט מעסאַדער־קדושן זײַן, און כאָסן־קאַלע וועלן גליקלעך זײַן.

ביירעך. און אויב די קאַלע וועט דעם כאָסן ניט וועלן און מע וועט זי צו דער כופּע פירן מיט גוואַלד?

יעשׁיִע. דעמאָלט וועט פון הימל אַ פײַער אַראָפּ און פאַרברענען די כופּע־שטאַנגען אײנעם מיט די אונטערפירערס...

ביירעך. און די קאַלע?

יעשׁיִע (מיט אַ ניגון). וועלן מאַלאָכים מיט גאָלדענע שויפרעס באַגלייטן צו איר געליבטן, צו איר באַשערטן.

ב ײ ר ע ך. פאַרוואָס זשע קומט ער ניט, מאָשיִעך?

י ע ש י ע. שפּיל, שפּיל אַף דײַן פידעלע, בײרעך,— וועט ער קומען. זינט די לעוויִים האָבן זייערע פידלען צעבראָכן, האָט נאָך די וועלט אַזא שפּילן ניט געהערט. שפּיל, בײרעכקע, וועט עפשער יעשיִע מעקובל אויך אופגעריכט ווערן. זאָג, בײרעך, זאָג אָמיין.

ב ײ ר ע ך. און מיט מיר וואָס וועט זײַן? צו מיר וועט זי קומען?

י ע ש י ע. ווער?

ב ײ ר ע ך. מײַן באַשערטע.

י ע ש י ע (צעלאַכט זיך). אָהאָ... אין שפּיגעלע זי ווײַזן דיר? אין אָט דעם שפּיגעלע דײַן מאַזל ווילסטו זען? באַלד, באַלד. (ער טוט אַ קוק אין שפּי־געלע.) איך בין דאָך עפּעס...

ב ײ ר ע ך (רופט אים צו און פרעגט בא אים שטילערהייט). זאָג מיר: ווער ביסטו?

י ע ש י ע (ענטפערט אים אויך בעסאָד). דײַן שפּיגל, בײרעכקע. (ער גיט בײרעכן אַ קוק טאָן.) גאָט באָרוך־הו האָט אַרײַנגעקוקט אין דער טוי־רע, ווי אין אַ שפּיגל, און האָט באַשאַפן זײַן וועלט... שפּיל, בײרעך, וועט אַף מיר די שכינע רוען און איך וועל דיר פּאַרויסזאָגן, וואָס מיט דיר וועט טרעפן „בעאַכרים האַיאָמים", אין די לעצטע פון דײַנע טעג... שפּיל, און דו וועסט באַלד דערזען די באַשערטע דײַנע...

בײרעך שפּילט. אַף די ווענט נעמען זיך ווידער באַווײַזן ליכט־העזעלעך. בײרעך איז אַזוי פאַרטיפט, אַז ער באַמערקט ניט, ווי י ע ש י ע פאַרשווינדט דורכן פענצ־טער און ווי אין דער זעלבער מינוט עפנט זיך די טיר און אַפן שוועל בלײַבט שטיין כ אַ נ ע ל ע.

ב ײ ר ע ך. אַזוי האָבן די לעוויִים געשפּילט, יעשיִע? פאַרוואָס זשע זע איך זי נאָך אַלץ ניט?

כ אַ נ ע ל ע. בײרעך... וואָס איז מיט דיר? וועמען זוכסטו?

ב ײ ר ע ך (דערשראָקן). כאַנעלע, האָסט גאָרנישט ניט געזען? ווען ביסטו אַרײַן? יעשיִע דעם קלאָרן האָסטו ניט באַגעגנט? ער איז דאָ נאָר וואָס געווען.

כ אַ נ ע ל ע. און דעם מאַזל דײַנעם האָט ער דיר באַוויזן אין שפּיגעלע?

ב ײ ר ע ך. פונוואַנען ווייסטו?

כ אַ נ ע ל ע. ער באַווײַזט דאָך יעדערן, אַבי גיב אים נאָר אַ שטיקל ברויט. און דו גלייבסט אין אַזעלכע זאַכן, בײרעך?

בײרעך. איך װײס אַלײן ניט, כאַנעלע, װי אַמאָל. ער האָט מיר צו־געזאָגט װײַזן און איז אײנײנעם מיטן מאַזל אַנטלאָפן דורכן פענצטער.

כאַנעלע. און מײַן באַלעבאָס זאָגט, אַז מאַזל איז בא גאָט אין שיסל און באַם נאָגיד א ביסל.

בײרעך. דאָס ביסטו שױן פון קראָם, כאַנעלע? רעב יעקעװ האָט דאָך ליב צו זיצן ביז האַלבע נאַכט.

כאַנעלע. װאָסי, עס קאָסט אים טײַער? נאָר איצט גײ איך גראָד ניט פון קראָם. די לעצטע צײַט בין איך מער בא זײ אין שטוב, װי אין קראָם. דאָס לײזונג ברענט ניט: די פּריצים זײַנען פּאַרנומען, די נעגידים — אַף די דאַטשעס, װער זשע זאָל קומען קױפן — דײַן מאַמע צי מײַן טאַטע... אַמאָל נאָר קומט מײַן ברודערל און פאַלט צו מיטן נעזל צו דער גרױסער שױב און קוקט... ער זעט, װי זײַן כאַנעלע שטײט בא פּול־געפּאַקטע טישן מיט הערינגס אַלערלײ און פישן געדרײכערטע און בערג, גאַנצע בערג שמעקנ־דיקן װורשט, מע זעט, אַז דאָס קינד איז נעבעך מעקאַנע מיר, און װײסט ניט, אַז אַפּילע אָפּלעקן דעם פּעטן מעסער האָב איך מוירע, איך זאָל די צונג ניט צעשנײַדן.

בײרעך. װאָס זשע טוסטו בא זײ? זײ שאַפן זיך מיט דיר אין שטוב?

כאַנעלע. נײן, זײ גרײטן זיך צו טאַנצעס כאַסענע. מע זאָגט, דאָס װעט זײַן א װעלט־כאַסענע...

בײרעך. אַזױ? און װער איז דער כאָסן? האָסט שױן אים געזען?

כאַנעלע. יאָ. ניט אײן מאָל. זײער א שײנער. א דאָקטער. מע זאָגט אָבער, זי װיל אים ניט, דעם כאָסן.

בײרעך. װער האָט דיר געזאָגט? האָסט זײ געזען אײנײנעם?

כאַנעלע. און אַז געזען, איז װאָס? זײ רײדן אַזױ, אַז מע פאַרשטײט קײן װאָרט ניט. איסי, װאַליאַ, מערסי... מע זעט אָבער, אַז דאָס האַרץ ליגט איר ניט צו אים.

בײרעך. װאָס טראַכסטו אױס?

כאַנעלע. אױ, בײרעכקע, זעט מען! קײנמאָל איז זי גאָרניט געװען אַזױ צוגעלאָזט צו מיר אַזױ װי די לעצטע צײַט: כאַנעלע און כאַנעלע. אײַנ־מיטנדערינען זאָל איך איר דערצײלן װעגן קלעזמער, װעגן קאַפּעלעס... אַף דיר, בײרעך, האָט זי זיך אױך נאָכגעפרעגט. עטלעכע מאָל.

בײרעך. אַף מיר? װאָס זשע האָסטו איר געזאָגט?

כאַנעלע (זײער גיך). אַז בא דיר זײַנען גאָלדענע הענט. אַז דער טאַטע מײַנער װיל דיך נעמען פאַר אַן אײדעם, און אַז איך...

ב ײ ר ע ך. און אז דו װילסט ניט?

כ א נ ע ל ע (שטיפּעריש). יאָ, אז איך װיל ניט! אז איך קאָן אױף דיר ניט קוקן... װאָסי, דיר גלײבט זיך ניט? ביסט געװױנט, אז מע זאָל אױף דיר טײַטן מיט די פֿינגער, מאמעס זאָלן זיך מיט דיר בענטשן. איך האָב איר נאָר געזאָגט, אז מיר זײַנען מיט דיר אײנײנעם אױסגעװאַקסן, אז קינדװײַז האָבן מיר געשפּילט אין כאָסן־קאַלע, און אז איצט האָב איך ליב אן אנ־דערן...

ב ײ ר ע ך. טאקע מיט די װערטער?

כ א נ ע ל ע. יאָ. אױ, זאָגט זי, בין איך דיר מעקאַנע, כאנעלע... װאָס? פֿרעג איך... גאָרניט, זאָגט זי, און האָט זיך פֿארשעמט. איך זאָג דיר, בײ־רעך, איך װײס ניט, װי קומט צו מײַן באַלעבאָסטע אזא אײדל קינד, זי פּאַסט זיך פֿאר איר, װי פֿאר א כאזער א האַלדזבאַנד...

פֿון דער גאַס קומט ארײַן ע ס ט ע ר ק ע.

ע ס ט ע ר. כאנעלע, ביסט ש ױ ן פֿרײַ?

כ א נ ע ל ע. די באַלעבאָסטע מײַנע איז פּלוצעם מעשוגע געװאָרן.

ע ס ט ע ר. האַלעװײַ, ריבױנעשעלױלעם! איך װאָלט ארײַנגעװאָרפֿן א סטושקע אין פּושקע.

כ א נ ע ל ע. דו װײסט, עסטער, נאָך װאָס זי האָט מיך געשיקט אהער?

ע ס ט ע ר. נאָך װאָס?

כ א נ ע ל ע. אָנזאָגן דיר די סימכע, אז זי װעט אינגיכן זײַן דאָ.

ב ײ ר ע ך. בא אונדז?

כ א נ ע ל ע. יאָ, מיט טאָנצען.

ע ס ט ע ר. װאָס זשע איז אױף איר אינמיטנדערינען אָנגעפֿאַלן?

כ א נ ע ל ע. איך זאָל אזױ װיסן פֿון בײז. איך האָב נאָר געהערט, װי זי זאָגט: איך װיל ניט, אז אױף מײַן טאָנצעס כופּע־קלײד זאָלן פֿאַלן יעסױמי־שע טרערן.

עסטער צעװײנט זיך.

ב ײ ר ע ך (לױפֿט צו צו איר). װאָס איז מיט דיר, עסטערקע? װאָס װײנסטו? גאָט מײַנער, װאָס טוט זיך דאָ אָפּ?

ע ס ט ע ר. איך בין געקומען מעסטן טאָנצען דאָס כופּע־קלײד. האָט מיך די נעגידעסטע באַגעגנט אפֿן גאַנעק מיט א געשרײ. װאָס הײסט, זאָגט זי, ס׳איז, דאַכט זיך, באָרעך־האַשעם דאָ א הינטערטיר, און האָט פֿאַרהאַקט

די טיר פון קאָרידאָר. וויאַזוי איך בין אַראָפּ צוריק פון די טרעפּ, ווייס איך ניט, נאָר איך בין גלייַך אַוועק אַהיים.

כ א נ ע ל ע. אַ, דערפאַר איז זי עס מיטאַמאָל געוואָרן אַזאַ גוטע און קומט אַליין אַהער, דערשראָקן זיך פאַר דער הויט, גאָט זאָל זי, כאַלילע, ניט שטראָפן דערפאַר.

ב יי ר ע ך. ניט דערלעבן זאָל זי, ראַדל, דו זאָלסט גיין צו איר, זאָל זי וויסן, אַ נייטערקע איז אויך אַ מענטש.

כ א נ ע ל ע. פאַריינס, האָט די באַלעבאָסטע געזאָגט, זאָל ביירעך אויך זייַן אין דער היים.

ב יי ר ע ך. איך?

כ א נ ע ל ע. און דער טאַטע מייַנער אויך און די גאַנצע קאַפּעלע. זי וויל, זאָגט זי, זען, מיט וועמען זי האָט צו טאָן. (זי טוט זיך אַ כאַפּ). אוי, קינדער, איך מוז שוין גיין. איך וועל פון איר האָבן אויסגעריסענע יאָר. (גייט אַוועק ארויס.)

ב יי ר ע ך גייט אַרייַן צו זיך אין צימער.

ע ס ט ע ר (נעמט זיך ווידער פאַרן קלייד, שפּרייט עס אויס אויפן טיש, דערזעט, אַז ס'איז אַרומגעשניטן, און טוט אַ קוק פאַרדעכטיק אויפן צימער, ווו ביירעך געפינט זיך. שטיל). ביירעך... (שטיל.) ביירעך, קום אַהער אַ ווייַל.

ב יי ר ע ך (באַוועזט זיך). וואָס דאַרפסטו מיך? איך האָב קיין צייַט ניט.

ע ס ט ע ר. נישקאָשע, קום אַהער. זיץ מיט מיר אַ ווייַל, וועט מיר זייַן פרייַלעכער. איך פאָר דאָך אַוועק. לאָמיר זיך אָנריידן מיט דיר. פון אַמע־ריקע צוריק פאָרט מען ניט אַלע טאָג.

ב יי ר ע ך. איך זיץ שוין. וואָס זשע ווילסטו?

ע ס ט ע ר. די מאַמע וויינט און קלאָגט. פאַרן אָן דיר וויל זי ניט, וואָס וועט זי דאָ בלייַבן אַליין?

ב יי ר ע ך. פאַרוואָס אַליין? מיט מיר.

ע ס ט ע ר. אַז די מאַמע וועט זייַן דאָרטן — וועסטו אויך קומען.

ב יי ר ע ך. דעריבער וויל איך טאַקע ניט, זי זאָל פאָרן...

שטיל.

ע ס ט ע ר. איך, ביירעך, ווייס דאָך, פאַרוואָס דו ווילסט בלייַבן דאָ.

ב יי ר ע ך. פאַרוואָס? זאָג פאַרוואָס.

עסטער. לאָמיר בעסער שווײַגן. מעגסט מיר גלייבן, אז איך ווייס.
ביירעך. ניין, דו ווייסט ניט.
עסטער (אופהייבנדיק טאָנצעס קלייד אין דער הייך, ווי זי וואָלט פאַרלאָרן א נאָדל). יעדערער דאַרף טראַכטן וועגן זײַן גליקן, ביירעך... זעסט, ווי די מאמע אירע איז זיך באַגאַנגען מיט מיר.
ביירעך. די מאמע איז דאָך ניט זי.
עסטער. דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווײַט פונעם בוים.
ביירעך. עסטערקע, רייד ניט אזוי.
עסטער. א מענטש זאָל ניט זען, וואָס אַרום אים טוט זיך. זי האָט דאָך שוין א כאָסן.
ביירעך. צען מאָל א כאָסן. קיין כאַסענע וועט ניט זײַן.
עסטער. ס׳וועט זײַן, ס׳וועט זײַן, ביירעך, אָט איז דאָך איר כופּע־קלייד.
ביירעך. אפן כופּע־קלייד איז דאָך ניט אָנגעשריבן, ווער דער באַשערטער איז.
עסטער. וואָס האָסטו זיך אײַנגערעדט?
ביירעך. אזוי וויל איך, און אזוי וועט זײַן! וועסט שוין זען פאַרטי־קערהייט.
עסטער. אז מע פליט צו הויך, פאַלט מען נידעריק.
ביירעך. נאַרישקײַטן! זי וועט זײַן מײַנע... ווײַל אויב ניט, עסטער־קע... איז ניטאָ קיין גאָט אף דער וועלט.
עסטער. זאָג מיר, האָסט כאָטש אמאָל גערעדט מיט איר וועגן דעם?
ביירעך. פאַרשטייט זיך, אז... ניט, מיט איר — קיינמאָל ניט, מיט זיך — הונדערט מאָל א טאָג...
עסטער. זי ווייסט דאָך אָבער ניט דערפון.
ביירעך. עסטערקע, זי ווייסט. אז איך האָב זי געלערנט שפּילן פידל, האָב איך עטלעכע מאָל אָנגעטאָט די סטרונעס ארומגענומען די פינגער אירע. (שטיל.) דאָס כ׳עס גייט מיר אויס נאָך איר.
עסטער. וואָס איז די פּולע, אז זי האָט דיך ניט ליב.
ביירעך. א ליגן! פונוואַנען ווייסטו? זי האָט קיינמאָל די האַנט ניט צוגענומען פון פידל, זיך נאָר ארומגעקוקט, צי די מאמע זעט ניט.
עסטער. און דאָס איז גאָר?
ביירעך. און זי מיט איר האַנט האָט צוגעדריקט מײַנע.
עסטער. נו?

ב ײ ר ע ך. װאָס נו? האָב איך זי א קוש געטאָן.
ע ס ט ע ר. און זי?
ב ײ ר ע ך. אויך.
ע ס ט ע ר. א... דערפאר פלעגסטו עס אזוי אײַלן אפן „אוראָק”, דאָס האָט זי זיך בא דיר אזוי געלערנט שפילן פידל... א, װאָס א גװירישע טאָכטער קאָן זיך פארגינען!
ב ײ ר ע ך. דו װײסט, עסטערקע, װאָס זי האָט מיר געזאָגט?
ע ס ט ע ר. װאָס?
ב ײ ר ע ך. אז איך בין אפילע ניט ענלעך אף א קלעזמער.
ע ס ט ע ר. אָבער װי די מאמע, אזוי די טאָכטער!
ב ײ ר ע ך. װי קומט איר צו װיסן, װאָס א קלעזמער איז, האָב איך איר געזאָגט. אָבער, עסטערקע, א ביסל איז זי גערעכט. איך אלײן קאָן אויך אָפט ניט אויסקומען מיט זײ. א סאך פון זײ זײַנען דאָך ניט קײן קלעזמער. פּאָשעטע באָנדערס. דאָס שפילן איז בא זײ א פארנאָסע, װי אלע פאר־נאָסעס.
ע ס ט ע ר. דו רעדסט שוין באלד קימאט אזוי, װי זי.
ב ײ ר ע ך. כאס־כאָלילע! ניט דאָס קלעזמערײַ, די נאפּטאָלעס מײן איך, װאָס װעלן דיר פאר א גראָשן די נעשאָמע פארקױפן.
ע ס ט ע ר. װאָס זשע זאָלן זײ טאָן, זײ זײַנען דאָך, נעבעך, אָרעמעלײַט.
ב ײ ר ע ך. און איך בין א גװיר? ראָטשילד? טאָנצע האָט אָבער אמאָל געזאָגט: װען איר, בײרעך, שפּילט, קאָן איך פארגעסן אלץ אף דער װעלט.
(גײט האסטיק ארײַן אין צװײטן צימער.)
ע ס ט ע ר (נײט שטילערהײט). האלעװײַ זאָל איך ליגן זאָגן, קײן גוטס װעט דערפון ניט ארױס.

פון צװײטן צימער דערטראָגט זיך א שפּילן אפן פידל. עסטער נײט װײַטער, און אז די פידל װערט שטיל, פארציט זי א ליד.

נאָדל־פאָדעם פינגערהוט,
גאנצע טעג ניט אָפּגערוט,
גאנצע טעג און גאנצע נעכט,
און דער רוקן נאָגט און ברעכט.

אינעם װײַטן פרעמדן לאנד
פאָרן װעלן מיר באנאנד,

יונג און אלט אהינצו פֿאָרט.
וואָס דערוואַרט אונדז ביידן דאָרט?

נאָדל־פֿאָדעם פֿינגערהוט,
גאַנצע טעג ניט אָפּגערוט,
גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט,
און דער רוקן נאָגט און ברעכט.

ס׳וויינט די מאַמע שטילערהייט,
זײַט כאָטש דאָרט געזונטערהייט;
מאַמע האַרציקע, ניט וויין,
כ׳פֿאָר דאָך, מאַמע, ניט אַליין.

נאָדל־פֿאָדעם פֿינגערהוט...

עס עפֿנט זיך די טיר, און אָפּן שוועל בלײַבט שטיין כ ײַ ע. אונטערן אָרעם — א מעליקער זאַק. אין האַנט — א ליידיקער קויש.

ע ס ט ע ר. מאַמע! (זי טוט א וואָרף אָף דער קאַנאַפּע דאָס קלייד און לויפֿט צו צו דער מוטער.) מאַמע!

כ ײַ ע. איך פֿרעג נאָר: ווי האָט מען עס גאָט אין האַרצן אַרויסרײַסן פֿון די הענט דעם פֿונט ליכט. איך האָב געמיינט, איך וועל זיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט. א פּולע קראָם מיט ווײַבער. צעשרײַען האָט ער זיך: א מעכויעוו בין איך האָדעוועען אײַערע קינדער, שוין געגנוג אָנגעבאָרגט!

ע ס ט ע ר. מאַמינקע, אָן ליכט וועסטו ניט זײַן.

כ ײַ ע. קיינער ווייסט ניט, וועמעס מאָרגן איז, האָב איך זיך א טראַכט געטאָן און אויסגעשאָטן די מעל אויך.

ע ס ט ע ר. אוי, מאַמינקע, לאַנג לעבן זאָלסטו... ביסט דאָך בא מיר א כאַכאָמע. (זי טוט א קוש די מאַמע אין ביידע באַקן.)

כ ײַ ע. טאָכטער מײַנע, געדאַרפֿט האָסטו גאָר געבאָרן ווערן בא א נעגידעסטע, ניט בא מיר, וואָלסטו עפּשער פֿאַרשפּאָרט פֿלײַען אין אויס־רײַסן.

ע ס ט ע ר. און פֿונוואַנען ווייסטו, אז איך וויל א נעגידעסטע פֿאַר א

מאמע? (זי נעמט ארום די מאמע פאר די אקסל און זעצט זי אוועק אויבנאָן באם טיש.) נעם בעסער עפּעס אין מויל אַרײַן, מאמע, וועט זײַן גלײַכער. (זי עפנט דעם אלמער און פארמאכט אים גלײַך צוריק א דערשראָקענע.)

כײַע. איך בין שוין זאט.

עסטער. דו, מאמע, ביסט דאָך אלעמאָל זאט.

פון צווייטן צימער גייט ארײַן ביירעך.

(צו ביירעכן.) ווּהין גייסטו אוועק, ראָדל דארף דאָך באלד קומען, צונויפריידן זיך וועגן דער כאסענע. נאָר צוליב דיר פאָרט זי ניט אין אן אנדער שטאָט נאָך א קאפּעלע.

ביירעך. דערפאר גיי איך טאקע אוועק.

עסטער. ביירעך, דער קרעמער האָט בא דער מאמען ארויסגעריסן די ליכט פון די הענט, און אפן וועג דארף מען אויך עפּעס האָבן, די מאַשין איז שוין אויך ניט מײַנע, יויסעף דרייט זיך אום אָן ארבעט.

כײַע. צוויי מייסים גייען טאנצן.

ביירעך. וואָס קאָן איך אײַך העלפן... פאָרט ניט, קיינער טרײַבט אײַך ניט.

כײַע. די נויט. די ביטערע נויט טרײַבט זיי.

עסטער. א וועלט איז דאָך ניט מעשוגע... א גאנצע וועלט פאָרט.

יויסעף (קומט אָן). א גוטן אָוונט!

כײַע. א גוט־אָוונט, א גוט־יאָר.

עסטער. א גוט־אָוונט, יויסעף.

יויסעף. וואָס זיצט איר אין דער פינצטער? צינדט אָן פײַער!

כײַע. ס'איז אזוי אויך ליכטיק אפן הארצן.

יויסעף. אוואדע ליכטיק. וואָס דען? פינצטער זאָל זײַן בא אונדזערע סאָנים.

כײַע נעמט אראָפּ פון וואנט דעם לאָמפּ און גייט מיט אים ארויס אין קיך. יויסעף גייט ארויס אין הויז, טראָגט פון דאָרט ארײַן א באיאן, פארוויקלט אין א זאק.

ביירעך. וואָס איז דאָס?

יויסעף. פרעג ניט קיין קאשעס, נעם באגראָב דאָס ערגעץ.

ב ײ ר ע ך. די מינוט. אָבער וואָס עפּעס איז שוין װידער מיט אנדרײיען?
י ו י ס ע ף. שפּעטער.

ב ײ ר ע ך גײט אײַליק ארױס.

ע ס ט ע ר (גײט צו צו יױסעפן). וואָס איז דאָרט בא אײַך פּארא סוידעס?

י ו י ס ע ף. אז דו װעסט אלץ װיסן, װעסטו גיך אלט װערן, עסטערקע, און איך װיל, דו זאָלסט זײַן יונג און שײן. (ער טוט זי א קוש.)

ע ס ט ע ר (טוט אים א לײַכטן פּאטש אין באק). אוי, ביסטו א נאשער, ביזוואנען־וואָס כאַפּסטו ארײַן.

י ו י ס ע ף. אָהאָ, ביז אמעריקע איז לאנג צו װארטן, עסטערקע, װער עס כאַפּט ניט ארײַן אף דער־װעלט, האָט ניט אף יענער־װעלט.

ע ס ט ע ר. אויב אזוי, װיל איך אויך האָבן... יענע־װעלט. (טוט א קוש יוסעפן.)

כ ײַ ע (בא דער טיר מיטן לאָמפּ אין האנט). װאָלט מען זיך כאָטש געשעמט פאר א מאמען.

יױסעף און עסטער בלײַבן שטײן פארלאָרן.

ע ס ט ע ר (פארשעמט). דאָס האָט מיר יױסעף דערצײלט א סאָד, קײ־נער זאָל ניט הערן.

כ ײַ ע. א סאָד... קײנער איז דאָך אין שטוב ניטאָ!

ע ס ט ע ר. דו ביסט דאָך דאָ, מאמע. (זי לױפט צו און פאלט כײַען אפן האלדז.)

כ ײַ ע. מעשוגע איז ניט קלאָר... א מענטש זאָל האלטן אין אײן קושן זיך.

י ו י ס ע ף. דאָס האָבן מיר געמאכט א רעפּעטיציע, א פּראָבע, װיאזוי מיר װעלן זיך געזעגענען.

כ ײַ ע. קושט זיך װיפל אײַער הארץ גלוסט, אבי דערמאָנט מיר ניט.

ב ײ ר ע ך (קומט אָן). נו?

י ו י ס ע ף. געפּאקט האָט מען אים אין דאָרף אף א כאסענע דארשע־נען פאר די פּויערים. פון װאָלאָסט איז ער אנטלאָפן... איצט שמעקט אים נאָך פּאָליציי. ער האָט געזאָגט, ער װעט פארלױפן אהער זיך געזעגענען.

בײרעך. איז װאָס, מאמע, האָסטו הײַנט געהאַט גרויס אגמעסנעפעש? האָ?

כײַע. אוי, מײַן זון, פֿרעג ניט.

בײרעך. װאָס דאַרפֿסטו האָבן די ליכט, מאמע? איך מיט עסטערן װעלן זיך אװעקשטעלן פֿאַר דיר, און בענטש אונדז.

כײַע. זאָל עס אײַך נאָר, קינדער, אָנקומען, װאָס איך װינטש אײַך. אָבער גאָט װייסט, צי איך װעל זײ נאָך אַמאָל זען.

יוסעף. נאָך א מין זען, כײַע! אַלץ װענדט זיך איצט אָן בײרעכן, זאָל נאָר בײרעך זאָגן, אַז ער פֿאָרט.

בײרעך. און אַז בײרעך װיל ניט פֿאָרן?

יוסעף. איבער דיר דאַרף די מאמע אויך בלײַבן מאַטערן זיך דאָ.

בײרעך. אויב זי װיל, זאָל זי פֿאָרן. סײַװיסײַ בין איך שוין ניט קײן הײמיקער.

כײַע. זון מײַנער, אַז די מאמע װעט זײַן דאָ, איז װוּ דו זאָלסט ניט זײַן, װעסטו האָבן א הײם...

בײרעך. גלײַך נאָך יאָמטויװים פֿאָר איך אַװעק אין א גרויסער שטאָט, און עפּשער אין פּעטערבורג, לערנען. בא װעמען זאָל איך דאָ לערנען? בא נאַפּטאָלע פּויק צי בא מעני באַס, בא װעמען?

כײַע. װיפֿל איז דער שיר, זון מײַנער? צו קענען איז דאָך קײן סאָף ניטאָ.

בײרעך. טאַקע דעריבער. צופֿוס װעל איך אַװעק. הונגעריק און באָרװעס, נאָר הערן יענע, װעמעס שפּילן האָט קײן סאָף און קײן ברעג ניט.

כײַע. דאָס איז ניט פֿאַר ייִדן.

בײרעך. ניט פֿאַר אָרעמעלײַט, װילסטו זאָגן. װאָס זשע איז פֿאַר ייִדן? אַבי אָפּגעשפּילט א כאַסענע, אָפּגעגנומען די טעלעכע גראָשנס און אראָפּ פֿון מאַרק — אָט דאָס איז פֿאַר ייִדן? ייִדן האָבן אַזוי װײניק נאַכעס, מאמע, אַף אײן רײַכער כאַסענע צװאַנציק אָרעמע! איז זאָלן זײ אײן מאָל אין לעבן הערן עמעסע שפּילערײַ — װאָס פֿאַרא פֿאַרגעניגנס האָבן זײ נאָך?

כײַע. אַז דו שפּילסט איצטער, קאָן דאָך אויך א שטײן צערונען װערן.

בײרעך. דאָס איז ניט קײן קונץ, מאמע. אַרויסרופֿן טרערן קאָן א שלעכטער שפּילער אויך, אָבער ברענגען פֿרײד, נאַכעס פֿאַרשאַפֿן אָן אָרעמאַן אַפֿן גאַנצן לעבן — אַף דעם דאַרף מען האָבן גאָר אַן אַנדער שפּילער. האָב קײן מוירע ניט, מאמע, מיר װעלן מיט דיר װי־עס־איז

איבערקומען די שלעכטע צײַט, דערפאר אָבער דערנאָך... פון קיינע זאָרגן וועסטו ניט וויסן, פעלן וועט דיר סײַדן פויגל־מילך, און אָנגעטאָן וועסטו בא מיר גיין, ווי א באס־מאלקע: אין א נײַעם פאריק, אין א זײַדענעם שארף און אין גאָלדענע אוירינגלעך.

יויסעף. און אלץ פון דער פידל?

ביירעך. וואָס זשע, לויפן אין דער וועלט ארײַן זוכן גליק?

יויסעף. יאָ, אנטלויפן, נאָר אנטלויפן... אונדזער ברודער האָט דאָ ניט וואָס צו טאָן. וואָס לאָזן מיר דאָ איבער? די גרויסע מאיאָנטקעס? די פאבריקעס אונדזערע — וואָס? א וועלט מיט ייִדן פאָרט... ער איינער וויל זײַן קליגער פאר אלעמען. וואָס־וואָס, דאָ ווער איך דאָך געוויס גאָר־ניט אָן.

ביירעך. און קיין זאך בינדט דיך דאָ ניט צו?

יויסעף. גאָר־ניט.

ביירעך. שוין זשע וועסטו אוועקפאָרן און נאָך קיין זאך ניט בענקען?

יויסעף. נאָך וואָס? נאָך וועמען?

ביירעך. און נאָך דער היים?

יויסעף. נאָך וועלכער היים?

ביירעך. נאָך דער שטאָט, וווּ דו ביסט געבאָרן געוואָרן, נאָך דער גאס, וווּ דו ביסט אויסגעוואקסן, נאָכן דניעפּער, נאָכן וואלד. געדענקסט, יויסעף, אין דאָרף זומער פארנאכט די פויערים אף די קלעצער:

Трансвааль, Трансвааль, страна моя,
Ты вся горишь в огне...[1]

אָט דאָס אלץ איינײנעם, יויסעף, אָט דאָס, וואָס דו קאָנסט ניט פארגעסן, אָט דאָס איז דאָך א היים. אוי, יויסעף, ווי ווײַט דו זאָלסט זיך ניט פאר־קלײַבן, ווי גוט דיר זאָל ניט זײַן, וועט זיך דיר אלעמאָל כאָלעמען די היים...

יויסעף. טראנסוואל... ראסייע... וווּ געפינט זיך דער דאָזיקער טראנסוואל, ווייסטו כאָטש?

ביירעך. איך ווייס ניט. ערגעץ זייער ווײַט, נאָר דאָס הארץ צעגייט מיר דאָ, הערנדיק, ווי מע זינגט.

---

[1] טראנסוואאל, טראנסוואאל, לאנד מײַנס, דו אינגאנצן ברענסט אין פײַער (רוס.) — די ערשטע שורעס פון א פּאָפּולערער אין יענער צײַט ליד.

י ו י ס ע ף. נו, און ראַסייע? ראַסייע טרײַבט דאָך אונדז מיט טויזנט בײַטשן פונדאַנען!

ב ײ ר ע ך. אַנדריי זאָגט, אַז ניט ראַסייע, מיקאָלקע טרײַבט...

עס עפנט זיך ברייט די טיר, און עס קומט אַרײַן אַ נ ד ר ײ.

כ ײַ ע. מע זאָל דערמאָנען מאַשיעכן...

ב ײ ר ע ך. אַ, אַנדריי! ווען גייט אָפּ דײַן באַן?

אַ נ ד ר ײ. שרעק זיך ניט, ביירעך. ביז אַנדריי וועט ניט זיצן אין וואַגאָן, וועט דער באַן ניט אַוועק.

ע ס ט ע ר. אַזוי האָט איר מיט אים אָפּגערעדט?

אַ נ ד ר ײ. וואָס דען האָסטו געמיינט, עסטערקע? דער באַן ווייסט, אַז אַנדריי טאָר דאָ הײַנט ניט נעכטיקן. (ער רופט אָפּ ביירעכן אין אַ זײַט.)

ב ײ ר ע ך. עסטערקע, כאַפּ זיך קאָרשט אַרויס אין שטאַל... אָבער אָפּגיך. אַהינטער דעם האָלץ ליגט דער באַאַן אין אַ זאַק פאַרוויקלט.

עסטער לאָזט זיך גיין.

י ו י ס ע ף (צו עסטערקען). איך וועל גיין מיט דיר. דאָרט איז דאָך פינצטער.

ע ס ט ע ר. וואָס זשע, מיט דיר וועט מיר זײַן ליכטיק?..

י ו י ס ע ף. ליכטיק ניט ליכטיק — פינצטערער וועט ניט זײַן.

ב ײ ד ע אָפּ.

אַ נ ד ר ײ (נעמט אַרויס פון שטיוול אַ בריוו). אָט דאָס גיב איבער...

ב ײ ר ע ך. כאַנעלען...

אַ נ ד ר ײ. און זאָג איר, אַז אין די ווײַטערדיקע בריוו וועל איך זיך כאַסמענען ניט אַנדריי, נאָר... וואַרט, וויאַזוי? איך האָב נאָך ניט צוגעטראַכט.

ב ײ ר ע ך. און אַז איך וועל דיר געבן אַ ייִדישן נאָמען, וועט דיך ניט אַרן?

אַ נ ד ר ײ. פּאַזשאַלוסטאַ. ווי זאָגט מען: מיטן שענסטן קיבעד.

בײרעך. װײסט, װאָס פאר א נאָמען איך האָב דיר צוגעטראַכט? יאָסל...

אנדרײ. נו, זײער גוט... פון מיר... דײַן כאָסן יאָסל.

בײרעך. אוי, אנדרײ, װעסט אװעקפאָרן אין די פּעטערבורגס, װעסטו גאָר פארגעסן, אז דו האָסט אמאָל גערעדט ייִדיש, אזוי װי א קאָשערער ייִד.

אנדרײ. בײרעך, װילסט, איך זאָל ניט פארגעסן ייִדישקײַט, איז קום צו פאָרן דו — און ברענג מיר כאַנעלען. רעכט?

בײרעך. אָפּגערעדט.

עס קומען אַן עסטער און יוסעף מיטן באַיאַן.

אנדרײ. נו, לאָמיר זיך צעקושן, קינדער. מיט אײַך װעלן מיר זיך עפּשער קײנמאָל מער ניט זען. נאָר אָפּרײדן אײַך, זאָגן: פאָרט ניט, װאַרט אויס דאָ ביז בעסערע צײַטן, איז, ערשטנס, דאַכט זיך, שוין צו שפּעט — מיט אײן פוס זײַט איר שוין דאָרטן, אף יענער זײַט, און, צװײטנס, װעט איר מיך דאָך שטעלן צו דער װאַנט: „אנדרײ, ביזװאַנען װאַרטן? א יאָר, צװײ, צען — װיפל?״ אָנרופן אײַך אקוראַט דעם טאָג קאָן איך ניט. איך װײס אָבער, איך בין זיכער, אז ער װעט קומען, דער ליכטיקער טאָג... און אויב איר װעט זיך דעמאָלט פארבענקען צוריק אהײם — װעלן מיר דאָ אײַך באַגעגענען מיט א שער און מיט א פרײלעכס. איר װעט זען מיט אײַערע אײגענע אויגן, װאָס פאר א מין כאַסענע מיר האָבן דאָ אָן אײַך אָפּגעשפּילט. בײרעך בלײַבט דאָ פאר א מאַשקן און פאר אַ אײדעס. און דערװײַל פאָרט געזונט און זײַט געזונט און גריסט דאָרט אלע כאַסאַנים און קאַלעס... (צו בײרעכן.) פון מיר — דײַן כאָסן... יאָסל... (צעקושט זיך מיט יוסעפן.) און מיט דײַן קאַלע מעג מען?

יוסעף. פרעג בא איר.

עסטער. אנדרײ פּעטראָװיטש, זאָל דוכטן — צעקושט זיך. רעכט? (זי שטרעקט אים אויס א האַנט.)

אנדרײ. און װוּ איז די מאַמע? ארײַנגײן קאָן מען?

בײרעך. מאַמע!

כײַע (ארײַנקומענדיק). הא, װאָס איז דאָרט?

בײרעך. אנדרײ װיל זיך מיט דיר געזעגענען.

כײַע. װאָסי, ער פאָרט אװעק?

אנדרײ. זײַט געזונט, מאַמאַשע.

כײַע. פאָר געזונט און זע היט די ביינדעלעך דײַנע. קיין מאמע האָסטו ניט, וועל איך בעטן גאָט פאר דיר אויך. א גאָט איז דאָך איינער.

אנדריי. איינער, אוואדע איינער, וואָס דען? (גיט איר א האנט. זי לאָזט לאנג ניט ארויס די האנט זײַנע.) עך, מאמאשע. לאָמיר זיך מיט אײַך צעקושן... (ער טוט זי א קוש. נאָכדעם צעקושט ער זיך מיט בײַרעכן.) און דו, בײַרעך, געדענק, ניט אלעמאָל וועט זײַן אזוי פינצטערלעך, ווי איצט. עס וועלן אמאָל אָנקומען ליכטיקע צײַטן...

יויסעף. ווען? סײַדן אז מאָשיעך וועט קומען.

אנדריי. א סאך, א סאך פריִער, יאָסעף! וועסט נאָך דאָרטן בא זיך אין אמעריקע ניט איין מאָל דערמאָנען מײַנע ווערטער. (נעמט ארויס פון זאק דעם באיאן און טוט א שפּיל, זינגענדיק.)

Рать подымается —
Неисчислимая!
Сила в ней скажется
Несокрушимая!
Матушка-Русь!...[1]

אנדריי גייט ארויס. נאָך אים — יויסעף, עסטער און בײַרעך. אנטקעגן קומט אָן נאפּטאָלע מיט דער פּויק.

כײַע. דאכט זיך, ניט קיין ייִד, און ס'הארץ טוט מיר ווײ אף אים, ווי אף אן אייגן קינד. ווי וועסטו זיך איצט באגיין אָן אים אף דאָרפישע כאסענעס, נאפּטאָלע?

נאפּטאָלע. בעסער וואָלט איך זײַן נאָמען ניט קענען, וואָלט איך עפּשער ניט סיוו געוואָרן פאר דער צײַט. מײַן כאנעלע איז אהער מער ניט פארגאנגען?

כײַע. איך ווייס גאָר ניט, אז זי איז דאָ געוועזן.

עס קערן זיך אום עסטער, בײַרעך און יויסעף.

בײַרעך. נו, וואָס וועסטו איצט זאָגן? אנדרייען טרײַבט מען דאָך אויך מיט טויזנט בײַטשן. ווו ער טאָגט, דאָרט טאָר ער ניט נעכטיקן. פארוואָס לויפט ער ניט אין אמעריקע?

[1] עס שטייט אוף א כאַיל — ניט איבערצוציילן! קראַפט וועט עס פארמאָגן — ניט צו באַזיגן! מוטער־ראַסיי! (פון א. נ. נעקראַסאָווס פּאָעמע «Кому на Руси жить хорошо» — וועמען עס לעבט זיך גוט אין ראַסיי).

י ו י ס ע ף. עפשער ווילסטו ד ע ר פ א ר ניט פאָרן.

ב יי ר ע ך. דערפאר איך.

נ א פ ט אָ ל ע (צו יויסעפן). זשאלעוועסט, טאָמער וועט אין אמעריקע זײַן ווייניקער מיט א שיקער.

ב יי ר ע ך. נאפטאָלע! ווער־ווער, נאָר איר וואָלט געשוויגן. דאכט זיך, אז איר וועט שטארבן, וועט איר זיך הייסן אוועקלייגן מיט די פיס צו דער וואנט און מיטן מויל אונטערן קראנט.

אלע לאכן. עס עפנט זיך די טיר, און עס קומט ארײַן ג ר ו י נ ע ם. נאָך אים — די ק א פ ע ל ע.

נ א פ ט אָ ל ע. אלע, אלע זײַנען דאָ?

ג ר ו י נ ע ם. אָט באלד צייל איך דיר איבער. ביירעכל שפּילפויגל — ניט איינס, הירשעלע שעד — ניט צווײ, יויסעף קלארנעט — ניט דרײַ, נאכמען טרײַטל — פיר, מוישע בײַטל — פינף, נאָכעם קוואס — זעקס, מעני באס — זיבן, און איצטער גייט פייסעך פלייט און איך — גרוינעם הויקער. שא, און נאפטאָלע פויקער? דיך האָב איך פארגעסן, נאפטאָלע, א רועך אין דײַן באָבעס זיידע — איינס פון די ביידע: אָדער ווײַל דו ביסט קיין מענטש ניט, אָדער ביסט קיין קלעזמער ניט. (ער טוט אים א פּאטש אין בויך ארײַן.) אוווא, די ווערעם וועלן פון דיר האנאָע האָבן.

נ א פ ט אָ ל ע. נאָ־נאָ, מארשאלעק. זאָלן דיר אָפּדארן די כאפּערס דײַנע, וואָס קלאפּסטו זיך אזוי?

ג ר ו י נ ע ם. זײַט מויכל, נאפטאָלע, איך האָב געמיינט, ס'איז אײַער פּויק.

נ א פ ט אָ ל ע. פּויקן זאָל דיר אין קאָפּ און ניט אופהערן.

א ל ע (כאפּן אונטער). גאם אטן, באלעבאָס, גאם אטן...

ג ר ו י נ ע ם (מיט א ניגן). און איצטער, געגעראל, נעם צונויף די סאָלדאטן, און לאָמיר אלע... פּרווון די קאלע... באזעצן. ביירעך וועט אונדז שפּילן, און איך וועל זאָגן א נײַ שטיקעלע מאָראל — זיסער פון האָניק און ביטערער פון גאל. מאנסבילן וועלן די פינגער לעקן, מיידלעך וועלן די אויגן ווישן, און ווײַבער וועלן זיך באַ... גיסן מיט טרערן... (זינגט.)

סאוורי מאראָנאָן ווערא באָנען ווראבויסײַ...
שטארבן שטארבט מען דאָך סײַוויסײַ...
די פיר איילן ערד

איז יעדן באשערט.
דעריבער, קאַלעניו, זאָלסטו ניט פאַרגעסן
דעם הונגעריקן געבן עסן,
דעם דאָרשטיקן טרינקען געבן,
ווײַל וואָס איז גאָר דעם מענטשנס לעבן?..
קעצייל אויוויייר — ווי א שאָטן פארשווינדט
און ווי דער בלאָז פון א ווינט, —
דעריבער געדענק, מײַן קינד,
אז אפילע טראכטן
וועגן א פרעמדן מאַנסביל איז א זינד,
גאָט וועט דערפאר מיט ריטער שמײַסן,
מיט געברענטע סקאָוואָרדעס פארבײַסן,
אָבער דו, מײַן טאָכטער, ביסט אן אָרנטלעך קינד,
זאָלסט אזוי ריין זײַן פון צאָרעס, ווי דו ביסט ריין
פון זינד,
ווײַל דײַן הארץ איז קאָשער און ריין,
ווענימאר אָמיין...

אלע (אויסער ביירעכן, מיט א ניגון). אָ־אָ־אָמיין...

נאפטאָלע. פעטיוק, מארשאלעק, בערן־טרײַבער! דערמיט וועסטו ארויס בא ראָדלען אף דער כאסענע? מע וועט דאָך דיך ארויסטראָגן א בארמינען... די גראמען דײַנע האָבן דאָך שוין א באָרד. ראָדל זאָגט: זי צאָלט געלט, וויל זי ניט האָבן קיין פארלעגענע סכוירע. זי קאָן, זאָגט זי, באשטיין, אז אף איר טאָנצעס כאסענע זאָל מען שפילן זאכן ערשט פון דער נאָדל ארויס, הײַנט פארשטייסטו, וואָס פאר א מין סכוירע איך דארף.

גרוינעם. כ׳פארשטיי, כ׳פארשטיי — וואָדען, איך פארשטיי ניט?

נאפטאָלע (ווײַזט אף ביירעכן). אלץ ווענדט זיך נאָר אין אים. וועט ער וועלן — וועט ער האָבן ברויט מיט פוטער און מיר אויך. ער דארף נאָר צוטראכטן עפעס אזוינס, זיי זאָלן אלע שטעלן זיך אף די קעפּ. און פרעגט, וואָס באטרעפט עס בא אים? א שפּײַ...

ביירעך. איך וועל ניט דאַרפן שפילן, נאפטאָלע.

נאפטאָלע. וואָס וועסטו ניט דארפן שפילן?

ביירעך. גאָרניט!

נאפטאָלע. זע קאָרשט, איר זאָלסטו עס כאָלילע ניט זאָגן.

ביירעך. כ׳וועל זאָגן.

נ א פ ט אַ ל ע. די צונג וועט דיר פריער אָפּדאַרן.

ב י י ר ע ך. ווען עמען עס וועט אָפּדאַרן די צונג, וועלן מיר א סימען האָבן. (ער גייט האסטיק אַרײַן אין צווייטן צימער.)

נ א פ ט אַ ל ע. אַנו, פּעטיוקעס, נעמט זיך פאַר די קיילים. איך וויל אַפילע ניט הערן, וואָס ער דאַרשנט דאָרט, דער טאַנע־בּאַרע. ער וויל מיך אומגליקלעך מאַכן... ער ווייסט, דער מאַמזער, אַז אָן אים וועט זי נעמען אַן אַנדער קאַפּעליע. נאָר דעמאָלט וועט איר אַלע קײַען די ערד.

ג ר ו י נ ע ם. דערפאַר דאַרף מען מיך לאַנג ניט בעטן. איך וועל שוין צוגרייטן פאַר דיר קאַפּריסן, פּימסן־האָלץ, זעמל־מעל...

נ א פ ט אַ ל ע. פּיפּערנאָטער! די ווײַבער זאָל כאַפּן די ניכפּע, דאַרף איך האָבן דאָס שפּילפּויגעלע. אָן אים זײַט איר דאָך אַלע, ווי אָן הענט, קאַליקעס, איז זעט, האָט ראַכמאָנעס אַף זיך און אַף אײַערע ווײַב־און־קינדער, טוט אים א נעם אַפּן צימבל, און זאָל ער גיין אין שפּאַן... באַלד קומט זי אָן אַהער... ראָדל! יויסעף, וואָס זאָגסטו? וואָס טוט מען, האַ? גיב אַן אײַנצע, ברודער.

פ י י ס ע ך. א גאַנצער פּאַרעץ, ס'געזען א ביסל. זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ א מאַנקאָליע — איין מאָל: ניין.

מ ע נ י ב א ס. א פּאַרעץ איז א הונט קעגן אים, — א גראַף, א בען־מעלעך.

י ו י ס ע ף. ניט קיין גראַף, נאָר א מיילעך, איבער אַלע מעלאָכים א מיילעך.

ט ר ײַ ט ל. איז נעם אים צו מיט זיך אין אַמעריקע — מע זאָגט, ס'איז דאָרט אַפילע קיין איין קייסער ניטאָ.

ג ר ו י נ ע ם. נאַכמען־טרײַטל, טרייסל דעם בײַטל. האַנדלסט שוין מיט קייסאָרים פאַר אַמעריקע? קלעזמער, ווער ס'איז קלוג, נאָר איך בין שיין. איך זאָג אײַך, איך ברענג אים באַלד אַראָפּ, אַז ניט, זאָל מײַן נאָמען ניט זײַן גרוינעם. שפּילט!

אַלע נעמען זיך פאַר די אינסטרומענטן. ג ר ו י נ ע ם גייט אַרײַן צו ביירעכן אין צימער.

י ו י ס ע ף. שאַ! שטיל זאָל זײַן... אָט ווײַז איך אײַך באַלד א קונץ... (עס ווערט שטיל. יויסעף נעמט זיך פאַר זײַן קלאַרנעט און שפּילט ביירעכס באַליבטן ניגן.)

ווען איך וואָלט האָבן א גאָלדענעם קויק,
וואָלט איך צו דיר קײַקלען,
ווען איך וואָלט האָבן א גאָלדענעם פויק,
וואָלט איך צו דיר פײַקלען...

ער באַווײַזט ניט פאַרענדיקן, עס לויפט אַרײַן ביירעך מיט א געשריי.

ביירעך. אָט אזוי שפּילט מען, פאַרטאַטשעס! בעלפערס! יאָלדן. כיי־דער־ייִנגלען! יויסעף, זאָג די ווערטער, איך וועל שפּילן.

יויסעף זינגט, און ביירעך שפּילט.

ווען איך וואָלט האָבן א גאָלדענעם פערד, —
וואָלט איך צו דיר רײַטן,
ווען איך וואָלט האָבן א גאָלדענע שווערד,
וואָלט איך פאַר דיר שטרײַטן!

עס עפנט זיך די טיר, און עס קומען אַרײַן טאָנצע און ראָדל. אלע בלײַבן ווי געפּלעפּט. ביירעך זעצט פאָר שפּילן.

ראָדל. שאָלעם אלייכעם, ייִדן!
אלע. שאָלעם אלייכעם, אלייכעם שאָלעם.

ביירעך באַמערקט די אַרײַנגעקומענע, רײַסט ער איבער אינמיטן, בלײַבט א רעגע שטיין און מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ לאָזט ער זיך אין צווייטן צימער, פונוואַנען עס קומען אָן עסטערקע און כײַע.

ראָדל. א גוטן אָוונט, כײַע.
כײַע. א גוט־יאָר זאָל אײַך זײַן.

טאָנצע גייט צו צו עסטערקען. עסטער פירט זי אָפּ צום פענצטער און ווײַזט איר דאָס קלייד. כײַע וואַרפט אײַליק אַרוף א טישטעך אפן טיש.

ראָדל. עמעס, ייִדן, ס'איז דאָ בא אונדז א מעדרעש: טוראָ בטוראָ לאָ פּאָגאָ, אינעש בעינעש פּאָגאָ — א באַרג מיט א באַרג באַגעגענען זיך ניט — א מענטש מיט א מענטשן באַגעגנט זיך.

נאפטאָלע. יאָ, יאָ, אוואדע. א בארג... מיט א בארג.
כײַע. אוי, ראָדל, זאָלט איר נאָר געזונט זײַן, איר האָט גאָר גע־דארפט געבאָרן ווערן א מאַנסביל.
נאפטאָלע. מיט זייער טוירע שעמט דאָך די וועלט.
ראָדל. וואָס דען האָסטו געמיינט, נאָר איר האָט זויכע געוועזן בא גאָט צו לערנען טוירע.
מעני באס. טאקע עמעס, אז איר האָט געלערנט געמאָרע, טאקע עמעס?
נאכמען. און אלץ אף לאָשן־קוידעש?
ראָדל. אוי, גוואַלד, א קלעזמער בלײַבט א קלעזמער, ער ווייסט נאָר דרימפּלען אפן פידל.
פייסעך. מיסטאמע האָט אײַך דער טאטע אײַערער געגעבן אין כיי־דער.
ראָדל. ווי דען? מיט אלע יינגלעך גלײַך.
הירשל־שעד (אין איין אָטעם). און מײַן טאטע האָט אפילע פאר אונדז, יינגלעך, ניט געהאט מיט וואָס צו צאָלן. קיינמאָל מיט ברויט זיך ניט אָנגעגעסן. פון שאבעס ביז שאבעס קיין שטיקל פלייש אין די אויגן ניט געזען...
נאפטאָלע. הירשעלע שעד, שא, וואָס האָסטו זיך אזוי צעיאַכמערט?
הירשעלע (גיך). אלעמײַ זאָגן זיי וועגן קלעזמער!
ראָדל. אָהאָ... אָט דער איז בא דיר אַן אזעספּאָנעמניק, נאפטאָלע, שלעכט האלטסטו אין די הענט די קאפּעלע דײַנע. ווו זשע איז אהינגע־קומען דײַן שפּילפויגל? גיי רוף אים ארײַן. וואָס האָט ער זיך באהאלטן, דער יעשיוועבאָכער? זאָג אים, ראָדל דארף זיך מיט אים דורכשמועסן.

נאפטאָלע גייט ארײַן אין צווייטן צימער.

(גייט צו צו עסטערן און צו טאָנצען. נעמט אָן עסטערן בא דער האַנט.)
זאָג מיר, וואָס ביסטו אזוי ברויגעז געוואָרן, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? שענערע מענטשן פון דיר גייען מיט דער הינטערטיר.
עסטער. אויב אײַך שטייט ניט אָן אונדזער ייכעס, וועט איר מיט אונדז קיין שידעך ניט טאָן, נאָר אופוואַרפן אונדז האָט איר ניט וואָס.
ראָדל. הערסט, א צינגעלע! הײַנט גיי רייד מיט זיי, ווי מיט מענטשן.
טאָנצע. מוטער, אויב איר וועט ניט אופהערן, גיי איך גלײַך אוועק.

איר זײַט דאָך ניט בא זיך אין שטוב... קומט, עסטערקע, מירן אָנמעסטן דאָס קלייד. (צו דער מוטער.) איר גייט, צי איר בלײַבט דאָ?

ראָדל. גייט, גייט, איך וועל באלד אויך קומען.

עסטער גייט ארײַן אין צווייטן צימער, אפּן שוועל באגעגענען זיך טאָנצע מיט ביירעכן. ער וויל זי דורכלאָזן און פארשטעלט איר דעם וועג. אזוי עטלעכע מאָל.

טאָנצע. וואָס שטייט איר מיר אין וועג, ביירעך?

ביירעך. ניט איך, אײַך שטייט אין וועג אן אנדערער.

טאָנצע. ביירעך...

ביירעך. איר האָט אים ניט ליב, איך ווייס.

טאָנצע. דאָס לעבן איז מיר ניט ליב.

ביירעך. איר האָט געזאָגט, איר זײַט גרייט פארגעסן אלץ און אוועק נאָך מיר.

טאָנצע. וואָס הייסט איר מיר טאָן, ביירעך?

ביירעך. דערווײַל אָפּלייגן די כאסענע.

טאָנצע. די מאמע וועט איבערקערן ניט נאָר די שטוב, די שטאָט וועט זי איבערקערן.

ביירעך. איר זאָגט נאָר, טאָנצע, און דעמאָלט — אפילו די גאַנצע וועלט...

טאָנצע (מיט שרעק). ביירעך, די מאמע גייט...

ביירעך טרעט אָפּ און לאָזט דורך טאָנצען.

ראָדל (צו ביירעכן). איז הער זיך אײַן, קלעזמער: פאר א נײַעם קאלע־באזעצנס — א גאָלדענעם אימפּעריאל, פאר א קאָשער־טאנץ — אן אימפּעריאל, פאר א דאָברא־נאָטש דער קאלע — א צענער, און פאר אלץ צאָל איך מעזומען. און קיין מעווינים שיקן וועל איך ניט. איך בין אליין א מייווין.

פּייסעך. און דער באלעבאָס אײַערער, רעב יעקעוו, וועט גאָרניט קומען אונדז פארהערן?

ראָדל. מער האָט ער ניט וואָס צו טאָן, ווי הערן קלעזמער? וואָס איז — און מיט א פאָרעץ ווער רעדט, ניט ראָדל? און אָף א טרעטיי וועמען

רופט מען — ניט ראָדלען? און מיטן גראף א קאָנטראקט ווער מאכט — ראָדל... און, לעהאוודל, אז מע האָט געדארפט נעמען א ראָוו, האָט מען ניט געפרעגט בא מיר?.. אנו, קאָרשט, שפּילט, קלעזמער, לאָמיר הערן. די כאסענע הייבט זיך אָן היינט!.. היינט מעסט מען מיין טאָכטער דאָס כופּע־קלייד...

פון צווייטן צימער דערהערט זיך א געוויין. ראָדל לויפט ארײַן אין צווייטן צימער. קלעזמער הייבן אָן שפּילן, אויסער ביירעכן. אלע בלייבן שטיין. עס קערט זיך אום ראָדל.

שפּילט! האָב איך אייך געזאָגט.

אלע נעמען זיך ווידער פאר די אינסטרומענטן.

עפּעס זע איך ניט, דער שפּילפויגל זאָל נעמען די פידל.

נאפּטאָלע (צו ביירעכן, וואָס שטייט ווי געפּלעפּט). ביירעך! דיך מיינט די מאדאם, דיך.

ראָדל. איך האָב דאָך געזאָגט: די כאסענע הייבט זיך אָן היינט. נאט, קלעזמער! (זי שיט אויס אפן טיש א הויפן זילבערנע און קופּערנע מאט־בייעס.)

אלע שפּילן, אויסער ביירעכן.

שאט! ער! ער, וויל איך, זאָל שפּילן.

ביירעך. איך וועל ניט שפּילן, מאדאם.

ראָדל. ראָדלען האָט נאָך קיינער ניט געזאָגט: ניט. אף מיין טאָנצעס כאסענע וועסטו ניט שפּילן?

ביירעך. צו פרי הייבט איר אָן די כאסענע.

ראָדל. וואָס, וואָס האָסטו געזאָגט?

ביירעך. אלץ קאָנט איר קויפן פאר געלט, נאָר ניט מיך! (און טוט א ריס אראָפּ דעם טישטעך צוזאמען מיטן געלט.)

ראָדל (קערט זיך אָפּ פון אים). וואָס קומט דאָ פאָר?

נאפּטאָלע. ער וועט שפּילן, מאדאם... בא מיר וועט ער שפּילן...

ביירעך. נאפּטאָלע פּויק! דעם שויפער פארשטאָפּט! מיך וועט איר בייטן?..

נ א פ ט אָ ל ע. ניט איך, אָט דאָס, אָט דאָס וועט דיך נייטן... (ער לויפט צו צו ראָדלען.) איר זעט, מאדאם, א קאָנטראקט אף צוויי יאָר, א קאָנט־ראקט... איך האָב נאָך א גאנצן כוידעש... ווי בא גאָט א טאָג. דער שפּיל־פויגל איז נאָך דערוויַיל בא מיר אין די הענט.

ב יי ר ע ך. ווי איר זעט איַיערע אויערן, נאַפּטאָלע, אזוי וועט איר מיך זען אין דער קאַפּעלע.

נ א פ ט אָ ל ע. וואָס זשע, אנטלויפן וועסטו עפּשער, האָ? צו אַן אנדערן? סײַדן קיין אמעריקע. אין קייטן וועל איך דיך ברענגען אף דער כאַסענע. פון נאַפּטאָלע פויק אנטלויפט מען ניט. פּע! (און נעמט אפגיך צונויפקלײַבן דאָס געלט פון דיל.)

י ו י ס ע ף און ד י א י ב ע ר י ק ע. נאַפּטאָלע, כאַסערדייע ביסטו!

אפן שוועל פון צווייטן צימער באוויַיזט זיך ט אָ נ צ ע.

ט אָ נ צ ע. זאָגט איר דערוויַיל צו, אז איר וועט שפּילן, ביירעך.

ב יי ר ע ך. סײַדן איר וועט הייסן.

ט אָ נ צ ע. צווינגען איַיך קאָן איך ניט, ביירעך. איך בעט איַיך... טוט עס צוליב...

סאָף פון ערשטן אקט

צווייטער אַקט

דאָס ערשטע בילד

באַ ראָדלען אין שטוב. אַ געראַמער זאַל, אויסגעפּוצט שטעטלדיק רײַך. עטלעכע פּאַרמאַכטע טירן, וואָס פירן אין פאַרשיידענע צימערן. דורך איין אָפענער טיר זעט מען עטלעכע מיידלעך, צווישן זיי עסטערקע און כאַנעלע, וואָס זײַנען פאַרנומען מיט אָנטאָן טאַנצען. אפן פאָדערגרונט — צוויי ווייכע פאָטעלן. עס זיצן — טאַנצעס פאָטער, יעקעוו, און דעם כאָסנס מוטער, ריווקע. יעקעוו. אַ ייִד פון אַ יאָר פופציק, אַן אוילעם־האַזעניק מיט אַ צווייגאָרנדיקן קאַרק און מיט אַ גראָבער גאָלדענער קייט איבערן גאַנצן פּעמפּיק. איין נאָגל — אפן קלענסטן פינגער — אַ לאַנגער, מיט וועלכן ער האַלט אין איין רייניקן דעם אויער; ריווקע, אַ בלאָנדע פרוי, אויך פון אַ יאָר פופציק, מיט אַ הויכן, קלוגן שטערן, מיט דינע, פאַרשנורעוועטע ליפּן. די האָר פאַרבאָרשטן אף אַרוף. אויבנאָן זיצט אַ קאַם, מיט בריליאַנטן באַפּוצט. קעדיי ניט אַרויסגעבן איר פאַראַכטונג צום פעט געוואָרענעם גראָבן־יונג, זיצט זי און שמייכלט אין זיך. אַז עס הייבט זיך אוף דער פאָרהאַנג, זיצט יעקעוו און לאַכט הויך אף אַ קאָל, — שיר וואָס ער פּלאַצט ניט פאַר געלעכטער. ער ווישט זיך אַזש דאָס פּאָנעם מיט אַ גרויסן ווײַסן טוך.

יעקעוו (צווישן איין כוואַליע געלעכטער און דעם אַנדערן). אַז איר פאַרשטייט, מעכוטענעסטע, איך זאָג צו אים: כאָסן, געזונט דאַרף מען זוכן אין שיסל — כאַ־כאַ־כאַ, אַז מע לייגט ניט אף די ציינער, האָט מען ניט אף די ביינער, און ער קוקט אף דערעכערעץ... זעסט ניט, זאָג איך צו מײַנער, אַז די מאַמע זײַנע פלעגט אים אָנשטאָט געבן עסן ווײַזן אַ היי אין סידער.

ר י ו ו ק ע (זייער איידל). מעכוטן, גאָט איז מיט אײַך, וואָס איז דאָס פאר א לאָשן, דער זון מײַנער איז דאָך ניט קיין פערד.

י ע ק ע ו ו. וואָס הייסט: וואָס צו גאָט, איז צו גאָט. און וואָס צו לײַטן — איז צו לײַטן... וואָסי, און אז מע איז א דאָקטער, איז וואָס? דארף מען ניט עסן? ניט פרעגט באם דאָקטער, פרעגט באם כוילע. (ער באַוויַזט אף זיך.) נישקאָשע, בא מיר וועט ער, מיט גאָטס הילף, גיך ווערן א פראָפעסאָר... כא־כא־כא.

ר י ו ו ק ע. מעכוטן, ס'איז עפשער ניט מײַן אייסעק, נאָר, דאכט זיך, ס'איז ניט זייער רעכט, מע זאָל פארציִען מיט דער כופע, די קינדער פאסטן דאָך... מײַן מאן, אָלעווהאשאָלעם, פלעגט זײַן ברויגעז דערפאר.

י ע ק ע ו ו. אָ־וואַ, אוואדע, אוואדע, גערעכט, מעכוטענעסטע... וואָס צו גאָט, איז צו גאָט... (ער דרייט זיך אויס אין שטול זיצנדיק און שרײַט.) ראָדל... ראָדעלע, שוין עפשער צײַט...

ר י ו ו ק ע (טוט א קנייטש מיט די אקסלען און שאָקלט צו מיטן קאָפּ). אז גאָט גיט, דארף מען גאָר קיין כאָכעם ניט זײַן.

ר אָ ד ל (קומט אָן). וואָס איז, מעכוטענעסטע, מא ראש? מער קיין הונגער זאָלן זיי ניט לײַדן ביז זייער לעבן. וואָס איז אזוי די אײַלעניש? (מיט א געלעכטער.) אזוי גיך שיידט מען עס זיך מיט א טאָכטער... זי וועט נאָך באווײַזן ווערן א שנור.

ר י ו ו ק ע. פארקערט. מײַן זון קומט דאָך אָן צו אײַך — דארף איך דאָך זאָרגן, מעכוטענעסטע.

ר אָ ד ל. נישקאָשע, נישקאָשע, ס'איז דאָ בא אונדז א מעדרעש: „מאן דעיאָהיוו כײַאָ, יאָהיוו מעזוינאָ" — דער, וואָס שענקט דאָס לעבן, דער וועט געבן צום לעבן. נו, און מיר, מעכוטענעסטע, האָבן נאָך דערוויַיל אויך קיינעם ניט אָנגעזעצט, ווער רעדט אן אייגן קינד. גלײַך נאָך דער כאסענע סילעקן מיר אָפּ אלץ, וואָס מיר האָבן צוגעזאָגט. א קאבינעט גיבן מ י ר אים, און כאלאָיִם וועט געבן גאָט... (זי טוט זיך באלד א כאפּ.) אוי, מעכוטענעסטע, זײַט מויכל, נאָר אָן מיר רירט זיך קיין זאך ניט פונעם אָרט. איך זאָג אײַך, טאָמער פעלט א נײַ רעשטל סאָנים — מאך כאסענע א טאָכטער. קעגן יעדן איינציקן זײַ יויצע אפן האָר, טאָמער האָב איך נאָך איין פלעמעניצע פארגעסן שיקן די קלעזמער, האָט זי זיך אָנגעבלאָזן און גייט ניט אף דער כאסענע.

י ע ק ע ו ו. כא־כא־כא, ניין, זאָג בעסער, ראָדל, זיי זײַנען שוין געווען

געגאנגען און פון האלבן וועג זיך אומגעקערט, מע זאָל נאָך זיי דאפקע שיקן די קלעזמער ווילן זיי.

כאנעלע (א צוגעפּוצטע לויפט ארויס). מאדאם, מאדאם!

ראָדל. וואָס איז, כאנעלע?

כאנעלע. די קאלע רופט אײַך. באלעבאָס, אײַך אויך.

יעקעוו (אנטשולדיקט זיך). איך זאָג אײַך, מע לאָזט ניט רוען.

ראָדל און יעקעוו אָפּ.

ריווקע (צו כאנעלען). און ווער ביסטו? א קרויווע זייערע?

כאנעלע. ניין, איך ארבעט נאָר בא זיי.

ריווקע. אין שטוב?

כאנעלע. ניין, אין מאגאזין.

ריווקע (נעמט ארויס א פּאפּירענעם רובל און גיט איר). נא דיר, וועסט זיך עפּעס קויפן.

כאנעלע (פארשעמט). א דאנק.

ריווקע. אָנשטאָט א דאנק זאָגט מען גאָט זאָל אײַך העלפן.

כאנעלע (גיט איר אָפּ צוריק דעם רובל). גאָט זאָל אײַך העלפן.

עס עפנט זיך די טיר, און עס גייען ארויס צוויי אלטיטשקע מיט אָנגעצונדענע האוודאָלעס — גרויסע געפלאָכטענע ליכט.

ריווקע (גייט צו צו איינער פון די אלטע). מאמע, וואָס דארף מען זיך אזוי לאנג זאמען?

ערשטע באָבע. זיי זאָלן זיך עלטערן צוזאמען, טאָכטער מײַנע.

צווייטע באָבע. אין א גוטער, אין א מאזלדיקער שאָ, מעכוטענעסטע.

ריווקע. א דאנק, באָבע, איר זאָלט דערלעבן נאכעס פון זיי.

ערשטע. אור־אור־אייניקלעך.

צווייטע. גאם־אטעם, מעכוטענעסטע.

זיי גייען ארײַן מיט די ליכט אין צימער, ווו די קאלע געפינט זיך, און אין דער זעלבער מינוט עפנט זיך די ארײַנגאנג־טיר און עס הייבן אָן גיין מעכוטאָנים, אלט און יונג, פרויען און קינדער, דערוואקסענע מיידלעך, אנטקעגן זיי קומען אָן ראָדל, ריווקע און יעקעוו. יעדערער גייט צו און גיט אָפּ א מאזלטאָוו, די מער נאָענטע קרויווים צעקושן זיך מיט די מעכוטאָנים, און די ווײַטערע — באנוגענען זיך מיט ווינטשן: „זאָל זײַן מיט מאזל, מיט גליק און

מיט לאנגע יאָר!" פלוצעם דערהערט זיך א ליארעם — עס קומט אָן די ק א פ ע ל ע און אינמיטן, אין א ראָד, די ב ר ו י ג ע ז־ג ע ו ו אָ ר ע נ ע מ ע כ ו ט אָ נ י ם — זיי קושן זיך לענגער פון אלעמען. די לעצטע גייען אריַין י ו י ס ע ף און ב יי ר ע ך.

ר אָ ד ל. איצט זאָל זיַין די סימכע פארפולט!..

נ א פ ט אָ ל ע. שפילט, קלעזמער, א באגעגעניש די מעכוטאָנים, די געסט. און קיינעם ניט פארגעסט. (צו גרוינעמען אין א זיַיט.) צעעפן דעם פיסק, מארשאלעק.

ג ר ו י נ ע ם. צום אלעם ערשטן און פריִער פון אלע — א מארש לעקאָ־ווער כאָסן־קאלע.

קלעזמער שפילן א מארש, און פון טאָנצעס צימער גייען ארויס די צ ו וי י ב אָ־ ב ע ס מיט די האוודאָלעס אין די הענט, און נאָך זיי, ארומגערינגלט מיט כאווער־טעס, מיט אן אראָפגעלאָזענעם קאָפּ, קומט אָן ט אָ נ צ ע. הינטער איר — כ א נ ע ל ע און ע ס ט ע ר, וועלכע באוויַיזט נאָך אין דער לעצטער מינוט עפּעס א גלעט טאָן אפן כופע־קלייד. קלעזמער הערן אוף שפילן. די צוויי אלטיטשקע און ביידע מוטערס באזעצן די קאלע אינמיטן זאל אף א הויכן שטול. די כאווערטעס נע־מען פאנאנדערפלעכטן דער קאלע די צעפּ. די קלעזמער שפּילן א באזעצנס. ביירעך שפילט אזוי, אז אינגיכן נעמען זיך באוויַיזן וויַיסע טיכלעך, און ווער פריִער, ווער שפּעטער, נאָר עס דערהערט זיך א שטיל געוויין פון עטלעכע יונגערע פרויען. יעקעוו וויינט שוין לאנג, נאָר איין ראָדל שטייט, ווי א קאָזעק, און באוויַיזט ניט קיין טרער. ריווקע ווישט די אויגן זייער איידל, יעדער אויג באזונדער.

ג ר ו י נ ע ם (וואקסט אויס אהינטער דער קאלע, ווישט אויס די שווארצע באָרד מיט א רויטן טוך און נעמט זיך זאָגן מיט א ניגן).

נאָשים צידקאָניעס, — שטילער זאָל זיַין,
נאָשים צידקאָניעס, הערט זיך איַין.
גענוג צו זיַין פארהאוועט און צעטראָגן,
הערט בעסער, וואָס דער מארשאלעק וועט איַיך זאָגן...
צו דער כופּע פירט מען דאָך ניט אלע וויַילע...
עס שטייט בא אונדז געשריבן:
איישעס כאיִל אטערעס באאלאָ,
א טיכטיקע פרוי איז די קרוין פון איר מאן,
און ס'איז אין דעם א טיפער סייכל פאראן,
און ס'איז אין דעם א ב א ה א ל ט ע נ ע ר מיין.
און קעדיי איר זאָלט בעסער דעם מיין פארשטיין,
וועל איך איַיך דאָס אלץ מיט א מאָשל דערקלערן.
איך בעט נאָר, דער אוילעם זאָל מיר ניט שטערן.

א ל ע. שא... שא... שא...
ג ר ו י נ ע ם.

אמאָל האָט געלעבט א מיילעך,
געלעבט האָט ער רויִק, געלעבט האָט ער פריילעך:
זיבן מעלאָכים האָבן פאר אים געקניט,
זיבן מאָל זיבן — זײַן מאלכוס געהיט,
זיבן מעדינעס האָבן אים צינז געטראָגן,
ער האָט זיך אף קיין זאך ניט געקאָנט באקלאָגן.
נאָר איינמאָל איז א פינצטערער טאָג געקומען.
די שטול אונטער אים האָט זיך וואקלען גענומען,
די ווענט פונעם פאלאץ ניט זיכער געוואָרן,
דער מיילעך האָט די רו און דעם שלאָף פארלאָרן,
די זיבן מעלאָכים האָבן ווידערשפעניקט,
די היטער — פארטריבן פון פאלאץ דעם קעניג.
די זאך אזוי ווײַט, אזוי טיף איז פארגאנגען,
אז דער מיילעך האָט זיך שיר ניט אופגעהאנגען,
און ווייסט איר, פארוואָס דאָס אלץ איז פארלאָפן?
און ווייסט איר, פארוואָס דאָס אלץ האָט געטראָפן?

א ל ע. ש... שא... שא...
ג ר ו י נ ע ם.

ווײַל די קרוין האָט פלוצעם דערקלערט,
אז ז י איז דער מיילעך,
און ער איז זי ניט ווערט...
דאָס גאנצע לאנד איז צעליארעמט, צעוויגט,
די קרוין מיטן מיילעך האָבן זיך צעקריגט.
מע קריגט זיך, מע זידלט, דער אוילעם, ער קוקט
און טראכט זיך: צו וועמען איך האָב זיך געבוקט.
אויס קרוין און אויס מיילעך: אז ווײ זײ און ווינד...
דעם נימשל פארשטייט איר דאָך אלע אצינד,
דעם נימשל פארשטייט דאָך אפילע א קינד:
א טיכטיקע פרוי איז די קרוין פון איר מאן,
ווייסט איר נאָר ווען, אויב ס'איז שאָלעם פאראן.

װען ער איז א מײלעך, איז זי — א קרוין,
און טאָמער פּאַרקערט, איז אַן אומגליק — און שוין...
דעריבער װינטש איך כאָסן־קאַלע, אײַך בײדן,
די קרוין מיטן מײלעך זאָל זיך קײנמאָל ניט שײדן.
דאָס לעבן זאָל אײַך גײן,
װי איר װינטשט זיך אַלײן,
װענוימאַר אָמײן.
קלעזמער! שפּילט א װיװאַט,
און זאָל מען נאָכן כאָסן גײן.

קלעזמער שפּילן א װיװאַט. עטלעכע מאַנסבילן לאָזן זיך גײן אין צימער, װוּ דער כאָסן געפינט זיך. די כאַװערטעס אַרום דער קאַלע זינגען די אָפּשײד־ליד. מוזיק האַלט אונטער דאָס געזאַנג.

ערשטע כאַװערטע.

זיצט די קאַלע אױף איר שטול,
און די אױגן זײַנען פול, —
אונטערן דעקטוך שײַנען זײ,
פול מיט טרערן זײַנען זײ.
זאָג אונדז, קאַלע, װאָס דו װײנסט,
זאָג אונדז, קאַלע, װאָס דו מײנסט?
איז דער כאָסן װײניק שײן
צי דער ייִכעס איז געמײן?

צװײטע כאַװערטע.

ס׳איז דער כאָסן שײן און קלוג,
ס׳איז דער ייִכעס אױך גענוג.
כ׳װײס אַלײן ניט, װאָס איך װײן,
ס׳גיסן טרערן זיך אַלײן.

ערשטע כאַװערטע.

זיצט די קאַלע אױף איר שטול,
און די אױגן זײַנען פול, —
אונטערן דעקטוך שײַנען זײ,
פול מיט טרערן זײַנען זײ.
זאָג אונדז, קאַלע, װאָס דו מײנסט,
זאָג אונדז, קאַלע, װאָס דו װײנסט?

איז דער כאָסן קארג און אלט,
צי מע גיט דיך אויס מיט גוואלד?

צווייטע כאווערטע.

ס'איז דער כאָסן יונג און מילד
און ער וואָלט מיך אָפגעגילט —
כ'ווייס אליין ניט, וואָס איך וויין,
ס'גיסן טרערן זיך אליין.

עס ווערט א טויטע שטילקייט. באגלייט פון עטלעכע עלטערע און יינגערע מאנסבילן, קומט אָן דער כאָסן. די מוזיק שפילט א באדעקנס. דער כאָסן גייט צו און ווארפט ארויף אף טאָנצען דעם זיידענעם דעקטוך. פלוצעם טוט זיך די קאלע א וואקל און א פאל אף דער ערד. עס ווערט א טומל, א געלאף, א געשריי: „געכאלעשט... וואסער... אפגיך וואסער... טראָפּנס...” און צווישן אלע געשרייען דעם כאָסנס שטים.

כאָסן. די פענצטער! די פענצטער עפנט אוף! און גייט אלע, אלע ארויס. (ער נעמט זי אָן באם פולס און רייבט איר די שלייפן.)

ערשטע מעכוטענעסטע (אוועקגייענדיק). אז מע האָט אָן אייגענעם דאָקטער, איז גאָר אָן אנדער זאך.

צווייטע. ש... ש... שפילט זיך מיט א דאָקטער.

דריטע. דאכט זיך, וואָס פעלט אזא קינד, קיין איינהאָרע.

פערטע. קיינער ווייסט ניט, ווען דער שוך קוועטשט, מומינקע.

ביירעך רייסט זיך צוגיין צו טאָנצען. עסטער און כאנעלע האלטן אים אוף.

עסטער. איך בעט דיך, קום, קום אוועק פונדאנען.

ביירעך. ניין, דאָ, דאָ דארף איך זיין.

עסטער. דו טאָרסט דאָ ניט זיין. ביירעך, קום. האָב ראכמאָנעס אף איר.

ביירעך אָפּ.

ראָדל (קומט מיט א גלאָז וואסער). אז אָך און וויי איז מיר, טאָכטער מיינע.

כאָסן (גיט איר טרינקען). העלפט מיר זי אופהייבן.

ראָדל און דער כאָסן זעצן זי אוועק אפן שטול. טאָנצע עפנט אוף די אויגן.

כ אָ ס ן. נו, ווי פילט איר זיך איצט, בעסער?
ט אָ נ צ ע. דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרייט, אין די אויגן געוואָרן פינצטער, און איך האָב גענומען פאַלן, פאַלן, ווי אין א טיפן ברונעם.
כ אָ ס ן. מיט אײַך האָט עס שוין אמאָל פּאַסירט?
ר אָ ד ל. כאַס־כאָלילע, ס׳ערשטע מאָל אין לעבן...
י ע ק ע ו (קומט). אָט, אָט האָב איך געבראַכט טראָפּנס.
כ אָ ס ן. מע דאַרף שוין ניט! בעסער לאָזט זי צורו. גייט אַלע אַרויס. איר, מעכותן, אויך. (צו זײַן מוטער, וואָס קומט אָן.) לאָזט אונדז איבער אַליין.

א טומל באַם אַרײַנגאַנג.

מ ע כ ו ט אָ נ י ם. נו, נו, וואָס מאַכט די קאַלע?
— די קאַלע וואָס מאַכט?
כ אָ ס ן. מעכוטענעסטע, פאַרמאַכט דאָרטן די טיר, און זאָל זײַן שטיל.
ר אָ ד ל (אוועקגייענדיק). זע, טאָכטער מײַנע, נעם זיך אין די הענט. צײַט שטעלן די כופּע. (אָפּ).
ט אָ נ צ ע (אופשטייענדיק). העלפט מיר צוגיין צום פענצטער... כאַפּן א ביסל לופט. ס׳איז מיר זייער שווער... נאָר זאָגן מוז איך אײַך...
כ אָ ס ן. וואָס ווילט איר מיר זאָגן, טאָנצע?
ט אָ נ צ ע. אַז דערווײַל איז נאָך ניט שפּעט... איך וועל אײַך דערפאַר קיינמאָל ניט פאַרגעסן... קאָלזמאַן איך וועל לעבן, וועל איך אײַך דאַנקבאַר זײַן פאַר דעם.
כ אָ ס ן. פאַר וואָס? וואָס ציטערן בא אײַך אַזוי די ליפּן, טאָנצע?
ט אָ נ צ ע. איך האָב צו אײַך אַן איין־און־איינציקע באַקאָשע, א האַר־ציקע ביטע.
כ אָ ס ן. זינט איך קען אײַך, האָב איך פון אײַך קיין איין האַרציק וואָרט ניט געהערט. נאָר טאָן וועל איך פאַר אײַך אַלץ... קיין זאַך וועט מיר זײַן ניט שווער.
ט אָ נ צ ע. זאָגט זיך אָפּ פון מיר.
כ אָ ס ן. א מינוט פאַר דער כופּע, טאָנצע!
ט אָ נ צ ע. איך האָב אײַך וויפל מאָל געבעטן.
כ אָ ס ן. איך האָב אַלעמאָל געמיינט, איר שפּאַסט, נאָר איצט איז, דאַכט זיך, ניט די צײַט פאַר דעם.

טאָנצע. גראָד איצט איז די רעכטע צײַט זאָגן איינער דעם אנדערן דעם רײנעם עמעס... ווען, אויב ניט איצט? נאָר אויב אירווילט ניט, ווייס איך ניט, וואָס איך וועל טאָן...

כאָסן (בייז). לייגט ארויס, לייגט ארויס אלץ מיטאַמאָל... איך דאַרף, איך וויל, איך מוז וויסן אלץ ביזן סאָף.

טאָנצע. זאָגן אײַך קאָן איך זייער ווייניק: איך האָב נאָר איין האַרץ, און דאָס האַרץ האָט ליב אַן אנדערן...

כאָסן. וועמען?

טאָנצע. דעם, וואָס ווייסט עפּשער אפילע ניט דערפון...

כאָסן. נו, אויב אזוי, איז ניט שרעקלעך... ס'האָט זיך אײַך געכאָלעמט, טאָנצע... און פון א כאָלעם, אפילע פון דעם שענסטן, בלײַבט ניט מער, ווי א כאָלעם... טשע־פוכאַ... אַף מאָרגן נאָך דער כאַסענע וועט פון דעם אלעס אפילע קיין זייכער ניט בלײַבן. מעכוטענעסטע! מוטער! קומט אַרײַן.

עס גיט זיך א צעפּראַל אוף די טיר, און דער זאַל ווערט ווידער פול מיט מענטשן, וועלכע שפּאַרן זיך צו דער קאַלע.

שטימען. נו, דאַנקען גאָט, אבי אָפּגעקומען מיט שרעק. מאַזלטאָוו דיר, טאָנצע!
— אין מאַזל זאָלסטו לעבן.
— אין א גוטער, אין א מאַזלדיקער שאָ.

גרויינעם.
איצט, כאָסן־צאַד, — דעם כאָסן צו דער כופּע גרייטן.
נעמט פירט אים אַרײַן אין א כיידער א צווייטן.
מעכוטאָנים פון רעכטס און לינקס זאָלן גיין אים באַגלייטן
און קלעזמער — מיט פּויקן, און טאַצן, און פידלען, און פלייטן...
נעמט פירט אָפּ דעם כאָסן אין א באַזונדער כיידער
און גיט אים דאָרט איבער די אייביקע קליידער,
דעם טאַלעס און קיטל — צום יוים־האַדין,
ווײַל וויפל דער מענטש זאָל ניט זאָגן: קלוג איך בין —
אָנקומען מוז ער דאָך פּאָרט אַהין.

דער כאָסן און די מעכוטאָנים גייען אַרײַן צו זיך אין צימער.

אַצינד, מעכוטאָנים פון כאָסנס־צאַד און קאַלעס־צאַד, א מאַזלטאָוו־טאַנץ.

כ א ו ע ר ט ע ס.

טאנצן וועלן אלע,
אלע מיט דער קאלע,
טאנצן וועלן אלע
א מאזלטאָוו־טאנץ.

אלע גרייטן זיך צום טאנץ.

ג ר ו י נ ע ם.

די ערשטע גייט בעקאָוועד־גאָדל
א מאזלטאָוו די מוטער ראָדל.

ר אָ ד ל (טאנצט מיט דער קאלע). מאזלטאָוו דיר, טאָכטער מײַנע! (זי צעקושט זיך מיט איר.)

ג ר ו י נ ע ם.

דער מאזל זײַן זאָל נאָר א גוטער,
א טאנץ וועט גיין דעם כאָסנס מוטער.

ר י ו ו ק ע (טאנצט מיט דער קאלע). מאזלטאָוו, איך האָף צו גאָט, אז מײַן געוואָרענע טאָכטער וועט מיר פארבײַטן א געבאָרענע... מאזלטאָוו דיר!

צעקושן זיך.

ג ר ו י נ ע ם.

דער זיוועג זײַן זאָל שטארק און גאנץ,
דער קאלעס באָבע גייט א טאנץ.

די באָבע טאנצט מיט דער קאלע.

ע ר ש ט ע ב אָ ב ע. מאזלטאָוו, מײַן קינד. זאָלסט זיך עלטערן מיט דײַן מאן אין אוישער און אין קאָוועד. און איר זאָלט ביידע דערלעבן מײַנע יאָרן.

צעקושן זיך.

ג ר ו י נ ע ם.

ניט פארשטערט זאָל זײַן די פרייד, —
דעם כאָסנס באָבע טאנצן גייט.

די באָבע טאַנצט מיט דער קאַלע.

צווייטע באָבע. וואָס זאָל איך דיר ווינטשן, טאָכטער? זאָל דיר אָנקומען דאָס, וואָס דו ווינטשסט זיך אליין.

צעקושן זיך.

גרוינעם.

אַז אײַער קינד זאָל גליקלעך זײַן,
רעב יעקעוו קומט אין קאָן אַרײַן.

יעקעוו טאַנצט מיט דער קאַלע. צעקושט זיך מיט איר, און אָנשטאָט זאָגן איר עפּעס נעמט ער גלײַך ווישן זיך די אויגן.

גרוינעם.

וואָס שטייט איר, מעכוטאָנים!
וואָס האָט עס פאַר א פּאָנעם!

כאַווערטעס.

טאַנצן דאַרפן אַלע,
אַלע מיט דער קאַלע.
טאַנצן דאַרפן אַלע
א קאַראַהאָד.

אַלע טאַנצן אינאײנעם. אין ראָד רײַסט זיך אַרײַן אַן אָרעמע מומע.

גרוינעם.

שאַט, שאַט, נאָך ניט אינגאַנצן,
די מומע פרומע גייט איצט טאַנצן.

פרומע.

שפּילט, קלעזמאָרים, מיר א דומע!
כאָטש אַן אָרעמע, פאָרט א מומע.
אָרעם איז ניט גוט,
אָרעם איז ניט גוט,
לאָמיר זיך ניט שעמען
מיט אייגענעם בלוט...

טאַנצע פאַלט איר אפּן האַלדז. באַגלייט פון מאַנסבילן און פרויען, קומט אָן דער כאָסן. ראָדל זעצט אוועק די קאַלע צוריק אַף איר שטול.

גרוינעם. מעכותּנים, כאָסן־צאַד, נעמט דעם כאָסן און פירט צו דער כופּע. קלעזמער! א באַגלייטנס!

קלעזמער שפּילן. שפּילנדיק, גייט איין טייל קלעזמער ארויס נאָכן כאָסן. ביירעך, יויסעף און נאָך צווייען בלײַבן.

און איצט איז קאַלעס־צאַד געבליבן
די קאַלע גרייטן צו דער כופּע, זיבן
מאָל זי דרייען ארום כאָסן,
דער זיווּעג זאָל אַף אייביק זײַן געשלאָסן.
אוביזכוס דער מוטער סאָרע
זאָל צו איר ניט צושטיין קיין אײַנהאָרע,
אוביזכוס דער מוטער ראָכל, ריווקע און לייען
זאָל זיך מיט איר טאַטע־מאַמע און גוטע לײַט פרייען.
מעכותּעניסטע! וואָס שענער און וואָס בעסער פּוצט אויס די קאַלע,
דאָס איבעריקע — זאָל איר גאָט זײַן מעמאַלע.
אַלץ, וואָס איר פעלט, זאָל ער איר פאַרפילן...
און איצט זאָל אונדז דער שפּילפויגל א פריילעכס שפּילן...

ביירעך שפּילט ניט.

נו... נו... שפּילפויגל.
שטימען.
א...
— ניט... רעכט...
— ניט רעכט...
— צײַט גיין צו דער כופּע...

ראָדל לאָזט זיך גיין צו ביירעכן. ביירעך נאָך א קורצן יישעוו־האַדאַאַס נעמט שפּילן — פריַער שטילער, לאַנגזאַם, וואָס ווײַטער, שטאַרקער און מיט מער ברען. טאַנצע צעווייַנט זיך אַף א קאָל. עס עפנט זיך די טיר, און עס לויפט ארײַן יעשײַע און בלײַבט שטיין.

י ע ש י ע. ווייַן ניט, קאַלעניו, איך וועל ווייַנען...

א ש ט י ם. מאָשיעך! א גוטער סימען!

א צ וו ײ ט ע. סימען טאָוו און מאזלטאָוו.

א ד ר י ט ע. טרייַבט ארויס דעם מעשוגענעם! געפונען א צייַט!

א פ ע ר ט ע. פירט ארויס דעם צעדרייטן. וואָס קוקט איר אף אים!

(נעמט יעשיען בא דער האנט און וויל ארויספירן.)

ב יי ר ע ך (אויסער־זיך). קיין האנט זאָל זיך צו אים ניט צורירן! ביינער וועל איך ברעכן!

ק א ל ע ס ב אָ ב ע. קיין אָרעמאַן טרייַבט מען ניט ארויס פאר דער כופּע.

כ אָ ס נ ס ב אָ ב ע. אמאָל פלעגט מען פאר דער כאסענע מאכן א באַזונדערע סודע פאר אָרעמעלייַט.

י ע ק ע וו גייט ארויס אין צווייטן צימער.

ר אָ ד ל. זאָרגט זיך ניט, מעכוטענעסטע, זייערס, באָרעכהאשעם, גייט ניט פארלאָרן ניט פ א ר דער כאסענע, ניט נ אָ ך דער כאסענע.

יעשיע טוט זיך א זעץ אף דער ערד.

א יי נ ע ר. פארוואָס אף דער ערד?

י ע ש י ע. פאַרט נעענטער צו דער היים. (ער כאַפּט ארויס א שפּיגעלע און נעמט עס רייַבן מיטן ארבל און זאָגן מיט א ניגון.)

געלעבט האָט א יינגל — יעשיע זייַן נאָמען,
אז ער איז געבאָרן — האָט גאָט געזאָגט: אָמיין,
מאלאָכים געזונגען דעם טאָג האָבן שירע
און דאָוויד האמיילעך געשפּילט אף זייַן לירע;
מאָשיעך, וואָס זיצט א געשמידטער אין קייטן,
דעם טאָג האָט די וווּנד זייַנע אופגעהערט ווי טאָן,
די שכינע גערוט אפן קינד האָט אין וויגל,
און איצט איז געבליבן אָט דער, וואָס אין שפּיגל.

שטיל. ביירעך שפּילט.

איניינעם מיט אים אף דער וועלט איז געקומען
זייַן זיוועג באשערטער — א בלום צווישן בלומען,

פארפלאנצט איז זי אָבער, די בלום, אין א גאָרטן,
וואָס אים איז פארבאָטן ארײַנצוגיין דאָרטן,
דער טויער פארשפארט מיט אן אײַזערנעם ריגל,
א פארקן פון שטעכיקע שטיינער און ציגל.
און דער, וואָס געבענטשט איז געווען אין וויגל,
איז איצטער געבליבן אָט דער, וואָס אין שפיגל.

ביירעך שפילט.

יעקעוו (קומט אָן מיט עסנווארג). וואָס צו גאָט, איז צו גאָט...
אלע. שא... שא... רעב יעקעוו, לאָמיר שוין הערן דעם סאָף.

יעקעוו בלײַבט שטיין מיטן טעלער.

יעשיע.

די בלום האָט אף זיך דאן א ניידער גענומען:
מײַן רייעך פארגעסן זאָל זײַן צווישן בלומען.
איך וועל מיטן אייגענעם זאפט זיך פארסאמען,
אויב איך וועל ניט זײַן מיט מײַן ליבן צוזאמען!
בא וואָלקנס געבעטן זיך: נעמט פלאנצט מיך איבער!
בא ווינטן — רײַסט אויס מיך און טראָגט מיך אריבער
צו דעם, וואָס די שכינע גערוט אף זײַן וויגל,
און איצט איז געבליבן אָט דער, וואָס אין שפיגל.

אן אלגעמיינע אופרעגונג. עס קומען אָן צוריק די קלעזמער, וואָס האָבן באגלייט דעם כאָסן.

נאפטאָלע. גאָט איז מיט אײַך, מעכוטאָנים, וואָס זאמט איר זיך אזוי? דער כאָסן ווייסט דאָך ניט, וואָס איבערצוטראכטן. עס טוען אים דאָך שוין וויי די פיס שטייענדיק...

גרויינעם. כעוורע קונדייסים האָבן אים שוין געמוזט אינגאנצן באשטעקן מיט בערלעך.

שטימען. ער קאָן זיך, נעבעך, פון אָרט ניט רירן.

— אף וואָס האָט איר געדארפט ארײַנלאָזן דעם מעשוגענעם?

— גיי הייב זיך אָן מיט אן אָרעמאַן.

— וואָס זאָגט איר אָבער אפן מײַנע־לאָשן, הא?

— ניין, וואָס זאָגסטו בעסער אפן שפּילפויגל? געהערט א לאָשן: ברעכן ביינער, קלעזמער בלײַבט קלעזמער.

פאַר דער צײַט באווײַזט ראָדל אוועקשטעלן אפן שוועל א גאָלדענעם בעכער, נאָכדעם נעמט זי די קאַלע פון לינקס, יעקעוו פון רעכטס און לאָזן זיך צום ארויסגאנג. נאָך זיי אַלע מעכוטאָנים.

ר אָ ד ל (צו טאָנצעו, ווײַזנדיק אפן בעכער). טרעט אריבער, מײַן טאָכ־טער, זאָל דיר דײַן וועג זײַן אויסגעבעט מיט גאָלד.

אין טיר וואקסט אויס יעשײַע מיט צעגומענע הענט, ווי א געקרייצטער.

י ע ש ײַ ע. וווהין?! וווהין גייט איר?! דאָ איז דער כאָסן! דאָ איז ער!
ר אָ ד ל (לאָזט אָפּ טאָנצעס האנט און גייט רויִק צו צו יעשײַען). אוועק, מעשוגענער! דורכגיין לאָז! טאָנצע מײַנע גייט צו דער כופּע!

זיי גייען דורך די ערשטע, און נאָך זיי — אלע מעכוטאָנים. ביירעך בלײַבט שטיין פון איין זײַט, יעשײַע פון דער צווייטער.

פאָרהאנג

דאָס צווייטע בילד

בא כײַען אין שטוב. אלץ זאָגט איידעס וועגן דעם, אז עסטער פאָרט הײַנט אוועק. די מאשין — בא דער טיר. בא דער וואנט — א הילצערנע בעט מיט הוילע ברעטער. פּעק מיט בעטגעוואנט און פארשיידענע אנדערע פּעק. י ו י ס ע ף, ג ר ו י נ ע ם און ע ס ט ע ר ק ע — זיי פּראוועז זייער אָרעמע געזעגעניש־מאָלצײַט. אפן טיש א פלאש בראנפן. ב יי ר ע ך פארקלאפּט מיט א האק א קעסטל. יויסעף טראָגט אים אונ־טער א גלעזל בראנפן.

ב יי ר ע ך. לעכאַיִם, יויסעף, לעכאַיִם, עסטערקע. גרוינעם, נעם גיס זיך אָן און זאָג לעכאַיִם.
ג ר ו י נ ע ם. יויסעף, עמעס, אז אמעריקע איז ערגעץ אונטער דער ערד?
י ו י ס ע ף. יאָ. אז בא אײַך וועט דאָ זײַן טאָג, וועט בא אונדז אין אמעריקע זײַן נאכט.
ג ר ו י נ ע ם. קומט דאָך אויס, אויב אזוי, אז ייִדן גייען דאָרט נעבעך אום אין דער פינצטער און מיטן קאָפּ אראָפּ!

ב ײ ר ע ך. גרוינעם, אז ייִדן זאָלן גײן מיטן קאָפּ אין דער הייך, דאַרפֿן זיי לעבן ניט אונטער דער ערד, נאָר אויף דער ערד.

ג ר ו י נ ע ם (צעלאַכט זיך). וווּ זשע לעבן מיר איצטער? אויפֿן הימל?

ב ײ ר ע ך. צווישן הימל און ערד — אײנדערלופֿטן. וואָס איז מען פֿאַר א מענטש, אז מע פֿילט ניט די ערד אונטער זיך.

י ו י ס ע ף. דו מיט דײַנע געדאַנקען, ביירעך, דאַרפֿסט גאָר פֿאָרן, ווייסט וווהין?

ב ײ ר ע ך. ווידער פֿאָרן?

י ו י ס ע ף. יאָ, יאָ, קיין ערעץ־ייִסראָעל. דאָרטן וועסטו קאָנען קײַען די ערד. א סאך יונגעלײַט פֿאָרן איצט אהין.

ב ײ ר ע ך. געזונטערהייט מיט דער קאַפּאָטע... ניט פֿאַר אונדזערע ברידער... וואָס וועל איך דאָרטן טאָן? קושן די הייליקע שטיינער?

ג ר ו י נ ע ם (מיט א שפּאַס). אוי, ביירעך, ביסט דאָך גאָר אן אַפּיקויירעס, אין די הייליקע ערטער קושן ווילסטו ניט, קיין באָרד־און־פּייעס טראָגסטו ניט, מיט קריסטן ביסטו איין גוף און איין נעשאָמע, — הײַנט וואָס, פֿרעג איך, ביסטו פֿאַר א ייִד? נאָפטאָלע פּויק איז דאָך געווען גערעכט.

ב ײ ר ע ך. גרוינעם, איך וועל דיר ניט אָפּגעבן אנדרייס מינדסטן פֿינגער פֿאַר גאַנץ נאַפֿטאָלע.

עס קומט אַרײַן כ ײַ ע.

כ ײַ ע. קינדער, אָבער זאָל זײַן געגנוג צו קריגן זיך. זאָל כאָטש די לעצטע שאָ זײַן שאָלעם אין שטוב.

ב ײ ר ע ך (נעמט בא כײַען פֿון די הענט א קראַנץ מיט ציבעלעס). קינדער! וואָס־וואָס, אָבער דער מאַמעס ציבעלעס וועט איר דאָרט בא זיך אין אמעריקע ניט האָבן — א נעכטיקער טאָג. א ביסל ביטערלעך, אָבער פֿאָרט דער מאַמעס ציבעלע.

ע ס ט ע ר. אוואַדע, אוואַדע. דאָס וועלן מיר נעמען מיט זיך. קיין אמעריקע.

כ ײַ ע. דאָס האָב איך טאַקע אײַך געבראַכט, קינדער, איר זאָלט דאָרט צעטיילן די אמעריקאַנער רײַכע קרויווים. זאָלן זיי אויך פֿאַרזוכן א היגע ציבעלע.

י ו י ס ע ף. אויפֿן יאַם, זאָגט מען, איז אויך גוט א ציבעלע מיט זאַלץ. נאָר וואָס איז דאָס מיטן באַלעגאָלע? שוין לאַנג באַדאַרפֿט קומען.

עסטער. געדאַרפט אַריבערגיין, יויסעף, עפּשער האָט זיך באַ אים, אַף אונדזער מאַזל, אַ ראָד צעבראָכן.
כײַע. נאָך דער מאַשין און נאָך דער בעט האָט מען אויך צוגעזאָגט קומען, און מע קומט ניט. איך קאָן ניט זען, ווי עס שטייט באַ דער טיר.
עסטער. מאַמע, דו ווייסט, וואָס מיר האָט זיך גאָר געוואָלט פאַרן אַוועקפאָרן?
כײַע. וואָס, מײַן טאָכטער?
עסטער. אַריבערגיין צום טאַטן... אַפן הייליקן אָרט.
כײַע. געררעכט, מײַן טאָכטער, איך האָב שוין געטראַכט: זאָגן דיר, צי ניט. זאָל ער זײַן פאַר אײַך אַ גוטער בעטער. קום, איך וועל אויך גיין מיט דיר. (זי טוט אָן אַ טיכל און קלײַבט זיך גיין.)
יויסעף. און איך לויף צום באַלעגאָלע.
גרוינעם. מע דאַרף שוין אויך גיין. איך האָב נאָך הײַנט אָפּצוטאָן אַ רעכט שטיקל אַרבעט.

כײַע, עסטער, יויסעף און גרוינעם אָפּ.

ביירעך (נעמט ווידער פון ווינקל די האַק מיט אַן אָפּצווענגע. אַליין). אַז ווער ווייסט, ווי בעסער איז? עפּשער גאָר אַנטלויפן ערגעץ אין דר'ערד אַפן דעק, אין אַמעריקע — מײַנע אויגן זאָלן דאָס ניט זען. וואָס זאָל איך אָבער טאָן, אַז אָן דיר, טאַנצע, לעבן קאָן איך ניט... אַז איך באַגעגן דיך, ווערט מיר טאַקע ענג די גאַס, אָבער אַז איך וועל דיך ניט קאָנען באַגעגענען, וועט דאָך מיר זײַן ענג די גאַנצע וועלט.

עס עפנט זיך האַסטיק די טיר, און עס לויפט אַרײַן כאַנעלע.

וואָס איז מיט דיר, כאַנעלע, קום וואָס דו כאַפּסט דעם אָטעם.
כאַנעלע. אוי, ביירעך, אַ גרויסער בראָך האָט מיך געטראָפן.
ביירעך. שרעק מיך ניט, זאָג גיכער וואָס.
כאַנעלע. דער טאַטע... יאָגט זיך נאָך מיר, ער האָט מיך געוואָלט דערהאַרגענען.
ביירעך. וועמען — דיך? פאַרוואָס?
כאַנעלע. אַ בריוו...
ביירעך. פון אַנדרייען?
כאַנעלע. אַרײַנגעפאַלן דעם טאַטן אין די הענט. באַהאַלט מיך ערגעץ, ביירעך.

ב יי ר ע ך (נעמט זי ארום און דריקט צו איר קאָפּ צו זײַן ברוסט). אָבער גענוג, בארויִק זיך, דערציייל מיט א טאָלק, פונוואנען איז דער בריוו.

כ א נ ע ל ע. פון פעטערבורג... ער רופט מיך אהין. דיר שרײַבט ער אויך.

ב יי ר ע ך. און דער בריוו איז ווו?

נ א פ ט אָ ל ע (לויפט ארײַן). ווו איז זי, די מעשומיידעסטע, מיימעסן ווער איך זי, דעם קאָפּ אראָפּנעמען! (ער בייגט זיך אָן און כאפּט די האק, וואָס ביירעך האָט געהאלטן.) איידער פאר דעם שווארציאָר, בעסער פאר דעם מאלכאמאָוועס! (ער גייט צו צו ביירעכן.) וואָס האָסטו זי ארומגע־נומען? באהאלטסט זי פון מיר. וועמעס טאָכטער איז זי? דײַנע, דו האָסט זי געהאָדעוועט, דאָס ביסטו גאָר דער שאדכן אירער, דו?

ב יי ר ע ך (זייער רויִק). אײַך געפעלט ניט דער שאדכן, וועט איר אים ניט באצאָלן קיין שאדכאָנעס, דערפאר אָבער אף איר כאסענע וואָלט איך שוין יאָ געשפּילט. אזא יאָר מיר, וואָס פאר א טײַערער מענטש דער כאָסן איז.

נ א פ ט אָ ל ע. מעשומעד! זאָל מײַן נאָמען ניט הייסן נאפטאָלע, אויב דו וועסט אויסהאלטן יִדישקײַט... לאָז זי אָפּ, זאָגט מען דיר!

ב יי ר ע ך. נאפטאָלע, די האק, די האק ווײַזט אהער! אָבער טייקעף! די מינוט... נו, מיט גוטן ווילט איר ניט?

נ א פ ט אָ ל ע. ניין, זאָל זי מיר פריִער געבן א שווע, אז פון הײַנט אָן ווערט זי מיט אים אויס כאווער־לאָפּ.

ב יי ר ע ך. איר אקשנט זיך נאָך, נאפטאָלע. אנו קאָרשט, כאנעלע, טו א קוק אין פענצטער, צי עסטער גייט ניט.

כאנעלע גייט אָפּ אין א זײַט. ביירעך כאפּט אָן נאפטאָלען בא דער האנט און רײַסט ארויס די האק מיט גוואלד.

פו, פארמאטערט זיך. ווי קומט גאָר צו א יִדן אזא רעציכע? (ער זעצט אוועק נאפטאָלען אף א שטול און בלײַבט א קורצע צײַט שטיין לעבן אים. נאפטאָלע פרווּט עטלעכע מאָל אופשפּרינגען פון אָרט. ביירעך זעצט אים צוריק אוועק.) זיצט, רוט זיך אָפּ, איר סאָפּעט אזוי, ווי איר וואָלט אָפּגע־שפּילט דרײַ כאסענעס מיטאמאָל.

נ א פ ט אָ ל ע (דורך טרערן). בעסער וואָלט איך אָפּגעשפּילט איין לע־ווײַע — וואָלט איך וויסן אָן עק, א סאָף, טשאָרטעבעריי!

כ א נ ע ל ע. טאטע, דאָס וועסטו קיינמאָל ניט אָנווערן.

נ א פ ט אָ ל ע. איבער דעם גויס קושן זײַנען דיר טײַערער פֿון דעם טאַטנס טרערן — זאָל איך עס גאָר בעסער ניט דערלעבן. (ער צעוויינט זיך.)

ב יי ר ע ך. עך, נאפטאָלע, רעדסט איר דאָך גאָר נארישקײַטן אפן ניכ־טערן הארצן. (ער דערלאנגט אים א קאָס.) נעמט און לאָמיר זאָגן לעכאַים.

נאפטאָלע שטויסט אָפּ בייערכס האנט, קערט איבער דעם קאָס אף דער ערד און לויפט ארויס.

נו, וואָס ווערסטו איצטער זאָגן?

כ א נ ע ל ע. אף אים, פארשטייט זיך, איז א ראכמאָנעס.

ב יי ר ע ך. אדעראבע, ס׳איז דאָך בא דיר אין די הענט.

כ א נ ע ל ע. ביירעך, ד ו זאָלסט אזוי זאָגן!

ב יי ר ע ך. איך לאַך, כאנעלע, איך לאַך. זאָג מיר טאקע, וואָס הערט זיך דאָרטן?

כ א נ ע ל ע. פֿון נאָך דער כאסענע אָן בין איך בא זיי אין שטוב ניט געווען. איך האָב אָבער געהערט, די יונגע פאָרן אוועק קיין אויסנלאנד.

ב יי ר ע ך. וווהין?

כ א נ ע ל ע. ווו איז דאָס אויסנלאנד, ווייס איך ניט. איך האָב געהערט, מע זאָגט אויסנלאנד, זאָג איך אויך.

עס עפנט זיך די טיר, און אפן שוועל בלײַבט שטיין ט אָ נ צ ע. אין האנט בא איר א היפש פעקל. זי דערזעט כאנעלען, זי טוט אף איר א קוק דערשראָקן און פארצווייפלט.

ט אָ נ צ ע. א גוטן אָוונט.

ב יי ר ע ך (קאָן נאָך אלץ ניט קומען צו־זיך). א גוט־יאָר דיר... אײַך, טאָנצע. (ער כאפט איין שטול, א צווייטן און טראָגט איר אונטער.) זיצט, עסטערקען דארפט איר?

ט אָ נ צ ע. זי איז ניטאָ אין שטוב?

ב יי ר ע ך. ניין.

ט אָ נ צ ע. און די מוטער?

ב יי ר ע ך. אוועק מיט איר עפעס אײַנקויפן אפן וועג.

כ א נ ע ל ע. איך וועל גיין זיי א רוף טאָן. (אָפּ.)

ביירעך פארשפארט אהינטער איר די טיר.

טאַנצע. וואָס טוט איר? באַם זינען זײַט איר?
ביירעך (שפּאַרט אָפּ די טיר צוריק). זאָגט, צוליב וואָס זײַט איר געקומען?
טאַנצע. איר זעט דאָך, געבראַכט מיט זיך עסטערן אָפּן וועג.
ביירעך. און גאָר? איך האָב געהערט, איר פאָרט אויך אוועק.
טאַנצע. יאָ.
ביירעך. פאָרט ניט.
טאַנצע. איך מוז.
ביירעך. אַף אַלעמאָל?
טאַנצע. איך וואָלט וועלן קיינמאָל מער זיך ניט אומקערן. (און צע־וויינט זיך.)
ביירעך (גייט צו און טוט זי א קוש אין קאָפּ). טאַנצע...
טאַנצע (טוליעט זיך צו צו אים). איך וואָלט, דאכט זיך, אָט אזוי געבליבן זיצן דאָ.
ביירעך. איך וועל דיך ערגעץ ניט לאָזן.
טאַנצע. איר זײַט עלטער פון מיר, ביירעך, און זײַט נאָך גאָר א יינגל. איר פארשטייט ניט, — איך בין דאָך שוין א ווײַבל... מע וועט דאָך אַף מיר טײַטן מיט די פינגער — אָט גייט די, וואָס איז אנטלאָפן פונעם מאַן.
ביירעך. דאָך צו מ י ר, טאַנצע...
טאַנצע. יאָ. מע וועט טאקע זאָגן: אנטלאָפן מיט ביירעך דעם קלעז־מער.
ביירעך. טאַנצע, פארוואָס זאָגט איר אלעמאָל אזוי?
טאַנצע. ניט איך, זיי אלע ארום וועלן זאָגן.
ביירעך. זאָלן זיי זאָגן, אבי ניט איר. לאָמיר ביידע אוועקפאָרן פונ־דאנען.
טאַנצע. איך קאָן ניט.
ביירעך. וואָס זשע זײַט איר געקומען?
טאַנצע. זײַט אַף מיר ניט בייז, ביירעך. איך ווייס אליין ניט, צוליב וואָס, איך האָב אײַך אזויפיל געהאַט צו זאָגן, און מיטאמאָל איז אלץ ארויסגעפלויגן פון קאָפּ... אנטלויפן? וווּהין?
ביירעך. ווי די אויגן טראָגן. איך שווער אײַך... באַ מײַן מאמעס גע־זונט — אײַך וועט קיין זאַך ניט פעלן. (ער גייט און כאַפּט די האַק.) איר זעט, איך האָב געזונטע הענט: האקן האָלץ וועל איך, שלעפּן וואסער, גראָבן

ערד, שפּילן... שפּילן אַזוי, אַז פֿון שטעטל צו שטעטל, פֿון שטאָט צו שטאָט זאָל מען איבערגעבן: דער שפּילפֿויגל פֿאַרט און מיט אים זײַן טאַנצע — אַ קאָוועד זאָל זײַן פֿאַר זיי אַ קוק צו טאָן אױף דיר.

ט אַ נ צ ע. און אַלעמאָל וועט איר טראַכטן אַזוי?

ב יי ר ע ך. ביז די פֿידל וועט ניט אַרויספֿאַלן פֿון די הענט.

ט אַ נ צ ע. און פֿון וואָס וועלן מיר לעבן, ביירעך?

ב יי ר ע ך (פֿאַרלאָרן). וואָס הייסט? איך וועל דאָך שפּילן...

ט אַ נ צ ע. אַלץ אױף כאַסענעס?

ב יי ר ע ך. גלײַך נאָך יאָמטעוו פֿאָר איך אַוועק לערנען... אין פּעטערבורג.

ט אַ נ צ ע. אין פּעטערבורג? און וווּ וועט איר דאָרט זײַן?

ב יי ר ע ך. בײַ אַנדריייען.

ט אַ נ צ ע. באַהאַלטענערהייט?

ב יי ר ע ך. ער האָט אויך אַמאָל ניט וווּ צו זײַן, וועלן מיר זײַן אײנײנעם.

ט אַ נ צ ע. און אַז מע וועט אײַך כאַפּן און אַרויסטרײַבן?

ב יי ר ע ך. וועל איך נאָכאַמאָל קומען.

ט אַ נ צ ע. און אַזוי די גאַנצע צײַט?

ב יי ר ע ך. ביז מע וועט ניט צעברעכן די זאַלן, הערנדיק, ווי איך שפּיל.

ט אַ נ צ ע. און דעמאָלט וועט איר אויך געדענקען וועגן מיר?

ב יי ר ע ך. אַז איך וועל זיך לייגן שלאָפֿן אױף דער ערד אַ הונגעריקער, אַ פֿאַרפֿראָרענער און וועל דיך דערזען, כאָטש אין כאָלעם, וועל איך זיך צעשמייכלען אַ גליקלעכער, און אַז דער זאַל וועט דונערן פֿון פּאַטשערײַ, — וועל איך אויך צווישן אַלעמען זוכן ד י ך.

זיי כאַפּן זיך אַרום און באַהעפֿטן זיך אין אַ לאַנגדויערנדיקן קוש און באַמערקן ניט, ווי אױפֿן שוועל וואַקסט אויס ר אָ ד ל. ראָדל גייט צו אומבאַמערקט און לאָזט אַראָפּ טאַנצען אַ פֿײַערדיקן פּאַטש. ביירעך און טאַנצע בלײַבן שטיין, ווי געליימטע.

ר אָ ד ל. קלעזמערוק! דו פֿאַרשטייסט כאָטש, אַז דעם פּאַטש האָב איך געגעבן ד י ר.

ב יי ר ע ך. אַוואַדע, אַוואַדע מיר.

ראָדל נעמט אָן טאַנצען בײַ דער האַנט.

ביירעך (שטעלט זיך אוועק צווישן טאַנצען און איר). **זי וועט ער־גערן ניט גיין!**

ראָדל (פארמעסט זיך אף ביירעכן). **און דאָס איז איר.**

ביירעך (כאפט זי בא דער האנט). **אויב איר וועט גלייך ניט אוועק מיט גוטן, וועט מען אייך באלד ארויסטראָגן.**

ראָדל. וואָס? קלעזמערוק!

ביירעך. אייער גליק, וואָס איר זייט טאַנצעס מאמע, איך וואָלט אייך דאָ באלד אָפּגעשפּילט א כאסענע!

ראָדל. קלעזמערוק! קאטאָרזשניק! ארעשטעווען וועל איך דיך, דיין סליאד זאָל דאָ אין שטאָט ניט זיין. אויסרייסן וועל איך אייך אלעמען פונדאנען מיטן וואָרצל.

טאַנצע. מאמע! עס וועט דיר ניט העלפן. אהיים וועל איך ניט גיין.

ראָדל. אויסוואָרף! ווען זאָגסטו עס? דער מאמען דיינער! איך האָב גאָרניט געהערט, טאַנצע!

ביירעך. גוט, גוט, טאַנצע.

ראָדל (כאפט זיך פארן הארצן). **אוי, קלאפירן וועל איך!** (און טוט א פאל אפן שטול.) **א דונער האָט מיך דערשלאָגן!**

טאַנצע. מאמע!

ראָדל (א צעבראָכענע). **אף וואָס האָב איך דיך געדארפט האָבן אף דער וועלט. בעסער וואָלסטו בא מיר אויסגערונען אין בויך.** (פּלוצעם גיט זי זיך א שטעל אוף.) **קום, קום, טאַנצע, אויב דו ווילסט ניט פארשווארצט ווערן אף דער־וועלט... און אף יענער־וועלט... פאר ניט הערן טאטע־מאמע שווייגט ניט גאָט... פארגעס ניט, אז דו האָסט שוין א מאן...**

טאַנצע לאָזט זיך גיין.

ביירעך. דו גייסט אוועק, טאַנצע?

טאַנצע (אפן שוועל). **פארגעס מיך ניט, ביירעך...**(און גייט ארויס.)

ביירעך. אויב איך וועל נאָר לעבן, וועסטו זיין מיינע... (א רעגע בלייבט ער שטיין, נאָכדעם לויפט ער צו צום פענצטער.) **טאַנצע, מע האָט דיך בא מיר צוגענומען.**

פונוויטן דערהערט זיך מוזיק. די קאפעלע דערנעענטערט זיך. עס קומען יויסעף, עסטער, כייע, דער באלעגאָלע.

באלעגאָלע. א גוטן אָוונט זאָל זיך אין דיר ארייַנכאפן, ביירעך.

ביירעך שוויַגט.

וואָס שטייסטו מיר עפּעס, ווי א נעכטיקער. נעם קאָרשט פאר א ברעג די מאשינע.

ב י י ר ע ך גייט אריַין אין צווייטן צימער.

נו, וועל איך שוין נעמען אליין. מע דארף זיך צוּיַלן, אניט וועט אונדז דער פּאָיעזד אָנפּיַיפן. (ער טראָגט ארויס די מאשין.)

עס קומט אָן ג ר ו י נ ע ם און די גאנצע ק א פּ ע ל ע.

ג ר ו י נ ע ם.

אהא, אבי ס'איז נאָך דאָ די בעט,
איז נאָך ניט שפּעט.
קלעזמער! עס פאָרט פון אונדז אוועק
יויסעף קלארנעט
אין א וויַיטן וועג.
און קעדיי עס זאָל ניט ווערן איבערגעריסן
צווישן אונדז דער בונד,
איז לאָמיר אים אָפּשפּילן א זיַי־געזונט.
יויסעפן און זיַין קאַלע עסטער,
פון אלע עסטערס דער בעסטער...

ב א ל ע ג א ָ ל ע (קומט אריַין). הא, די כעוורע קלאפּערס זיַינען דאָ...
נו, אדעראבע, דערלאנגט עפּעס א רעכטעס — עס זאָל א נעם טאָן ביז אין טאטן אריַין.

נ א כ מ ע ן. ווער זשע וועט אונדז שפּילן קלארנעט אָן יויסעפן?

מ ע נ י ב א ס. די ניכפּע זאָל זי נעמען, די אמעריקע — צוליב איר וועלן מיר דאָ אלע אוועקלייגן די ציינער אף דער פּאָליצע. מע פליט, מע לויפט, ווי פון א סרייפע, און פרעג מיך בעכיירעם, וואָס? א באָכער מיט א מיידל — מע באוויַיזט נאָך ניט אָפּווישן די נאָז — אהא, מע פאָרט שוין, מע פליט...

נ א כ מ ע ן. מע זאָגט, ס'איז דאָרט אָן אויסכאפּעניש אף שיינע מיידלעך. טאקע עמעס?

פּ יַ י ט ל. וואָס זשע פאָרן אהינצו די מיַיעסע?

ה י ר ש ע ל ע. וויַיל אין אמעריקע, זאָגט מען, איז קיין זאך ניט מיַיעס.

ב א ל ע ג א ָ ל ע. מאָלאָדיעץ, הירשל, מאָלאָדיעץ. מיר וועלן, דאכט זיך,

אלע דארפן פארקויפן די פּאַטרעכעס און זיך אוועקשלעפּן אהין — ס׳איז שוין דאָ ניטאָ באלד וועמען צו פירן.

מ ע נ י ־ ב א ס. זאָל איך אזוי געזונט זײַן, אז דאָס איז נאָר א מעשוגאַס, אן אײַנריידעניש. זעט איר דאָך, אז ביירעך וויל ניט, פאָרט ער ניט. פאר־טיקע שיפסקארטעס אָפּגעשיקט צוריק.

ג ר ו י נ ע ם. פארוואָס ביירעך פאָרט ניט, וועט איר ניט פארשטיין. אָט, דאכט זיך, אזוי איז וואָס? ביירעך, ביירעכקע שפּילפויגל. אָבער אָט וועט איר זען, וואָס מיט אים וועט זיך אָפּטאָן אין א צוויי־דרײַ יאָר ארום.

ה י ר ש ע ל ע. אײַ וועט ער סמאַליען א וועלט!

ג ר ו י נ ע ם. מיר זײַנען אף אים גאָר קיין מעווינים ניט.

נ א כ מ ע ן. טאקע עמעס, אז ער פאָרט אוועק אזש קיין פעטערבורג? טאקע עמעס?

פ ײַ ט ל. אָט וועט איר זען, אין צוויי־דרײַ יאָר ארום וועט ער אפילע ניט וועלן ריידן מיט אונדז, ניט נאָר שפּילן.

ג ר ו י נ ע ם. שויטע בען פיקהאָלץ! קענסטו ניט ביירעכן! איר ווייסט, ווער ביירעך איז? ניין, איך שווער אײַך בא מײַן יידישקײַט, אז איר ווייסט ניט. איר הייבט אים אפילע ניט אָן צו קענען! זינט גאָט האנדלט מיט קלעז־מער, איז נאָך אזא קלעזמער ניט געווען...

פון צווייטן צימער דערהערט זיך ביירעכס שפּילן, אלע בלײַבן אָפּהענטיק. כײַע און עסטער בלײַבן זיצן בא די פּעק. דער באלעגאָלע האלט ניט אויס און נעמט מיטן ארבל ווישן די אויגן.

קלעזמער!

קלעזמער שפּילן א מארש. עס ווערט לעבעדיקער. דער באלעגאָלע קריכט ארײַן אינווייניק און נעמט די לײדיקע בעט מיט ביידע הענט און טראָגט מיט שוועריקײַט ארויס.

זעסט, זי וויל ניט ארויסגיין, די בעט.

כ ײַ ע. אף אָט דער בעט האָב איך זיי ביידן געהאט און אויסגעהאָדע־וועט. און אלעמאָל אין דאכקעס, אין... אָרעמקײַט, און איצטער... (וויינט.)

ב י י ר ע ך (קומט ארײַן). מאמע, וויין ניט! (און צעוויינט זיך אליין.)

ב א ל ע ג א ָ ל ע. נו, נו, גענוג מאכן מאכזאָקעס, גיט א קוש די מעזוזע און לאָמיר פאָרן.

מע נעמט זיך פאַר די פּעק.

כ ײַ ע. זעצט זיך צו, קינדער, פאַר אַזאַ װײַטן װעג.

יױסעף און עסטער זעצן זיך.

איר האָט דאָ גאָרניט פאַרגעסן? גאָרניט ניט געלאָזן?
ע ס ט ע ר. דיך, מאַמע! (און פאַלט איר אױפֿן האַלדז.)

יױסעף צעקושט זיך מיט בײרעכן, דערנאָך מיט כײַען. ב ײ ר ע ך, י ו י ס ע ף און ע ס ט ע ר גײען אַרױס. פונדערװײַטנס הערט זיך דאָס שפּילן פון דער קאַפּעלע. עסטער װיל זיך אומקוקן נאָכאַמאָל אױף דער לײדיק געבליבענער שטוב.

כ ײַ ע. טאָכטער מײַנע, אומקוקן זיך אױף צוריק טאָר מען ניט.

אַלע גײען אַרױס. אַ קורצע װײַלע איז די שטוב פּוסט. י ע ש י ע קומט אַרײַן, קוקט זיך אַרום און גײט אַרײַן אין צװײטן צימער. כ ײַ ע קומט אָן און בלײַבט שטײן אױפֿן שװעל, דער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן בײַשטידל פון טיר. י ע ש י ע באַװײַזט זיך. כײַע באַמערקט אים ניט. ער גײט צו צו איר אױף די שפּיץ פינגער.

י ע ש י ע. מאַמע, װײן ניט. איך װעל װײנען פאַר אַלעמען... פאַר אַלע־מען װײנען װעל איך, יעשיע.

סאָף פון צװײטן אַקט

דריטער אקט

דאָס ערשטע בילד

פעטערבורג. בא וואלעריאַן פעטראָוויטשן אין שטוב. דער טיש געגרייט מיט שפּײַז און ווײַן. אף דער וואנט — עטלעכע פּאָרטרעטן: פּושקין, נעקראַסאָוו, בעטהאָווען. בא דער וואנט — א דיוואן מיט הארטע קישעלעך אָנשטאָט א וועגטל. באם פענצטער — א ראָיאַל. דערבײַ אן עטאַזשערקע מיט ביכער און נאָטן. וואלעריאַן פּעטראָוויטש — אן אלטיטשקער מיט מילך־ווײַסע האָר (פּריזער אין א סאַמעטענעם פּידזשאַקל, דערנאָך אין א שווארצן סורטוק) — פּאָרעט זיך באם טיש. ציילט און שטעלט איבער די טעלער פון איין אָרט אפן צווייטן, ווי ער וואָלט זוכן א פּאַסיק אָרט פאר זייער א געהויבענעם גאַסט. יעדעס מאָל, וואָס ער דארף זיך אײַנקוקן, כאַפּט ער אראָפּ די ברילן.

פּראָפעסאָר. אָלינקאָ! אָלינקאָ! אנו, נו, קום אהער.

עס קומט אָן אָלגא אין א לאַנגן שווארצן קלייד מיט א הויכן קאָלנער, די האָר פארבאָרשטן גלאַט מיט א גלײַכן שרונט אינמיטן.

איז וואָס זאָגסטו, הא? דער זאל האָט זיך געבראָכן? זיבן מאָל ארויסגערופן! א... א... אָט דאָס הייסט א טריומף! די בעסטע קאַריערע! גוט, גוט, וואָס איך בין ניט געגאנגען! — מײַן הארץ וואָלט עס גאָרניט אויסגעהאלטן, דער־פאר האָב איך אלץ דאָ צוגעגרייט... זאָג, אָלינקא, זאָג: וואלעריאַן פּעטראָ־וויטש, איר זײַט א מאָלאָדיעץ...

אָלגא (טוט אים א קוש אין שטערן). און די געסט דײַנע שפּעטיקן זיך, פּאַפּאַ.

פּראָפעסאָר. ניט פֿײַן פֿון זײַער זײַט.

אָלגא. איך שטעל זיך פֿאָר, וואָס עס וועט זיך אָפּטאָן מיט אונדזער יונגן מאַעסטראָ, ווען ער וועט דאָ טרעפֿן אַזױפֿיל געהױבענע געסט... אַז ער איז אַרױס שפּילן, פּאַפּאַ, האָט באַ אים פֿון די אױגן געשפּריצט פֿײַער.

פּראָפעסאָר. אָ, טאָכטער... עפּעס צופּיל קוקסטו זיך צו צו אים... (ער דראָעט איר מיטן פֿינגער.) מאַכט ניט אױס... מאַכט ניט אױס... ער איז אַ גרױסער מוזיקאַנט... זײַער אַ מוזיקאַליש פֿאָלק...

אָלגא. געפֿינסט אָבער ניט, פּאַפּאַ, אַז אַ ביסל איז ער אַ װילדער — דאָס גאַנצע אופֿירן זיך, די מאַנירן...

פּראָפעסאָר. אָ, דאָס אַלץ וועט אָפּפֿאַלן, אָלינקאַ, ווי שאָלעכץ.

עס עפֿנט זיך די טיר, און עס קומען אָן סערגײ מיכײַלאָוויטש און זײַן פֿרױ סאָפֿיאַ אַנדרײעװנאַ. זי טראָגט אַ גרױסן בוקעט בלומען.

סאָפֿיאַ אַנדרײעװנאַ. אַ גוטן אָװנט, װאַלעריאַן פּעטראָװיטש, אָלינקאַ.

פּראָפעסאָר. אַ גוטן אָוונט, סערגײ מיכײַלאָוויטש, סאָפֿיאַ אַנדרײעוו־נאַ. (ער קושט איר די האַנט.)

סאָפֿיאַ אַנדרײעװנאַ. דאָס איז אײַך, פּראָפעסאָר. (גיט אים איבער דעם בוקעט.) פֿאַר אײַער אַרבעט, וואָס האָט געגעבן אַזעלכע פּרוכט...

פּראָפעסאָר. אַ דאַנק, אַ דאַנק, סאָפֿיאַ אַנדרײעװנאַ. (ער נעמט אַראָפּ די שפּאַקולן און װישט זײ אױס.) פֿאַר די לעצטע דרײַ צענדליק יאָר האָב איך נאָך אַזאַ שילער ניט געהאַט. האַ, מיכײַלאָוויטש, וואָס זאָגט עפּעס די קריטיק אױף אונדזער באַריס לוואָוויטש?

סאָפֿיאַ אַנדרײעװנאַ און אָלגא גײען אַרײַן אין צווייטן צימער.

סערגײ מיכײַלאָוויטש. די קריטיק זאָגט, אַז דאָס איז אַ בריי־ליאַנט, וואָס איר, וואַלעריאַן פּעטראָוויטש, האָט אױפֿגעהױבן פֿונעם מיסט.

פּראָפעסאָר. אַזאַ קאָפּשווינדלענדיקע קאַריערע, האַ, סערגײ מי־כײַלאָוויטש! וואָס איך האָב אָבער געהאַט אױסצושטײן פֿונעם גראָדאָנאָ־טשאַלניק, ביז מע האָט דעם קאָנצערט דערלױבט. (ווײַזט אױף די פֿינגער.) דרײַ מאָל געשריבן — איך און מײַנע גוטפֿרײַנט — מיט גוואַלד, מיט גוואַלד אַרױסגעריסן. און אַז אַלץ איז שױן געווען פֿאַרטיק, האָט זיך באַ־ריס לוואָוויטש אָפּגעזאָגט פֿונעם קאָנצערט. אַזאַ באַציִונג, זאָגט ער, באַליי־

דיקט אים א סאך מער, ווי דאָס, וואָס ער דארף אלע וואָך זוכן אן אנדער נאכטלעגער.

סערגיי מיכײַלאָוויטש. איך פארשטיי, ער טאָר זיך אָבער דאָך ניט געפינען אין פעטערבורג.

פּראָפעסאָר (טוט א מאך מיט דער האנט). אה... (באווײַזט מיטן פינגער.) אף איין מאָנאט קוים אויסגעבעטן צוליבן קאָנצערט.

אָלגא (ארײַנקומענדיק). פּאפּא, דער הער דיריזשאָר וועט אויך קו־מען?

פּראָפעסאָר. יאָ, יאָ, אָלינקא, ער האָט צוגעזאָגט.

עס עפנט זיך די טיר, און עס קומט ארײַן ביירעך אין א שווארצן פראק מיט א פידל אין א שייד. אלע באגעגענען אים מיט א בראוואָ־פּאטשערײַ.

פּראָפעסאָר. מיר גראטולירן אונדזער מאעסטראָ מיט זײַן קאָפּ־שווינדלענדיקן טריומף!

אלע. בראוואָ, בראוואָ!

ביירעך. איך דאנק אײַך פון טיפן הארצן, פּראָפעסאָר.

זיי כאפּן זיך ארום און צעקושן זיך.
סערגיי מיכײַלאָוויטש דריקט די האנט ביירעכן.

סאָפיא אנדרייעוונא. מײַנע בעסטע ווונטשן... פידלער זײַנען מײַן שוואכקײַט.

ביירעך קושט איר די האנט.

אָלגא (צו ביירעכן). איר האָט היינט געשפּילט אויסערגעוויינלעך, באָריס.

ביירעך. ניין, ניין, איך וואָלט ניט געזאָגט.

אָלגא. איר זײַט דאָך מיט זיך קיינמאָל ניט צופרידן.

ביירעך. אָלגא וואלעריאנאָוונא, אז איך וועל זײַן צופרידן מיט זיך, וועט איר מיט מיר זײַן ניט צופרידן.

עס קומט אָן דער דיריזשאָר און א זינגערין פון טעאטער.

פּראָפעסאָר. מײַנע ליבע געסט, זײַט באקאנט. אונדזער בארימטער דיריזשאָר לעוו אלעקסאנדראָוויטש, נאטאליא סעמיאָנאָוונא — אונדזער פּרעכטיקע ארטיסטן, אונדזער אופגייענדיקער שטערן — באָריס לוואָוויטש.

זיי גריסן זיך.

דיריזשאָר. א, סאָפיא אנדרייעווגא, שוין א צײַט איך ניט געזען. (ער קושט איר די האַנט.)

עס קומט אַן יעווסיי גריגאָריעוויטש.

יעווסיי גריגאָריעוויטש. גוטן אָוונט, א גוטן אָוונט, מײַנע הערן. (גריסט זיך מיט אַלעמען.)

דיריזשאָר. גוטן אָוונט... יעווסיי גריגאָריעוויטש! וואָס וועט איר זאָגן אף אונדזער נײַעם שטערן?

יעווסיי גריגאָריעוויטש. איך? דאָס אייגענע, וואָס אלע, ווײַל... פריִער פאר אלץ, הער דיריזשאָר, בין איך א מוזיקאַנט, און מוזיק איז אויסער יעדער נאַציע, אַזוי ווי וואַסער און לופט, ליכט און פינצטערניש.

סערגיי מיכײַלאָוויטש. איר זײַט ניט גערעכט, יעווסיי גריגאָריעוויטש, ניט גערעכט! קיין געביט פון קונסט לעבט ניט אין דער געשיכטע פונעם פאָלק, אַזוי ווי מוזיק. מוזיק איז דער געוויסן, די נעשאָמע פונעם פאָלק...

דיריזשאָר. ריידן אַזוי קאָן נאָר דער, וואָס האָט זיך פון איין פאָלק אָפּגעריסן און צום צווייטן ניט צוגעשטאַנען...

פּראָפעסאָר. מײַנע ליבע געסט, איר האָט פארשפעטיקט. איך בעט צום טיש... (ווי צו זיך אַליין.) שוין לאַנג ניט געהאַט אַזאַ פארגעניגן... אַלינקאַ, דו זעץ זיך דאָ.

נאַטאַליאַ סעמיאָנאָוונאַ. צו מיר, אָלגאַ וואַלעריאַנאָוונאַ, קומט זעצט זיך אַוועק דאָ, לעבן מיר.

אָלגאַ זעצט זיך אַוועק צווישן איר און דעם דיריזשאָר, בײַרעך — אַנטקעגן.

פּראָפעסאָר. סערגיי מיכײַלאָוויטש, איר זײַט א היימישער מענטש, גיסט אָן די באָקאַלן, און לאָמיר אופהייבן א טאָסט.

סערגיי מיכײַלאָוויטש. די מינוט, די מינוט. (ער גיסט אָן די גלעזער.) דעם ערשטן טאָסט לייג איך פאָר פאר דעם, בא וועמען מוזיק איז דאָס לעבן און דאָס לעבן איז מוזיק. פאר אונדזער האַרציקן וואַלעריאַן פּעטראָוויטש!

אלע. בראַוואָ, בראַוואָ!

פּראָפעסאָר. וואָס בין איך? איך בין דאָך נאָר א פּראָסטער שלײַפער פון טײַערע שטיינער.

ס ע ר ג י י מ י כ י ל אָ ו י ט ש. וואַלעריאַן פּעטראָוויטש, שלייפֿנדיק, גיט איר זיי צו אייער שיין און דערפֿון ווערן זיי נאָך טייערער.

אַלע פּאַטשן בראַוואָ.

נ א ט א ל י א ס ע מ י אָ נ אָ ו נ א. און איצט לייג איך פֿאָר אַ טאָסט פֿאַר דעם, וואָס האָט אונדז היינט אַלעמען באַצויבערט מיט זיין טאַלאַנט. (צו ביירעכן.) און דערלויבט מ י ר פּערזענלעך אייך מיין דאַנק און מיין באַוווּנדערונג. איך האָף, אַז גאָר אינגיכן וועלן מיר זען אייער נאָ־מען צווישן די הערלעכסטע מוזיקאַנטן פֿון ראַסייע.

א ל ע. בראַוואָ, בראַוואָ!

ד י ר י י ז ש אָ ר. זייער מעגלעך, זייער מעגלעך. פֿריִער גאָט, דערנאָך... מיר...

אָ ל ג א. איך טרינק פֿאַר דעם, וואָס האָט שוין ניט איין טאַ־לאַנט באַרימט געמאַכט אין ראַסייע און אין אייראָפּע, און אויף דער גאַנצער וועלט! (זי טראָגט אונטער איר באָקאַל צום דירייזשאָר.)

ס אָ פ י א א נ ד ר י י ע ו ו נ א. איך האָב אָבער זיי פֿאָרויסגעזאָגט אַזאַ גלענצנדיקע קאַריערע. (צו יעווסיי גריגאָריעוויטש.) פֿידלער זיינען מיין שוואַכקייט.

י ע ו ו ס י י ג ר י ג אָ ר י ע ו ו י ט ש. איך וויל אויך אויפֿהייבן אַ טאָסט פֿאַר וואַלעריאַן פּעטראָוויטשן, וואָס האָט מיט זיין האַרעוואַניע, מיט זיין פֿאָ־טערלעכער זאָרג געהאָלפֿן דעם יונגן, הויך טאַלאַנטירטן באָריס לוואָוויטש אַריבער פֿונעם שמאָלן וועג פֿון יידישער מוזיק אויפֿן ברייטן שליאַך פֿון דער רוסישער און אַלמענטשלעכער קונסט... און אייך, באָריס לוואָוויטש, גראַ־טוליר איך פֿון טיפֿן האַרצן און ווינטש אייך וואָס גיכער זיך באַפֿרייען פֿונעם יידישן קלעזמער, וואָס באַגלייט אייך נאָך אַמאָל... זעלטן, נאָר ס'טרעפֿט.

ב י י ר ע ך (שטייט האַסטיק אויף). דערלויבט מיר אויך עטלעכע ווער־טער.

א ל ע. ביטע, ביטע.

ב י י ר ע ך. ערשטנס, וויל איך אָפּדאַנקען פֿאַרן גרויסן קאָוועד, וואָס איר האָט מיר אַלע פֿאַרשאַפֿט ניט נאָך מיינע פֿאַרדינסטן... פֿאַר דער פֿריינטשאַפֿט און ליבלעכקייט, וואָס איך האָב באַגעגנט דאָ אין שטוב, וואָס איז מיר געוואָרן מיין צווייטע היים, באַזונדערס וואַלעריאַן פּעטראָוויטשן, וואָס האָט אוועקגעלייגט ז י י ע ר אַ סאַך מי, איך זאָל קאָנען זיצן אָט דאָ,

צווישן אײַך. האַרציק דאַנקען וויל איך אויך מײַן נאָענטסטן פֿרײַנט אָלגאַ וואַלעריאַנאָוונאַ — אָלינקאַ, אײַך... (ער דריקט איר די האַנט.) און איצט ווילט זיך מיר זאָגן עטלעכע ווערטער דעם...

סערגיי מיכײַלאָוויטש. יעווסיי גריגאָריעוויטשן...

ביירעך. יאָ, יאָ, אײַך מיין איך, אײַך, יעווסיי גריגאָריעוויטש. ס׳קאָן זײַן, אַז הערנדיק, ווי׳אַזוי איך שפּיל, דערמאָנט איר זיך, אַז איר זײַט אַמאָל אַליין געווען אַ ייִדישער קלעזמער. ס׳קאָן זײַן... נאָר מיט ייִדישער קלעז־מערײַ איז זיך גאָר ניטאָ וואָס צו שעמען. מײַן טאַטע איז געווען אַ פֿידלער, אַ פּאָשעטער קלעזמער אין דער קאַפּעלע. אַמאָל זאָגט ער צו מיר: „ביירעך, דו ווייסט, עס שטייט בא אונדז געשריבן, אַז גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט פֿאַר זעקס טעג, און ס׳איז אויסגערעכנט אַקוראַט, ווען ער האָט באַשאַפֿן די זון, די לעוואָנע, די שטערן, דעם מענטשן, דאָס מינדסטע ווערעמל, נאָר ווען ער האָט באַשאַפֿן מוזיק, אַ גאַנצע וועלט מיט מוזיק — ווייסט קיינער ניט. איז אָט... אַז איך לייג צו דעם אויער צום פֿידעלע, הער איך, ווי עס רעדט צו מיר: „דו פֿרעגסט: ווען? ווען ס׳איז באַשאַפֿן געוואָרן מוזיק? פֿריִער פֿאַר אַלץ...״ אָט האָט איר אײַך אַ פּראָסטן ייִדישן קלעז־מער. (ביירעך זעצט זיך אַוועק.)

אַלע. בראַוואָ, בראַוואָ!

פּראָפֿעסאָר. ניין, וואָס איר זאָלט ניט זאָגן, אין די טיפֿעניִשן פֿונעם פֿאָלק, פֿון יעדן פֿאָלק האָבן אַלעמאָל געלעבט און לעבן איצטער אויך וווּנדערלעכע מוזיקאַנטן, וואָס מיר דאָ ווייסן אַפֿילו ניט פֿון זיי.

דירידזשאָר. און עפּשער זייער גוט, וואָס מיר ווייסן ניט. איך בין ניט קיין ראָמאַנטיקער, ווי איר, פּראָפֿעסאָר. וואָס ווייניקער וווּנדערקינ־דער, וועלן זיי זײַן טײַערער בא דער וועלט.

סערגיי מיכײַלאָוויטש (בייז). און איך לייג פֿאָר אויסטרינקען צוויי מאָל: פֿאַר די, וואָס מיר ווייסן ניט, און פֿאַר די, וואָס מיר ווייסן. (ער טראָגט צו זײַן פֿולן קאָס צו ביירעכן.) פֿאַר אונדזער באָריס לוואָוויטשן.

אַלע ליידיקן אויס די באָקאַלן און נעמען זיך צום עסן.

אָלגאַ. באָריס לוואָוויטש, פֿאַרוואָס טרינקט איר ניט? פּאַפּאַ, ניט ער טרינקט, ניט ער עסט.

ביירעך. איך האָב זיך דערמאָנט אָן מײַן מוטער. אַז מע פֿלעגט איר זאָגן: מאַמע, פֿאַרוואָס עסטו ניט, פֿלעגט זי אַלעמאָל ענטפֿערן: איך בין שוין זאַט, מײַן קינד.

פּראָפעסאָר. נו, באָריס, איצט איז קיין צײַט ניט...
ביירעך. צו בענקען נאָך א מוטער, פּראָפעסאָר?
סאָפיא אנדרייעוונא. ווער ווייסט אָבער, צי נאָך דער מוטער? עפּשער... האָט איר געלאָזט אין דער היים עמעצן אַנדערש.
ביירעך (פאַרשעמט). סאָפיא אַנדרייעוונא, אין דער היים האָב איך אויסער דער מוטער קיינעם ניט.
סאָפיא אנדרייעוונא. און ניט אין דער היים?
סערגיי מיכײַלאָוויטש. ווייסט איר, וואָס מיר איז געקומען אפן זינען?.. לאָמיר בעטן אונדזער טײַערן באָריס לוואָוויטש שפּילן אונדז... (צו ביירעכן.) עפּעס פון אײַער אמאָליקן, היימישן רעפּערטואַר.
אָלגא. באָריס לוואָוויטש איז געוויס מיד נאָך הײַנטיקן קאָנצערט.
סאָפיא אנדרייעוונא. מיר בעטן... אַלע...
פּראָפעסאָר. איך האָב דאָך הײַנט אפן קאָנצערט ניט געקאָנט זײַן.
ביירעך. רעכט, רעכט, פּראָפעסאָר. איך וועל שפּילן. (און גייט אַרויס פון טיש.)

אָלגא זעצט זיך אוועק באַם ראָיאַל.

ביירעך. וואָס זאָל איך שפּילן, אָלגא?
אָלגא. וואָס איר ווילט.
ביירעך. עך, אָלינקא, ווען איך וואָלט איצט געקענט אויסשפּילן דאָס, וואָס איך וויל.
אָלגא. איך ווייס ניט — וואָס קאָנט איר וועלן נאָך, באָריס. דאכט זיך, הײַנט זײַט איר דער גליקלעכסטער מענטש אף דער וועלט...
ביירעך. ס'קאָן זייער זײַן, נאָר איך אליין ווייס נאָך ניט דערפון.
אָלגא. און דער קאָנצערט? דער דיריזשאָר האָט דאָך געזאָגט, אז...
ביירעך. דאָס האַרץ דאַרף מיר זאָגן, אָלינקא.
אָלגא. איך פאַרשטיי אײַך ניט.
סאָפיא אנדרייעוונא (קומט צו). איר האָט זיך שוין אָנגערעדט, יונגעלײַט?
אָלגא. באָריס לוואָוויטש איז עפּעס ניט צופרידן.
ביירעך. זייער, זייער צופרידן, אָלינקא, מיט אײַך, מיט אײַער פאָטער און מיט דער גאַנצער שטוב אײַערער... איך וואָלט נאָר וועלן, נאָך עמעצער זאָל זײַן דערבײַ.
אָלגא. ווער?

עס גייען צו נאטאליא סעמיאָנאָוונא, סערגיי מיכײַלאָוויטש און יעווסיי גריגאָריעוויטש.

יעווסיי גריגאָריעוויטש. מיר ווארטן, באָריס לוואָוויטש...

ביירעך נעמט זיך פאר דער פידל. פונעם צווייטן צימער קומען אָן זאלבעצווייט וואלעריאן פעטראָוויטש און דער דיריזשאָר. גייענדיק, פארענדיקן זיי א וויכטיקן שמועס.

דיריזשאָר. ניין, פּראָפּעסאָר, איך מיין, מע דארף אים זאָגן גלײַך.

עס ווערט שטיל. ביירעך שפּילט: „ווען איך וואָלט האָבן א גאָלדענעם קויק, וואָלט איך צו דיר קײַקלען". אָלגא שטייט מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. סאָפיא אנדרייעוונא און נאטאליא סעמיאָנאָוונא קוקן זיך איבער. אז ער פארענדיקט, גייט צו צו אים דער ערשטער וואלעריאן פעטראָוויטש און טוט אים א קוש. אלע דריקן אים די האנט. אן אלגעמיינע פריידיקע אופרעגונג. דער דיריזשאָר נעמט ביירעכן אונטערן אָרעם און פירט אים אָפּ אין א זײַט. שטיל. אלע שטעלן זיך פאָר די וויכטיקײַט פונעם שמועס און לאָזן זיי איבער אליין. זיי שפּירן אָבער נאָך פונדערווײַטנס. דער דיריזשאָר זעצט זיך אוועק אפן שטול אפן פאָדערגרונט. ביירעך בלײַבט שטיין.

דיריזשאָר. באָריס לוואָוויטש, ביטע.

ביירעך זעצט זיך אוועק. זייער אָנגעשטרענגט.

מײַן יונגער פרײַנט, איך מיין, אײַך... איז באוווּסט, אז די לעצטע צײַט האָט אײַער שפּילן ארויסגערופן גרויס אינטערעס בא די בעסטע פאָרשטייער פון דער רוסישער מוזיק, די קריטיק רופט זיך אָפּ וועגן אײַך זייער הויך, באזונדערס אײַער הײַנטיקער קאָנצערט האָט מיך אליין אויך איבערצײַגט, אז מיר וועלן מיט אײַך מאכן א גרויסע... א גראנדיעזע קאריערע. גאנץ פעטערבורג וועט שטיין אפן קאָפּ. יעדער אונדזער קאָנצערט וועט זײַן א געשעעניש... מיט אומגעדולד, מיט הארצקלאפּעניש וועט מען ווארטן אף אונדזערע קאָנצערטן...

ביירעך. איך דאנק אײַך פון טיפן הארצן. גלייבט מיר, אלץ איז אזוי אומגעריכט.

דיריזשאָר. איז אָט, באָריס לוואָוויטש, פאר אײַך זאָל ניט זײַן אומגעריכט נאָך א זאך, מוז איך אײַך וואָרענען...

ביירעך. אז וואָס?

דיריזשאָר. שרעקט זיך ניט, מײַן פרײַנט, א קלייניקײַט. (צעלאכט זיך.) א צעטל, אז פון הײַנט אָן זײַט איר שוין אן אָרנטלעכער קריסט...

ב י י ר ע ך (קוקט אף אים דערשטוינט). וואַלעריאַן פּעטראָוויטש! פּראָ־פעסאָר!

אלע קומען אַן.

פּראָפעסאָר, מאָרגן פאָר איך אוועק פון סאַן־פּעטערבורג.

אָ ל ג א. באָריס...

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר. אָלינקאַ... (באוויַיזט, זי זאָל שוויַיגן.)

נ א ט א ל י א ס ע מ י אָ נ אָ ו נ א. מײַן פריַינט, דאָס איז דאָך נאָר א פּוסטע פאָרמאַליטעט.

ד י ר י י ז ש אָ ר. איך האָף, איר פאַרשטייט, אז דאָס איז ניט מ ײַ ן קאַפּ־ריז... מיר גייט זייער וויַיניק אָן, ווער איַיער זיידע איז געווען... וואָס קאָן מען אָבער טאָן? אנדערש, האָט איר דאָך אפילע קיין רעכט ניט זיַין דאָ... און אויסער דעם, אנטשולדיקט, האָב איך זיך ניט פאָרגעשטעלט, איר זאָלט ניט ווען אָפּטרעטן אָף קיין האָר פון איַיער רעליגיע.

ב י י ר ע ך. פון וועלכער רעליגיע? ווער רעדט וועגן רעליגיע? דער ט א ט ע מיַינער האָט נאָך די רעליגיע אף זיַין פידל אויסגעהויכט. מיר האָט ער שוין גאָרניט איבערגעלאָזט פון איר בעיערושע... אפילע קיין זייכער ניט... זיך אָפּזאָגן וויל איך ניט פון ז י ך, פון מיַין אייגענעם א י ך, פון ליבע מיַינער צו מיַין היים קאָן איך זיך ניט אָפּזאָגן! איך האָב מיט מיַין שפּילן געוואָלט דערציילן דער גאנצער וועלט, אז איך און מיַין פאָלק האָבן א היים, אז אונדזער היים הייסט ראַסייע, אז אפילע דריַי יאָר וואַלגערן זיך אין פּעטערבורגער הינטערגעסלעך האָבן אָף קיין האָר ניט פאַרמינערט די ליבע מיַינע צו איר. איך האָב נאָר פאַרשטאַנען, ווער שולדיק איז אין מיַין רעכטלאָזיקיַיט!

ד י ר י י ז ש אָ ר. מאַעסטראָ! פאַרגעסט ניט, ווו איר זיַיט...

פּ ר אָ פ ע ס אָ ר. לעוו אלעקסאנדראָוויטש, ער איז בא מיר אין שטוב.

ד י ר י י ז ש אָ ר (קוקט זיך ארום). און איַיער שטוב, פּראָפעסאָר, איז אין סאַן־פּעטערבורג!..

ס ע ר ג י י מ י כ ײַ ל אָ ו ו י ט ש. באָריס, איר ווייסט, ווי מיר אלע אכטן איַיך. וואַלעריאַן פּעטראָוויטש האָט פאַר די עטלעכע יאָר געטאָן פאַר איַיך מער, ווי אַן אייגענער פאָטער. ער האָט איַיך די אויגן געעפנט אף אזא ליכ־טיקער וועלט.

ב י י ר ע ך. ריכטיק. און ס'איז ניטאָ דאָס וואָרט, וואָס זאָל קאָנען אויס־

דריקן מײַנע בעסטע געפילן צו אײַך, פראָפעסאָר, און צו אײַך אלעמען... וואָס קומט אָבער ארויס דערפון, וואָס די אויגן זײַנען מיר איצט אָפן, אז די ליכטיקע וועלט נעמט מען אָפּ בא מיר... איך ווייס: אָן מײַן וואָרט „יאָ" ווענדט זיך איצט ניט נאָר מ ײַ ן לעבן, ניט נאָר מײַן גורל, נאָר אויך דאָס לעבן און דער גורל פון נאָך א מענטשן מיר ז ײ ע ר, ז ײ ע ר א נאָענטן. נאָר דער ג ע ז ע ץ, וואָס טײַט אָף מיר און זאָגט: ווילסטו זײַן לײַטן גלײַך — א מענטש, טאָרסטו ניט זײַן קײן ייִד, — אָט ד ע ר געזעץ דערלויבט מיר ניט צו זאָגן „יאָ"... גענוג! דער גוטער סטרוזש וועט מיך מער שוין ניט אויסבאהאלטן, און מיר וועט ניט אָנשטיין צו צאָלן דעם אָקאָלאָדאָטשניק א גראָשן פאר מײַן קאָפּ... סײַדן איך וועל זיך נאָכאמאָל אומקערן שפּילן אין שענק, זיך אומקערן צו דעם, פון וואָס איך האָב דאָ, אין סאַנקט־פּעטערבורג, אָנגעהויבן.

ס ע ר ג ײ מ י כ ײַ ל אָ ו ו י ט ש. בארויִקט זיך, באָריס לוואָוויטש. די גאַנצע וועלט איז דאָך פאר אײַך איצטער אָפן — אייראָפּע, אמעריקע...

ב ײ ר ע ך. אמעריקע?.. דאָס האָב איך געקאָנט און ניט געטאָן, ווען איך בין אלט געווען אכצן יאָר. (א לאנגע פּאוזע.) איך האָב זיך צוגעטוליעט צו מײַן היים, ווי צו א מאמען. און זי וויל מיך צונעמען, ווי א שטיפקינד. (ער כאַפּט די פידל.) גערעכט, אנדריי, ראסייע וועט געהאָלפן ווערן נאָר דורך

Рать подымается неисчислимая,
Сила в ней скажется несокрушимая...

(ער לאָזט זיך האסטיק צום ארויסגאנג.)

פ ר אָ פ ע ס אָ ר. באָריס!

ביירעך שטעלט זיך ניט אָפּ.

בײ־רעך!

ביירעך בלײַבט שטײן.

באָריס, אויב ראסייע דארף ד י ך ניט, דארף זי מ י ך אויך ניט!

ב ײ ר ע ך (פאלט אים אפן האלדז). פראָפעסאָר! וואלעריאן פּעטראָוויטש! א דאנק!

פאָרהאנג

דאָס צווייטע בילד

פעטערבורג. נאכט. אין א ווינקל אין שפּייז־קעלער. פארשיידענע באזוכער. בא א טישל אין א ווינקל — אַ נ ד ר ײ. ב ײ ר ע ך — אף דער עסטראַדע — פארענדיקט שפּילן. א צ וו י י ט ע ר — פארענדיקט זײַן טאַנץ. שיטערע גלײַכגילטיקע אַפּלאָדיסמענטן. דער טענצער לויפט ווידער ארויף. פארנייגט זיך; ביירעך מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ גייט צו צו אנדרייען און נעמט אין האנט א גלעזל בראַנפן. טרינקט אויס און גיסט אָן נאָך איינס.

אַ נ ד ר ײ (טוט אים א כאַפּ בא דער האַנט). **ביירעך, ביירעך, וואָס איז מיט דיר געוואָרן!**

ב ײ ר ע ך. די ערשטע עטלעכע טעג האָב איך אליין ניט געוווּסט, אף וואָסער וועלט איך בין. איך בין געווען עלנט, פארלאָרן און צעבראָכן, ווי מע וואָלט מיט א שטעקן ארויסגעקלאַפּט פון מיר אלץ, אלץ — ביז דער מאַמעס מילך. א ווייטעק איז מיר געווען און א ביזאָיען פאר דיר, פאר אָלגען, פאר וואַלעריאַן פּעטראָוויטשן — איר זײַט דאָך אויך ראַסייע.

אַ נ ד ר ײ. ניט אזוי, ביירעך, ראַסייע—דאָס זײַנען מ י ר, און זיי... אויך.

ב ײ ר ע ך. דו, אַנדריי, ווייסט דאָך, איך בין נאָך געווען א קינד, איך האָב נאָך ניט געוווּסט וואָס ראַסייע, ווען ראַסייע, איך האָב נאָך אפילע ניט פארשטאַנען, אז איך אליין לעב — געדענקסט? אין וואַלד, אז איך פלעג א געשריי טאָן: „ביירעך!", פלעגט מיר דער גאַנצער ארום באַלד ענטפערן „ביירעך", פונקט ווי דיר „אנדריי", קיין האָר ניט אַנדערש. איך האָב נאָך ניט פארשטאַנען פארוואָס, נאָר מיר איז דאָס נאָך דעמאָלט געווען שטאַרק געפעלן... און אין הארצן איז מיר געוואַקסן אזא צוגעבונדנקײַט, אזא וואַרעמקײַט צו אָט דעם אלעמען, וואָס איצטער רוף איך אָן ראַסייע... הײַנט פארוואָס, פרעג איך, איז ז י י אָט דאָס פאַלשע צעטל, וואָס איך דאַרף זיי ברענגען, טײַערער, וויכטיקער פון אלץ, וואָס לעבט אין מיר פון קינדווײַז אָן?

עס דערהערט זיך א פּליעסקערײַ, ביירעך נעמט די פידל און גייט ווידער ארויף אף דער עסטראַדע. ער הייבט אָן שפּילן. אַפּן שוועל באַווײַזט זיך אָ ל ג א.
אנדריי שטייט אויף איר אַנטקעגן, באַגריסט זיך מיט איר פונדערווײַטנס.
אָלגא גייט לאַנגזאַם צו צום טישל.

אַ נ ד ר ײ. א גוטן אָוונט, אָלגא וואַלעריאַנאָוונא.

אָ ל ג א. א גוט־אָוונט.

ב ײ ר ע ך (באַמערקט אָלגען און מיט גרויס אָנשטרענגונג זעצט ער פאָר

שפילן. פלוצעם רײַסט ער איבער אינמיטן און גייט צו צו אָלגען). **פונוואַ־נען האָט איר זיך דערוווּסט, אַז איך בין דאָ?**

אָ ל ג אַ. איך האָב אײַך עטלעכע מאָל געזען אַרײַנגיין אַהער. שוין עט־לעכע טעג, אַז עס ליגט בײַ אונדז פאַר אײַך אַ בריוו און איר באַווײַזט זיך אפילו ניט. דאַכט זיך, מיר האָבן אײַך קיין שלעכטס ניט געטאָן.

ב יי ר ע ך. וואָס רעדט איר, אָלינקאַ, נאָך אַזעלכע פרײַנט, ווי איר, האָב איך ניט. קומט, קומט, איך גיי גלײַך מיט אײַך!

אָ ל ג אַ. און דעם בריוו? איר האָט, דאַכט זיך, אױף אים שטאַרק גע־וואַרט... (זי גיט אים אָפּ דעם בריוו.)

ב יי ר ע ך (רײַסט אויף דעם בריוו, זעצט זיך אַוועק, לייענט, אַ קורצע ווײַל שטיל). **זי הייסט מיר אויך, אַנדריי...**

אָ ל ג אַ. וואָס איז געשען?

ב יי ר ע ך. גאָרניט, אָלגאַ, גאָרניט.

אַ נ ד ר יי. וואָס זשע שרײַבט זי דיר?

ב יי ר ע ך (לייענט). **„מײַן בענקשאַפט נאָך אײַך האָט מיך שוין אָנגע־הויבן שרעקן, ס'איז מיר געוואָרן שווער אויסצובאַהאַלטן, און איך האָב אים געמוזט עפענען די אויגן אויף אַלץ... איר פרעגט בײַ מיר, וואָס איר זאָלט טאָן? וואָס פאַר אַן אייצעס קאָן איך אײַך געבן. אויב צוליב אײַערע קינ־דערשע טײַנעס צו ראַסייע האָט איר פאַרגעסן אײַער אייגן גליק... איר האָט פאַרגעסן, אַז אײַער איין וואָרט „יאָ" האָט אונדז געקאָנט פאַרייניקן... און עפשער וואָלטן מיר ב יי ד ע גליקלעך געווען. מיינט ניט, אַז איך באַשול־דיק אײַך אין עפּעס. איך וועל זיך אומקערן אַהיים און שטעלן זיך אונטער דער בײַטש פון מײַן אייגענער מוטער... און איר, ביירעך, ווײַל איר זײַט מיר טײַער, בעט איך אײַך: באַטראַכט זיך, ביז עס איז נאָך ניט שפּעט. עפשער וועלן מיר זיך אַמאָל באַגעגענען... טאָנצע".** (נאָך אַ לאַנגדויערנ־דיקער פּאַוזע.) **קיינמאָל ניט! אָלינקאַ, קיין־מאָל ניט! פאַר איר בין איך נאָך אַלץ אַ קלעזמער, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון אַ רײַכן טיש. זאָגט איר, אָלגאַ וואַלעריאַנאָוונאַ, וואָס וואָלט איר געהייסן טאָן?**

אָ ל ג אַ. באָריס, דער פאָטער האָט גערעדט מיט סערגיי מיכײַלאָוויטשן, אַז אויב איר ווילט, וועט איר פאָרן אויף אַ צײַט קיין אויסלאַנד.

ב יי ר ע ך. וווּהין? צו וואָס? צוליב וועמען איצטער, אָלינקאַ?

אָ ל ג אַ (שטיל). **צוליב מיר.**

ב יי ר ע ך. אַ דאַנק, אַ האַרציקן דאַנק אײַך, אָלינקאַ, אײַך און דעם פאָטער אײַערן און סערגיי מיכײַלאָוויטשן... ביז דער לעצטער מינוט וועל

איך אײַך ניט פארגעסן, נאָר איך בעט אײַך, גיט זיי איבער אָט די עטלעכע ווערטער: געווען אמאָל א שפּילפויגל, דער שפּילפויגל האָט, פליִענדיק, זיך אָנגעשטויסן אָן א הויכן בארג, פון אָרט אים געוואָלט א ריר טאָן און ניט געקאָנט. האָט ער זיך אָן א שטיין די פליגלען צעבראָכן און געבליבן שטום אף אייביק. (ער צעוויינט זיך.)

אנדריי. נעם זיך אין די הענט, ביירעך. דער הימל אף דער ערד איז ניט געפאלן! לויפן פון ראסייע ווילסטו ניט? גערעכט! וועלן מיר גיין צו ראסייע... איך האָב דאָך דיר געזאָגט: ראסייע — דאָס זײַנען מיר... אָלגא וואלעריאנאָוונא, ריכטיק זאָג איך?

אָלגא. ריכטיק.

אנדריי. אינגיכן וועט קומען כאנעלע אהער... וועסט זײַן מיט אונדז. מיר וועלן מיט דיר ארויס אין פעלד... דו וועסט א געשריי טאָן „אָל־גאָ!" און דער גאנצער ארום וועט דיר ענטפערן „אָל־גאָ!"

אָלגא. אנדריי פעטראָוויטש, איך בין ניט זיכער...

אנדריי. אז וואָס?

אָלגא. אז באָריס וועט ניט אויסשרײַען א צווייטן נאָמען...

ביירעך. מײַן נאָמען, אָלינקא, וועל איך שוין ניט אויסשרײַען! און שפּילן, אנדריי, וועל איך אין פעלד — פאר די זאנגען, אין וואלד — פאר די פויגלען, נאָר ניט דאָ — פאר די, וואָס ווייסן שוין ניט, וואָס האָט זיי געבראכט אהער און וויאזוי ארויס פונדאנען... אנדריי. הײַנט איז מיר געוואָרן פיר און צוואנציק יאָר. אכוץ דער מאמען, ווייסט מיסטאמע מער קיינער אף דער וועלט ניט. פיר און צוואנציק יאָר! א גאנץ לעבן אָפּגע־לעבט. גענוג! איבערגענוג! (שטייט האסטיק אוף און לאָזט זיך צום ארויס־גאנג.)

אנדריי און אָלגא נאָך אים.

סאָף פון דריטן אקט

פערטער אקט

באַ כײַען אין שטוב. ב יי ר ע ך זיצט אין בעט. די מוטער לעבן אים. זי נעמט זײַן האנט און דריקט צו צו איר ברוסט.

כ ײַ ע. זון מײַנער, איך וועל טאָן אַלץ, וואָס דו באַגערסט, דו זאָלסט נאָר זײַן געזונט. אָבער וואָס האָט עס פאַר אַ פּאָנעם אינמיטנדערינען זיך אָנטאָן אין שאַבעסדיקן קלייד?

ב יי ר ע ך. אַזוי וויל איך, מאַמע.

כ ײַ ע. וויי איז מיר, דו ליגסט דאָך אַ קראַנקער.

ב יי ר ע ך. טאַקע דערפאַר, מאַמע. איך האָב דיר צוגעזאָגט, אַז דו וועסט באַ מיר זײַן אָנגעטאָן, ווי אַ באַס־מאַלקע, אין זײַדנס און אין גאָלד... און איך האָב מײַן וואָרט ניט געהאַלטן.

כ ײַ ע. איך בין דיר מויכל, מײַן זון, אַ מאַמע איז אַלץ מויכל.

ב יי ר ע ך. און אויב איך וואָלט אָפּגעטאָן אַזאַ זאַך — שמאַד, וואָלסטו מיר אויך מויכל זײַן? וואָלסטו מיך גערעכנט פאַר אַ קינד?

כ ײַ ע. איך וואָלט געריסן קריִע און זיך אָוועקגעזעצט שיווע ווי נאָך אַ טויטן. אָבער אויס קינד ווערט מען ניט. טאָג און נאַכט וועל איך דאַנקען גאָט, וואָס ער האָט דיר אַרײַנגעגעבן אין האַרצן אַ שטאַרקײַט, אַ קויעך, זאָלסט קאָנען בײַשטיין אַזאַ שווערן ניסאָיען... אָבער מיין ניט, אַז דאָס איז נאָר דײַן טקיפעס, דײַן בעריעשאַפט... דער זכוס פון יויסעף האַצאַדיק אין מיצראַיִם און דאַניִעל אין לייבן־גרוב, זייער זכוס איז דיר בײַגעשטאַנען...

דער טאטע דײַנער אין קייווער האָט מיסטאמע אויך ניט גערוט... דאָס האָב איך, זינדיקער מענטש, וועגן קיין זאך ניט געוווּסט. דאָס האַרץ האָט מיר נאָר ווי געטאָן, איך פלעג אופשטיין אינדערפרי און זאָגן זיך אליין שטי־לערהייט: ריבוינעשעלוילעם, ער איז דײַנער פּונקט ווי מײַנער, היט אים דו...

ב יי ר ע ך. און ער האָט מיך ניט אײַנגעהיט, מאמע!

כ יי ע. ביירעכקע! זון מײַנער!

ב יי ר ע ך. גיי, מאמע, טו זיך איבער.

כ יי ע. רעכט, רעכט, מײַן זון. איך וועל טאָן אַלץ, אַלץ... (זי גייט אוועק און קערט זיך אום.) ביירעך, דעם פּאַרוק זאָל איך אויך אָנטאָן?

ב יי ר ע ך. דעם גאנצן יאָמטעוו דײַנעם.

כ יי ע (אוועקגייענדיק). מיסטאמע בין איך אזוי ווערט. (זי גייט אַרײַן אין צווייטן צימער.)

ג ר ו י נ ע ם (קומט אַרײַן). א גוט־אָוונט דיר, ביירעך.

ב יי ר ע ך. א גוט־יאָר דיר, גרוינעם. קום אהער, זעץ זיך אוועק לעבן מיר, אָט דאָ. וואָס הערט מען עפּעס נײַס אין שטאָט: ווער איז געקומען, ווער איז אוועקגעפאָרן? איך ליג דאָך ווי א שײַט האָלץ און ווייס גאָרניט.

ג ר ו י נ ע ם. א דײַגע א גרויסע. זאָרג ניט, דו וועסט געזונט ווערן — וועסטו וויסן.

ב יי ר ע ך. וואָסי, דו מיינסט טאקע מיט אן עמעס, אז איך וועל אמאָל געזונט ווערן?

גרוינעם. וואָדען? צוויי זאכן פאַרשפּעטיקט מען קיינמאָל ניט.

ב יי ר ע ך. וועלכע?

ג ר ו י נ ע ם. געבאָרן ווערן און שטאַרבן.

ב יי ר ע ך. פאַרוואָס בין איך ניט געבאָרן געוואָרן שפּעטער, עפּשער וועט דעמאָלט זײַן אן אנדער וועלט — א קלעזמער וועט זײַן ניט קיין זידלוואָרט, א ייִד וועט ניט דאַרפן ארומלויפן, ווי א הונט פון איין הויף אין דעם אנדערן, זוכן א נאכטלעגער.

ג ר ו י נ ע ם. דו מיינסט, עס וועט אמאָל זײַן אזוי?

ב יי ר ע ך. עס וועט זײַן, ס׳וועט זײַן, גרוינעם. אנדריי זאָגט אויך אזוי, ס׳וועט קומען א צײַט, און ראַסייע וועט זיך אופכאַפּן פון שלאָף...

ג ר ו י נ ע ם. פון אײַער מויל אין גאָטס אויערן.

ב יי ר ע ך. אָבער מײַנע אויגן וועלן דאָס ניט זען.

ג ר ו י נ ע ם. דו וועסט נאָך אופשטיין פון בעט,ביירעך. וועסט נאָך דערלעבן אלדאָס גוטס, וועסט נאָך שפּילן אף כאַסענעס, מיר אזא יאָר.

ב יי ר ע ך. ניין, גרוינעם, איך בין ניט געגארט אין כעזשבן... די טעג מײַנע זײַנען געציילטע.

ג ר ו י נ ע ם. וועסט מיר מויכל זײַן, ביירעך, איך האָב געוואָלט בא דיר א פרעג טאָן: עפּעס זאָגט מען, אז דו האָסט זיך געפּרווט נאריש מאכן... גאָר עפּעס מײַסע־ייִנגל... סאמען זיך... און אז אָט די קרענק איז דיר טאקע געקומען פון דעם.

ב יי ר ע ך. יאָ, גרוינעם, צוויי קלעפּ מיטאמאָל איז געווען איבער מײַנע קויכעס. (און פלוצעם מיט גרויס פארביטערונג.) נאָר וואָס האָט איר דאָ מיט מיר אָפּגעטאָן פאר א שפּיצל... הא? פון כעוורע קלעזמער אויסגע־מעקט. אין שווארצן בוך פארשריבן — ביירעכקע מעשומעד... דער אלטער מאמע מײַנער אזויפיל בלוט פארגאָסן. דאָס וועל איך אײַך קיינמאָל ניט מויכל זײַן.

ג ר ו י נ ע ם. ביירעכקע, הארציקער... ניט מיר... ניט מיר... ס'איז אלץ ער, נאפּטאָלע פּויק, דאָס האָט ער אלץ אופגעטאָן, זײַן קעפּעלע... קיינעם לעבן ניט געלאָזט: אין כיירעם, אין כיירעם לאָמיר אים ארײַנלייגן, דעם מעשומעד...

ב יי ר ע ך. און קיינער פון אײַך האָט זיך פאר מיר ניט אײַנגעשטעלט?!

ג ר ו י נ ע ם. ער האָט אונדז אָפּגענארט, דעריבער בין איך טאקע הײַנט געקומען אהער צו דיר, ביירעכקע. די גאנצע קאפּעלע קלײַבט זיך קומען איבערבעטן דיך. זיי קאָנען אָבער ניט — ס'איז זיי א וויסטער ביזאָיען. נאָר אויב דו וועסט דערלויבן, — וועלן זיי אלע באלד זײַן דאָ, מיט האק און פּאק, ביירעך. זאָלן זיי קומען?

ב יי ר ע ך. זאָלן זיי.

ג ר ו י נ ע ם. און זאָל מײַן נאָמען ניט זײַן גרוינעם, אויב איך וועל הײַנט ניט אָפּטאָן אזא שפּיצל — די שטאָט וועט גיין כאָדאָראָם. (ער לאָזט זיך גיין צו דער טיר, פון צווייטן צימער קומט אָן כײַע, גרוינעם דערזעט זי אָנגעטאָן שאבעסדיק און בלײַבט שטיין.) כײַע, גאָט איז מיט אײַך, אײַנ־מיטנדערינען זיך אָנגעטאָן ווי א רעבעצן.

כ ײַ ע (בייז). און פארוואָס ניט? דאָס שטעכט נאָר סאָנים אין די אויגן: ביירעך אײַערער איז אויס ייִד, און איך זאָג אײַך בעפּראַטער, גרוינעם, און איך קאָן עס זאָגן אפילע אין שול פארן אָרנקוידעש, אז מײַן ביירעך איז א צאַדיק, א צאדיק איז ער, איר הערט? איינער פון די אָוועס. (צע־

וויינט זיך.) אויב ער איז בײַגעשטאַנען אזא זאַך... זיי זײַנען ניט ווערט אפילע זײַן נאָמען דערמאָנען.

בײַרעך. מאמע, אָבער זאָל זײַן געננוג. קום אהער צו מיר.

כײַע גייט צו צו ביירעכן, גרוינעם גייט ארויס. ביירעך נעמט זי ארום.

מאמע, דו ווייסט, דאָרטן, אין פעטערבורג, באם פראָפעסאָר אין שטוב האָב איך א סאך מאָל דערציילט וועגן דיר.

כײַע. מישטיינסגעזאָגט, זון מײַנער, וואָס פון מיר איז שוין דאָ צו דערציילן? א מאמע, ווי אלע מאמעס.

ביירעך. באם פראָפעסאָר איז דאָ א טאָכטער אָלגא... אָלינקא פלעג איך זי רופן, און זי מיך באָריס... לוואָוויטש...

כײַע. און ראָדלס טאָכטער?

ביירעך (ענטפערט ניט, און פלוצעם רופט ער זיך אָפּ, ווי צו זיך אליין). מאמע, דו געדענקסט, ווי־אזוי דער קרעמער האָט בא דיר ארויסגע־ריסן פון די הענט די ליכט?

כײַע. איך געדענק, מײַן זון, אוואדע געדענק איך.

ביירעך. און דעם פארדראָס, וואָס דו האָסט דעמאָלט געהאט, דעם צאר געדענקסטו אויך?

כײַע. דאָס, מײַן זון, האָב איך פארגעסן.

ביירעך. און איך, מאמע, האָב ניט פארגעסן... איז גיי, מאמע, און קויף אײַן א סאך, א סאך ליכט, וועסט אָנצינדן הײַנט פאר אלע שאבאָסים און יאָמטויווים, וואָס זײַנען דיר פארפינצטערט און פארשטערט געוואָרן.

כײַע. ביירעכקע, זון מײַנער... אָף וועמען וועל איך דיך לאָזן?

ביירעך. גיי, מאמע, טו עס מיר צוליב.

כײַע טוט זיך אָן.

מאמע.

כײַע. וואָס, מײַן זון?

ביירעך. וועסט גיין פארבײַ, אויב כאנעלע איז אין שטוב, זאָל זי צו מיר ארײַנגיין, זאָג איר, איך דארף איר עפּעס איבערגעבן.

כײַע. איך גיי ניט צו די נאפטאָלעס, נאָר אז דו ווילסט, וועל איך פארגיין.

ביירעך. וואָס איז זי שולדיק, מאמע?

כ ײַ ע גייט ארויס. ביירעך שטייט אוף פון בעט, וואשט זיך אײַן און גייט צו צום שפּיגל: „געווען אמאָל א שפּילפויגל״... אין טיר באווײַזט זיך ט אָ נ צ ע. ביירעך דרייט זיך אויס מיטן פּאָנעם צו דער טיר. ביידע בלײַבן אזוי שטיין פארגליווערט. ביירעך מאכט דעם ערשטן טראָט.

טאָנצע!

טאָנצע רירט זיך ניט פון אָרט.
ביירעך גייט האסטיק צו צו איר. כאפּט זי ארום און לאָזט זי א לאנגע צײַט ניט אָפּ פון זיך.

טאָנצע, דו זעסט, איך לעב! דעם טויט אפּצולאָכעס לעב איך נאָך און האָב געמיינט, דו וועסט קומען אהער, וועט מען דיר אנטקעגן לויפן אָנזאָגן די סימכע: ניטאָ, ניטאָ אים שוין אף דער וועלט, ביירעכן, ווי קיינמאָל ניט געלעבט.

ט אָ נ צ ע. וועמען מיינט איר, ביירעך? די מוטער האָט וועגן אײַך אפילע ניט דערמאָנט.

ב יי ר ע ך. איז דאָך אוואדע גוט. אָבער איצטער, טאָנצע, שוין אינ־גאנצן? אינגאנצן צו מיר? ווען ביסטו געקומען? הײַנט?

ט אָ נ צ ע. שוין עטלעכע טעג.

ב יי ר ע ך. און ביסט אפילע ניט ארײַנגעגאנגען? ווער זשע איז איצ־טער געשטאנען אין וועג?

ט אָ נ צ ע. אײַער מוטער.

ב יי ר ע ך. מײַנע?

ט אָ נ צ ע. זי האָט געבעטן ווארטן, ביז איר וועט א ביסל קומען צו־זיך.

ב יי ר ע ך. און מיר האָט קיינער גאָרניט געזאָגט. איך בין דאָך גע־זונט, געזונט, ווי א שטיין... אָבער האקן האָלץ, גראָבן ערד וועל איך שוין קיינמאָל מער ניט קאָנען. (ער באווײַזט איר די הענט זײַנע און זאָגט מיט פארביטערונג.) זעסט, טאָנצע, ביירעך שפּילפויגל איז אויסגעיידלט גע־וואָרן. (פּאוזע.) ביירעך קלעזמער האָט אפילע די פידל שוין לאנג אין די הענט ניט געהאלטן.

ט אָ נ צ ע. איר זעט נאָר ווערן אינגיכן געזונט, און דאָס איבעריקע...

ב יי ר ע ך. גערעכט, טאָנצע, מע דארף טאקע זען וואָס גיכער געזונט ווערן. מע מוז ארײַנכאפּן שפּילן וואָס מער, ווײַל ווער ווייסט, ווי לאנג עס וועט דויערן די גאנצע שפּיל.

ט אָ נ צ ע. איר זײַט שוין דאָך קימאט געזונט.

ב ײ ר ע ך. גװיס, געװיס. איך װעל זײַן געזונט, דו װעסט זײַן מיט מיר, װעסט פֿון מיר קײנמאָל ניט אַװעקגײן.

ט אָ נ צ ע. װי איר װעט נאָר קאָנען אַרױסגײן אין גאַס, װעלן מיר בײדע מיט אײַך אַװעקפֿאָרן.

ב ײ ר ע ך. זאָג „מיט דיר", זאָג כאָטש הײַנט „מיט דיר".

ט אָ נ צ ע. װעלן מיר בײדע מיט דיר אַװעקפֿאָרן װײַט. װײַט פֿונדאַנען. װוּ קײנער װײסט אונדז ניט, װוּ קײנער קען אונדז ניט.

ב ײ ר ע ך. פֿאַרװאָס? דו שעמסט זיך נאָך אַלץ מיט מיר?

טאָנצע שטײט האַסטיק אױף פֿון אָרט.

ט אָ נ צ ע. אױב דו טראַכסט, אַז איך בין נאָך אַלץ אַזאַ, װעל איך אַװעקגײן און קײנמאָל מער ניט קומען.

ב ײ ר ע ך. איך האָב טאַקע געמײנט, אַז מיר װעלן זיך מער קײנמאָל ניט באַגעגענען. איך בין שױן אַפֿילו געװען גרײט דערצו. נאָר אױב מיר האָבן זיך באַגעגנט, און ניט װי פֿרעמדע, איז הער מיך אױס. און אױב עס װעט דיר װײ טאָן, טרײסט זיך דערמיט, װאָס מער װעסטו עס פֿון מיר קײנמאָל ניט הערן.

ט אָ נ צ ע. בײרעך טײַערער, מע דאַרף איצטער װעגן קײן זאַך ניט רײדן. מיר װעלן זיך נאָך גענוג אָנרײדן װעגן אַלץ, פֿאַר אַלע יאָרן, װאָס מיר האָבן געלעבט באַזונדער. נאָר איצטער בעט איך דיך: מע דאַרף ניט, דו טאָרסט ניט, דו מוזט זײַן אינגאַנצן רויִק.

ב ײ ר ע ך. טאָנצע, נאָך אַ ביסל, און איך װעל זיך באַרויִקן... אױב צװישן אונדז איז פֿריִער געשטאַנען דאָס האַרבע, דאָס שרעקלעכע לעבן, האָט זיך איצט אַװעקגעשטעלט צװישן אונדז דער גוטער טױט.

טאָנצע צעװײנט זיך.

װײן ניט, טאָנצע... זע, װי איך בין רויִק. אַלץ װעט זײַן, װי געװען, קײן אײן שטײנדעלע װעט זיך פֿון אָרט ניט אַ ריר טאָן: װי מ י ט מיר, אַזױ אָ ן מיר... און דו מוזט זיך באַרויִקן, טאָנצע, דו װעסט נאָך לעבן לאַנג, דו ביסט דאָך אַפֿילו ייִנגער פֿאַר מיר...

ט אָ נ צ ע. הער אױף, הער אױף, בײרעך. איך װעל דאָס ניט איבערטראָגן. איך װעל זיך נעמען דאָס לעבן...

ב ײ ר ע ך. נײן, טאָנצע, דו זאָלסט אַזאַ נאַרישקײַט ניט טאָן. איך אַלײן װאָלט עס נאָכאַמאָל אױך ניט איבערגעכאַזערט.

טאַנצע. ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטן אזא אומגליק, דיר זאָלן ארוף אפן זינען אזעלכע שרעקלעכע געדאנקען? פארוואָס בין איך גלייך ניט געקומען צו פליען? ניט ענטפערן אף דיין בריוו האָב איך געדארפט, נאָר קומען און ניט אָפּלאָזן דיך פון זיך אף קיין טראָט.

ביירעך. צי וואָלסטו געקומען, ווייס איך ניט! צי וואָלסטו געקאָנט טיילן מיין לעבן מיט מיר, ווייס איך אויך ניט, נאָר דעם בריוו שרייבן וואָלסטו עפשער ניט באדארפט. אן איבעריקן טראָפּן סאם האָט דער בריוו דיינער צוגעגעבן. און איך וויל, דו זאָלסט עס וויסן.

טאַנצע. איך האָב דאָך נאָר געמיינט דיין גליק און מער גאָרניט... און וואָס וואָלסטו דאָ אָפּגעטאָן פאר אן אומרעכט? ביסט דען איינער? טויזנטער אזעלכע, און אלע לעבן, אלע זיינען גליקלעך...

ביירעך. פונוואנען ווייסטו, אז זיי זיינען גליקלעך?

טאַנצע. איך שטעל זיך פאָר, זיי לעבן דאָך.

ביירעך. נאָר לאָמיר וועגן דעם מער ניט ריידן. איצט איז ניט די צייט פאר דעם. איך האָב מוירע, עמעצער זאָל ניט אָנקומען און איך וועל ניט באווייזן זאָגן דיר דעם סאמע איקער.

טאַנצע. וואָס איז?

ביירעך. שרעק זיך ניט. וועסט באלד זען. זיי מויכל, טאַנצע, דער־לאנג מיר דעם פידזשאַק.

טאַנצע דערלאנגט אים. ביירעך טוט זיך אָן.

טאַנצע. וואָס קלייבסטו זיך טאָן, ביירעך? ווהין וילסטו גיין?

ביירעך. איך וועל שוין, טאַנצע, ערגעץ ניט גיין. איך בין שוין אויסגעגאנגען אלע מיינע וועגן. (ער נעמט ארויס פון קעשענע דאָס אָט־לעסענע שטיקל שטאָף, וואָס ער האָט אָפּגעשניטן פון טאַנצעס כופּע־קלייד.)

טאַנצע. וואָס איז דאָס?

ביירעך. דאָס איז פון מיין קאלעס כופּע־קלייד. איך האָב בא דעם געשוואָרן, אז דו וועסט זיין מיינע... און איצטער שווער דו בא דעם, אז איך האָב זיך ניט אָפּגענארט.

טאַנצע (אין פארלעגנהייט). ביירעך, וואָס דארפסטו די שווּע מיי־נע, אז איך בין דאָ לעבן דיר.

ביירעך. איצטער? אז איך בין שוין קימאט ניטאָ. ניין, איך וויל וויסן, אז אויך דעמאָלט, ווען איך האָב געלעבט, ביסטו געווען מיינע...

טאַנצע. די לעצטע צייט פלעג איך אלץ אָפּטער טראכטן, אז ליב

האסטו ניט מיך, נאר דײַן קינדערשן כאַלעם, וואָס דו האָסט א נאָמען געגעבן טאַנצע.

ב ײ ר ע ד. רייד, רייד ווײַטער. שרעק זיך ניט פארקירצן מײַן זײַן דאָ אף דער וועלט. ווייניקער, ווי מיר איז געבליבן, וועט שוין ניט ווערן. שטארק זיך און זאָג.

ט אַ נ צ ע. איך ווייס ניט פארוואָס, נאָר דאָס הארץ פלעגט מיר אמאָל זאָגן: בא דער ערשטער באגעגעניש וועלן מיר איינס דאָס אנדערע פאר־לירן און אף אייביק.

ב ײ ר ע ד. א דאנק, טאַנצע, פארן עמעס... איך האָב דאָך געשוואָרן, ביז איך וועל ל ע ב ן, וועסטו זײַן מײַנע — איצט ביסטו פרײַ. און אויב צוויי מאָל האָט דיר אויסגעפעלט קויעך אף קומען צו מיר און בלײַבן, איז זײַ איין מאָל אין לעבן שטארקער פון זיך אליין און גיי אוועק... גיי און לעב, ווײַל דאָס לעבן לאָז איך איבער פאר אלע לעבעדיקע...

טאַנצע שטייט בא דער וואנט און וויינט. עס וואלגערט זיך ארײַן ד י ג א נ צ ע ק א פ ע ל ע.

ג ר ו י נ ע ם. אָט, ביירעכקע, האָסטו דאָ אונדז אלעמען. די גאנצע קא־פעלע.

טאַנצע בלייכט זיך און לאָזט זיך צו דער טיר. אלע באגלייטן זי מיט די אויגן.

ב ײ ר ע ד. אוועקגעגאנגען...

ג ר ו י נ ע ם. און איצטער, ביירעד, ווילן מיר פאר דיר אין די אויגן זיך אָפּרעכענען מיט נאפטאָלע פויק — פאר דיר און פאר אונדז אלעמען.

מ ע נ י ב א ס. אים פון כעוורע קלעזמער אויסמעקן, דעם יזמאכ־שמויניק.

נ א כ מ ע ן. אין כיירעם ארײַנלייגן אים, און זאָל ער וויסן, נאפטאָלע פויק.

פ ײַ ט ל. ער האָט אונדז אלעמען געגנוג בלוט פארצאפּט.

ג ר ו י נ ע ם. אים אויסמעקן און ביירעכן צוריק ארײַנשרײַבן.

ב ײ ר ע ד. שטעלט אוף, שטעלט אוף, זאָל מײַן נאָמען בלײַבן: ביירעד קלעזמער.

ג ר ו י נ ע ם. אזוי זאָל טאקע בלײַבן פארשריבן: ביירעד שפּילפויגל.

ב ײ ר ע ד. אף אזויפיל כאסענעס איניינעם מיט אײַך געשפּילט. ווײַל איך הײַנט שפּילן אף מײַן אייגענער כאסענע... א כאסענע אָן א קאלע איז אויך א כאסענע. שפּילט, קלעזמער.

אלע אין א פארלעגנהייט. נעמען זיך פרווון די אינסטרומענטן. אומבאמערקט גייט אריין יעשיע און שטעלט זיך אין א ווינקל.

און מיר דערלאנגט מיין באשערטע.

גרוינעם דערלאנגט אים די פידל.

גרוינעם. און דו שעמסט זיך גארניט מיט אונדז אינייגעם שפילן?
ביירעך. מיט אייך? מיט מיין אייגן מארך און בלוט?

עס קומט אריין כאנעלע.

כאנעלע, פארוואס האסטו פון מיר אויסבאהאלטן, אז טאנצע איז געקומען? ניין, ניין, געדעכט ביסטו, אלינקא... כאנעלע, מיין איך, שרייב אנדרייען: מוחל זיין קאן איך זיך ניט, וואס איך האב ניט פארהיט מיין לעבן פאר זיך, פאר דער מאמען, פאר זיי (ער ווײַזט אף דער קאפעלע.) **שרייב אנדרייען, כאנעלע, אז ווען איך וואלט נאר געקאנט, וואלט איך איצט געגאנגען האנט בא האנט מיט אים, כאנעלע... צוויי־דריי טריט ווען איך קאן איצט מאכן, וואלט איך זיי געמאכט מיט אים, מיט אנדרייען.**
(הויך, מיט די לעצטע קויכעס.)

Рать подымается неисчислимая,
Сила в ней скажется несокрушимая...

ביז ס'וואלט אפגעמעקט זיין פון דער ערד דער הויכער בארג, וואס שטייט אין וועג טויזנטער אזעלכע, ווי איך.

כאנעלע. זיי זיכער, ביירעך, מיר וועלן אפמעקן אזוי, אז קיין זייכער וועט ניט בלייבן!

ביירעך. און וואלעריאן פעטראוויטשן און אלגען זאל ער איבערגעבן, אז ביז דער לעצטער מינוט האב איך זיי ניט פארגעסן.

כאנעלע. אויב דו ווילסט, וועל איך זיי אליין איבערגעבן. איך פאר אהין.

ביירעך. אוי, ווי איך בין דיר מעקאנע, כאנעלע! סאן־פעטערבורג! (ער נעמט אין האנט די פידל, ער הייבט אן שפילן און רײַסט איבער.) **ווו איז ערגעץ די מאמע? וואס שפילט איר ניט, קלעזמער?**

די קאפעלע שפילט ביירעכס ניגון: „ווען איך וואלט האבן א גאלדענעם קויק".

(ביירעך ליגט שטיל, און פּלוצעם שרייַט ער אויס.) **אוי, ווען איך וואָלט געקאָנט נאָכאמאָל געבאָרן ווערן!**

אין טיר באַווייַזט זיך כּ יַ ע מיט אָנגעצונדענע ליכט אין די הענט. די מוזיק ווערט איבערגעריסן. זי קוקט אַף אַלעמען און פאַרשטייט ניט, וואָס דאָ קומט פאָר. יעשיע טראָגט אונטער זייַן שפּיגעלע צו ביירעכס פּאָנעם און טוט עס גלייַך א שלייַדער אָן דער ערד. דאָס שפּיגעלע ווערט צעבראָכן.

י ע ש י ע. גרויגעם, זאָג די קלעזמער, זאָג, זיי זאָלן שפּילן... שפּיל־פויגעלעך שטארבן ניט... שפּילפויגעלעך זייַנען, ווי די זון — זי פארגייט אין מייַרעוו און גייט ווידער אוף אין מיזרעך...

סאָף

ארן
פרידמאן



פיעסע

אין דרײַ אקטן

אַנטיילנעמער

ארן פרידמאן — א געוועזענער לערער, 44 יאָר אלט.
ליאָווע — זײַן זון, א טראַקטאָריסט, 20 יאָר אלט.
ריווקע — זײַן טאָכטער, א סטודענטן, 19 יאָר אלט.
סאָרקע — די פאָרזיצערן פונעם קאָלווירט, א מיידל, 29 יאָר אלט.
סענדער — א געוועזענער קרעמער, 50 יאָר אלט.
גאָלדע — זײַן טאָכטער, א טראַקטאָריסטן, 20 יאָר.
גענריעטע — סענדערס דריטע ווײַב.
כאווע — א מעלקערן פון קאָלווירט.
זעמל — א קאָמבײַנער, 20 יאָר.
מיכל } קאָלווירטניקעס
סימכע }
בענציען — דער בוכהאלטער פון קאָלווירט.
מאמעד — א קאָלווירטניק פון א שכייניש דאָרף.
טאמאר — זײַן טאָכטער.
איבראהים — זײַן זון.

ערשטער אקט

דאָס ערשטע בילד

אָנהייב פרילינג. ערעוו דעם פּארזיי. בא ארן פרידמאַנען אין שטוב. א האַרטע אלטמאָדישע קאַנאַפּע. א קאָמאָד. אפן קאָמאָד — א קײַלעכדיקער שפּיגל. אין דער הייך, אונטער דער סטעליע, אף ברעטער, אופגעהאַנגענע אף א שטריק, — ביכער. אין שטוב — פינצטערלעך. ארן גייט ארום איבערן שטוב.

ארן. ווו האָב איך ערגעץ געקאָנט אהינטאָן די שוועבעלעך? די סטאַנציע ארבעט ניט, דער פּאַס איז צעריסן, און דו, ארן פרידמאַן, טאַפּ דערווײַל אין דער פינצטער. ליאָווקע! עפּשער האָבן זיך בא דיר פּאַרוואַלגערט א פּאָר שוועבעלעך?

קיינער ענטפערט ניט.

ליאָווקע, דו שלאָפסט? (געפינט שוועבעלעך און צינדט אָן פײַער, קוקט ארײַן אין צווייטן צימער, קערט זיך אום, דאָס לעמפּל רייכערט.) ניטאָ. וווהין האָט ער געקאָנט אוועק? (ער נעמט א טוך, שפּאַרט ארײַן אין גלאָז צוויי פינגער און רייניקט.) ווער זשע וועט עס טאָן, אויב ניט איך? מעלקן די בעהיימע איז געוויס א ווײַבערשע ארבעט, אָבער אז פרידמאַניכע איז שוין ניטאָ, איז זײַ זיך מאַטריעד, ארן פרידמאַן אליין, בייג אײַן דעם קאָפּ דער בעהיימע אונטערן בויך און מעלק. וואָס זשע? קלאַפּן טעלעגראַמעס

קיין מאָסקווע צו ריווקען? — „קום, טאָכטערל, מעלק אויס די בעהיימע״. און רופן יעדעס מאָל כאָווע די מעלקערן, בין איך ניט די ראַטנמאַכט: ווי וועל איך זיך איר אָנעמען פּרעמיעס? (טוט אָן צוריק דאָס גלאָז.) **דעריבער רייכערט טאַקע דער לאָמפּ, און ס׳איז פינצטער אין אַלע ווינ־קעלעך.**

פון דרויסן דערטראָגט זיך אַ ליד.

אין די נעכט, ווען ס׳פאַלן שטערן,
פינקלען דורך, פאַרשווינדן ווערן, —
זינגען לידער פּיאָנערן,
און דער גאַנצער סטעפּ טוט הערן...

אַ ר ן (זינגט שטילערהייט, פאַרריכטנדיק דעם קנויט, וועלכער צינדט זיך און לעשט זיך די גאַנצע צייט. פינצטער).

אין אָוונט באַם ברונעם האָב איך דיך באַגעגנט,
דאָס הארץ האָט ווידער אין מיר אופגעלעבט.

אומבאַמערקט דורך דער אָפענער טיר קומט אַריין ס אָ ר ק ע.

(זעצט פאַר.)

אַזוי ווי אַ דאָרשטיקער זאַנג נאָך אַ רעגן,
אַזוי ווי אין פרילינג דער סטעפּ...

סאָרקע צינדט אָן אַ שוועבעלע. אַרן דערשרעקט זיך, דערזעענדיק סאָרקען.

סאָרקע, דאָס ביסטו... זייער גוט, וואָס דו ביסט אַריין...

סאָרקע צינדט אָן אַרענען דעם לאָמפּ. אין שטוב ווערט ליכטיק.

זעסטו, אַז ס׳קומט אַ פריינט, ווערט ליכטיקער אין שטוב...
ס אָ ר ק ע. נו, און ענגער ווערט ניט? ליאָווע ווו איז?
אַ ר ן. ער איז נאָרוואָס פון שטוב אַרויס.
ס אָ ר ק ע. וווהין האָט ער געקאָנט גיין?
אַ ר ן. עפשער צו דער עלעקטראָסטאַנציע.
סאָרקע. איך גיי ערשט פון דאָרט. איך וואָלט דאָך אים באַגעגנט.
אַ ר ן. דאַרפסט אים זאָגן עפּעס וויכטיקס?
ס אָ ר ק ע. אַז מיר האָבן פאַרט באַשלאָסן אַרויספאָרן אין סטעפּ מאָרגן.

אַ ר ן. ניט צו פרי נאָך? עפּשער איז גערעכט געווען ליאָווע?

סאָ ר ק ע. אין קרים — צו פרי? זאָל נאָר אַ שײַן טאָן די זון — ווערט מאַרגן זומער. און וואָס שײַעך ליאָווען, איז ווען ער זאָל אפילו יאָ זײַן גערעכט, וואָלט ער אַזוי ניט געדאַרפט ריידן. גאָלדע האָט אים געמאַכט אויסצודרייען און איז געווען גערעכט. עפּעס האָט ער גערעדט גאָר אויסן וועג.

אַ ר ן. איך ווייס אָבער ניט, צי גאָלדע האָט באַדאַרפט מאַכן אים מיט דער בלאָטע גלײַך. איך מיין, אַז אַ ביסל טוט זי עס צוליב הור־הא. עפּעס אַ מין שטילער צולאָכעס קומט דאָרט פאָר. די לעצטע צײַט גייט ער אַרום, ווי אַ נעבעכטיקער, ער געפעלט מיר ניט.

סאָ ר ק ע. איז עפּשער געפעלט ער גאָלדען אויך ניט?

אַ ר ן. אַזוי? איז עפּשער קאָנסטו מיר זאָגן, פאַרוואָס?

סאָ ר ק ע. טאַקע ווײַל ער איז אַ נעבעכטיקער. דער טאַטע זײַנער, אַרן פרידמאַן, איז אַ סאַך, אַ סאַך מער אַ הײַנטיקער, ווי זײַן זון, וואָס דאַרף שוין האַיאָר גיין אין דער רויטער אַרמיי. אַ ווילער יאַט, אַ גוטער אַר־בעטער, נאָר עפּעס, ווי זאָגט איר — אַ נעבעכטיקער...

אַ ר ן. ווער ווייסט, און עפּשער — אַ מאַרגעדיקער. (מאַכט דערפון אַ שפּאַס.) און אַז איך בין יאָ אַ הײַנטיקער, וואָס קומט מיר דערפון אַרויס? מעלק איך ניט אַליין די בעהיימע? ווייסטו, סאָרקע, איך וואָלט זי שוין לאַנג אומגעקערט צוריק אין קאָלווירט, לאָזט אָבער ליאָווע ניט.

סאָ ר ק ע. זעט איר, אין דעם איז ליאָווע דאַפקע יאָ גערעכט.

אַ ר ן. פאַרוואָס? אַף וואָס דאַרף איך זי? וועט זײַן אַ באַלעבאָסטע אין שטוב, וועט אין אַ בעהיימע קיין אָפּהאַלט ניט זײַן.

סאָ ר ק ע. און עפּשער פאַרקערט? וועט זײַן אַ גוטע בעהיימע, וועט זיך געפינען אַ באַלעבאָסטע נאָך אַ בעסערע.

אַ ר ן. אַ באַלעבאָסטע, וואָס גייט צוליב דער בעהיימע, איז ניט בעסער פון דער בעהיימע. און קיין צווייי בעהיימעס דאַרף איך ניט.

סאָ ר ק ע. וואָס זשע האָט איר געוואָלט — אַזאַ, וואָס פליט אין די הימלען?

אַ ר ן. אויב אַזאַ, וואָס האָט צו טאָן מיט דער ערד, אַרט מיך אויך ניט.

סאָ ר ק ע (עטוואָס פאַרלאָרן). ליאָווקע אײַערער איז שוין באַלד אַליין אַ כאָסן. (צעלאַכט זיך.) און איר...

אַ ר ן. דו זאָגסט דאָך אַליין, אַז איך בין ייִנגער פון אים...

סאָ ר ק ע. עס רעדט זיך אַזוי...

אַ ר ן. רייד אהין, רייד אהער... אָן עק, סאָרקע, געפּעלסט מיר פּאַרט, נאָר זײַ אַף מיר ניט בייז... דו ביסט א ווייל מיידל, און מיר איז שווער אליין, ניט די באַלעבאַטישקײַט פירן, כאַלילע. ריווקע קומט נאָר אַף א כוידעש זומער, און ליאָווקע איז פון קליינוויײַז אוף — א מענטש פאר זיך.

סאָרקע וויקלט זיך אײַן אין טוך.

וואָס טוליעסטו זיך, ס׳איז דיר קאַלט?

ס אָ ר ק ע. ניט מיר, דער שטוב איז קאַלט. צוליב דער פּאַרזיצערן וואָלט איר כאָטש דעם אויוון אויסגעהייצט.

אַ ר ן. די פּאַרזיצערן האָט דאָך מיר דאָ אין קרים אָנגעגרייט ווּעלדער מיט הייצוואַרג.

ס אָ ר ק ע. קלאָגט זיך ניט, כאַווער פרידמאַן. עס וועט נאָך אײַך בלײַבן קורײַ אַף איבעראַיאָר ווינטער.

עס דערהערט זיך א קלאַפּ אין טיר. סאָרקע שטייט האסטיק אוף פונעם אָרט, ווי זי וואָלט זיך קלײַבן ארויסגיין. א קורצע פאַרלעגנהײַט.

אַ ר ן. זיץ, סאָרקע, מע איז דאָך אייגענע מענטשן. (עטוואָס העכער.) ארײַן!

עס קומט ארײַן אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר־ס ע נ ד ע ר מיט א שטעקן אין האַנט און מיט א זאַק אונטערן אָרעם.

אלעקסאנדער־סענדער!

ס ע נ ד ע ר.

דער באַרימטער איבער מעדינעס און לענדער.
א גוטער אָוונט זאָל זיך ארײַנכאַפּן אין אײַך,
די מוטער סאָרע איז דאָ... דו וועסט ווערן רײַך —
איך האָב דיך ניט דערקענט.

ס אָ ר ק ע. ער האָט שוין אָנגעהויבן מיט זײַנע גראַמען...

ס ע נ ד ע ר. עפּעס זע איך ניט ליאָווקען מיט אײַך צוזאַמען.

אַ ר ן. וואָס איז דאָס הײַנט פאַר א נאָכפרעגעניש אַף אים? ליאָווקע און ליאָווקע. הערסטו, סאָרקע, עס הייבט מיך שוין אָן צו באַומרויִקן. עפּעס איז ער ניט געוואָרן, ווי פון אונטער די הענט. א גאַנצן טאָג הײַנט זאָל מען דאָס אים הערן אויסריידן א וואָרט.

סענדער. מיסטאמע האָט ער נעכטן אָף דער פאַרזאַמלונג צופיל גערעדט. יעדער מענטשן, דאַרפט איר וויסן, איז געגעבן געוואָרן א געוויסע מאָס רייד. רעדט ער זיי אויס פריִער, פאַר דער צײַט, שטעקט ער נאָכדעם אַרויס די צונג.

ארן. און וויפל מאָס רייד איז אײַך געגעבן? איך מיין, אַז אַלע נײַן.

סענדער. נײַן, ניט נײַן, פאַר מיר וועט ווערטער סטײַען.

סאָרקע. און איר האָט זיך נעכטן גאָר ווייניק געקאָכט!

סענדער. וואָס דען? ווער האָט א כוידעש צײַט געגעבטיקט אין הוילן סטעפּ — סענדער! ווער האָט געפירט שטיינער פאַר די ערשטע הײַזער — סענדער! ווער האָט געפלאַנצט דעם ווײַנגאָרטן — סענדער! אַלץ סענדער!

ארן. פאַר וועמען, סענדער, האָט איר עס אַלץ געטאָן?

סענדער (פאַרלאָרן פון דער אומגעריכטער פראַגע). וואָס הייסט... וואָס הייסט פאַר וועמען? ניט פאַר דער רעבעצן — פאַר זיך. דאָס אייגן העמד איז נעענטער צום לײַב.

ארן. נו, און כוץ דעם אייגענעם העמד האָט איר כאָטש איין מאָל א טראַכט געטאָן וועגן עפּעס נאָך...

סענדער. וועגן וואָס?

ארן. אַז אָט, זײַנען זיך צונויפגעקומען ייִדן פון מיזרעך, פון מײַרעוו, פון דאָרעם, פון צאָפן — און ווילן פאַרפירן א נײַ לעבן אין סטעפּ. פאַרשיידענע זײַנען זיי — גוטע און שלעכטע... הימל און ערד... אַנדערש זיך געהאָדעוועט, אַנדערע טאַטעס און זיידעס געהאַט. און אָט די אַלע ייִדן דאַרפן בויען איין זאַך. וואָס זשע בינדט זיי אַלעמען צונויף?

סענדער. דאָס, וואָס אַלע זײַנען גלײַכע קאָפּצאָנים.

סאָרקע. און אַז אַלע וועלן ווערן רײַך...

סענדער. וועט יעדער סײַווי טראַכטן פאַר זיך, ווי־אַזוי ווערט מען נאָך רײַכער...

ארן. נו, און כוץ דעם בינדט אונדז קיין זאַך מער ניט צונויף?..

סענדער. סײַדן מיר זאָלן מיט דיר ווערן מעכוטאָנים — מײַן גאָלדע און דײַן ליאָווע זאָלן זיך אופּהערן שפּילן. נאָר עפּשער געפעלט דיר דער שידעך ניט?

ארן. גאָלדע געפעלט מיר שטאַרק.

סענדער. נו, און גאָלדעס טאַטע?

אָרן. לעמיי זאָל איך זאָגן.

סענדער. עפשער דערפאַר, וואָס איך זאָרג זיך נישט פאַרן קלאַל?.. אַז איך בין געקומען אַהער, האָט מיך דער קלאַל באַזאָרגט מיט אַ פערטל בעהיימע, מיט אַן עק פון אַ פערד און מיט דער פינפטער ראָד פון אַ וואָגן. אַז איך האָב אָבער אַ שפּיי געטאָן אויפן קלאַל און זיך גענומען פאַר דער קעשענע, האָב איך פאַר צוויי יאָר אָנגעלעבט צוויי בעהיימעס, און אַ פערד — דאָס שענסטע אין ראַיאָן, און ווען מע לאָזט מיך נאָר, — וואָלט איך שוין איצט געהאַט אַן אייגענע טשערעדע, סיי בעהיימעס, פערד און שעפּסן, — עפשער וואָלט איך דעמלט דיך פאַר אַ מעכוטן ניט געוואָלט.

אָרן. עפשער טאַקע דערפאַר וואָלט איך זיך אָנגעמאָסטן אַן אַנדער מעכוטן.

סאָרקע. עפשער וואָלט מען פריִער דעם בער געהאַרגעט און דער־נאָך געטיילט... דעם קאָוועד. און וואָס שייַעך יִכעס, — איז סענדער איצ־טער זייער אַ גוטער קאָלווירטניק.

סענדער. וואָס זשע איז די פּולע, אַז עס קומט צו וואָס — מאַכט מען זיך ניט ווייסנדיק. וואָס טוט סענדער — גאָרניט. אַ שוימער יִיס־ראָעל — ער היט דעם ווייַנגאָרטן! פאַרוואָס זשע קומט סענדערן אַ נייַע שטוב מיט אַ הילצערנעם פּאָל און מיט אַ שטעלכל פאַרן כאַזער?

סאָרקע. און איר ווילט דאָפּקע אַ נייַע שטוב מיט אַ הילצערנעם פּאָל. און מיט אַן ערדענעם פּאָל געפעלט אייַך ניט?

סענדער. זאָג מיר, איך בעט דיך, וויפל קאָן אַזאַ ייִד, ווי איך, זייַן אויף דער ערד. געגוג פאַר מיר דער טאָג. אין אָוונט וויל איך זיך פילן, אַז איך בין אין דער היים, און אַ שטוב אָן אַ פּאָל איז, זיי מיר מויכל, אַ שטאַל און ניט קיין היים.

אָרן. וואָס כאַפּט איר די יויך פאַר די לאָקשן? אַז די הייַזער וועלן ווערן פאַרטיק...

סענדער. וועלן זיך געפינען באַלאָנים, בילכערע פאַר מיר. ניין, איך האָב געוואָלט, מע זאָל נעכטן גלייַך אַרייַנשרייַבן אין פּראָטאָקאָל: אַלעקסאַנדער־סענדערן פאַר זייַנע פאַרדינסטן — אפילע אין קאָלכאָז — דאָס ערשטע נייַע אויסגעבויטע הויז, און דאָפּקע מיט אַ הילצערנעם פּאָל. (מיט אַ ביטערן שמייכל.) איך האָב ניט, ווער עס זאָל מיר אַלע ערעוו שאַבעס שמירן די פּאָדלאָגע מיט ליים...

סאָרקע. טוט מען אַ בעט די טאָכטער...

ס ע נ ד ע ר. גאָלדען? שיטסט מיר נאָך זאלץ אף די וווּנדן! יענע שמעקט ניט אריַין אין שטוב, ערגער, ווי א פרעמדע... און וואָס האָב איך איר אזוי אָנגעזאלצן, ווייס איך אליין ניט. וואָלט זי כאָטש אוועקגע־פאָרן — אן עק! וואָלט ניט געווען קיין ביזאָיען פאר לײַטן! האָבן אין דאָרף א טאטן מיט א...

ס אָ ר ק ע. מיט געגרײַעטא אדאמאָוונען פאר א שטיפמאמען... און — פארוואָס זאָל טאקע אליין געגרײַעטא אדאמאָוונא ניט אויסשמירן דעם פאָל...

ס ע נ ד ע ר. וואָס איז איַיך אלעמען גרויס אין די אויגן מײַן געגרײַע־טא אדאמאָוונא — זי זיצט ניט אָן ארבעט.

ס אָ ר ק ע. ווו זשע ארבעט זי? אז אין פעלד — ניט, אין גאָרטן — ניט.

ס ע נ ד ע ר. ניט אלע ווײַבער קאָנען און דארפן ארבעטן אין פעלד.

א ר ן. אלע, וואָס קאָנען, — דארפן.

ס ע נ ד ע ר (צו סאָרקען). און אף דער שטוב ווער וועט אכטונג געבן — דו?

ס אָ ר ק ע. פארוואָס ניט איך? דער פאָרזיצער פון קאָלווירט דארף אכטונג געבן אף אלץ.

א ר ן נעמט די עמערס און גייט ארויס.

יאָ, זאָגט מיר, סענדער, ווען איר זײַט געזעסן איינער אליין אין סטעפּ, ווו איז דעמלט געווען איַיער מאדאם?

ס ע נ ד ע ר. וואָס איז עס דײַן באָבעס דײַגע?

ס אָ ר ק ע. בייזע צינגערריידן, אז זי איז דעמלט אויך געזעסן... פאר באהאלטן איר נאדן, וואָס איז באשטאנען פון גאָלדענע פינפערלעך...

ס ע נ ד ע ר. זי איז נאָך דעמלט מײַן ווײַב ניט געווען.

ס אָ ר ק ע. אָבער דעם נאדן, זאָגט מען, האָט זי באהאלטן בא איַיך.

ס ע נ ד ע ר. ווייס איך וואָס! טאָמער האָט זיך בא איר פארוואלגערט א פינפערל, האָט זי מיר געמאכט פון דעם א צאָן.

עס קומט אָן א ר ן מיט פולע עמערס.

עמעס, ארויסגעריסן האָט זי מיר דרײַ פאר איינעם. א ווײַב, דערצו א דריטע, און זי האָט נאָך איר אייגן פינפערל — פארשפאָרסטו א דאָנ־טיסט, — זי וועט דיר ארויסרײַסן אלע ציין, און דו וועסט איר נאָך זאָגן א דאנק דערפאר.

סאַרקע. פאַרגעסט ניט, אַז דאָ זיצט אַ פרוי.
סענדער. דו ביסט דען אַ פרוי, דו ביסט אַ פּרעדסעדאַטעלניצע.
אַרן (אַרופגערוקט די ברילן, בייז). בא מיר אין שטוב וועל איך ניט דערלאָזן אַזעלכע גראָבקייטן.
סענדער (שטעלט זיך אין אַ געהעריקער פּאָזע). נו, איז נעם און שטעל מיר צו צום האַרצן אַ פּיסטויל... דו ביסט דאָך שוין בלינד געוואָרן, לייענענדיק ראָמאַנסן...
אַרן. בא ייִדן שלאָגט מען זיך ניט מיט קיין פּיסטוילן. בא ייִדן גיט מען פּעטש און מע הייסט פאַרמאַכן די טיר פון יענער זײַט.
סענדער. זע נאַר, ווי ער האָט זיך דאָס אַ ביסל צעקאָכט. האָסט שוין לאַנג ניט געדוכנט, דער קויהען אָבער ליגט נאָך אין דיר. אַ ייִד זאָל פײַנט האָבן אַ גלײַכוואָרטל.
סאַרקע. כאָווער פרידמאַן, וואָס האָט איר צו אים, אַז ער איז פאַרט גערעכט. וואָס בין איך פאַר אַ פרוי? דער טיטל מאַדאַם פּאַסט זיך פאַר מיר ניט. אַף אַרבעט שיק איך, פאַר אופקויפן פּרעמדע אַרבעטס־טעג שליס איך אויס פון קאָלווירט, און דעם פּאַסעק ווייסט איר דאָך...
סענדער.

Не трудящийся да не ест [1].

סאַרקע. איז דער טײַטש — אַרבעטסטו קאָדאָכעס — באַקומסטו אַ קרענק... הײַנט וואָס פאַר אַ פרוי בין איך?
סענדער. אײַ, סאַרקע, וואָס דו ווייסט און וואָס איר אַלע ווייסט, האָב איך שוין לאַנג פאַרגעסן. זיי מעגן בא מיר אַלע הייצן די הרובעס, עס זאָל נאָר זײַן מיט וואָס. די צאָרע איז, וואָס קיין קורײַ איז ניטאָ. און צוליב דעם בין איך טאַקע געקומען צו דיר. אַנטלײַ מיר, אַרן, אַ זעקל קורײַ.
אַרן. און אָפּגעבן האָסטו מיט וואָס?
סענדער. איך וועל לײַען בא יאַנקלען און אָפּגעבן דיר.
אַרן. און וווּ וועסטו נעמען אַף אָפּגעבן יאַנקלען?
סענדער. דאָס זאָל שוין יאַנקל זאָרגן.
סאַרקע (אַרנען). איך אַף אײַער אָרט וואָלט אים ניט געלײַען. זאָל ער לעכאַטכילע גיין צו יאַנקלען.

---

[1] דער, וואָס אַרבעט ניט, דער זאָל ניט עסן (רוס.).

סענדער. א געלעכטער אָן א זײַט, ס׳איז קאַלט אין שטוב, די וואַנצן פרירן אין פערענע...

אַרן. ס׳וועט קומען ליאָווע, וועט ער אײַך געבן קורײַ. דערווײַל דאַרף מען גיין א קוק טאָן, ווו איז ער ערגעץ. און איר, סענדער, אויב איר וועט זיך פירן, ווי א מענטש, קאָנט איר בלײַבן דאָ.

סענדער. בא די נעזער וועלן מיר זיך ניט רײַסן...

סאָרקע. פונדעסטוועגן, כאָווער פרידמאַן, זאָמט זיך ניט.

אַרן אָפּ.

סענדער. זי קאָן זיך נאָך פארבענקען אָדער איבערשרעקן.

סאָרקע. אז איך בין ניט פון די שרעקעוודיקע, ווייסט סענדער מער, ווי עמעצער אנדערש, און אויב מע פארבענקט זיך נאָך אזא מענטש, ווי אַרן פרידמאַן, איז גאָר אָן אן אוולע. דאָ וועט אפילע סענדער גאָרניט קאָנען זאָגן.

סענדער. אדעראַבע, מיך פארדריסט נאָר, אלעמײַ זאָל סענדער דערבײַ ניט פאַרדינען קיין פעטש, קיין שאַדכאָנעס, מיין איך, אדעראַבע.

סאָרקע. און פאר סענדערן איז אַלץ א געשעפט.

סענדער. א געשעפט איז יעדער זאַך, אבי נאָר ס׳איז ווײַט פון אַנוועד און ס׳שמעקט מיט א פארדינסט.

סאָרקע. ליאָווע וואָלט עס באַדאַרפט הערן, וואָלט איר שוין די טיר ניט געטראָפן...

סענדער. און דו מיינסט, נאַרעלע, אז ליאָווע וועט האָבן עפּעס קעגן, דער טאַטע זײַנער זאָל טאָן א שידעך. פאַרקערט, אדעראַבע — ער וואָלט דעם טאַטן באַזאָרגט, וואָלט ער געקאָנט טראַכטן וועגן זיך.

סאָרקע. א מענטש זאָל האַלטן אפּן קאָפּ נאָר יענעם...

סענדער. האָב איך כאָטש א מאַנצבלשן קאָפּ, אָבער דו, סאָרקע, א זשענשטשינע, טראַגסטו ניט אפּן קאָפּ דאָס גאַנצע דאָרף? ס׳איז דאָך דיך שוין ניט צו דערקענען. א גאָלדענע מאַציווע וועט דיר דער קאָלכאָז אוועקשטעלן אינמיטן דאָרף. קומענדיק אַהער, ביסטו געווען א מיידל — אָף מיר אזא יאָר. בלוט און מילך — א קיטקעלע.

סאָרקע. אַלטער זוילעל־וועסויוועניק...

סענדער. בא... מא ראָש? עס וועט דיר דערפון קיין זאַך ניט צו־קומען. סענדערס א וואָרט איז ניט פון האָניק — עס קלעפּט זיך ניט צו.

סאָרקע הייבט זיך אוף פונעם אָרט, ווי זי וואָלט קלײַבן זיך אוועקגיין.

יאָ, זאָג מיר, סאָרקע, און בא זיי וועט זיך עפּעס אמאָל אויספּיקן?

ס אָ ר ק ע. בא וועמען?

ס ע נ ד ע ר. בא מײַנער מיט ליאָווען...

ס אָ ר ק ע. וואָס פרעגט איר בא מיר?

ס ע נ ד ע ר. ווילסט וויסן וועגן זיך — פרעג בא לײַטן...

סאָרקע קלײַבט זיך גיין.

גייסט שוין? איך וואָלט דיך געגאַנגען באַגלייטן, מוז איך זיך אָבער דער־וואַרטן אפן קורײַ. אָן קורײַ וועט מיך מײַן מאַדאַם ארויסטרײַבן פון שטוב.

ס אָ ר ק ע. און איר, נעבעך, טראָגט אַלץ אריבער.

ס ע נ ד ע ר. אדעראַבע, זײַ א בעריע און טראָג ניט. ווען איך בין יינגער כאָטש אף איין צענדליק יאָר — עך!

ס אָ ר ק ע. וואָס זשע וואָלט געווען?

ס ע נ ד ע ר. וואָלט בא מיר אויסגעקומען גאָר אַן אַנדער אריפמעטיקע. וואָרעם ווי שטייט עס געשריבן, אַז בא דער דריטער ווײַב לאָזט זיך אויס די וועלט, אָבער אזוי — ווישט מען אָפּ די ליפּן, און פאַסעך שין — שאַ...

עס דערהערן זיך טריט.

שאַ, ווער גייט עס?

ס אָ ר ק ע. ליאָווע.

עס קומט ארײַן ל י אָ וו ע און בלײַבט שטיין אפן שוועל.

ל י אָ וו ע. און איך דריי זיך ארום און זוך דיך.

ס אָ ר ק ע. און איך וואַרט שוין אף דיר א צײַט.

ל י אָ וו ע. און ווו איז דער טאַטע?

ס ע נ ד ע ר. אז דער זון גייט ניט נאָכן טאַטן, גייט דער טאַטע נאָכן זון.

ל י אָ וו ע. עפּעס ניט צום גראַם, סענדער.

ס ע נ ד ע ר. דו ווילסט א גראַם?

ס'האָט מיך געשיקט אהערצו מײַן מאַדאַם
נאָך א זעקל קורײַ...

איין, צוויי, דרײַ...
ווײַז דײַן קורײַ,
וועט איר פון מיר פּאַטער ווערן.

ליאָווע. איבּ צוליב דעם — איז שוין קעדײַ.

סענדער (צווייפלדיק). אזוי? איך בין שוין דיר געוואָרן שווער.

ליאָווע. א שוויגער איז שווער, א שווער איז אָבער אויך ניט גרינג.

סענדער. הערסטו...

ליאָווע. הערסטו — זעסטו — קומט.

ליאָווע, סענדער — אָפּ.

סאָרקע (אליין, מאכט אָרדענונג אין שטוב). א מאָדנער ייִד אָט דער סענדער — גאַל. אָן א שטאָך באַגייט ער זיך ניט. ווי האָט ער געזאָגט? ס'איז דיך, סאָרקע, ניט צו דערקענען. געקומען ביסטו אהער בלוט און מילך... א וווּנדער א ביסל... וויפל בלוט האָט מיך געקאָסט, וואָס אָט די סענדערס האָבן ווייניק מילך, און איצטער, אז מילך גיסט זיך זיי אריבער דער באָרד, טײַטן זיי נאָך אף מיר מיט די פינגער! נאָר ווער דאַרף זייער דאנק? אָבער אזא קלוגער מענטש, ווי ארן, אזא איידלמאַן, פאַרשטייט ניט, אז פון זײַן לויבן מיך, פון זײַנע שטילע אָנצוהערענישן פּאַלט מיר אײַן דאָס הארץ. פונדעסטוועגן... ניין, סאָרקע, וויפל דו זאָלסט זיך ניט מאַנצבלען, טראָגסטו פּאָרט א קליידל און... פון שפּיגל וועסטו זיך ניט אויסבאַהאַלטן. אקער, זיי, יעט, שנײַד, דרעש, מאָל, טוסטו זיך אָבער א כאַפּ — פאַרפלויגן א יאָר, און, ניט ווילנדיק, גייסטו אָפּ אָן א זײַט און טרעטסט אָפּ דעם וועג גאָלדען. זי איז מײַן בעסטע כאַווערטע, איך האָב זי ליב, ווי זיך אליין. ווען מיר בלײַבן מיט איר צוזאַמען, — בין איך ניט עלטער פון איר, און זי פון מיר — ניט ייִנגער. אָבער ווי נאָר מיר צעשיידן זיך, איז פּאָרט איר גלײַכן — ליאָווע, און מײַנער?..

עס דערהערן זיך טריט. סאָרקע בלײַבט שטיין באַם שפּיגל. עס קומט ארײַן ליאָווע.

(קעמט זיך צו די האָר.) אז אפילע צוקעמען זיך קאָן מען בא דיר ניט. ס'איז פינצטער.

ליאָווע שטעלט אוועק דאָס לעמפּל אפן קאָמאָד פארן שפּיגל. אליין בלײַבט ער אין שאָטן.

(רעדט, קוקנדיק אין שפּיגל). איז וואָס ביסטו מיך אומגעגאנגען זוכן?

ל י אָ ו ו ע. איך האָב דאָך ניט געוווּסט, אז דו וועסט זוכן מ י ך.

ס אָ ר ק ע. איינער א מענטש האָט מיך געבעטן זאָגן דיר...

ל י אָ ו ו ע. ניט איינער, נאָר איינע.

ס אָ ר ק ע. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז דו ווייסט.

ל י אָ ו ו ע. איז גיב איבער גאָלדען פונמײַנטוועגן, אז ביז זי וועט מיט מיר ריידן, האלטנדיק דאָס בײַטש־שטעקל אין האנט, וויל איך ניט הערן, וואָס זי זאָגט.

ס אָ ר ק ע. דערווײַל האָט זי נאָך דיך מיט דער בײַטש ניט געטראָפן.

ל י אָ ו ו ע. ערגער ווי געטראָפן.

ס אָ ר ק ע. נו, איז דאָך דיר שוין גוט. ווײַל דעם, וואָס מע האָט שוין געשמיסן, איז בעסער, ווי דעם, וועמען מע דארף ערשט געבן שמיץ.

ל י אָ ו ו ע. דו לאכסט זיך נאָך אָן?

ס אָ ר ק ע. וואָס זשע, וויינען זאָל איך דערפון? וואָס גאָלדע האָט ליב דיך, און דו האָסט ליב גאָלדען?

ל י אָ ו ו ע (צעלאכט זיך נערוועז). גאָלדע האָט ליב מיך! גאָלדע האָט ליב מיט מיר מילכאָמע האלטן! זי פילט זיך גליקלעך, ווען זי זעט, אז איך קראַפּיר, אז די גאל ווערט אין מיר צעזעצט. גאָלדע האָט ליב! גאָלדע האָט ליב איר בײַטש־שטעקל און דעם, וואָס קוקט איר אין די אויגן, ווען זי טרעט ארויס אף א פארזאמלונג.

ס אָ ר ק ע. וועמען מײנסטו, זעמלען? זעמל איז זייער א ווילער יאט. איך האָב אים אליין אויך ליב.

ל י אָ ו ו ע. זעמל איז פון די, וואָס אפילע מאנצבלען האָבן אים ליב.

ס אָ ר ק ע (צעלאכט זיך). און דיך האָבן פײַנט אפילע פרויען. וואָס איז דער כידעש? עס קומט צו דיר א גאסט, וואָלסטו כאָטש מעכאבעד געווען מיט א גלאָז טיי. זאָג מיר, ווו שטייט בא אײַך דער קעראָסין, וועל איך דיך מעכאבעד זײַן.

ל י אָ ו ו ע. הינטערן קאָמאָד.

סאָרקע געפינט א גרויסע פלאַש, הייבט אוף אין דער הייך, טרייסלט.

ס אָ ר ק ע. דער טאטע דײַנער פירט פעסער קעראָסין צו די טראַקטאָרס, און אין שטוב איז קיין טראָפּן קעראָסין ניטאָ.

ל י אָ ו ע. אַלע שוסטערס גייען באַרוועס.

ס אָ ר ק ע. און דאָס, וואָס דו זאָגסט, אַז גאָלדע פֿירט מיט דיר א שטילע מילכאָמע, איז עפּשער עמעס, אָבער ניט צוליב דעם, קעדיי זי זאָל נעמען איבער דיר די אויבערהאַנט, נאָר דאַפּקע פאַרקערט, קעדיי דו זאָלסט איינעמען זי. גאָלדע וויל, אַז איר געליבטער זאָל זיין שטאַרקער פון איר, א העלד זאָל ער זיין. דו ביסט נאָך צו יונג אַף צו פאַרשטיין דאָס.

ל י אָ ו ע. איך פאַרשטיי שוין, ווי א גרויסער.

ס אָ ר ק ע. פאַרשטיין, ווי א גרויסער, הייסט נאָך ניט זיין א גרויסער. מאָרגן אין סטעפּ וועט איר זיך איבערבעטן.

ל י אָ ו ע. מאָרגן אין סטעפּ וועל איך ניט אַרויס.

ס אָ ר ק ע (זוכט דעם פּרימוס). ס'איז דאָ א באַשלוס פון ראַיזאָ[1], אַרויסגיין אַקערן זאָל מען מאָרגן.

ל י אָ ו ע. זאָל פריער קומען דער ראַיזאָ מיט לאָפּעטעס אראָפּשאַרן דעם שניי פון סטעפּ.

סאָרקע געפינט דעם פרימוס. ליאָווע, ניט אופשטייענדיק פון אָרט, דערלאַנגט איר שוועבעלעך.

ס אָ ר ק ע. זאָג מיר, וואָס ביסטו עס נעכטן אַף דער פאַרזאַמלונג פלוצעם אַרויסגעשפּרונגען איינער קעגן אַלעמען.

ל י אָ ו ע. ווען אַלע שפּרינגען אַרויס קעגן איינעם, איז נאָך גאָר קיין באַווייז ניט, אַז דער איינער איז מעשוגע.

ס אָ ר ק ע. א מענטש באַם קלאָרן זינען וואָלט זיך ניט דערלויבט א טאָג פאַרן אַרויסגיין אין סטעפּ דערקלערן, אַז ער וואַרפט אַלץ און אַלעמען און פאָרט אַוועק אין שטאָט. וואָסי, פלוצעם איז דיר געוואָרן ענג אין דאָרף, פלוצעם האָט זיך אין דיר צעקאָכט דער שטאָט־מענטש...

ל י אָ ו ע. ניט פלוצעם.

ס אָ ר ק ע. איז וואָס זשע האָסטו ביז נעכטן געשוויגן, און ווער האָט דיר נעכטן געפּיקט די צונג?

ל י אָ ו ע. דו, זעמל, גאָלדע, אַלע... אַז איך געפעל אייך ניט, — איז לאָזט מיך אָפּ. איר דאַרפט דען דעם סייכל מיינעם, איר דאַרפט דאָך מיינע הענט, און הענט וועלן זיך געפינען אַנדערע. גיי דו אַפּן טראַקטאָר.

---

[1] ראַיאָנישער אָפּטייל פאַר ערדאַרבעט.

סאָרקע. מיך אָפּשרעקן וועסטו ניט — אפן טראַקטאָר, איז אפן טראַקטאָר.

ליאָווע. ווער וויל דיך שרעקן, איך וויל נאָר, דו זאָלסט מיר זאָגן — איך בין געווען גערעכט צי אומגערעכט...

סאָרקע. דײַן גערעכטיקײַט באַהאַלט אף איבערמאָרגן, און מאָרגן זאָלסטו ארויס אין סטעפּ.

ליאָווע. זעמל, זעמל זאָל גיין. פאַר מיר איז דער סטעפּ ניט קיין ציג — ער וועט ניט אַנטלויפן. און פאַר זעמלען איז די באַשטימונג פון ראַיזאָ טויראַס לאָקשן: זאָג אים ארויספאָרן הײַנט — יעסט! מאָרגן, נעכטן — יעסט! אײַ וואָס ערטערוויַיז ליגט נאָך דער שניי אף די פעלדער, אײַ וואָס מאָרגן קאָן ווידער אויספאַלן א שניי — דאָס איז ניט זײַן זאך: יעסט — דאָס איז זײַן פּרינציפּ.

סאָרקע. און וואָס איז דײַן פּרינציפּ?

ליאָווע. מײַן פּרינציפּ איז מײַן אייגענער סייכל.

סאָרקע. און וואָס זאָגט ער דיר, דער סייכל דײַנער?

ליאָווע. אז קריכן אף די גלײַכע וועגנט איז ניטאָ וואָס, אפילע ווען דער ראַיזאָ הייסט.

סאָרקע. און אויב מע וועט יאָ קאָנען ארויספאָרן מאָרגן? דו ווייסט, וואָס הייסט בא אונדז אין קרים א טאָג, ארויסגיין אין סטעפּ מיט א טאָג פריער.

עס קומט אַרײַן אַרן און בלײַבט שטיין באַם שוועל. נאָר סאָרקע באַמערקט זײַן אַרײַנקומען, ליאָווע ניט.

ליאָווע. צוליב דײַן קרים בין איך ניט מעכוייעוו לויפן אין פײַער.

סאָרקע. קרים איז דײַנער, פּונקט ווי מײַנער. קרים — דאָס ביסטו, קרים — איז דער טאַטע דײַנער, גאָלדע, זעמל, איך און טויזנטער אַנדערע, ווי מיר.

ליאָווע. איך בין קרים? איך בין קרים — נאָר אף אַזויפיל, אף וויפל הײַנט אַרבעט איך דאָ, און דאָ קריג איך געצאָלט פאַר מײַן אַרבעט.

סאָרקע. ווייסטו גאָר וואָס, ליאָווע, מאָרגן גייט דער טאַטע דײַנער אין ראַיאָן, איז עפּשער זאָל ער דאָרט איבערגעבן דעם סייכל דײַנעם.

ליאָווע. אויב ס'וועט אים ניט זײַן שווער צו פאַרטראָגן — קאָן ער דאָס טאָן.

סאָרקע. וועסט עלטער ווערן מיט א נאַכט, וועסטו קליגער ווערן.

(גייט צו צום פרימוס.) **איך זע שוין, אז קיין טיי וועל איך זיך היַינט ניט דערוואַרטן. מאָרגן וועל איך טרינקען טיי אין סטעפּ.**

ל י אָ ו ע (ענטפערט, ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ). **פאַרגעס ניט מיט־נעמען צוקער אַף נאָך א גלאָז. וועסט דאַרפן טרינקען פאַר מיר אויך.**

ס אָ ר ק ע. פון אָן איבעריקער גלאָז טיי זאָגט מען זיך ניט אָפּ, נאָר אַרויספאָרן אַקערן וועסטו.

ל י אָ ו ע. ניט!

אין אָפענעם פענצטער באַווײַזט זיך ג אָ ל ד ע. ליאָווע זעט זי ניט.

ס אָ ר ק ע. דו וועסט אַרויס!

ל י אָ ו ע. איך האָב געזאָגט — ניט.

ג אָ ל ד ע (צעלאַכט זיך). **ליאָווע, דו וועסט אַרויס.**

ל י אָ ו ע (איבעראַשט). **ניט!** (ער קערט זיך האַסטיק אויס און דער־זעט דעם טאַטן שטיין באַם שוועל.)

פאָרהאַנג

דאָס צווייטע בילד

אַף מאָרגן אין סטעפּ. א שווידערלעכער שניי־שטורעם, וואָס מישט אויס הימל און ערד. פונדערווײַטנס טונקלט זיך א לאַנגער סטויג שטרוי. עס קומט אָן א ר ן, אַנגעטאָן זומערדיק, איינגאַנצן פאַרשנייט און איבערגעפראָרן.

א ר ן. ניט אַרויסצוזשלעפּן א פוס, ווי פון פעך. כאָטשבי ניט פאַלן... אהו!

שטיל. נאָר דער ווינט פײַפט.

פאַר עטלעכע שאָ — וואָס פאַר אָן איבערקערעניש! אַרויס פון ראַיאָן בין איך זומער, און קומען אין דאָרף וועל איך ווינטער. גוט נאָך, אויב איך וועל דערגיין. (ער בלײַבט שטיין, קוקט זיך אײַן אין דער טונקלקײַט.) **א כידעש — אזא פאַרדרייעניש... אהו!.. אהו!..** (א רעגע דוכט זיך אים אויס, אז עמעצער רופט. ער בלײַבט שטיין, הערט זיך אײַן מיט גרויס אָנשטרענגונג, און נאָכדעם אַנטוישט.) **וועלכער מעשוגענער וועט זיך עס איצטער לאָזן אין וועג.** (ער דערזעט די־טלעך דעם סטויג שטרוי

און לאָזט זיך אהין. דער סטויג ווערט עטוואָס אופגעלויכטן. ארן גראָבט זיך אײַן אין שטרוי.)

שטיל. עס פײַפּט דער ווינט.

זיצן אזוי איז קיין טאָלק ניט. וואָרעם ווי עס ווערט נאָר נאכט, איז פאר־פאלן, בין איך שוין ניט קיין היגער... ניט איין מענטש איז אין אזא נאכט געבליבן ליגן ארום דער אייגענער שטאל. (ער קריכט ארויס פון שטרוי.) **לאָזן זיך שפּאנען, ווו די אויגן טראָגן? דאָ ארום סטויג ווארפט כאָטש דער ווינט ניט פון די פיס. בעסער פון אלץ — די גאנצע צײַט ארומשפּא־נען ארום סטויג. די צײַט זאָל זיך אזוי ניט ציִען — וועל איך ציילן די אייגענע טריט... איינס... צוויי... דרײַ... פיר...** (אָפּ. ער מאכט א קרײַז. אומ־קערנדיק זיך, בלײַבט ער שטיין פארמאטערט.) **די פיס זאָגן זיך אָפּ צו גיין.** (ער געפינט א שוועבעלע, צינדט אָן מיט שוועריקײַט.) **און עפּשער לאָזן וויסן מיט פײַער, אז א מענטש קומט אום אין סטעפּ? שוין זשע איז דאָס שטרוי טײַערער פון מיר?** (ער וויל צוטראָגן דאָס פײַער צום שטרוי און פארלעשט גלײַך.) **דרײַ טויזנט פּוד שטרוי וועט אוועק מיטן פײַער — ווער ווייסט, צי וועט דאָס העלפן?** (ער גראָבט זיך ווידער אײַן אין שטרוי.)

דער ווינט פײַפּט...

עפּשער וועט זיך שפּעטער אײַנשטילן... א שטורעם — אָדער ער צע־ברעכט דעם מענטשן, אָדער דער מענטש גייט ארויס פון אים צען מאָל שטארקער, ווי געוועזן... (ער גראָבט זיך אײַן טיפער. פּלוצעם טוט ער זיך א ריס פון אָרט.) **אנטלויפן... אנטלויפן... איך וועל ניט אויסהאלטן. די פינגער ציִען זיך אליין צום פײַער: נעם, ארן, צינד אָן, דערוואַרעם זיך...** (ער קלײַבט זיך אופשטיין און קאָן ניט. ער שטייט אוף מיט מאטערניש און פאלט צוריק.) **די פיס, ווי עמעצער וואָלט זיי אונטערגעהאקט.** (ער דעקט אײַן די פיס מיט שטרוי.) **שוין זשע איז דאָס דער סאָף? אינמיטן סטעפּ? און איך האָב געמיינט, אין סטעפּ הייב איך ערשט אָן א לעבן... נאָר ניט אנשלאָפן ווערן...** (ער זעצט זיך.) **לייגן זיך הייסט מער שוין ניט אופשטיין... שוין זשע, ארן, דארפסטו זיך זעגענען מיט אלץ און מיט אלעמען...**

שטיל. דער ווינט פּײַפט. פונדערווײַטן קומט אָן זעמל, ער שלאָגט זיך צו צום סטויג.

זעמל. זאָלן די פּיס כאַפּן א ביסל אָפּרוען... מאמע, וואָס וואָלסטו געזאָגט?.. צוואַנציק סטויגן פאַר איין זעמלען!.. צינד אָן, מײַן זון, צינד אָן... וואָס זשע, אומקומען אין סטעפּ איז בעסער? איך וועל ניט אומקומען, ניין! (ער פאַרגראָבט זיך אין שטרוי, דעקט אײַן מיט שטרוי די פּיס, נעמט ארויס א בלײַער און א שטיקל פּאַפּיר.) שוין לאַנג דער מאמען ניט געשריבן, זאָל זי כאָטש קריגן א בריוול, געשריבן מיט מײַן האַנט, וועט זי א שטיקל צײַט זײַן רויק. (שרײַבט.) מאמע, צי ווייסטו דאָרט בא זיך אין שטעטל, וואָס הייסט אין דאָרף דרײַ טויזנט פּוד שטרוי — ס'איז ניט קיין שפּילעכל. מע דאַרף אָבער ארום דעם זײַן זייער געהיט מיט פײַער. קיין באַזונדערע נײַסן זײַנען ניטאָ. אז מיר וועלן זיך זען, וועל איך דיר דערציילן פון אלץ... זײַ געזונט, מאמע, איך בענק עפּשער נאָך דיר ניט ווייניקער, ווי דו נאָך מיר. דײַן זעמל... (ער לייגט ארײַן דאָס בריוול אין בוזעם). און איצט קאָן איך אין מײַן טאָגבוך ארײַנטראָגן א וויכטיקע געשעניש. (שרײַבט.) קרים, 1936, אינמיטן סטעפּ שלאָגט זיך א מענטש מיט דער נאַטור, און ווער פון זיי וועט בײַקומען? (פּאַוזע. ער שרײַבט אין העפט...) הונדערט מאָל שטאַרקער, ווי געוועזן.

נידעריק איבערן סטויג פליען דורך עטלעכע פאַרבלאָנדזשעטע בושעלן.

(פאַרקוקט זיך אף זיי, וואַרט אָפּ א רגע און שרײַבט ארײַן אין העפט.)

> ווען ס'קאָנען פויגלען הויך ניט פליען,
> זיי טוען זיך צום מענטשן ציִען.

פויגלען — און האָבן זיך אויך פאַרבלאָנדזשעט. (ער גראָבט זיך אײַן אין שטרוי.)

א קורצע ווײַלע — שטיל. פּלוצעם וואַקסט אויס ארן... ער דערזעט זעמלען. זעמל בלײַבט דערשטוינט. ער לאָזט ארויס פון האַנט דאָס העפט און פאַלט ארענען אפּן האַלדז.

ארן (דערשראָקן און דערפרייט). ווי קומסטו אהער, זעמל?

זעמל. מיר זוכן דאָך אײַך — מע האָט פון ראַיאָן געקלונגען, אז איר זײַט ארויס...

ארן. ווער איז דער מיר?..

ז ע מ ל. איך, סענדער און ליאָווע.

א ר ן. ווו זשע זײַנען זיי?

ז ע מ ל. זיי זײַנען ארויס א ביסל פריִער. איך האָב געמיינט, איך וועל זיי אָניאָגן...

א ר ן. וואָס זשע טוט מען איצט — לאָזן זיך גיין זיי זוכן?

ז ע מ ל. די פיס גייען ניט. ס'פיבערט מיך.

א ר ן. און איך בין שטארק דורכגעפראָרן... לאָמיר בעסער גיין אהינצו, דאָרטן איז מער פארשטעלט פונעם ווינט...

ב ײ ד ע גייען אוועק... עס דערטראָגט זיך זייער פארטויבט געשריי: „אהו! אהו!" שטיל. נאָר דער ווינט הילכט אָפּ. אין א ווײַלע ארום באווײַזט זיך א פײַערל, און עס קומען אָן: ס ע נ ד ע ר און ל י אָ װ ע, זיי זוכן מיט א לאמטערן...

ל י אָ װ ע. עפּעס איז דאָ דאָס שטרוי צעריִעט...

סענדער טראָגט צו נעענטער דעם לאמטערן און געפינט זעמלס העפט.

ס ע נ ד ע ר. הערסטו, ליאָווע, זאָל מײַן נאָמען ניט הייסן סענדער, אויב מיר האָבן ניט געפונען דעם סליאַד. זעמעלע דארף ערגעץ דאָ זײַן...

ל י אָ װ ע. פונוואנען נעמט איר דאָס?

ס ע נ ד ע ר (טוט א פּאַך מיט דער האנט און שרײַט אויס). אהו! אהו!

ל י אָ װ ע. כ'לויף אהין. (אָפּ.)

ס ע נ ד ע ר (טוט א בלעטער דאָס העפט און לייענט אין דער הייך).

איצט אין שטורעם אפן פעלד
מער פון אלע אף דער וועלט
איינע, איינע נאָר מיר פעלט.

(א קורצע פּאוזע. צעלאכט זיך.) געפינען א גראָשן איז בעסער, ווי פארלירן א קארב. און דו, זעמל, אויב, פארפרירנדיק אין סטעפּ, שרײַבסטו לידלעך, זאָל זײַן אפילע מײַן גאָלדען, ביסטו טאקע ניט ווײַט פון א פערד, איז לאָמיר כאָטש האָבן אף דיר א בײַטש. שוין זשע ווייסטו ניט, אז זי האָט שוין קימאַט א כאָסן. (באהאלט דאָס העפט אין בוזעם.)

עס דערהערן זיך געשרייען: „אהו! סענדער! אהו!" און עס באווײַזן זיך פונדערווײַטנס א ר ן, ז ע מ ל — און ל י אָ װ ע. סענדער הייבט אוף דעם לאמטערן איבערן קאָפּ.

סאָף פון ערשטן אקט

צווייטער אקט

דאָס ערשטע בילד

זומער אין סטעפּ, באַם סטאַן. מע גרייט זיך ווארמעס עסן. אף דער בינע — ס י מ כ ע און מ י כ ל. זיי ליגן אויסגעצויגן מיט די פּענעמער צום אָנגעגליטן הימל.

מ י כ ל. די זון סארפּעט מיט סאקאַנעס געפּאַשעס. נאָך א טאָג, און דער ווייץ וועט זיך אָנהייבן שיטן. נאָכדעם — גיי קלייַב אים...

ס י מ כ ע. די מאדאם מיטן ווארמעס איז נאָך אלץ ניטאָ.

מ י כ ל. אזא היץ! אַן אָקס וואָלט מען הייַנט געקאָנט אָפּבראָטן אף דער זון.

ס י מ כ ע. איי, מיכל, אפאָנעם, אז דו וואָלסט זיך איצטער ניט אָפּגעזאָגט פון אַן אָפּגעבראָטענעם שטיק שעפּסן־פליייש מיט א קארטאָפליע, יעדער קארטאָפליע באזונדער זאָל זיך לויכטן אף דער זון.

מ י כ ל. אָן א געזויַערטן אוגעריק?

ס י מ כ ע. און וואָס פעלט א געזויַערטן קאוון פונעם אייגענעם קאָלכאָזנעם גאָרטן?

מ י כ ל. אָבער ווי הייבט מען עס אָן ראַפּטאָם פון דער קארטאָפליע — און ווו איז די יויך?

ס י מ כ ע. פון וואָס, קעדוימע לעמאָשל, האָסטו ליב א יויך — פון אָף צי פון פעטן רינדן־פליייש מיט א זיסן ביין?

מ י כ ל. מיט מייַן אפּעטיט, קיין אייַנהאָרע, וואָלט איך זיך ניט אָפּגעזאָגט פון... און... אָף אויך...

ס י מ כ ע. און ס'וואָלט דיר, כאָלילע, ניט פארשאַט? און מיט וואָס זאָל זייַן פ א ר ק אָ כ ט דאָס דאָזיקע אָף — מיט א גרויפּעלע צי מיט א... לאָקש?

מ י כ ל. אז ניט לאָקשן, זאָל כאָטש זייַן א דינע גרויפּ.

ס י מ כ ע. א לאָקש — צו איידל פאר דיר... ווי קומסטו צו א לאָקש...

מ י כ ל. ווען גאָט העלפט, און מע מאכט נאָך, די לאָקשן זאָלן זיך ניט פלאָנטערן אין באָרד, איז א יויך פון אָף — מיט לאָקשן — גאַניידן שע־בעגאַניידן...

ס י מ כ ע (מיט א טיפן זיפץ). ט־ע! צוליב אזא יויך איז שוין קעדײַ זיך געזעגענען מיט דער באָרד...

מ י כ ל (טרוימעריש). נו און פארבײַסן וואָס וואָלסטו זיך, לעמאָשל, געהייסן דערלאנגען?

ס י מ כ ע (טראכט א ווײַל). א צימעס! א מערן־צימעס — איך האָב ליב א צימעס, ער זאָל זײַן רויט, ווי בורעק, און פעט, ווי כאזער...

מ י כ ל. פע, סימכע, ביסט דאָך גאָר א זוילעל־וועסויווע, סימכע...

באַ די לעצטע ווערטער קומט אָן ג ע נ ר י ע ט ע מיט א האנטעך אריבערן אקסל און מיט עטלעכע צינענע טעלער אין די הענט.

ס י מ כ ע. און פארוואָס האָט דער וואָרמעס הײַנט פארשפעטיקט?

ג ע נ ר י ע ט ע. גיי, סימכע, וואש זיך דערווײַל, בענטשן וועסטו שפע־טער.

ס י מ כ ע. נו, עסן וועט וועלן מיר?

מ י כ ל. טאקע אַן אוולע פון דיר. יעדע רעגע — מיט גאָלד גלײַך.

ג ע נ ר י ע ט ע. ווען איך בין הײַנט אופגעשטאנען — ווייסט איר? ווען גאָט אליין איז נאָך געשלאָפן...

ס י מ כ ע. וואָס־וואָס, פון די פארשלאָפענע ביסטו ניט, האָסטו אונדז כאָטש צוגעגרייט עפעס א רעכטן מײַכל? עפעס א יויך מיט...

ג ע נ ר י ע ט ע. מײַכאָלים — דעם קייסער צו דערלאנגען. גייט, גייט, גיכער זאָגט אָן די בסורע די בריגאדעס, און איך וועל לויפן ברענגען גאָפּל־מעסער. א סאָוועטסקע סארווערן געוואָרן, ניט אויסגערעדט זאָל זײַן...

א ל ע אָפּ. פון א צווייטער ריכטונג קומען אָן: ג אָ ל ד ע און ז ע מ ל.

ז ע מ ל. דער וואָרמעס איז נאָך ניטאָ. דרײַ מאָל לויפן דארף מען. (ער קוקט זיך ארום.) נײַן טעלער שטייען שוין. איז הער זשע, גאָלדע, ווײַ־טער.

ג אָ ל ד ע. איך פארשטיי דיך, זעמל, זייער גוט. ווי אָבער, אויב דער ראַיאָן וועט ניט אײַנגיין אף דעם? די גאנצע געגנט טוט דאָך אנדערש.

ז ע מ ל. איך לייקן ניט. דער אש פון דעם פארברענטן שטרוי איז זייער

א גוטע באַמיסטיקונג. דאָס אַלץ איז אָבער געדעדט געוואָרן, ווען עס ברענט אָפּ נאָר דאָס שטרוי. ווי אָבער, אויב דאָס פֿײַער טוט זיך א וואָרף אַריבער איבער דער אופגעאַקערטער מעזשע און כאַפּט זיך אַרײַן אינעם נאָך ניט אָפּגעשניטענעם ברויט? מיט קיין פֿײַער שפּילט מען זיך ניט.

גאָלדע. איך מיין, אז אזוי ווי דו זאָגסט, איז א סאך בעסער.

זעמל. שטעל זיך פֿאָר: באַלד נאָכן קאָמבײַן גייט א טראַקטאָר און גלײַך פֿאַראַקערט ער דאָס אונטערגעשאָרענע שטרוי. די זון האָט עס נאָך ניט פֿאַרבאַקט, דער ווינט האָט עס נאָך ניט אופגעטרייסלט, און די ערד האָט עס שוין צוגעדעקט, באַהאַלטן פֿאַר זיך, ווי זי וואָלט געזאָגט: איך האָב אײַך געגעבן הויכע, פולע זאַנגען, און איר קערט מיר כאָטש אום דאָס שטרוי, אין מיר וועט עס איבערפוילן, מיך דערוואַרעמען, דערפֿאַר וועל איך אײַך איבעראיאָר ווידער געבן ברויט.

גאָלדע. דו רעדסט אזוי, ווי די ערד וואָלט דיר דערציילן, וואָס זי טראַכט.

זעמל. די ערד רעדט נאָר צו דעם, וואָס הערט זיך צו צו איר. גאָל־דע, הער זיך אײַן, וועסט ניט זײַן ברויגעז, וועל איך בא דיר עפּעס פרעגן.

גאָלדע. ברויגעז? וועסט זײַן אומגערעכט, בין איך ניט פון די שע־מעוודיקע, איך קאָן געבן אויסגאָב.

זעמל. מיטן בײַטש־שטעקל?

גאָלדע. דו, זעמל, האָסט אויך מוירע פאַר מײַן בײַטש־שטעקל?

זעמל. פאַר דײַן בײַטש־שטעקל ניט, פאַר דיר.

גאָלדע. וואָס זשע האָסטו מוירע?

זעמל. זאָלסט מיך שלעכט ניט פאַרשטיין.

גאָלדע. זאָג, זעמל, זאָג.

זעמל (נאָך א קורצער פּאוזע). זאָג מיר — וועגן וואָס טראַכסטו, ווען איך דערצייל דיר, ווען איך דריי דיר א קאָפּ מיקויעך מײַנע פאַר־שיידענע פּלענער, ראַציאָנאַליזאַציעס? מיקויעך...

גאָלדע. נו, נו, ווײַטער, מיקויעך וואָס נאָך?..

זעמל. מיקויעך דעם האָב איך נאָך דיר קיינמאָל קיין וואָרט ניט געזאָגט...

גאָלדע (נאָך א קורצער פּאוזע). ווילסטו טאַקע, איך זאָל דיר אַרויס־זאָגן דעם גאַנצן עמעס און גלײַך דאָ אָפּן אָרט?

זעמל. יאָ, נאָר דעם ריינעם עמעס.

גאָלדע. און דו וועסט אף מיר ניט זײַן ברויגעז?

זעמל. וואָס בין איך — א קינד? ברויגעז! איך האָב ניט קיין מוירע צו קוקן דעם עמעס גלײַך אין די אויגן. זאָג מיר אלץ... אלץ...

גאָלדע. זעמל טײַערער, האָב איך דיך ליב דערפאַר...

זעמל (פאַרדעכטיק). פאַרוואָס דערפאַר?

גאָלדע. דערפאַר... דערפאַר, ווײַל... דו קאָנסט קוקן דעם עמעס אין די אויגן, ניט אלע קאָנען דאָס, אַן אנדערער אף דײַן אָרט וואָלט שוין לאַנג...

זעמל (מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם). וואָס? דיר אלץ געזאָגט? דיר אלץ דערציילט?..

גאָלדע. ניין, ער וואָלט מיט מיר שוין לאַנג ניט גערעדט.

זעמל. פאַרוואָס, גאָלדע?

גאָלדע. ווײַל ליב האָב איך ניט דיך, זעמל.

זעמל. פאַרוואָס?

גאָלדע. אַך, ווען איך וואָלט וויסן פאַרוואָס...

זעמל (טוט א כאַפּ גאָלדען פאַר דער האַנט). מאַמע מײַנע!..

גאָלדע. זעמל טײַערער, ווען דו וואָלסט וויסן, ווי דו ביסט מיר אײַנגעבאַקן אין האַרצן. ווען איך זע דיך אָבער ניט, בענק איך דערמלט אָבער ניט נאָך דיר, נאָר נאָך א צווייטן, נאָך אזא, וואָס איז דיך ניט ווערט. ווען איך הער דיך ריידן, בין איך גרייט שווײַגן א גאַנצן טאָג, נאָר הערן דיך. ביסטו אָבער ניטאָ, בענק איך ניט נאָך דײַנע רייד, נאָר נאָך די שטעכווערטלעך פון דעם, וואָס איז דיך ניט ווערט. (זי טוט אים א כאַפּ בײַ דער האַנט.) עס טרעפט, איך שלאָף קיין נעכט ניט — און וויל אלץ וויסן — פאַרוואָס? די קישן בײַס איך — און האָב ליב אים, די טרערן שלינג איך — און האָב ליב אים.

זעמל. ווייסט ער כאָטש פון דעם?

גאָלדע. איך ווייס — און דאָס איז שוין גענוג. א ביסל ווייסט סאָר־קע, איצטער דו...

זעמל. איך וועל ניט דערציילן...

גאָלדע (צעלאַכט זיך געצוווּנגען). דו וועסט אים ניט וועלן אָנטאָן דעם פאַרגעניגן... זאָג מיר, זעמל, ס'טוט דיר זייער וויי?..

זעמל. און אז יאָ, איז דיר דען גרינגער?

גאָלדע. וואָס זשע, עפּשער האָב איך געדאַרפט שווײַגן, ווײַל זאָגן ניט דאָס, וואָס איך טראַכט, קאָן איך ניט.

זעמל. נאָר דעם עמעס...

גאָלדע. אנדערע מיידלעך האָבן ליב, יאָטן זאָלן ארומטאנצן ארום זיי, ווי די בינען ארום א קווייט, און איך וואָלט וועלן, אז דו זאָלסט מיך ליב האָבן נאָר אזוי, ווי איך — דיך.

זעמל. דו ווייסט דען, וויאזוי איך האָב דיך ליב?

גאָלדע. איך ווייס, איך פיל. רייד ניט, ס'איז מיר אויך דערפון ניט גרינגער.

פונדערווייטנס קומט אָן ליאָווע. גאָלדע באמערקט אים ניט.

און אויב דו ווילסט וויסן, זעמל, וואָס איך טראכט דעמלט, ווען דו דרייסט מיר א קאָפּ מיט דיינע פלעגער, קאָן איך דיר זאָגן: אז איך בין מעקאַנע, אז איך פארגין ניט, פארוואָס איז ליאָווע ניט אזא...

ליאָווע. א וועלכער?

גאָלדע (פארטראכט זיך). אזא, ווי איך וואָלט געוואָלט.

ליאָווע. האָסט דאָך די ברייררע אויסצוקלייבן...

גאָלדע. אויסקלייבן פון צוויי איז שווער.

ליאָווע. דעריבער האָסטו אויסגעקליבן פון א סאך צוויי?

גאָלדע. א ליגן! פון צוויי איינעם...

ליאָווע. און ווען פון זיי פירסטו פאר דער נאָז?

גאָלדע. דעם, וואָס מיינט, אז ער איז אַלץ און דער צווייטער איז גאָרניט...

ליאָווע. פירן פירט מען דעם, ווער עס לאָזט זיך פירן, דעם, וואָס ער אליין איז בא זיך גאָרניט און דאָס מיידל — אַלץ.

זעמל. אזעלכע זיינען שוין לאנג אויסגעפּראָרן מיטן לעצטן פראָסט.

ליאָווע. אז דער שניי איז אָבער אראָפּ, האָט מען איינעם אזא גע־פונען אין סטעפּ א לעבעדיקן.

זעמל. עפּשער האָסטו כאראָטע, וואָס דו ביסט אים געגאנגען זוכן? קיינער וואָלט דיר דעמלט אין וועג ניט געשטאנען.

ליאָווע. מיר שטייט קיינער ניט אין וועג.

זעמל. ווער ווייסט, און עפּשער יאָ.

גאָלדע (צו ליאָווען מיט פארפרעסטע ציין). צי ער שטייט דיר אין וועג, צי דו אים, נאָר ביידע איר שטייט מיר אין וועג... (זי קערט זיך אויס און לאָזט זיך האסטיק גיין.)

ביידע קוקן איר נאָך א רגע. זעמל לאָזט זיך נאָך איר, דעריאָגט זי, ליאָווע וואַרט אָפּ א ווײַלע, לאָזט זיך גיין אין דער זעלבער ריכטונג, ער קערט זיך אָבער גלײַך אום.

ליאָווע. הײַנט גיי דערגיי א טאָלק. זי מיינט, איך ווייס ניט, פאַר־וואָס זי איז אוועק: טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן. די ליפּן וועט זי זיך צעבײַסן, נאָר ניט ארויסכאַפּן זיך מיט א וואָרט — אײַזן. דאכט זיך, קלוג איז זי, ווי דער טײַוול, שוין זשע פארשטייט זי ניט, פאַרוואָס בונטעוועט אין מיר אזוי דאָס בלוט? דער סטעפּ איז, דאכט זיך, גרויס, — מיטן אויג ניט צו דערלאנגען, און מיר איז פון אָט דער פוסטקײַט ענג. דער טראקטאָר גייט, דאכט זיך, מיט זײַן געוויינלעכן גאנג, און מיר דאכט זיך אויס, אז ער שלעפּט זיך, ווי א טשערעפּאכע, מיר אף צולאָ־כעס... און וואָס פאר א טײַוול זיצט אין מיר, ווייס איך אליין ניט. די מאמע פלעגט זאָגן, אז איך בין געראָטן אין איר זיידן לייבע דעם פּאַ־ראָמשטשיק: יענער האָט ליב געהאט, אז ווען ער טוט א געשריי: „דאווײַ פּאראָם!”, זאָלן אים הערן פון איין זײַט — די מיידלעך פון שטאָט און פון דער צווייטער — די מיידלעך פון די ארומיקע דערפער... נו, וויל איך, אז ווען איך בין אפן טראקטאָר, זאָל גאָלדע מיר נאָכקוקן פונדער־ווײַטנס... וואָס זשע קומט מיר דערפאר? (ער ציט זיך אויס אפן גראָז. א קורצע פּאוזע. ער פארציט שטילערהייט א ליד.)

דער סטעפּ איז ווײַט, דער סטעפּ איז ברייט,
און איבער סטעפּ א טראקטאָר גייט;
ווער זשע יענעם טראקטאָר פירט
פון קאָלווירט און אין קאָלווירט?

פון בריגאדע אין בריגאדע
פירט מײַן ליבסטע אים אוואדע.
ס׳קומט מײַן ליבסטע מיר אנטקעגן, —
ס׳פירן אונדז צונויף די וועגן:
פון בריגאדע אין בריגאדע...

עס דערהערט זיך א געשריי. ליאָווע דערקענט סענדערס קאָל און באהאלט זיך אהינטערן בײַדל. עס קומען אָן סענדער און מאַמעד.

סענדער. אָט וועל איך א רוף טאָן זי, געגנר׳עטען, זאָל זי מיט דיר ריידן. (ער קוקט זיך ארום.) שוין זשע איז זי נאָך ניטאָ מיטן וואר־מעס?

מ א מ ע ד (דרייט אין די הענט א שטריקל). ניין, ניין, ניין, מאמעד קאָן ניט, קאָן ניט, ניין. דו א זון האָסט ניט, מײַן זון איז א קאָמסאָמאָ־ ליעץ, ניין־ניין, מאמעד וויל ניט, ניין.

ס ע נ ד ע ר (כאַפּט בא אים דאָס שטריקל און הייבט אָן דרייען צו־ ריק. שטרענג.). מאמעד!

מ א מ ע ד. הא?

ס ע נ ד ע ר. וואָס האקעסטו, מאמעד, וואָס וועט דיך ארן, אויב מײַנע פיר שעפסן וועלן זיך האָדוועען בא דיר? זומער קיין עסן בעטן זיי ניט, פארקערט, אדערבעבע, איך וועל נאָך דיר צוצאָלן... ווייסטו גאָר וואָס? די וואָל — אף דער העלפט. רעכט?..

מ א מ ע ד. ניין־ניין, מאמעד וויל ניט.

ס ע נ ד ע ר. וואָס ווילסטו ניט? קיין וואָל? ביסט אזוי א טשאבאן, ווי איך — א רעבעצן. זאָג מיר, וואָס ווילסטו ניט?

מ א מ ע ד. איך וויל ניט האלטן דײַנע שעפסן.

ס ע נ ד ע ר. נארישער מענטש, וואָס דו ביסט! ווי מיינסטו, ווען דו האָסט פערצן שעפסן, און איך — זעקס, וואָלט איך דײַנע פיר ניט גע־ האלטן בא זיך? איך גיב דיר געלט אויך. געלט.

מ א מ ע ד. דײַנע שעפסן — האלט דו.

ס ע נ ד ע ר. הערסט א מײַסע, מע רעדט און מע רעדט און מע שוש־ קעט זיך. איך זאָג דיר וויפל מאָל: מער פון צען שעפסן אין מײַן אייגע־ נער באלעבאטישקײַט טאָר איך ניט האלטן, און איך האָב פיר איבעריקע...

ליאָווע צעלאכט זיך. סענדער און מאמעד — אין פארלעגנהײַט.

ל י אָ ו ו ע (גייט צו צו זיי). פיר איבעריקע, איז גיט אָפּ אין קאָל־ ווירט.

ס ע נ ד ע ר. א דאנק דיר, ליאָווקע, פאר דער אייצע, אליין וואָלט איך זיך אף דעם גאָרניט געכאפּט. פארשטייסט אָבער, גראָד יענע פיר זײַנען בא מיר די סאמע באליבטע. וווקסיקע אזעלכע, און קיין אײַנהאָרע אין לײַב.

ל י אָ ו ו ע. איז די פיר נעם זיך און גיב אָפּ אנדערע פיר.

ס ע נ ד ע ר. ביסט א כאָכעם פון דער מאנישטאנע, וואָס זשע וועל איך דערבײַ אויסשפּילן?

ליאָווע צעלאַכט זיך ווידער.

סענדער. וואָס איז אָף דיר אָנגעפאַלן אַזאַ געלעכטער?

ליאָווע. מאַלאַדיעץ, מאַמעד, מאַלאַדיעץ, זאָל כאָטש סענדער איין מאָל בלייבן באַם נאַר. סענדער, און וואָס וועט זיין, אויב איר וועט איין מאָל ניט אויסשפּילן? (צעלאַכט זיך ווידער.) גראָד יענע פיר זיינען די סאַמע באַליבטע — אַן איינפאַל פון אַ ייִדן!

מאַמעד (קלייבט זיך אַוועקגיין. ער טוט אַ ווונק צו ליאָוון). הע־הע־הע, ליאָווקע...

סענדער. באַ וואָס זשע בלייבן מיר?

מאַמעד. דו — באַ דיינע, איך — באַ מיינע. (אָפּ, דרייענדיק דאָס שטריקל.)

סענדער. מאַמעד, עפּשער קאָנסטו מיר נאַרייען עמעצן... (יאָגט אים נאָך.)

ליאָווע (פאַרקוקט זיך אָן אַ זייט). דאַנקען גאָט, דער וואָרמעס פּאָרט. איצטער איז זי אַוועק.

עס קומען אָן: ארן, געניע, אַדאַמאָווגאַ, מיכל און סימכע. באַ אַרענען אויפן קאָפּ — אַ שטרויענער הוט, אָף דער העלפט אָן אָפּגעקייטער.

געניע. אויב דער וואָרמעס האָט היינט פאַרשפּעטיקט, איז אין דעם שולדיק נאָר דער טאַטע דיינער — ער האָט זיך פאַרעדט מיט סאָרקען.

ארן. פאַרמאַסער, פאַרמאַסער מיך פאַרן זון.

סאָרקע. זעמל און גאָלדע זיינען ווו?

ליאָווע. זעמל איז פאַרנומען מיט זיינע פּלענער, און גאָלדע — מיט אים. שרעק זיך ניט, וואָרמעס עסן וועלן זיי קומען.

ארן. וואָס מיינסטו, דאָס, וואָס זעמל לייגט פאָר פאַראַקערן דאָס שטרוי גלייך נאָכן קאָמביין, און דאָס שטרוי ניט ברענען, — איז זייער אַ גלייכע זאַך.

ליאָווע. זעמל איז אַ טרוס, ער האָט מוירע פאַר אַ פונק. דו ווייסט, פונוואַנען עס נעמען זיך אַלע זיינע אויסטראַכטענישן, אַלע זיינע פּלע־נער — נאָר פון פּאַכדאָנעס.

ארן. אַז מע היט זיך פריִער פאַר אַ פונק, פאַרשפּאָרט מען נאָכדעם קריכן אין פייער.

עס קומען אַן גאָלדע און זעמל.

גאָלדע. כּאווער ארן, וואָס האָט געטראָפן מיט אײַער הוט?

אלע, אויסער ליאָווען, קוקן זיך אום. גענריעטע קײַכט פאר געלעכטער.

ארן. אייסעך וואָס.

גאָלדע. פּאָרט...

מיכל. געווען קײַלעכדיק, ווי א מאצע, און געוואָרן קרום, ווי א קאָטשערע.

ארן. פארשטייסטו מיך, איך זיץ זיך אזוי נעכטן ארום שטוב — מיד בין איך געווען, — האָב איך זיצנדיק געמוזט כאפּן א דרעמל, איז געקו־מען מײַן אייגענע ציג און האָט אָפּגעקײַט א האלבן הוט.

ליאָווע (קוקט זיך אום). וואָלסטו כאָטש אויסגעדרייט דעם הוט מיט דער גאנצער זײַט פון פאָרנט.

ארן. מיט וואָס זשע בין איך זיכער, אז עס וועט ניט קומען א פרעמדע ציג און אָפּקײַען די צווייטע זײַט.

גענריעטע. דער ווארמעס איז פארטיק. מילאָסטי פּראָסים. (צו ליאָוועך.) ביסט שטארק הונגעריק?

ליאָווע. ניין, איך בין זאט מיט אײַך.

זעמל. דאָס ברויט איז נאָך הייס. איך האָב וויפל מאָל געבעטן, ברויט זאָל מען ברענגען קאלטן.

ליאָווע. פאר ברויט הייסן האָט ער שוין אויך מוירע.

גענריעטע. וואָס איז דער כידעש? אז מע באוויַיזט נאָך ניט אָפּדרעשן, מוז מען שוין פירן אין מיל, מע באוויַיזט נאָך ניט ברענגען פון מיל, שפּארט מען שוין אין אויוון, פון אויוון — אין סטעפּ, הײַנט וואָס איז די נײַס, וואָס דאָס ברויט איז ווארעם. עס באוויַיזט זיך ניט אָפּקילן.

ארן. וואָס זשע ווילט איר דערמיט זאָגן, גענריעטא אדאמאָוונא?

גענריעטע. איך וויל זאָגן, אז ווען דער פאָרזיצער פון קאָלכאָז איז א ביסל א קעלטערער, פארשפּאָרן די קאָלכאָזניקעס שלינגען הייסן ברויט.

גאָלדע. פון ווען אָן, גענריעטא אדאמאָוונא, האָט איר זיך אזוי אָנגעהויבן זאָרגן פאר די קאָלכאָזניקעס?

גענריעטע. פון זינט דײַן באָבע איז געווען א מיידל. אָט דאָ ניט

ווײַט, אפֿן זעכצעטן ערד־כײַלעק, איז מען פֿון צענטער געקומען ווינטער נאָך ברויט, האָט דער פֿאָרזיצער געענטפֿערט: ניטאָ. ווען זיי טאקע האָבן אלט ברויט ביז איבער כאנעקע.

ס י מ כ ע. אונדזער פֿאָרזיצער האָט געמוזט פֿארגעסן, ווען עס איז כאנעקע...

מ י כ ל. ער האָט געמיינט, אז כאנעקע איז אין טאמוז.

ס אָ ר ק ע (צו גענריעטען). אז איר וועט זײַן פֿאָרזיצער, וועט איר פּראווען כאנעקע, ווען איר פֿארשטייט.

ג ע נ ר י ע ט ע. גאָט זאָל מיך אויסהיטן פֿון אזעלכע סלוזשבעס.

ל י אָ ו ע. א סאָף, לאָמיר שוין אמאָל עסן. ניט נאָר דאָס ברויט, דער זופּ איז שוין אויך מיסטאמע קאלט געוואָרן. (ער גייט צו צום קעסל, בייגט זיך אָן און טוט א מיש מיט א גרויסן הילצערנעם לעפֿל, טוט זיך א וואָרף אָן א זײַט, כאפּט א הויפֿן ערד און וויל ארײַנוואַרפֿן אין קעסל. סאָרקע כאפּט אים בא דער האנט.)

ג ע נ ר י ע ט ע (טוט א פּליעסקע מיט די הענט). ווײ איז מיר! וואָס ער האָט אָפּגעטאָן! זאמד אין קעסל!

א ר ן. וואָס טוט זיך מיט דיר, ליאָווע?

ס אָ ר ק ע. באם זינען ביסטו?

ז ע מ ל. אָנשטאָט אויסגיסן דעם קאס, גיסט ער אויס דעם זופּ.

ליאָווע ווארפֿט זיך אף זעמלען. סאָרקע שטעלט זיך צווישן זיי. זי פֿירט אָפּ זעמלען אָן א זײַט.

ס י מ כ ע. וואָס וועט מען איצטער עסן?

ל י אָ ו ע. די ערד וועט איר קײַען, אויב אזעלכע באלעבאטים (ווײַזט אף גענריעטען) וועלן ווײַטער באלעבאטעווען.

ס י מ כ ע (צו ליאָווען). אז דיר געפֿעלט ניט דער וואָרמעס, בין א י ך ניט מעכוייעוו הונגערן...

ג אָ ל ד ע (צו ליאָווען). ארויסטרײַבן פֿון דאָרף וואָלט איך דיך דערפֿאר. (צו גענריעטען.) און אײַך די ערשטע...

ג ע נ ר י ע ט ע. וואָלסטו געבליבן מיטן טאטן דײַנעם...

ג אָ ל ד ע. ווען זשע פֿ א ר ג י נ ט איר ניט?.. מיר, צי דעם טאטן.

ל י אָ ו ע (צו סאָרקען). דער דריטער טאָג, אז מע פֿארזוכט ניט קיין שטיקל פֿלייש! האָרעוועסט פֿאר צען פֿערד, און עמעצער מאכט דאָרט געשעפֿט מיט די פּראָדוקטן. ווו זײַנען דײַנע אויגן? ניטאָ קיין בעהײ־

מע — קוילע א קאַלב, א כאַזער, א שעפּס... וואָס איז מײַן באַבעס דײַגע? איך אַרבעט, גיט מיר עסן דאָס, וואָס איך וויל. דאַכט זיך, איך אַרבעט ניט פאַר זיך אַליין...

אַ רן (גייט צו צו ליאָוועָן). זון מײַנער, פאַרשעם מיך ניט פאַר לײַטן!

ליאָווע. טאַטע, איך בין שוין אַרויס פון די וויקעלעך. (ער קערט זיך אויס און לאָזט זיך גיין.)

סאָרקע. וווהין?

ליאָווע. אַרבעטן.

מיכל. ניט געגעסענערהייט?

ליאָווע. ביסט ניט געוווינט געוואָרן?

סימכע. קריגט זיך ניט, איר וועט מיר פאַטערן דעם אַפּעטיט.

ליאָווע גייט אַוועק.

מיכל (צו סימכען). די צײַט שטייט ניט, לאָמיר גיין. עס קאָן נאָך קאַלט ווערן די גאָלדענע יויך.

סימכע. מיט וואָס איז הײַנט געווען פאַרקאָכט די יויך? מיט לאָקשן צי מיט מאַנדלען, מיכל...

מיכל. מיט צאַרעס.

זיי נעמען ברויט און גייען אַהין, וווּ געגרייטע פאַרעט זיך מיטן וואַרמעס. גאָלדע נעמט ברויט און גיט א ווונק צו זעמלען, ער זאָל אויך נעמען.

סאָרקע. גאָלדע, זעמל, וואָס זשע וועט איר עסן?

זעמל. ברויט מיט נישט און פאַרבײַסן א ליפּ אָף א ליפּ. (קלײַבט זיך אַוועקגיין.)

אַרן. גאָלדע!

גאָלדע גייט צו צו אַרענען.

גאָלדע, גיי טו מיר א רוף אַהער מײַן ליאָוועָן, איך וויל, איך מוז זיך מיט אים דורכריידן.

גאָלדע. גלײַך. (קלײַבט זיך אַוועקגיין.)

אַרן (פאַרהאַלט זי). וואַרט אויס, זאָג מיר, גאָלדע, עפּשער ווייסטו,

וואָס איז ער היינט אזוי אופגעבראכט? איך מיין, אז ניט דער וואַרמעס איז דאָ אינגאנצן שולדיק.

גאָלדע. אויב איר מיינט, אז שולדיק בין איך, האָט איר א גרויסן טאָעס. איר האָט עפשער אין דעם דעם גרעסטן כיילעק... (אָפּ.)

סאָרקע (ווי פאר זיך). גאָלדע איז נאָך גאָר א קינד. פאר איר איז אלץ קלאָר, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר. דער איז שולדיק, יענער איז שולדיק, זי ווייסט ניט, אז ס'טרעפט: דאכט זיך, שולדיק איז איינער, דער אנדערער איז אָבער אויך ניט גערעכט.

ארן (טוט אָף איר א קוק אריבער די ברילן). וואָס ווילסטו זאָגן?

סאָרקע. גאָרניט. גלאט אזוי, איך פילאָסאָפיר.

ארן. גאָר גלאט איז מיסטאמע ניט. זעץ זיך צו, סאָרקע. זיצנדיק אף דער ערד, איז גרינגער פילאָסאָפירן אויך; אויב דיר ווילט זיך גאָר־ניט טראכטן, איז אויך גוט אף דער ערד.

סאָרקע. איר זייט דאָך פארליבט אין דער ערד. מער ווי אין די, וואָס גייען ארום אף דער ערד. איך, ארן, האָב געוואָלט בא אייך פרעגן, צי זייט איר מיר כאָטש אן עמעסער גוטערפריינט.

ארן. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אז יאָ.

סאָרקע. אויב יאָ, איז נעמט לייענט קאָרשט עס איבער און גיט מיר אן אייצע, וואָס איך זאָל טאָן. (זי גיט אים אין האנט א פאקעט.)

ארן לייענט פאר זיך.

ארן. איך בין א שלעכטער באַל־אייצע. (מיט א געענדערטן טאָן.) איך קאָן זיך אליין אויך קיין אייצע ניט געבן. זעסטו דאָך — אויסגע־האָדעוועט א זון... (לייענט ווייטער.) פארשטייט זיך, סאָרקע, אן אנדערע אף דיין אָרט, ווען מע לייגט איר פאָר זיין אין א שטאָט, און אין א גרויסער שטאָט...

סאָרקע. און ניט האָבן צו טאָן מיט די גענריַעטעס...

ארן. און מיט די ליאָוועס... מיט די ארנס... וואָס זשע האלט דיך אָפּ?

סאָרקע. איר האָט דאָך נאָרוואָס געזאָגט...

ארן. צוליב מיר זאָלסטו בלייבן זיצן אין דאָרף, ווען עס שטייט דיר פאָר אזא פערספעקטיוו, פאָרן לערנען. דיר, סאָרקע, פעלן דאָך נאָר קענטעניש, געבאָרן ביסטו אף זיין א מעלוכע־מענטש.

סאָרקע. נאָר א מעלוכע־מענטש, ניט אנדערש?.. נו, און איר?

אַרן. וואָס — איך? איך בין נאָך ניט אזוי אלט, איך זאָל טראַכטן, אז מײַן לעבן איז פארענדיקט, איך בין אָבער שוין ניט אזוי יונג, איך זאָל אלעמאָל אָנהייבן א לעבן פונדאָסנײַ. אָבער דו, סאָרקע, ביסט יונג, געזונט און האָסט שטארקע פליגלען... גיין מיט דיר צופוס, וואָלט איך נאָך ווי־עס־איז ניט אָפּגעשטאַנען, אָבער לאָזן זיך פליִען מיט דיר, — דאָ בין איך דיר קיין פּאָר ניט, און צוליב מיר זאָלסטו אויך גיין צופוס, דאָס וויל איך ניט.

סאָרקע. נו, גיי פאָר אוועק פון אײַך...

עס קומט אָן ליאָווע. סאָרקע הייבט זיך אויף און גייט אוועק.

ליאָווע (צום פאָטער). קלײַבסט זיך מיך זידלען?

אַרן. ניין, דורכריידן זיך.

ליאָווע. ס'איז עפּשער אומזיסט?

אַרן. אומזיסט האָסטו מיך, מײַן זון, אויסגעפּאַטשט פארן גאנצן דאָרף. איך ווייס גאָרניט, וואָס איז גרעסער: צי דער ווייטעק, צי דער ביזאָיען, צי דער פארדראָס?

ליאָווע. מיט וואָס האָב איך דיך אזוי אויסגעפּאַטשט?

אַרן. שוין בעסער, מײַן זון, מיט די הענט.

ליאָווע. איך בין דער בעסטער ארבעטער אין דאָרף, טאַטע. איך ארבעט אָרנטלעך? און ווײַטער וויל איך פון קיין זאך ניט וויסן.

אַרן. סענדער! סענדער רעדט פון דיר ארויס. ווי קומט עס צו דיר? קריִע ווילט זיך מיר רײַסן, ווען איך הער, ווי סענדערס בלוט רינט אין דײַנע אָדערן. מײַן זון — ביסטו, און פארשטיין פארשטייט מיך זעמל א סאך בעסער פון דיר. דו ווייסט, וואָס זעמל האָט מיר אנומלט געלייענט?

ליאָווע. זײַנע לידלעך גאָלדען?

אַרן. ניין, ניט קיין לידלעך, די געשיכטע פון אונדזער דאָרף, פון זינט די ערשטע איבערוואנדערער ביזן הײַנטיקן טאָג.

ליאָווע. און ווער איז דער העלד פון דער געשיכטע — זעמל?

אַרן. מיר זײַנען דאָרטן אויך פאַראַן.

ליאָווע. אין זעמלס געשיכטע ביסטו שוין אַרײַן, וואָס ווילסטו נאָך?

אַרן. לאַך ניט, זעמל טוט א וויכטיקע זאך... זעמל ארבעט ניט נאָר צוליב פאַרדינען ארבעטסטעג — זעמל טראַכט וועגן עפּעס העכערס... זעמל שרײַבט א נײַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

ל י אָ ו ו ע (איראָניש). ווי קום איך צו זעמלען? זעמל באשרײַבט, וויאזוי די יידישע מאסן בויען סאָציאליזם אין דאָרף. און מ י ר געפעלט עפשער סאָציאליזם אין שטאָט? יעדערער קוקט מיט זײַנע אויגן... דו האָסט זיך אײַנגערעדט, אז יידישע יוגנט מוז זיך פארפלאנצן נאָר בא זיך אף דער אייגענער פריזבע, און ווי זי פאָרט ארויס פון דאָרף, — אויס יידישע יוגנט. און איך מיין, אז די, וואָס ארבעטן ערגעץ אף א זאוואָד, זײַנען ניט קיין קלענערע מעיוכאָסים פון די, וואָס פאָרקען זיך אין זאמד. האָסט א טאָעס, טאטע: מיכל, באָרעך, זאָרעך טראכטן אויך ניט וועגן דעם טאכלעס פון יידישן פאָלק: זיי ווילן עסן — ארבעטן זיי, און אז זיי ארבעטן, ווילן זיי עסן. מער האָבן זיי גאָרניט אין זינען...

א ר ן. ועמעס ביסטו? מײַנער — ניט! ווו בין איך אין דיר? פאר דיר איז א מענטש — סײַ אין דאָרף און סײַ אין שטאָט, — נאָר צוויי הענט, וואָס האָדעווען דאָס מויל מיט ברויט; ערד — געלער, ברוינער אָדער שווארצער זאמד, און פאר מיר איז ערד אפילע ניט קיין נײַע א ר ב ע ט, נאָר א נײַ לעבן... אָט שטייט אקעגן מיר מײַן זון...

ל י אָ ו ו ע קערט זיך אויס און גייט אוועק.

(זעצט פאָר). ווער, אויב ניט דו... וועמען האָב איך נאָך? וועמען?

א געדריקטע שטילקײַט. פלוצעם דערהערט זיך א געשריי: „טאטע! טאטע!"

(שפרינגט אוף פון אָרט. א רעגע שטייט ער ווי צעמישט, און דערנאָך שרײַט ער אויס.) ריווקע! ריווקעלע איז געקומען!

עס באווײַזט זיך ר י ו ו ק ע, זי פאלט ארוף אפן האלדז ארענען.

טאָכטער מײַנע! קינד!

פאָרהאנג

דאָס צווייטע בילד

זומער. שניט־צײַט. בא סענדערן אין שטוב. אן ערדענער דיל, אויסגעבעט מיט שמאָלע טעפּיכלעך. אן אלטמאָדישער קליידער־אלמער. אין דער הייך — מעש, קופער. אפן טיש — א ווײַסער סערוועט. ס ע נ ד ע ר — אליין. ער זיצט און רעכנט אונטער זײַנע ארבעטסטעג אין זעמלס העפט.

ס ע נ ד ע ר (זינגענדיק מיט א געמאָרע־ניגן). אויב פאר היטן א

נאַכט צאָלט מען מיר אַ טאָג מיט אַ פינפטל, און פאַר היטן אַ טאָג צאָלט מען אַ טאָג אָן אַ צענטל, און נעכט האָב איך צוויי און פערציק און טעג — זיבעצן; און אַף אַן ארבעטסטאָג ווערט אויספאַלן, לאָמיר זאָגן, אַן אַכט קאַרבוינים בימזומען, — איז וויפל זשע מאַכט עס מיר אויס ביז הײַנט? (ער רײַסט איבער דעם געמאָרע־ניגן.) און מיט גענרי׳עטעס טעג ווייס איך גאָר קיין כעזשבן ניט... אַז מע שמועסט: מיש זיך ניט, קאָן מען דאָך קיין כאַזער ניט זײַן. (פּאַוזע.) אַז ווער האָט עס גאָר אַמאָל געוווּסט פון טעג, פון האַלבע טעג, שטיקלעך טעג, מע האָט געלעבט אַ טאָג און — אַן עק. און אַלץ — דאַרף אַף זיך נעבעך אויסטראָגן זעמעלעס העפט... אַ פּאָטעפּאַלנאָסט פון אַ יונג: פאַרפראָרן ווערן אין סטעפּ און שרײַבן לידלעך... אַ גליק, וואָס ער האָט מיר איבערגעלאָזן עטלעכע ליידיקע בלעטלעך פאַר מײַן בוכהאַלטעריע... עמעס, פון מײַן זײַט איז עס אוואַדע אַ כילעל־האַשעם: אַף דעם זעלבן העפט, ווו זעמעלע האָט געשריבן וועגן ליובאָוו, פאַרשרײַבט סענדער אַזאַ מוקצע־זאַך, ווי ארבעטסטעג... וואָס קאָן איך אָבער טאָן, אַז ס׳איז דאָ אַ בעפיירעשער פּאָסעק: אים איין קעמאַך, איין טוירע, וואָס פאַרא ארבעטסטעג — אַזאַ ליובאָוו, אַזוי טײַטשט גענרי׳עטע מײַנע, זאָל געזונט זײַן... (ער שטייט אויף, באַהאַלט דאָס העפט אין בוזעם, גיסט אָן צוויי גלעזלעך ווײַן.) גענרי׳עטע! קום קאָרשט אַהער, עפּעס איז דאָך באַ דיר הײַנט אַ שטיקל יאָמטעוו, לאָמיר נעמען צו ביסלעך ווײַן און צווינטשן זיך דערלעבן... (קיינער ענטפערט ניט.) גענרי׳עטע, ווילסט מיר ניט ווינטשן קיין לעכאַים?!.. (ער נעמט איין גלעזל און גיסט אַרײַן צוריק אין פלאַש, דאָס צווייטע פולע גלעזל שטעלט ער אַוועק אַפן טיש. נאָכדעם נעמט ער אַ זילבערנעם קידעש־בעכער, גיסט אָן מיט בראַנפן און רופט זיך אָן מיט פאַרביטערונג.) עך, גענרי׳עטע, אַפּאָנעם, אַז דאָס, וואָס דו ביסט באַ מיר דאָס ד ר י ט ע ווײַב, איז נאָך אַ האַלבע צאָרע, אָבער דאָס, וואָס איך בין באַ דיר ניט דער ערשטער מאַן, איז אַ סאַך ערגער. גענרי׳עטע! (שטילערהייט.) דו הערסט? דעם וואָלף, וויפל דו זאָלסט ניט האָדעווען, קוקט ער אַלץ אין וואַלד. לעכאַים, אַלעקסאַנדער־סענדער! (ער טרינקט אויס און לאָזט דעם אַלמער אָפן, טוט אָן דאָס פעלצל אַף די אַקסל, עפנט אויף די טיר מיט אַ קלאַפּ פון דעם פוס און גייט אַרויס.)

פון אַהינטערן ווענטל גייט אַרויס ג ע נ ר י ע ט ע, אָנגעטאָן אין עסיק און אין האָניק, אין אוירינגלעך און מיט גאָלדענע פינגערלעך.

ג ע נ ר ?ע ט ע. **מעשוגענער סענדער! געט וועט ער מיר אוואדע געבן, געט אָן קסובע.** (זי גייט צו צום טיש, נעמט דאָס איבערגעלאָזענע גלעזל ווײַן.) **נו, גאָט צו דאנקען, איך בין שוין א וואָלף אויך... לעכאַים, גאָט זאָל געבן, און מיר זאָלן נעמען...** (זי פארשפארט דעם אלמער, מאכט אָרדענונג אין שטוב, פארקערט די שפּורן, וואָס סענדער האָט איבער־געלאָזט נאָך זיך, גייט צו צום פענצטער, צינדט אָן פּײַער און לאָזט אראָפּ די פאָרהענגלעך.) **זאָלן יענעם פריַער די אויגן ארויס, ווער עס וועט אפילע פּרוּוון ארײַנקוקן. אז אלץ איז זיי גרויס אין די אויגן. לעבט יענער ווי א מענטש, טאָמער שפּרינגען בא אים ניט ארום קיין פליי איבער די טעלער... טאָמער... טאָמער קומט צו אים אמאָל ארײַן א מענטש...**(זי פארציט די פאָרהענגלעך ביזן סאָף.) **די יאכנע־דוואָסיעס האָבן דאָך שוין פארגעסן, ווי מע לייגט א טישטעך אפן טיש, ווי מע פארקעמט די האָר אפן קאָפּ.** (זי קוקט אין שפּיגל, כיינדלט זיך, גלעט אויס די קנייטשן אפן שטערן, פארבארשט די ברעמען און פארקוקט זיך פלוצעם אף די הענט.) **פאר דער לעצטער צײַט זײַנען די הענט געוואָרן, ווי די ריבײַזנס... נאָר וואָס איז דער וווּנדער? — קאָך זיי, באַק זיי, גרייט אלץ צו און שלעפּ אין אויסרײַסן. און וואָס מע זאָל ניט ברענגען — ניט צו גאווירן: ברענגסטו אמאָל אָן פלייש — שפּרינגט ארויס ליאָווע, שיט אָן זאמד אין קעסל; צופּיל פלייש — קנייטשט זיך זעמל: זומער, ס'איז הייס, דאָס פלייש קריכט שוין אים פון האלדז... אף אלע פיר זאָלסטו שוין ארומקריכן, זעמעלע, זאָלסט וויסן, ווי צו לויפן אין ראיאָן מאסערן, רעוויזיעס רופן... און מײַן אלטער נאר איז אין אזא וויזגע געלאָפן זוכן אים! און טאָמער וואָלט ער איבערגענעכטיקט אין סטעפּ, וואָלט זיך גאָר די וועלט איבערגעקערט...**

עס דערהערט זיך א קלאַפּ אין טיר.

פאָזשאלוסטא...

עס עפנט זיך די טיר, און עס קומט ארײַן ב ע נ צ ?ע ן דער בוכהאלטער. ער בלײַבט שטיין א ווײַלע אין פארלעגנהײַט.

ב ע נ צ ?ע ן. **א גוטן אָוונט.**

ג ע נ ר ?ע ט ע. **א גוטער אָוונט. גייט ארײַן, זיצט בא אונדז, הער בענצ?ען.**

ער קוקט זיך ארום.

וואָס קוקט איר זיך אזוי איַן? זעט קאָרשט, איר זאָלט קיין איַנהאָרע ניט געבן.

בענציען. יידישע אויגן שאטן ניט, גענריעטא אדאמאָוונא. (ער נעמט אראָפּ דעם רעגנמאנטל, זי נעמט בא אים צו און הענגט אוף אף א צוויאַק בא דער טיר.) איך קוק, ס'איז בא איַך היַנט יאָמטעוו.

גענריעטע. א קלייניקער יאָמטעוו — איך בין היַנט קליגער געוואָרן אף א יאָר. זיצט.

ער זעצט זיך באם טיש.

אהינצו, אהינצו, אויבנאָן.

ער פאָלגט זי און זעצט זיך אף דער סאָפקע.

מע ווערט איין דאָרף אזוי פארגרעבט, אז מע פארגעסט די טעג מיט די יאָרן. מע איז שטענדיק אזוי פארהאָוועט, אז שטארבן וועט, דאכט זיך, אויך קיין ציַט ניט זיַן. ווען ניט מיַן סענדער (זי שטעלט אפן טיש א פלאש וויַן), וואָלט איך גאָר פארגעסן, אז היַנט איז מיַן געבורטסטאָג. (זי שטעלט אוועק פארביַסן.) אוי, האָט זיך אים, נעבעך, היַנט ניט געוואָלט גיין נעכטיקן אין וויַנגאָרטן...

בענציען קוקט די גאנצע ציַט אף דער טיר.

וואָס קוקט איר אלץ אף דער טיר? מער קיין געסט האָב איך ניט גע־רופן...

בענציען. גאָרניט... גלאט אזוי... ס'איז בא מיר אזא כאלאס, גע־בליבן בעיערושע פון דעם פינינספעקטאָר. (טוט ווידער א קוק אף דער טיר.) קומט איַך, הייסט עס, א מאזלטאָוו. וואָס זשע איז עפּעס איַער מאמען איַנגעפאלן געלעגן ווערן אין סאמע ברען פון דער פעלד־ארבעט?

גענריעטע. מיַן מוטער וואָלט אמאָל געוועזן וויסן, אז איך וועל ארײַנפאלן אין אזא העק, וואָלט זי מיך קליינערהייט דערשטיקט.

בענציען. וואָס זשע וואָלט געזאָגט איַער סענדער? ווו וואָלט ער געפונען נאָך אזא גענריעטא אדאמאָוונא?

גענריעטע. וואָס דען? אַ סאַך אַזעלכע, ווי איך, זײַנען געבליבן? זאָגט דעם עמעס, הער בענציען, איר זײַט דאָך עפּעס אַ מענטש מיט אַן אמאָליקן ווקוס.

בענציען. גענריעטאַ אַדאַמאָוונאַ, ווו מע דאַרף, בין איך מער הײַנטיקער פון די אַלע הײַנטיקע.

גענריעטע. ניט אומזיסט האַלט פון אײַך מײַן סענדער אַן אויילעם־אומלויע.

בענציען. סענדער איז שוין איינמאָל אַ מייוון אויף מענטשן. ניט אומזיסט לאָזט ער אײַך ניט אַרויס פון מויל. אומעטום איז נאָר — מײַן גענריעטאַ אַדאַמאָוונאַ. איך פאַרשטיי נאָר ניט, וויאַזוי גייט מען דאָס אַוועק פון שטוב און מע לאָזט איבער אַזאַ יוגנט אויף גאָטס באַראָט.

גענריעטע (נעמט אים אָן בײַ דער האַנט). ער פאַרלאָזט זיך פּרי־ער אויף גאָט, דערנאָך אויף אײַך...

בענציען. מע זאָל זיך שוין אויף מיר ניט קאָנען פאַרלאָזן, איז דאָך עק וועלט... נאָר עפּשער איז שוין סענדערן ניט דערצו, דעריבער היט ער דעם קאַלכאַזנעם ווײַנגאָרטן מער, ווי דאָס אייגענע ווײַב.

גענריעטע. קוקט ניט, וואָס ער איז שוין ניט קיין יונגערמאַן. צוליב מיר איז ער גרייט אויף אַלץ. צוליב מיר האָט ער אָפּגעגאָלט די באָרד, צוליב מיר איז ער גרייט צו גיין אין פײַער...

בענציען (צעכיכיקעט זיך שטיל, פילדײַטיק). און איר צוליב אים — אין וואַסער...

גענריעטע (מאַכט זיך פריער, ווי זי פאַרשטייט ניט, דערנאָך צעלאַכט זי זיך פאַרשעמט). אַז מע זאָל אַפילע וועלן, איז דען אין קרים פאַראַן וווּ? פאַראַן אין קרים אַ יאַם, נאָר ווער זעט אים אָן אין די אויגן? אַמאָל, אַז איך האָב ניט געלעבט אין קרים, האָב איך געוווּסט פון קרים, און איצט — קרימט מען זיך, ניט מע לעבט... (גענריעטע פּאָרעט זיך באַם אַלמער, דערלאַנגט פאַרבײַסן און גיסט אָן צוויי גלעזלעך איי־גענעם געשטעלטן ווײַן.)

בענציען. זעט איר, פונמײַנטוועגן, מעג דער יאַם אינגאַנצן אויס־טריקענען. איך קאָן זיך באַגיין אָן אַ יאַם, און באַזאָרגן די וועלט בין איך ניט מעכויעוו. וואָרעם, וואָס איז זי מיט מיר געוועזן, די וועלט — אַ קאָרעוו, אַ גויעל, אַ פּרײַנט, אַז הײַנט זײַנען פּרײַנט אויך קיין פּרײַנט ניט. אויס פּרײַנט. יעדערער פּאַר זיך. אײַ מע אַרבעט, מע האָרעוועט,

מע ווערט פארשווארצט, מע איז איבערגעגעבן — עסן דארף מען דאָך, איז וואָס איז דיר די נאפקעמינע, ווו דו ארבעטסט... (ער נעמט איין גלעזל, גיט איבער געגריעטען דאָס צווייטע.) לעכאַים, געגריעטא אדאַמאָוונא, לאָמיר זיך צווינטשן... מיר זאָלןביידע מיט אײַך פּאָטער ווערן פון גאָלעס קרים אויך.

געגריעטע רוקט זיך צו נעענטער צו אים.

געגריעטע. אף מיר אזא יאָר, ווי איר זײַט גערעכט. אָט נעמט אפילע מײַן סענדערן, דאכט זיך א גאנצער קאָכלעפל אין דאָרף, ווו מע דארף און ווו מע דארף ניט — סענדער, נאָר וואָס קומט מיר ארויס, וואָס האָב איך דערפון? פיר נײַע הײַזער בויט מען טאקע, ווער זשע וועט זיי אָבער קריגן? (ציילט, פארבייגנדיק איין פינגער נאָכן צווייטן.) וועט קריגן סאָרקע, וועט קריגן ארן, וועט קריגן גאָלדע, וועט קריגן זעמל, דער טאכשיט ברענגט דאָך אראָפּ אהער די מאמע זײַנע. מע וועט צווישן זיך צעטיילן, און נאָכדעם גיי לאָד זיי.

בענציען. און טאָמער וואָלטן מיר פּרוּוון רעכענען פארקערט? (ער נעמט אראָפּ פון וואנט די שטשאָטעס און שטעלט ארוף פיר ביינדלעך.) פיר הײַזער וועלן פארטיק ווערן? (ערווארפט אראָפּ די ביינדלעך איינציקוויַיז.) וועט קריגן ארן... וועט קריגן סאָרקע... וועט קריגן סענדער...

געגריעטע. נו, און דער פערטער?

בענציען. דער פערטער — איז דער ערשטער, דער בוכהאלטער... עלע ניט, איז ניט געשטאנצט מיטן בער, און זאָלן זיי מיך רופן קנאקניסל. וואָס זשע, אין שטאָט וועל איך קיין ארבעט ניט קריגן? מע בעט זיך בא מיר, אבי נאָר קום.

געגריעטע. איז דאָך גוט אײַך, אליין איז די נעשאָמע ריין.

בענציען. נו, און אײַך ציען קליינע קינדער פאר דער פּאָלע?

געגריעטע. וואָס הייסט? (זי גיסט אים אָן נאָך א גלעזל. ער טרינקט אויס, די זופּט קוים אָפּ.)

בענציען. דאָס הייסט, אז מע וויל טײַטשן דאָס אייגענע צוריק, באקומט זיך גאָר אן אנדער באלאנס.

געגריעטע. און אזא גוטסערצײַ איבערלאָזן אים? און וווהין לויפט מען — אין דער וועלט ארײַן? ס'איז דאָ, קיין אײַנהאָרע, פון אלדאָס גוטס.

ב ע נ צ י ע ן. ווײַט לויפן וועט אײַך ניט אויסקומען, איך וועל אײַך איבערנעמען אפן וועג, און ווו דעם קאָפּ אָנצושפּארן וועט זײַן. דער הימל אף דער ערד איז נאָך ניט געפאלן.

ג ע נ ר י ע ט ע. א ווערטעלע צו זאָגן...

ב ע נ צ י ע ן. אן אָרט פאר איין קאָפּ וועט זיך געפינען — וועט זיך געפינען אָרט פאר נאָך א קאָפּ. א האלבע שטוב באם ברודער איז דאָ, אבי נאָר געלט. ס'איז דאָ א באלעבאטישקײַט... ס'איז דאָ...

ג ע נ ר י ע ט ע (פאָרזיכטיק). נו, און וועגן דעם, אז מע רעדט וועגן א רעוויזיע, האָט איר שוין געהערט?

ב ע נ צ י ע ן. ווו?

ג ע נ ר י ע ט ע. ניט בא מיר.

ב ע נ צ י ע ן. פונוואנען ווייסט איר?

ג ע נ ר י ע ט ע. זעמל איז דאָך ווידער געלאָפן אין ראיאָן.

ב ע נ צ י ע ן. זאָל ער לויפן... ער וועט נאָר די שיך צערײַסן, ווײַל איך, פארשטייט איר מיך, בין אזא מענטש, וואָס האָב ליב צו יעדער צײַט וויסן אקוראט, ווו איך האלט אין כעזשבן, און דער כעזשבן זאָל בא מיר שטענדיק זײַן — אזשור.

ג ע נ ר י ע ט ע. פארטײַטשט זשע מיר, לאָמיך אויך וויסן, וואָס דאָס הייסט.

ב ע נ צ י ע ן. דאָס הייסט, אז דער דעבעט מיטן קרעדיט זאָלן צווישן זיך ניט זײַן צעקריגט.

גענריעטע צעלאכט זיך פילדײַטיק, גיסט אים אָן נאָך א גלעזל. בענציען רוקט עס אָפּ. גענריעטע רוקט אים ווידער צו, ער רוקט אָפּ נאָך ווײַטער.

גענוג. אלץ מיט א כעזשבן.

ג ע נ ר י ע ט ע. זאָלט איר מיר געזונט זײַן, הער בענציען, איך האָב שוין אויך פארגעסן אָן יידישקײַט. א ייד מעג דען טרינקען זוגעס?[1] אָדער איין גלעזל, אָדער דרײַ, נאָר ניט קיין צוויי.

ב ע נ צ י ע ן. און פינף?..

ג ע נ ר י ע ט ע. זאָל אײַך ווויל באקומען. (זי נעמט אין האנט איר גלעזל און טראָגט צו צו זײַנעם.) לעכאַים, זעמלען זאָל אָפּדארן די צונג, און די גאנצע זאך זאָל מיט גאָטס הילף צעריבן ווערן. מע זאָל אָפּקור־

---

[1] פּאָרנווײַז. טרינקען פלעגט מען נאָר „אום".

מען נאָר מיט שרעק. (זי גייט צו צום פענצטער, קוקט ארויס, קערט זיך אום, דעקט צו דאָס לעמפל מיט א פאפיר. אין שטוב ווערט טונקעלער, זי דערלאנגט אים אן אויסגענייט קישעלע.) שפּארט זיך צו, הער בענ־ציִען, איר קאָנט זיך פילן, ווי בא זיך אין דער היים...

בענציִען (שיקערלעך, שפאַרט זיך אָן אין קישעלע, לייגט אוועק די שטשאָטעס אף די קני און ווארפט דיביינדלעך זייער גיך ארוף און אראָפּ, טוט א קלאפּ מיטן לעצטן ביינדל). אזשור, קיין הונט וועט ניט דערשמעקן. (צעכיכיקעט זיך און כאפּט אומרויִק א קוק צו דער טיר.) וויפל ארבעטסטעג האָט איר געקראָגן פאראיאָרן בא יענעם בוכהאלטער פאר א קײַלעכדיק יאָר, און וויפל האָט איר שוין בא מיר הײַנט?..

גענריִעטע (נעמט ארויס בא אים פון די הענט די שטשאָטעס און הענגט אוף צוריק אף דער וואנט). לאָמיר כאָטש אף איין שאָ צײַט פארגעסן די כעזשבוינעס מיט די ארבעטסטעג, מיטן סטעפּ... שוין זשע איז אכוץ דעם מער קיין זאך ניט פארבליבן — ניט קיין ליבע, ניט קיין מענטשלעכקײַט...

בענציִען. שײַעך זאָגן ניט געבליבן, און ווו זײַנען מיר מיט אײַך, גענריִעטא אדאמאָוונא? ווען די גאנצע וועלט זאָל אומקומען און נאָר מיר מיט אײַך זאָלן איבערבלײַבן, וואָלט מען געוווּסט, אז ס'איז אמאָל געווען ליבע אף דער וועלט. וואָס זשע, זיי ווייסן פון ליבע, — כאזיירים פון דער בלאָטע.

גענריִעטע. און פרעג בא זיי, וועלן זיי דיר דערווײַזן, אז די הייליקע ליבע איז נאָר בא זיי...

בענציִען. בעט בא מיר א הארטן פיטאק פאר דער ליבע זייערער און פאר זיי אינגאנצן... דער גאנצער יִכעס זייערער, וואָס יונג זײַ־נען זיי.

גענריִעטע. איך האָב נאָך מײַן וועלט אויך ניט אויסגעפירט. איך וועל נאָך איבערוווארטן.

בענציִען. ביז סענדער וועט קריגן א נײַע שטוב?

גענריִעטע. ניין. דאָס דאָרף ליגט שוין מיר אָט דאָ... (זי ווײַזט אפן האלדז.)

בענציִען. פון אן אייגענער שטוב, הייסט עס, וואָלט איר זיך ניט אָפּגעזאָגט, נאָר ס'ארט אײַך ניט, טאָמער אין שטאָט...

גענריִעטע. וואָס איז מיר די שטוב, וואָס איז מיר די שטאָט,

וואָס איז מיר די גאַנצע וועלט, אַז איך בין אַף מײַנס קיין באַלעבאָסטע ניט...

בענציען. געזעכט, גענריעטא אַדאַמאָוונאַ, גערעכט... מיר זײַנען ניט קיין באַלעבאַטים אַף אונדזערס... אַפּילע בא זיך אין שטוב ביסטו ניט אין דער היים.

גענריעטע. ווו זשע איז זי, אײַער גליקלעכע היים? איר זאָלט מיר מוחל זײַן, בענציען, נאָר עפּעס דערקען איך אײַך הײַנט גאָרניט...

בענציען. וואָס איז דער כידעש? איך האָב אויסגעטרונקען אַ גלעזל, בין איך געוואָרן אַן אַנדער מענטש, הײַנט ווי זאָלט איר מיך דערקענען? אַן אַנדער מענטש.

גענריעטע. און יענער מענטש האָט אויסגעטרונקען נאָך אַ גלעזל... וויפל זשע גלעזלעך דאַרפט איר, איר זאָלט ווערן גאָר אויס מענטש?..

בענציען. אַלץ — יאָ, דאָס — ניט. מענטשלעכקײַט אָהאָ־אָהאָ! געלט־שמעלט — אַלץ איז בלאָטע, דער איקער איז דער מענטש...

גענריעטע (פּילדײַטיק). וואָס האָט אַ ביסל געלט...

בענציען. וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן? (ער שטעלט אַרוף אַף די שטשאָטעס פינף ביינדלעך.)

גענריעטע. ניט איך זאָג, עס זאָגט די וועלט, אַז געלט גייט צו געלט. (זי שטעלט אַרוף נאָך פינף ביינדלעך.)

בענציען גלעט איר די האַנט.

און איר האָט מיך טאַקע ליב, צי די עטלעכע גראָשנס שמעקן אײַך? זאָגט דעם עמעס...

בענציען. וואָס רעדט איר? וואָס רעדט איר? גענריעטא אַדאַמאָוונאַ, פאַר וועמען האַלט איר מיך? איך בין איין מענטש, איינער אַליין... וויפל דאַרף איך... זייער ווייניק...

גענריעטע. איך בין אויך אַליין, און דאַרף אַ סאַך. דעריבער פרעג איך טאַקע... דעריבער וויל איך וויסן...

בענציען. ענטפער איך אײַך, אַז איך גיי צו אײַך נאָר דערפאַר, ווײַל...

גענריעטע. איך גיי אַמאָל צו אײַך אַרײַן...

בענציען. ניין, ניט דערפאַר, מיינט ניט, גענריעטא אַדאַמאָוונאַ... בענציען איז ניט אַבי ווער.

גענרי̇עטע. דעם עמעס זאָגן איַיך... איז מיר קימאט אלציינס. אבי ער אליין זאָל זיַין א מענטש און האלטן מ י ך פאר א מענטשן... בא זיי בין איך נאָר א סארווערן. בא זיי בין איך א דינסט, ניט קיין מענטש...

בענצי̇ען. בארוי̇קט זיך, גענרי̇עטא אדאמאָוונא... איר טראָגט דאָך אף זיך א מאנסבילשן קאָפּ...

גענרי̇עטע. א קאָפּ האָב איך עפשער א מאנסבילשן, אָבער א הארץ?..

בענצי̇ען. אף מיר אזא יאָר...

גענרי̇עטע. הערט איר, בענצי̇ען, עפשער זיַיט איר גערעכט... אז אפילע בא זיך אין שטוב ביסטו קיינמאָל ניט אין דער היים... ביסט קיינמאָל ניט זיכער, עמעץ זאָל זיך צו דיר ניט אריַינריַיסן.

בענצי̇ען טוט אומרוי̇ק א קוק אף דער טיר.

זיַיט רוי̇ק, היַינט וועט קיינער ניט קומען. הער בענצי̇ען, זינגט עפּעס. אָבער א רעכטס, זאָל דוכטן, אין קאָנטאָר, ווען קיינער איז ניטאָ, ניש־קאָשע, מיר וויסן אלץ.

שטיל.

בענצי̇ען (פּארציט א ליד).

ווער קלאַפּט עס דאָרט שפּעט באנאכט?
— בערעלע באראנטשיק!
עפן, עפן, בריַינטשעלע, } צוויי מאָל
איך בין דיַין קאָכאנטשיק...

גענרי̇עטע (העלפט אים אונטער).

ווי זאָל איך דיר עפענען?
כ׳האָב מוירע פאר מיַין טאטן.

בענצי̇ען.

עפן, עפן, בריַינטשעלע,
ס׳וועט דיר גאָרניט שאטן...

(ער נעמט זי אָן בא דער האנט און ציט זי נעענטער צו זיך.)

— עפן, עפן, בריינטשעלע,
ס׳וועט דיר גאָרניט שאטן...

עס דערהערט זיך א שטילער קלאפּ אין טיר און באלד נאָך א קלאפּ א דרייסטע־רער. בענציען שפּרינגט אוף, כאפּט ארוף דעם פּידזשאק, קאָן דעם ארבל ניט טרעפן. גענרײַעטע זוכט אַן אָרט, ווו אים צו באהאלטן. איינציקטיק כאפּט זי אראָפּ פון טיש. עס דערהערט זיך א דריטער קלאפּ.

גענרײַעטע (וויזנדיק אפן אלקערל). **אהין, אהין, וואָס זײַט איר געבליבן שטיין? אהינצו, זאָגט מען אייַך.**

בענציען פארשווינדט הינטערן ווענטל.

וועלכער טײַוול טראָגט זיי אום אינמיטן דער נאכט? (זי גייט שוין עפע־נען די טיר און דערזעט, בענציענס מאנטל הענגט בא דער טיר. זי כאפּט אים און ווייסט ניט, וואָס צו טאָן דערמיט, זי פּרוּווט אריבערוואַרפן איבערן ווענטל. דער מאנטל בלײַבט אָבער הענגען ניט אהין, ניט אהער. זי כאפּט א קוק אין פענצטער און גייט צו צו דער טיר. בענציען שלעפּט פון יענער זײַט דעם מאנטל.) **ווער איז?**

פון הינטער דער טיר א שטים: „איך".

באלד. גלײַך עפן איך.

עס עפנט זיך די טיר, און עס קומט ארײַן **סאָרקע**, אָנגעטאָן אין א געפלאָכטן זשאקעטל.

סאָרקע. א גוטן אָוונט, גענרײַעטע.
גענרײַעטע. א גוטן אָוונט, סארא גאסט!
סאָרקע. א צו שפּעטער גאסט.
גענרײַעטע. פאר א גוטן גאסט איז קיינמאָל ניט שפּעט.
סאָרקע. איך גיי פון דאָרפראט, טראכט איר מיר, גענרײַעטע איז איינע אליין, לאָמיך ארײַן, וועט **איר** זײַן פריילעכער, און איך וועל דערוויַל זיך דורכריידן מיט איר. נאָכן הײַנטיקן סקאנדאל אין סטעפּ איז, דאכט זיך, דאָ פון וואָס צו ריידן, הא, גענרײַעטע?

ג ע נ ר י ע ט ע. וואָס דארפסטו זיך פארענטפערן, ביסט דער פּאַרזי־צער פון קאַלכאַז, האָסטו רעכט קומען צו יענעם, ווען דו ווילסט... מיר האָבן זיך שוין טאקע מיט דיר לאנג ניט געזען... אוואדע... א האלבן טאָג... דו, סאָרקע, ווייסט אָבער ווען צו קומען. דאָס הארץ האָט דיר געזאָגט, אז היינט האָט מיך די מאמע מיינע ארויסגעבראכט אף דער ליכטיקער וועלט... לאָמיך דיך כאָטש מעכאבעד זיין, און זאָג, אז איך בין ניט קיין בעריע... (זי שטעלט צום טיש וויין און פארבייסן.)

ס אָ ר ק ע. וואָס זשע האָט איר מיך ניט איינגעלאדן...

ג ע נ ר י ע ט ע. איך האָב געמיינט, דיר וועט ניט אָנשטיין קומען...
(זי גיסט אָן סאָרקען א גלעזל וויין.)

ס אָ ר ק ע. נו, און זיך...

ג ע נ ר י ע ט ע. מיילע, מיט דיר... (זי טראָגט צו איר גלעזל צו סאָר־קעס.) גאָט זאָל געבן... וואָס רייד איך? ד ו גלייבסט דאָך ניט אין גאָט...

ס אָ ר ק ע. און איר, גענריעטע, גלייבט טאקע יאָ?

ג ע נ ר י ע ט ע. יאָ צי ניין, ווי זאָגט אָבער דער קריסט? קאָגדא טרע־וואָגא, טאָגדא דאָ באָגא...

ס אָ ר ק ע. וואָס איז? וואָס איז אזוי די טרעוואָגע? וואָס פעלט אייך?..

ג ע נ ר י ע ט ע. זאָל דאָס מיר נאָר צוקומען, וואָס מיר פעלט.

ס אָ ר ק ע. נעבעך, א ביטערער ראכמאָנעס אף אייך: איינער קלאָגט, וואָס די יויך איז ביטער, און די צווייטע, וואָס דאָס פערל איז שיטער.

ג ע נ ר י ע ט ע. און דער דריטער קלאָגט, וואָס דאָס לעבן איז קיין לעבן ניט.

ס אָ ר ק ע. וואָס איז עס אייך אזוי מיטאמאָל געוואָרן ניט ניכע דאָס לעבן?

ג ע נ ר י ע ט ע. ניט ניכע, סאָרקע, אוי, ניט ניכע... אז ס'איז שוין געקומען צו רייד, איז הער מיך אויס, איך בעט דיך אָבער, ניט ווי א פרעדסעדאטעל, נאָר ווי א זשענשטשינע.

ס אָ ר ק ע. זאָל זיין, ווי א זשענשטשינע.

זיי זעצן זיך איינע קעגן דער אנדערער. בענציען רוקט ארויס דעם קאָפּ. גענריעטע דערזעט אים אין אנטקעגנדיקן שפּיגל. זי מאכט זיך ניט זעענדיק.

ג ע נ ר י ע ט ע (זעצט פּאָר). זאָג מיר, וואָס האָב איך פון מיין לעבן היינט און וואָס דערוואַרט מיך מאָרגן?

סאָרקע (פאַר זיך). שווער צו זאָגן...

געגרזעטע. פונקט היינט איז מיר געוואָרן דריי און פערציק יאָר, דאכט זיך, נאָך א מענטש מיט לייטן גלייך — מיט א צונג, מיט א שטעל, ניט אזא מיעסקייט אויך, אין שטאָט אזעלכע, ווי איך, פירן נאָך אראָפּ פרעמדע מאנסבילן פונעם וועג... (צעלאכט זיך.)

סאָרקע. נו, און אין דאַרף זיינען די מאנסבילן הייליקע?

געגרזעטע. גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד, נאָר מע דאַרף צו זיי האָבן א נעשאָמע פון א רעטעך, זאָלסט אף מיר נאָר קיין פאריבל ניט האָבן, דאכט זיך, אז דיר געפעלן זיי דאפקע יאָ...

סאָרקע. אז ס'איז ליב דער אָרעמאַן, איז ליב דער קלומעק; מיר געפעלט דאָס דאָרף, האָב איך גאָרניט צו די דאָרפסלייט. אָט זעט איר, אף אייך, געגרזעטא אדאמאָוונא, איז מיר א כידעש. אָט ווייס איך, לעמאָשל, אז עס גייט צו אייך אמאָל אריין א מענטש, אויך פון דאָרף, און אז איר סטארעט זיך פארלויפן אן איבעריק מאָל צו אים אין קאָנטאָר, ווען קיינער איז ניטאָ...

געגרזעטע (עטוואָס פארלאָרן). נו, און אז א מענטש גייט יאָ אמאָל אריין...

סאָרקע. דערפאר האָב איך צו אים גאָרניט. ער וואָלט נאָך דערצו ניט געוועזן קיין... איך מיין, קיין... נו, ווי זאָל איך אייך זאָגן, קיין אויסגעטריקנטע וואָבלע אין א ווייסער מאנישקע, קיין פוסטע קיילע אזא, וואָס פאר א קארב וועט ער אייך פארקויפן טאטע־מאמע, אזא, וואָס קיין זאך איז אים ניט הייליק און ניט טייער...

געגרזעטע. מיר דאכט, אז דו כאפּסט איבער די מאָס. דו קענסט זיי וויניק... זיי זיינען דאָך פאָרט א מענטש א קולטורנער...

סאָרקע. וואָס ווייסט ער און וואָס קען ער... צונויפרעכענען, אז צוויי מאָל צוויי — איז פינף. ארן זאָגט, אז אפילע דאָס, וואָס ער האָט אמאָל געלערנט אין כיידער, האָט ער שוין אויך לאנג פארגעסן...

געגרזעטע. ארן זאָגט... נו, אויב אזוי, איז שוין אלצדינג רעכט... זאָג מיר, סאָרקע, ארן איז שוין דאָס דער מייוון אף אלעמען, און אף אים איז כוץ דיר קיינער קיין מייוון ניט? אָט זאָגט בענציען...

סאָרקע. וואָס, וואָס זאָגט ער, בענציען?

געגרזעטע. אז מיט ארענען קאָן מען קיין צוויי ווערטער ניט אויסריידן: רעדסט מיט אים וועגן ציבעלעס, און ער טראכט בעשאָס־מייסע וועגן טאכלעס פונעם יידישן פאָלק...

ס אָ ר ק ע (ריַסט זי איבער). בענציען איז אַן אויס־וווּרף! וועגן וואָס זאָל ארן מיט אים ריידן? וועגן די ארבעטסטעג, וואָס ער פארשריַבט ניט יענעם, ווען מען מע דארף. וועגן דעם ווילן מיט אים אנדערע ריידן.

ג ע נ ר י ע ט ע (דערשראָקן). אָבער גענוג. וואָס דארף איך זיך אָנעמען בענציענס קריוודע? וואָס בין איך מיט אים געווען? איניינעם כאַזיירים געשליירט? און דו אויך, אז מע דערמאָנט ארענען, ווערסטו אַן אופגעזאָטענע. מיר האָבן, דאכט זיך, גערעדט וועגן עפעס וויכטיקערס, וועגן א לעבן־זאך...

ס אָ ר ק ע. דאָס איז אויך א לעבן־זאך, גענריעטע... איר פארשטייט טאקע ניט, צי איר מאכט זיך, אז איר פארשטייט ניט, צי איר מיינט, אז סאָרקע איז אזא גראָבער נאר?..

ג ע נ ר י ע ט ע (פארלאָרן). ניין, איך פארשטיי טאקע ניט. אמאָל טו איך א טראכט, אף וואָסער וועלט בין איך? און פילן פיל איך זיך, ווי אף א כאסענע, ווו רופן — האָט מען מיך ניט גערופן, און טריַבן — טריַבט מען מיך ניט ארויס נאָר דערפאר, דאָס זאָל די סימכע ניט פארשטערן...

ס אָ ר ק ע. דאָס ערשטע מאָל הער איך איַך ריידן, ווי א מענטש. וואָס זשע האָט איר צו טאָן, וואָס פארא געשעפטן האָט איר מיט אזא, וואָס האלט, אז ניט ער צוליבן קאָלווירט, נאָר דער קאָלווירט איז צוליב אים... צו ווייכלייַביק זיַנען מיר צו אָט די... נאָר אלץ איז ביז א צייַט...

בענציען האלט ניט אויס, לויפט ארויס פון הינטער דער וואנט, טוט א קלאפ מיטן פויסט אין טיש. גענריעטע — דערשראָקן. סאָרקע נעמט זיך גלייַך אין די הענט.

ב ע נ צ י ע ן. אויב דו מישפעטעסט מ י ך, ווייל איך זיַן דערביַי. א י ך האָב אויך וואָס ארויסצולייגן אפן טיש.

ס אָ ר ק ע (רויק). בא איַך קאָן זיך נאָך עפענען א מויל...

ב ע נ צ י ע ן. גענוג, וואָס דו האָסט מיך געמאכט מיט דער בלאָטע גלייַך, ווילסטו נאָך מיר דאָס מויל אויך פארמאכן, דאָס וועט זיך דיר ניט איַינגעבן. מיר האָבן שוין געזען אזעלכע העלדן, ווי דו.

ג ע נ ר י ע ט ע. טאקע, סאָרקע, אומזיסט האָסטו אזוי פארשווארצט זיי דאָס פּאָנעם, א שטיין וואָלט אויך ניט אויסהאלטן...

ס אָ ר ק ע. קיינער פארמאכט איַך ניט דאָס מויל. זאָל ער ריידן, כאָטש ביז טאָג.

בענציען (צעלאכט זיך היסטעריש). **וועגן וואָס זאָל איך מיט דיר ריידן? כוץ דעם קאָלכאָז ווייסטו עפּעס נאָך?** (ער טײַט מיטן פינגער אפן וציק־צייכן.) **און דו פירסט עס די מעלוכע, דו! אָף סעסיעס פּאָרסטו אום? שעמסט זיך מיר ניט קוקן אין די אויגן... דו ביסט עס מײַן באלעבאָס, און איך — דײַן פּארובאָק...**

סאָרקע. יאָ. איך בין באלעבאָס! אנו, און איצטער קוקט איר מיר אין די אויגן!

בענציען לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ.

גלײַך, גלײַך אין די אויגן קוקט מיר! איר פירט אָן מיט איין בוכהאלטעריע — נו, וויאזוי פירט איר זי? ווען האָט איר צוגעשריבן פרעמדע ארבעטסטעג, און בא וועמען האָט איר זיי אָפּגענומען?

בענציען. א נײַער סלעדאָוואטעל! א בילבל! בייליס־פּראָצעס... געניטעט, איך וועל דאָס איר ניט שווײַגן... אש וועל איך פון איר מאכן. אָט גיי איך גלײַך און ברענג אהער די ביכער — זוך, געפין די גנייווע. כאפּט מיך בא דער האנט, פארמישפּעט מיך... (ער לויפט אָנטאָן דעם מאנטל, און אז ער איז שוין בא דער טיר, נעמט סאָרקע ארויס פון קעשענע א גרויסן שליסל.)

סאָרקע. לויפט ניט, בענציען, אומזיסט, די ביכער זײַנען בא מיר.

סאָף פון צווייטן אקט

דריטער אקט

דאָס ערשטע בילד

סטעפּ. פאַרנאַכט. נאָכן ברענען דאָס שטרוי. פון איין זײַט קערן זיך אום ק אָ ל ו י ר ט נ י ק ע ס מיט ליידיקע עמערס, מיט אײַזערנע הראַבליעס אאַ. פון דער צווייטער זײַט קומען אָן: כ א ו ו ע מיט ר י ו ו ק ע ן. זיי טראָגן באַנאַנד א בידאָן מיט מילך. דערזעענדיק די קאָלווירטניקעס, בלײַבן זיי שטיין.

ס ע נ ד ע ר. מאַכט א וואַרע! די מוטער כאַווע מיט ריווקען! א גוטן טראָגן אײַך, ווײַבער!

כ א ו ו ע. אַרויסטראָגן זאָל מען דיך, סענדער, וואָס פאַרא ווײַבער זײַנען מיר דיר... און וואָס זיצט איר דאָ, וואָס גייט איר ניט אַהין, וווּ מע ברענט דאָס שטרוי?

סימכע צעלאַכט זיך שטאַרק. מיכל האַלט אים אונטער, סענדער און אַלע איבעריקע לאַכן.

וואָס איז אָף אײַך אָנגעפאַלן?

ס ע נ ד ע ר. א גוט־מאָרגן דיר, כאַווע, האָסט זיך קוים אויסגעשלאָפן... בא אונדז איז שוין נאָך דער כאַסענע און נאָכן בריס, און דו האָסט ערשט געבראַכט צו טראָגן דײַן דראָשע־געשאַנק. (ער באַווײַזט אָפן בידאָן.)

כ א ו ו ע. שענקען זאָל דיר גאָט א נײַע נעשאָמע! רייד ווערטער.

מיכל. פארשטייסט נאָך אַלץ ניט? מע האָט שוין געצונדן, מע האָט שוין געברענט.

כאוועֶ. ווו זשע זײַנען די איבעריקע?

סענדער. געבליבן מעקאבער זײַן דעם אַש...

ריווקע. און דער טאַטע איז ווו?

סענדער. זעמל איז אויך דאָרטן.

ריווקע. לאָמיר גיין, כאווע.

זיי נעמען זיך בא די הענטלעך פונעם בידאָן.

סענדער. אײַלט זיך ניט. וווהין טראָגט עס אײַך אַזוי? זיי קומען באַלד אַהער, און די מילך וועט דאָ אויך ניט זויער ווערן, קיינער וועט איר קיין אײַנהאָרע ניט געבן, ס'איז גוט צוגעדעקט און פאַרכאַסמעט.

כאוועֶ. סענדער, שלעפּ מיך ניט פאַר דער צונג, סענדער.

סענדער. וואָס איז? איך מיין נאָר: אַמאָל אין שטעטל, אַז אַ ייִדענע פלעגט טראָגן (ער באַווײַזט אַפן בויך), איך מיין, אַ פול שעפל מילך אונטערן פאַרטעך פון שטאַל אין פירהויז — איז געווען גאָר ניט דאָס (ער באַווײַזט אַפן בידאָן), יענץ האָט געהאַט דעם זיבעטן כיין...

כאוועֶ. און טאָמער האָט עס דעם זעקסטן כיין, בין איך גאָר בע־דאַלעס! וואָלסט פּרווון, ווי דער טאַטע אירער, מעלקן אַליין די בעהיימע, וואָלסטו פאַרגעסן, דעם וויפלטן כיין דאָס האָט: דעם זיבעטן צי דעם אַכטן.

ריווקע. איצטער, כאווע, וועל איך שוין מעלקן...

סענדער. אַזוי? און לאַנג וועסטו מעלקן?

ריווקע. ביז דאָס מעלק־שעפל וועט ניט ווערן פול.

סענדער. ניין, איך מיין, וויפל צײַט.

ריווקע. ביז די בעהיימע וועט זיך לאָזן. פרעגט בא אײַער מאַדאַם, וועט זי אײַך זאָגן, אַז אַ בעהיימע מעלקט זיך אויך נאָר ביז זי הערט אויף.

סענדער. זאָג מיר, ריווקעלע, דײַן שאַרפן צינגל האָסטו געבראַכט פון מאָסקווע אַהער, צי דו וועסט עס פירן צוריק קיין מאָסקווע?

ריווקע. און ווי וואָלט איר געוואָלט?

סענדער. עס זאָל דיר נאָר אַ ביסל קירצער ווערן...

כאוועֶ. ריווקעלע בלײַבט שוין אַן אונדזעריקע, אַ היגע, אַ לע־רערקע...

סענדער. וואָס זשע, זי וועט, ווי דער טאַטע אירער, לערנען די קאַלב ריידן אַף ייִדיש? (ער ווענדט זיך צו אַלעמען.) איר געדענקט, וויפל

צאָרעס איך האָב זיך אָנגענומען פון איר? (ער װענדט זיך צו ריװקען.) איך קויף אָפּ באַם טאַטן דײַנעם א קאַלב, און זאָל ער עס מיר זאָגן א װאָרט... איך טײַנע צו איר: „װוסטאַװײַ, װוסטאַװײַ" און „כאַדי סיודא", און זי — ניט פון אָרט. ביז איך האָב זיך געכאַפּט, אַז בא ארן פרידמאַנען פאַרשטייט אפילע די קאַלב ייִדיש; שטיי אוף, מאַמעלע, זאָג איך צו איר, שטיי אוף! זאָגן דאָס אַנדערע װאָרט האָב איך שוין פאַרשפּאָרט, זי איז גלײַך אופגעשטאַנען און אַװעק נאָך מיר. געפעלט דיר אַזא מײַסע?

כאַװע. װער עס רעדט מיט זײַן קאַלב ייִדיש, און װער — מיט זײַן סקאָטינע רוסיש.

סענדער (גוטמוטיק). ביסט אַליין א סקאָטינע, כאָטש דו מעלקסט אַנדערע. הערט איר, שלוימע האַמעלעך איז אָבער געװען א כאָכעם...

סימכע. װײַל ער האָט ליב געהאַט, װי איך, א ביסל בראַנפן?..

מיכל. און פונװאַנען װײסטו, אַז ער האָט ליב געהאַט?

סימכע. א פײַנער כאָכעם װאָלט ער געװען, װען ער האָט פײַנט א ביסל בראַנפן...

אַלגעמיין געלעכטער.

סענדער. שאַט, ראַבױסײַ, א שיינע מײַסע איז עס, ניט דאָס אָבער האָב איך געװאָלט אויסבריינגען.

כאַװע. װאָס זשע? לאָמיר הערן...

אַלע שפּיצן זיך אָן.

סענדער. אַז גאָט האָט געדאַרפט באַשאַפן פאַר אַדאָמען א װײַב, האָט ער זייער לאַנג געטראַכט: פונװאַנען זאָל ער זי באַשאַפן? זאָל ער זי באַשאַפן פון אַדאָמס פוס, װעט זײַן א לױפערן, פון האַנט — א גאַנעװו־טע, פון קאָפּ — װעט זי זײַן קליגער פון אים...

כאַװע. דאָס איז ערגער װי געגאַנװעט...

סימכע. װאָס זשע טוט גאָט?

סענדער. האָט ער זי באַשאַפן פון דעם מאַנס לינקער זײַט...

ריװקע. נו?

סענדער. װאָס נו? דעריבער זאָגט טאַקע שלוימע האַמעלעך, אַז פון טויזנט איז ניטאָ איינע קיין רעכטע...

כאַװע. שלוימע האַמעלעך האָט זיך געקאָנט כאָכמענען מיט אַמאָ־

ליקע ווײַבער, ער וואָלט אָבער פּרוּוון ארויס מיט אונדזערע ווײַבער אין סטעפּ...

סימכע. און וואָלט דיר געהאָלפן די בעהיימעס מעלקן...

כאווע. נישקאָשע, עס וואָלט אים געמעגט אָנשטיין... קום, ריווקעלע.

זיי נעמען דעם בידאָן און גייען אוועק.

סענדער. א באלאָנעס פון א יידענע...

מיכל. זי מעג זיך האלטן גרויס — פארוואָס ניט? האָסט געהערט, סענדער, וואָס עס שרײַבט זיך וועגן איר?

סענדער. וווּ? אין דער גאזעט?..

מיכל. אין דער גאזעט אויך... איך מיין אָבער עפּעס אנדערש: וואָס זעמל שרײַבט וועגן איר אין זײַן היסטאָריע...

סימכע. און וויאַזוי ער שרײַבט דאָרטן וועגן מיר, ווי געפעלט אײַך?

סענדער. וועגן אײַך — ווי וועגן אײַך, אָבער וועגן מיר! סענדער האָט דער ערשטער געבויט דאָס דאָרף, און ווו האָט ער מיך ערגעץ פארשטעקט? אין א ווינקל, מיט קיין צען לאָמפּן ניט צו געפינען! איינעם אוועקגעשטעלט אויבנאָן, אין מיזרעך, און דעם אנדערן — אהינטערן אויוון! ארן פרידמאַן — דער שפּיגל, און סענדער — די קאָרעטע! ניין, ברודערקע! ווער פון אונדז וועט געפעלן ווערן דער היסטאָריע, — האָט נאָך קיינער ניט געפּאסקנט! און ווער דערלויבט זיך עס צו שרײַבן היסטאָריע — א יינגל, א מאַלאָקאָסאָס! ליגן אין סטעפּ און העפּען לידלעך — וואָס ווייסט ער נאָך? (ער כאפּט ארויס פון בוזעם זעמלס העפט, לייענט איבערטריבן פּײַערלעך. ער באמערקט ניט, אז פון א זײַט קומט אָן גאָלדע.)

איצט אין שטורעם אפן פעלד
מער פון אלע אף דער וועלט
איינע, איינע נאָר מיר פעלט...

גאָלדע. טאטע! (פּאוזע). אנו, אנו, ווײַז קאָרשט, פונוואנען האָסטו דאָס ארויסגעלייענט?

סענדער (באהאלט דאָס העפט). פונוואנען? פון קאָפּ... דו ווייסט דען ניט, טאָכטערקע, אז איך שטעל צונויף גראַמען? ווילסט, מאך איך דיר אזעלכע גראַמען: יידיש, רוסיש און לאָשנקוידעש צוזאַמען...

גאָלדע. דאָס װעלן מיר הערן שפּעטער... דערװײַל נעם אַרױס פון בוזעם דאָס, װאָס דו האָסט נאַרװאָס באַהאַלטן... דאַכט זיך, אַז דו האָסט באַהאַלטן אַ העפט.

סענדער. ערשטנס, האָב איך קײן זאַך ניט באַהאַלטן, און, צװײטנס, האָב איך בײַ דיר גענומען?

גאָלדע. און אָפּגעבן װעסטו מיר.

סענדער. נײן, טאָכטערקע, איך װעל ניט געבן...

גאָלדע. נאָך אַ מין געבן. דו װײסט דאָך, אַז צװײ מאָל זאָגן האָב איך פײַנט.

סענדער. װיאַזױ רעדסטו דאָס מיט אַ טאַטן?

גאָלדע. דאַכט זיך, פּונקט אַזױ, װי דער טאַטע רעדט מיט מיר. װײַז אַהער דאָס העפט!

סענדער. נאַ, װער פאַרברענט מיט זעמעלען אינײנעם...

גאָלדע מיט דעם העפט אָפּ.

מיכל. אײַ, סענדער, ביסטו פאַרנאַרישט... האַלעװײַ זאָל איך ליגן זאָגן, נאָר פאַר אָפּפרעמדן זיך פון אַ קינד װעסטו זיך אַמאָל שלאָגן אַל־כעט... סענדער.

סענדער (פריַער בײז, הױך און מיט אַ ניגון). אַלכעט שעכאָטאָסי לעפאָנעכאָ... פאַלגן אַ װײַב... אַלכעט... (עטװאָס געבראָכן.) שעכאָטאָסי... לעפאָנעכאָ... (אָפּ לאַנגזאַם. ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט פאַרגעסן זײַן שטעקן. ער קערט זיך אױס און דערזעט, אַז אַלע קוקן אים נאָך.) װאָס האָט איר זיך אַלע אױסגעלופּעט אױף מיר? איר דערקענט מיך שױן ניט? (ער גײט צו זײער נאָענט צו אײנעם.) שאָלעם־אַלײכעם. איך הײס סענ־דער. (ער קוקט אים אין די אױגן.)

יענער ענטפערט אים: „אַלײכעם שאָלעם, איך הײס מיכל."

סענדער. מאַזלטאָװ דיר, מיכל, װאָס זשע קוקסטו זיך אײַן אַזױ אין מײַן נאָז?

מיכל. עפּעס גיט זיך מיר אױס, זי איז בײַ אײַך געװאָרן לענגער.

סימכע (לאַכט). װאָס איז דער כידעש, אַז דאָס װײַב פירט אים אַזאַ צײַט בײַ דער נאָז.

סענדער. װאָס האָסטו צו מײַן װײַב?

סימכע. זאָל דאָס צו איר האָבן בענצײַען, װאָס איך האָב צו איר.

סענדער. וואָס דרייט איר מיר א ספּאָדעק? וואָס פאַר א בענצ׳יען?!
מיכל. שוין איינמאָל א בענצ׳יען.
סימכע. און ווער עס קומט צו סענדערן אין שטוב, ווען סענדער איז אין ווײַנגאָרטן, ווייסט סענדער?
סענדער (לאַכט געצוווּנגען). איך בין הײַנט געקומען אהיים א שאָ פאַרטאָג.
סימכע. און אין דער הייך האָט איר געכאַפּט א קוק? מע זאָגט, זי האָט אים ארויסגעלאָזט דורכן קוימען.
סענדער (דערשראָקן). וועמען?
מיכל. דעם בוכהאַלטער...
סענדער. גאָט מײַנער! וואָס האָט איר זיך אלע אָנגעזעצט אף מײַן לעבן, וואָס האָט אײַך סענדער געטאָן?! וואָס האָט איר צו מיר, גאַזלאָנים, באַנדיטן?! (לאָזט זיך גיין צעבראָכן.)

א געדריקטע שטילקײַט. אלע קוקן אים נאָך. אפן האָריזאָנט צעפלאַקערט זיך א פײַער. עס קומט צו לויפן ריווקע.

ריווקע. דאָס ברויט ברענט! עס ברענט!

אלע, סענדער אויך, לאָזן זיך אהין, ווו דאָס פײַער בושעוועט. שטיל. אפן פלאַמענדיקן האָריזאָנט — סילועטן. דאָס פײַער ווערט ביסלעכווײַז אויסגעלאָשן. אלע קערן זיך אום צוריק. ארומגערינגלט פון רעכטס און פון לינקס, קומט אָן זעמל מיט אָפּגעברענטע קליידער, לײַכט פארוווּנדעט.

ארן. ווי פילסטו זיך, זעמל?
זעמל. גאָרניט. איך וועל גאַנץ זײַן.
כאווע. דאנקען גאָט, אבי מיטן לעבן.

גאָלדע און סאָרקע פארבינטעווען זעמלען די הענט.

סענדער. אפּאָנעם, אין א בייזער שאָ האָב איך זיך געמוזט אויסריידן...
מיכל. ווער איז אָבער געווען גערעכט? זעמל האָט די גאַנצע צײַט געטײַנעט: ניט צינדן, ניט צינדן דאָס שטרוי, נאָר פאַראַקערן — דאָס פײַער קאָן זיך אריבערוואַרפן אפן ווייץ.
סימכע. ס׳איז דאָך שוין געווען אינגאַנצן אויסגעלאָשן... אש געבליבן.

סענדער. זעסטו דאָך, פּײַער איז, ווי א שטוביקער גאנעוו, ניט אײַנצוהיטן פון אים.

סאָרקע. א פערד, אפגיך אהער א פערד! ווער וועט מיט אים פאָרן אין שטאָט?

ריווקע. איך וועל פאָרן...

זעמל באגעגנט זיך מיט גאָלדעס אויגן.

ליאָווע. עפשער איז גלײַכער, אז גאָלדע זאָל פאָרן?

סאָרקע. גאָלדע דארף זײַן דאָ. ס'וועט פאָרן ריווקע און נאָך עמע־צער, אן עלטערער. (זי ווענדט זיך צו סענדערן.) סענדער, איר וועט פאָרן?

סענדער אין פארלעגנהײַט.

ארן. פאָרט זיך דורך, סענדער, איר וועט זיך גיכער דערשלאָגן צו א דאָקטער.

זעמל קערט זיך אויס אין דער ריכטונג פון דער סרייפע.

ארן. גיט כאָטש איצטער אכטונג — ערשט איצט דארף מען זײַן גע־היט פון א פונק. צו דער נאכט קלײַבט זיך א ווינטל.

סאָרקע. א בריגאדע זאלבעפערט וועט הײַנט נעכטיקן אין סטעפּ, עס זאָל, כאָלילע, ווידער ניט...

כאווע. די שאַ זאָל ניט זײַן, איך גיי די ערשטע.

סאָרקע (ליאָוון און גאָלדען). און אירביידע וועט גיין. און איר, ארן?

ארן. וואָס פרעגסטו פארא שײַלעס, פארשטייט זיך.

גאָלדע (גייט צו צו ריווקען און גיט איבער דאָס העפט). נא דיר א העפט, וועסט עס איבערגעבן זעמלען. דאָס איז זײַנס.

אלע, אויסער סענדערן, סימכען און מיכלען, — אָפּ. עס דערטראָגן זיך קוילעס און דערנאָך א סקריפּ פון רעדער.

מיכל. וואָס וועסטו איצט זאָגן, סענדער? א מענטש האָט מוירע גע־האט פאר א שוועבעלע און איז געלאָפן אין פײַער ראטעווען דאָס ווייץ. איך מיין, פונדעסטוועגן, אז ניט יעדערער פון אונדז וואָלט דאָס געקאָנט טאָן. א נעס, וואָס ער איז ניט פארברענט געוואָרן...

ס י מ כ ע. ער האָט דעמאָלט אין סטעפּ געמוזט אזוי איבערפרירן, אז דאָס פייער שטייט צו אים ניט צו.
ס ע נ ד ע ר. וואָס זשע, איך מיט דיר זיינען העלדן? פיינע העלדן — שיין אויסגעשפּילט...
מ י כ ל. נישקאָשע, אז מיינע איז באהאנגען מיט פיר פּיסקליאַטעס, ליגן איר שוין ניט אין זינען אזעלכע נארישקייטן...
ס ע נ ד ע ר. אַך, דער טייוול ווייסט זיי אלע...
ר י ו ו ק ע (קומט צו לויפן). סענדער, מע וואַרט דאָך אף אייך.
ס ע נ ד ע ר. מיילע, איך פאָר. ס י י ו י קאָן איך אין שטוב ניט גיין... (אָפּ.)

עס ווערט פינצטער. עס קומען אָן א ר ן און ס אָ ר ק ע.

א ר ן. איילע טוילדעס זעמל... (צו סאָרקען.) האָסט געזען, ווי ער האָט זיך עס געקייקלט איבערן ברענענדיקן ווייץ. ווען איך שלעפּ אים ניט ארויס...
ס אָ ר ק ע. ווי מיינט איר אָבער, די ווונדן זיינען ניט קיין געפערלע־כע? אז מע איז דאָך פאַרט וויַיט פון א שטאָט.
א ר ן. מע דאַרף האָפן, אז אָן סאקאָנע... כאָטש די שטאָטישע דאָקטוי־רים ווייסן אויך... מער פון א טויטן.
ס אָ ר ק ע (פאַרטיפט אין אירע געדאנקען). א שטאָט... א שטאָט איז פאַרט ניט קיין דאָרף...
א ר ן. און ווי וויַיט איז מען עס פון א שטאָט?
ס אָ ר ק ע. מע האָט נאָך ניט אויסגעמאָסטן.
א ר ן. עפּעס באהאלטסטו פון מיר אויס, סאָרקע.
ס אָ ר ק ע. גאָרניט.
א ר ן. גאָרניט איז אויך א געריכט? עפּשער וואָלסטו מיר פאַרט גע־זאָגט, וואָס טוט זיך עס מיט דיר? א גאנצן טאָג היינט, אז דו געפינסט זיך ניט קיין אָרט.
ס אָ ר ק ע. פארקערט. באטאָג בין איך געווען שטארק אופגעלייגט, אפילע צופיל. מיט דער גערעטעניש בין איך פארטיק, זעכציק פּראָצענט דער מעלוכע אָפּגעגעבן, די געשעפטן מיינע גייען גוט, די שיפן — נאָך ניט אונטערגעגאנגען, — וואָס זשע פעלט מיר? האָב איך זיך דערפילט א ז ו י רויק און פריילעך, אז כ'האָב זיך אליין דערשראָקן פאר מיין

פרייד, אליין זיך דאָס גליק ניט פארגונען... בא מיר איז שטענדיק אזוי... דאכט זיך, גאָר גוט...

ארן. עפשער די סרייפע?

סאָרקע. אי יאָ, אי ניין.

ארן. עפשער דאָס, וואָס מע צעפאָרט זיך פון דאָרף: גאָלדע, ליאָווע.

סאָרקע. ניין.

ארן. עפשער דאָס, וואָס ריווקע בלײַבט אין דאָרף?

סאָרקע. וואָס מאטערט איר מיך... איך וועל גאָרניט זאָגן... איך פיל זיך אזוי, ווי עמעצער זייער א נאָענטער מענטש, אזא, וואָס איז מיט מיר געגאנגען האנט בא האנט, האָט מיך פלוצעם געלאָזן אינמיטן דער וועלט, ער שטייט, דאכט זיך, אקעגן מיר, ער קוקט מיר אָבער אין די אויגן, ווי א ווילד־פרעמדער...

ארן. סאָרקע! וואָס רעדסטו?..

סאָרקע. ווי נאָר ער האָט אָפּגעלאָזט מײַן האנט, איז ער געוואָרן צוויי מאָל אזוי אלט, ווי ער וואָלט אויך מײַן יוגנט צוגענומען זיך.

ארן. גענוג, סאָרקע, האָדי. צו טײַער איז מיר דײַן יוגנט...

עס דערהערן זיך עטלעכע שטימען. סאָרקע — אָפּ. עס קומען אָן: כאווע און מיכל. צוערשט באמערקן זיי ניט ארענען.

מיכל. ווי זאָגט אָבער ארן: אז מע היט זיך פריִער פאר א פונק, פארשפאָרט מען נאָכדעם קריכן אין פײַער.

כאווע. גאָלדענע ווערטער... גאָלדענע ווערטער...

זיי דערזעען ארענען.

(פארוואונדערט.) אז מע זאָל דערמאָנען מאָשיִעכן...

ארן. איז טאָמער וואָלט איר טאקע בעסער אים דערמאָנט...

מיכל. וואָלט מען פארשפאָרט שטארבן.

כאווע. און קיינער וואָלט קיינמאָל ניט אלט ווערן.

ארן. וווהין זשע גייט איר עס?

כאווע. וואָס הייסט, וווהין? דו ביסט דאָך אויך אין דער בריגאדע... וועלן מיר שוין גיין צוזאמען...

אלע — אָפּ. פינצטער. פונדערווײַטנס דערטראָגט זיך א געזאנג. עס באווײַזן זיך צוויי פײַערלעך. עס קומען אָן גאָלדע און ליאָווע מיט לאמטערנס אין די הענט. ליאָווע זעצט זיך אוועק לעבן דער קופּע ווייץ.

ליאָווע. זעץ זיך צו, וואָס שטייסטו?
גאָלדע. איך וויל נאָך אויסוואַקסן.
ליאָווע. ניט עמעס, דו ווילסט זײַן העכער פון מיר.

גאָלדע צעלאַכט זיך.

גאָלדע. איז שלעכט? און דו ווילסט זײַן העכער פון מיר? איך וואָלט געוועזן נאָר צופרידן. (זעצט זיך אַוועק.)
ליאָווע. וואָס אַרט דיך, אַז איך בין, איך גיי דיר שטאַרק אָן...
גאָלדע. זייער.
ליאָווע. וואָס זשע האָסטו איבערגעגעבן ריווקען צוליב זעמלען?
גאָלדע. ווען איך וואָלט וועלן, דו זאָלסט וויסן, וואָלט איך דאָך איבערגעגעבן דורך דיר. וועגן וואָס טראַכסטו, ליאָווע? זעמל איז אַ קראַנקער אַוועקגעפאָרן אין שטאָט, און דו...
ליאָווע. וואָס זשע ביסטו ניט געפאָרן מיט אים?..
גאָלדע. ווײַל דו האָסט געזאָגט, אַז איך זאָל פאָרן.
ליאָווע. אַפּצולאָכעס מיר? טאָמער וואָלט שוין אַמאָל נעמען אַ סאָף צום שפּילן אין צולאָכעס. זאָג מיר, וואָס האָסטו צו מיר?
גאָלדע. און וואָס האָסטו צו מיר?
ליאָווע. איך האָב צו דיר גאָרניט... איך וויל נאָר איינס...
גאָלדע. אַז וואָס?
ליאָווע. אַז אויב יאָ... זאָל ניט נאָר דאָ אין דאָרף, נאָר אויף דער גאַנצער וועלט ניט זײַן קיין שענערער, קיין בעסערער פון מיר...
גאָלדע. זײַ אַזאַ.
ליאָווע. אַז מע האָט ליב עמעצן מיטן האַרצן, האָט מען ליב ניט דערפאַר, ווײַל יענער איז אַזאַ, נאָר ווײַל דו מיינסט, דיר דאַכט זיך, אַז ער איז אַזאַ. ער דאַרף ניט זײַן קיין גוטער און איז — דער בעסטער, קיין שיינער — און איז דער שענסטער...
גאָלדע. פאַרוואָס זשע בין איך אַזוי ניט פאַרבלענדט?
ליאָווע. ווײַל דו ביסט אַזאַ, וואָס פריִער פאַרשטייסטו, דערנאָך האָסטו ליב...
גאָלדע. אויב אַזוי, פאַרוואָס זשע האָב איך דיך ליב?
ליאָווע. וואָסי, איך האָב ניט פאַרדינט?..
גאָלדע. אויף אַזויפיל — ניט.

ליאָווע. זאָג מיר, מיט וואָס איז זעמל בעסער פון מיר, וואָס דו שפּיגלסט זיך מיט אים אזוי?

גאָלדע. בעסער — ניט, גרעסער. ניט נאָר פון דיר, פון מיר, פון א סאך, א סאך אנדערע... דו, ליאָווע, ביסט מײַן גלײַכן: אלץ, וואָס דו ווייסט, ווייס איך, אלץ, וואָס דו טוסט, קאָן איך אויך טאָן, און זעמל, ער אקערט עפּשער אויך ניט בעסער פון מיר, איך האָב אָבער פאר אים אָפּשײַ — אָפּשײַ האָב איך פאר אים, פארשטייסט?..

ליאָווע. דערפאר, וואָס ער איז געלאָפן ראטעווען דאָס ווייץ? איך וואָלט דאָס אויך געטאָן.

גאָלדע. צי דו וואָלסט דאָס געטאָן, ווייס איך נאָך ניט, און ער איז געלאָפן אין פײַער...

ליאָווע. גאָלדע! אלץ יאָ, האָב ליב, האָב פײַנט — דאָס איז דײַן זאך, אָבער פאר אזעלכע ווערטער קאָן איך שלאָגן... אפילו דיך, גאָלדע...

גאָלדע. שלאָגן מיך דארף מען ניט, נאָר אויך דערפאר — זאָלן דיר ניט וויי טאָן די הענט. (מיט טרערן אין שטים.) מער וויל איך גאָרניט... גאָרניט...

ליאָווע טוט א פאל צו איר, גאָלדע נעמט אים ארום און דריקט צו זײַן קאָפּ צו זיך.

פאָרהאנג

דאָס צווייטע בילד

בא ארן פרידמאנען אין דער נײַער שטוב. ריווקע פּרעסט, טאמאר נייט אויס און זינגט.

טאמאר.

שארף די שער, געדיכט דאָס וואָל,
הויפּנס וואָל שער מיטאמאָל.
בייג זשע, שעפּעלע, זיך אײַן,
זאָל מיר שערן גרינגער זײַן.

אף די קני מיר לייג דײַן קאָפּ,
דיר דײַן וואָל וואקסט ווידער אָפּ.
מיטן ווינט אוועק מײַן גליק —
קומט עס קיינמאָל ניט צוריק...

רִיווּקע. ווי קומען עס צו דיר, טאמאר, אזעלכע אומעטיקע לידער?
טאמאר. די מאמע פלעגט זינגען...

א דויערנדיקע שטילקייט.

ריווּקע (טרויעריק).

ס'נאָדעלע איז דין און שאַרף,
נייען טאָג און נאכט איך דאַרף;
ס'עלטסטע קינד א סקאָריק בײַסט,
ס'ייִנגסטע — בא דער פּאָלע רײַסט:
אוי, מאמעניו, גיב עסן.
אין עסן דאַרפסט פארגעסן,
ווײַל אויסער מײַן שווער לעבן,
וואָס זאָל איך דיר נאָך געבן?..

א געדריקטע שטילקייט.

און דאָס האָב איך געהערט פון מײַן מאמען...

טאמאר. דו געדענקסט זי נאָך, ריווּקע?.. איך מײַן מאמען געדענק זייער גוט... אָט ווי זי זיצט און האלט אף די קני א שעפּעלע, פון קאָפּ הענגען איר אראָפּ א סאך, א סאך צעפּעלעך פארפלאָכטענע, די האָר — שווארץ, די וואָל — ווײַס, און טרערן פאלן אף די אויסגעדארטע הענט...

ריווּקע. און פארוואָס נעמט זיך ניט דער טאטע קיין אנדער פרוי?

טאמאר. איך וואָלט קיין איין טאָג ניט געבליבן אין דאָרף... מײַן נאָענטסטע כאַווערטע ארבעט שוין לאנג אין שטאָט.

ריווּקע. האָסט זי שטארק ליב, די כאַווערטע?

טאמאר. זי שרײַבט מיר בריוו, זי רופט מיך אין שטאָט...

ריווּקע. און מער האָסטו קיינעם ניט ליב?

טאמאר. פאראן איינער — האָט ער מיך ליב, און איך אים — ניט. און דו?

ריווּקע. פאראן איינער — האָב איך אים ליב, און ער... (פארציט א ליד.)

אוי, נאָך א טאָג, נאָך א טאָג,
און מיר וועלן זיך שיידן,
אוי, נאָך א שאָ, נאָך א שאָ,
זיך גאָרניט אָנצורײדן.

10*

אוי, נאָך א טאָג, נאָך א טאָג,
אליין וועל איך פארבלײַבן,
מײַן ליבער, איין זאַך בעט איך דיך,
פון אלץ זאָלסטו מיר שרײַבן.

און אויב עס וועט קיין צײַט ניט זײַן
און שרײַבן וועסט ניט קאָנען, —
דערמאָן מײַן נאָמען שטילערהייט,
און איך וועל דיך דערמאָנען.

און צודריקן כ׳וועל צו מײַן ברוסט
דײַן שיינעם קאָפּ דעם שווארצן,
דערמאָן מיך דאָרט, און מיר וועט דאָ
זיך אָפּרופן אין הארצן.

(זי קערט איבער דאָס העמדל אף דער צווייטער זײַט.) טאמאר, עמעס, עמעצער זאָל הערן, וואָלט ער געקאָנט מיינען, אז איך באגלייט אין דער ארמיי ניט קיין ברודער, — נאָר...

עס קומט אָן ארן מיט א גרויסן אָפּגעריבענעם טשעמאָדאן איןביידע הענט. ריווקע צעלאכט זיך. ארן בלײַבט שטיין אינמיטן שטוב.

טאמאר. און איך בין זיך פארזעסן, איך דארף דאָך אויך צוגרייטן מײַן ברודער אין וועג. (זי נעמט איר אויסנייעכץ און גייט ארויס.)

ריווקע (לאכט אלץ). אזא קאסטן? וווהין איז? אָט אזוי קלײַבסטו זיך אויסריכטן ליאָוועז אין דער רויטער ארמיי?

ארן. איך וואָלט אים אוודע וועלן אויסריכטן וואָס שענער. קיין אנדער טשעמאָדאן איז אָבער ניטאָ.

ריווקע. וואָלט ער כאָטש געווען א נײַער. מיר דאכט, אז פאָרנדיק אהערצו אין דאָרף, איז ער שוין דעמאָלט געווען אין די יאָרן. הײַנט א ביסל שטויב אף אים...

ארן. פארשטייסט מיך, טאָכטערקע, ווען איך וואָלט, ווי אנדערע, געלעבט אין דאָרף און געזעסן די גאנצע צײַט אף די טשעמאָדאנעס, וואָלט איך אים עפּשער געלופטערט.

ריווקע. איז זאָל ער נעמען מײַנעם.

ארן. וואָס דארף ער עס האָבן? — א גאנצער גארדעראָב...

ר י ו ק ע. ווייסטו גאָר וואָס? איך וועל אריבערלויפן צו זעמלען... ער וועט אנטלייען...

א ר ן. דו ווילסט זיך א לויף טאָן. פּרוּוו.

ר י ו ק ע (ברויגעזלעך). טאָמער מיינסטו... — איז גיי דו.

א ר ן. גיי, גיי, טאָכטער, איך מיין גאָרניט, כאָלילע־וועכאס.

ר י ו ק ע (אוועקגייענדיק). זע, אפּן פּרעס גיב אכטונג...

ארן נעמט אראָפּ פון שטריקל עטלעכע נאָזטיכלעך, טוט א פּרוּוו מיטן איינגע־נעצטן פינגער, צי דער פּרעס איז הייס.

א ר ן. א הייסע ליבע... פרעגן בא איר וועל איך ניט. זי איז אזא קינד, וואָס האָט פיינט האלטן סוידעס — פונקט דער הייפּעך פון ליאָווען. יענער האלט אלץ פארשלאָסן, ווי אין אן אייזערנעם קאסטן, און די — וואָס אף דער לונג, דאָס אף דער צונג. (ער זוכט אן אָרט, וווּ אוועקצו־שטעלן דעם פּרעס. פּרוּווט אים שטעלן אפּן דיל און טוט א כאַפּ צוריק.) פריער, אז דער דיל איז געווען אן ערדענער, איז געוועזן א כּעס, מע האָט ניט געדארפט מוירע האָבן, ער זאָל זיך אָנצינדן, און היינט — ניט שטעל און ניט לייג. (ער רוקט אָפּ דאָס שטעלכל, אף וועלכן ריוקע האָט געשטעלט דעם פּרעס.) אן אוויירע. א גוטע באלעבאָסטע טוט ניט אזוי. (ער גייט און נעמט אראָפּ פון סאמאָוואר דאָס אייבערשטע דעקל און שטעלט אף דעם אוועק דעם פּרעס. נאָכדעם נעמט ער זיך ווידער פּרעסן, אונטערברומענדיק.)

...פון זינט איך האָב דעמאָלט באם ברונעם דערקענט דיך,
איך קאָן מער ניט בלייבן אליין...

עס עפנט זיך די טיר, און עס קומט אריין ל י אָ ו ו ע. ארן קוקט זיך ניט אום, זעצט פאָר פּרעסן... ליאָווע גייט צו, נעמט בא אים ארויס פון האנט דעם פּרעס.

ל י אָ ו ו ע. טאטע.

א ר ן. אז איך בין דיר א טאטע, ווייס איך.

ל י אָ ו ו ע. איך פאָר היינט אוועק.

א ר ן. דאָס ווייס איך אויך.

ל י אָ ו ו ע. קיין מאמע האָב איך ניט.

א ר ן. דאָס ווייס איך אויך.

ל י אָ ו ו ע. איך דארף מיט דיר זיך דורכריידן.

א ר ן. דאָס ווייס איך אויך.

ל י אָ ו ע. וואָס זשע ווייסטו נ י ט?
א ר ן. צי וועסטו זיך אומקערן ניט אזא, ווי דו גייסט אוועק.
ל י אָ ו ע. איך גיי אוועק אין דער ארמיי אויך ניט אזא, ווי דו מיינסט.
א ר ן. וואָס זשע האָט דיך געבראכט דערצו, דו זאָלסט ווערן אן אנדערער?
ל י אָ ו ע. געבליבן בין איך דער זעלבער, איך האָב נאָר אָנגעהויבן אנדערש קוקן אַף דיר, טאטע.
א ר ן. פון ווען אָן?
ל י אָ ו ע. פון זינט די פענצטער זײַנען געוואָרן גרעסער, האָב איך דערזען, וואָס פאר א טאטן איך האָב, און פארשטאנען, וואָס ער וויל פון מיר.
א ר ן. זאָג מיר, און זעמלס לויפן אין פײַער האָט דיך גאָרניט גע־לערנט?
ל י אָ ו ע. געלערנט. נאָר איך מיט זעמלען וועלן זיך קיינמאָל ניט צונויפריידן. זעמל און ליאָווע זײַנען מ י ז ר ע ך און מ ײַ ר ע ו ו.
א ר ן. זאָל זײַן, מײַרעוו, צובינדן צום דאָרף קאָן איך ניט, ביסט שוין אויסגעוואקסן, אָבער אין שטאָט דארף מען דאָך אויך ציִען זיך צו עפּעס העכערס. עטוואָס ווײַטער פונעם אייגענעם מויל.
ל י אָ ו ע. צי האָסטו בא מיר כאָטש איין מאָל א פרעג געטאָן, פאר־וואָס ציט מיך אזוי אין שטאָט? איך האָב דאָך א רעכטע שטאָט קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען. און שוין זשע איז מיר ניט טײַער די ערד, ווו די מאמע ליגט? שוין זשע איז מיר פרעמד דער סטעפּ, ווו מיר מיט דיר האָבן זיך געוואלגערט אונטערן אָפענעם הימל, ווו מיר מיט דיר האָבן, ווי די ציגײַנער, אָן א דאך, אָן א היימל זיך געוואלגערט...
א ר ן. און אז ס'איז שוין דאָ א דאך, און אז ס'איז שוין דאָ א היים?
ל י אָ ו ע. וויל איך זוכן עפּעס אנדערש... אפּאָנעם, אז די מאמע האָט מיך געמוזט האָבן אַף א וואָקזאל, ווײַל מיר דאכט, איך וואָלט נאָר ארומ־געפאָרן, געזוכט... זעמל באזינגט די ערד, און איך — ווען איך דערזע, ווי דער קאָמבײַן פארמעסט זיך מיט די פליגלען אפן ווייץ, דאכט זיך מיר, אז אָט־אָט פלי איך אַף אים אוועק ווײַט אין דער הייך... (שמייכלענדיק.) און דו, טאטע, ביסט אויך מיט מיר...
א ר ן. מיט דיר — אַף וויפל דו וועסט נאָר קענען אופהייבן אי זיך, אי מיך... זון מײַנער, ביסט צוויי מאָל ייִנגער פון מיר, צוויי מאָל שטאר־קער פון מיר, דו קאָנסט נאָך אופטאָן אזוינס, דאָס גאנצע לאנד זאָל זיך

מיט דיר פרייען, און מיך זאָלסטו באַשיינען — פאַר מײַן צאַר זאָל איך האָבן נאַכעס...

ליאָווע. צי זײַן וועט אַזוי, ווייס איך ניט, נאָר ווילן וויל איך, טאַטע...

זיי כאַפּן זיך אַרום. עס קומט אַן כאַווע און בלײַבט שטיין אַפן שוועל.
זיי רײַסן זיך אָפּ איינער פונעם צווייטן און דערזעען כאַוועֶן.

כאַווע. איר האָט זיך שוין צעזעגנט?

אַרן. ניט צעזעגנט, נאָר באַגעגנט. וואָס האָט איר געוואָלט, כאַווע?

כאַווע. איך האָב געוואָלט בעטן איבערלייענען דעם בריוו, אפּאָנעם, פונעם מיזיניק. ס'איז מיר, ניט פאַר אײַך געדאַכט, טונקל אין די אויגן.

אַרן. ס'איז דערפאַר, וואָס איר קוקט די גאַנצע צײַט אַף ווײַסער מילך.

כאַווע. און ריווקע איז ווו?

אַרן. אַוועקגעלאָפן זוכן אַ טשעמאָדאַן.

כאַווע. פאַרוואָס האָט איר זי ניט געשיקט צו מיר? אָט גיי איך גלײַך אַהיים און ברענג אײַך אַ נײַעם, אַ גוטן טשעמאָדאַן.

אַרן. וואָס רעדט איר, כאַווע, אַ גרויסן דאַנק אײַך, וואָס הייסט איר וועט ברענגען... איך וועל אַליין גיין נאָך אים און פאַרײַנוועגס אײַך איבערלייענען דאָרטן דעם בריוו.

אַרן און כאַווע אָפּ. ליאָווע נעמט צו פון טיש די געפּרעסטע זאַכן. רוקט צו דעם טיש און ציט איבער דעם „כאָדיק". עס קומען אַן: ריווקע און זעמל, באַ זעמלען איין האַנט פאַרבינטעוועט, ריווקע טראָגט אַ טשעמאָדאַנטשיק. ליאָווע קריכט אַראָפּ פון טיש, גייט צו צו זעמלען און דריקט אים די לינקע האַנט.

ליאָווע. וואָס מאַכט די האַנט?

זעמל. נאָך ניט אינגאַנצן...

ליאָווע. ווי זשע באַגייסטו זיך מיט איין האַנט?

זעמל. אַ מענטש האָט אינגאַנצן איין קאָפּ און באַגייט זיך דאָך ווי־עס־איז.

ריווקע. ווו איז דער טאַטע?

ליאָווע. אַוועק צו כאַוועֶן נאָך אַ טשעמאָדאַן.

ריווקע. אַ מײַסע מיט טשעמאָדאַנעס. אים האָב איך ניט גע־טראָפן אין דער היים, בין איך אַוועקגעלאָפן באַ סענדערן פרעגן. ס'איז

אים ניט צו דערקענען... פון דעם מענטשן איז געבליבן א שאָטן. אז איך בין אריַין אין שטוב, איז ער געבליבן שטיין אָפּהענטיק: צי ער האָט זיך דערשראָקן, צי פאַרוווּנדערט? איך ווייס אליין ניט וואָס...

זעמל. געגריַיעטא מאַדאַמאָוונא האָט אים גוט אָנגעזאַלצן...

ריווקע. און גאָלדע האָט אים געקאָסט ווייניק געזונט?..

ליאָווע. טויזנט איין נאַכט: טאַטעס מיט קינדער און קינדער מיט טאַטעס... עך!.. (ער קליַיבט זיך אוועקגיין.)

ריווקע. וווּהין גייסטו?

ליאָווע. זאָגן דעם טאַטן, אַז מע דאַרף שוין ניט. גענוג טשעמאָדאַ־נעס. (גייט אַרויס.)

ריווקע נעמט זיך צונויפלייגן אין זעמלס טשעמאָדאַן די אויסגעפּרעסטע זאַכן. דאָס דעקל מאַכט זיך ניט צו. זי מאַטערט זיך, פאַרשליסנדיק, און כאַפּט יעדער מאָל א גנייווישן קוק אויף זעמלען.

זעמל. איך וואָלט דיר געהאָלפן, קאָן איך ניט — אַן אינוואַליד. (ער גייט צו און מיט דער לינקער האַנט העלפט ער איר צושליסן.) וווּהין מע שיקט אים, ליאָווען, ווייסטו ניט?

ריווקע. דאָס ווייסט נאָך ליאָווע אַליין אויך ניט.

זעמל גייט צו צום פענצטער. שטיל.

וואָס פרעגסטו זיך אַזוי נאָך? האָסט מוירע, טאָמער וועלן זיי זיך ביידע געפינען אין איין שטאָט? ווייסטו וואָס? איך וועל אָנשריַיבן וואָראָשי־לאָוון, אַז זעמל וויל ניט.

זעמל (ווי ער וואָלט זיך אופּגעכאַפּט). וואָס וואָראָשילאָוו?.. וועגן וואָס רעדסטו? וואָס וויל איך ניט?

ריווקע. ליאָווע און גאָלדע זאָלן זיַין אין איין שטאָט.

זעמל. אַפילו אין איין שטוב! וואָס גייט עס מיר אָן? געזונטערהייט...

ריווקע. ניט עמעס, שוין זשע אַרט דיך טאַקע ניט?

זעמל. א סאָף. (אַפּאַרט.) מיט דער געשיכטע האָבן מיר פאַרענדיקט.

ריווקע גייט און נעמט אַרויס פון איר טשעמאָדאַן זעמלס העפט און טראָגט אים אונטער.

ריווקע. און וואָס איז דאָס?

זעמל. ווי קומט עס צו דיר?

ר י ו ק ע. גאָלדע האָט איבערגעגעבן מיר, איך זאָל איבערגעבן דיר...
(זי גיט אים אָפּ, ער טוט א בלעטער און באהאלט דאָס העפט... שטיפּע־ריש.) פארענדיקט — וואָס זשע באהאלטסטו...

ז ע מ ל (פּילדײַטיק). די כעזשבוינעס, גענוג. מער זאָל איך וועגן דעם פון דיר ניט הערן...

ר י ו ק ע. רעכט, רעכט, מער וועל איך דיר גאָלדעס נאָמען ניט דערמאָנען.

ז ע מ ל. אך, ביסטו א שלענגל, א קליינס, נאָר א גיפטיקס.

ר י ו ק ע. און דו ביסט אויך א גוטס. געוואָרן גאָר ניט ד ע ר זעמל.

ז ע מ ל. א טאָפּ, אז ער גייט דורך דורכן פײַער, ווערט ער אויך אן אנדערער: הארטער, שטארקער בא זיך.

ר י ו ק ע. זעמל, אָט איצטער זײַנען מיר מיט דיר נאָר הינטער פיר אויגן, זאָג מיר דעם גאנצן עמעס...

ז ע מ ל. וואָס? צי ווייס איך, אז דו האָסט מיך ליב? איך ווייס.

ר י ו ק ע. ניין, דאָס ווייס איך. דערפאר האָסטו מוירע מער, ווי פאר פײַער. איך האָב נאָר געוואָלט וויסן, צי ס׳איז עמעס, אז פאר פײַער האָסטו מוירע פון קינדווײַז אָן. פאראן אזעלכע, וואָס האָבן מוירע פאר וואסער... ס׳איז א קרענק אזא...

ז ע מ ל. א קרענק? ניין. פארקערט. אז איך בין אלט געווען נײַן יאָר, אין שטעטל נאָך, האָט זיך אָנגעצונדן אונדזער שטוב, בין איך ארײַנגע־לאָפן אין דער ברענענדיקער קיך און ארויסגעשלעפּט פון דאָרטן א פולע זיפּ מיט ערשט געבאָרענע הינדעלעך, און אָט אזוי שוין וויפל מאָל, אז איך האָב אלץ צו טאָן מיט פײַער, דעריבער ווייס איך טאקע, אז מיט קיין פײַער שפּילט מען ניט!

ר י ו ק ע. און וו׳אזוי האָסטו זיך געפּילט נאָכדעם, ווי דו האָסט גע־ראטעוועט דאָס ברויט? עמעס, ווי א העלד?

ז ע מ ל. אז איך האָב ארויסגעשלעפּט די זיפּ מיט הינדעלעך, בין איך בא זיך אין די אויגן געווען א סאך מער העלד.

ר י ו ק ע. פארוואָס?

ז ע מ ל. דערפאר, ווײַל ראטעווען דאָס ווייץ וואָלט מיכל צי סימכע אויך געלאָפן, פון דײַן טאטן איז שוין אָפּגערעדט — ער וואָלט זיך אפילע ניט פארטראכט. ער איז דאָך געלאָפן גלײַך מיט מיר...

ר י ו ק ע. נו, און ליאָווע?

ז ע מ ל. ליאָווע איז א סאך א בעסערער יאט, ווי ד ו מיינסט און

אפילע, ווי ער אליין מיינט... ליאָווע איז אווילדער בארג, אין אים ליגט אָבער באהאלטן אן אויצער — מע דארף נאָר קאָנען געפינען צו אים א שליסל...

עס עפנט זיך די טיר, און עס קומט אריין אַרן, א שמייכלענדיקער, פארטיפט אין זײַנע געדאנקען. ער באמערקט קימאט ניט ריווקען און זעמלען.

זעמל. א גוטן אָוונט אײַך, ארן...

ארן בלײַבט שטיין.

וואָס זײַט איר אזוי פארטראכט? אז מע ריכט אויס א זון אין דער רויטער ארמיי, דארף מען זײַן פארזאָרגט, מע זאָל קיין מענטשן ניט דערקענען?

אַרן. וואָס רעדסטו, זעמל, א סאך צו דערציילן...

ריווקע. טאטע, מיר הערן.

אַרן. ניט איצטער, קינדער, איר בלײַבט דאָך היגע... מיט אײַך וועלן מיר זיך אָנריידן, דערווײַל דארף מען אויסריכטן ליאָוועס מיט גאָלדען, זיי פאָרן פון אונדז אוועק.

עס קומען אָן מיכל, ליאָווע און סימכע.

אַרן. איצטער וועט שוין די סימכע זײַן פארפולט.

ריווקע. צו פרי האָט איר זיך צונויפגעקליבן. לאָזט מיך כאָטש אופראמען אין שטוב.

אַרן. געקומען ביסטו, טאָכטערקע, צו אונדז אין דאָרף און טרײַבסט שוין מענטשן פון שטוב. דו זײַ א בעריע און מאך א טאָלק אין שטוב, ווען אלע זײַנען דאָ.

כאווע. אמאָל, אז מע פלעגט וועלן אויספרווון א קאלע, צי זי איז ניט קיין קײַסנטע, פלעגט מען איר הייסן אופראמען גראָד דעמלט, ווען אלע דרייען זיך ארום איבערן שטוב.

זעמל. קאָנען זײַן גוט אין קאס — איז גאָר קיין כיסאָרן ניט, כאווע.

כאווע (צו זעמלען). עפשער ביסטו גערעכט... (צו ריווקען.) לאָז, ריווקעלע, איך וועל דיר העלפן. באלד וועט דאָס גאנצע דאָרף זיך א שאָט טאָן אהער. א קלייניקײַט, ארן פרידמאן ריכט אויס זײַן זון אין דער רויטער ארמיי, און גאָלדע אונדזערע פאָרט ווערן אן אגראָנאָם.

אַרן. מע דארף שוין אינגיכן שפאנען די פערד, און גאָלדע איז נאָך ניטאָ.

ריווקע. און וואָס זאמט זיך סאָרקע?

א ר ן. דו, ריווקע, ווארט ניט. גרייט דערוויַיל צום טיש. העלפט איר, כאווע, פּאַרט א שכייניִשע זאך. אז ליאָווע וועט זיך אומקערן פון דער ארמיי, זאָלט איר זיך ווידער מאטריִעך זיַין קומען העלפן גרייטן א טיש.

כ א וו ע. האלעוויַי, ארן, האלעוויַי, איך וועל נאָך דעמאָלט גיין א קאזאצקע אויך...

ז ע מ ל. פאַרוואָס עפּעס ערשט דעמאָלט, פאַרוואָס ניט איצטער? טאַ־קע גלײַך, אפן אָרט...

מ י כ ל. בימזומען...

ס י מ כ ע. א ייִד האָט פײַנט גלייבן יענעם אפן וואָרט. צייל און נעם.

כ א וו ע. מיר גלייבסטו ניט? כאוועֶן?

א ר ן (צו כאוועֶן). איך בין פון יענע, וואָס גלייבן נאָך יאָ אפן וואָרט, נאָר דעמאָלט וועלן מיר טאנצן נאָכאמאָל. (ער גייט צו צום טיש, גיסט אָן צוויי גלעזלעך: איינס — כאוועֶן, און איינס — סימכען.) דו, סימכע, האָסט ניט געגלייבט אפן וואָרט — גלייבן מיר דיר אויך ניט. עס שטייט בא אונדז געשריבן, אז מיט דער זעלבער מאָס, וואָס דער מענטש מעסט יענעם, מעסט מען אים אליין. טאנצן קאָנסטו ניט, — זינג. (ער גיסט אָן נאָך א גלעזל.) גיי, מיכל, גיס זיך אָן אליין. ליאָווע, — דו מ ע ג ס ט הײַנט נעמען א ביסל מאשקע, און דו, זעמל, — מוזסט נעמען, כאָטש מיט דער לינקער האנט. אמאָל וואָלסטו געדאַרפט בענטשן גוימל און הײַנט זאָג כאָטש לעכאַיִם.

אלע הייבן אוף די גלעזלעך. ארן — אינמיטן.

ז ע מ ל. לעכאַיִם!

א ר ן. לעכאַיִם, זעמל! לעכאַיִם, מיכל! לעכאַיִם, סימכע, ליאָווע... לע־כאַיִם, לעכאַיִם, כאווע, לעכאַיִם, ריווקעלע... לעכאַיִם... סימכע, זינג עפּעס פון דײַנע ניגונים.

ס י מ כ ע (הייבט אוף דעם קאָפּ, פאַרגלאָצט די אויגן, זינגט).

וויפּיעם, קומע, וויפּיעם טוט,
נא טים סוועטי ניע דאדוט.
וויפּיעם, קומע, וויפּיעם טוט,
נא טים סוועטי ניע דאדוט...

טשי דאדוט, טשי ניע דאדוט...

א ר ן. ניין, ניט אזוי, סימכע...

לאָמיר, פעטער, טרינקען איצט,
דאָרטן, שפּעטער גיט מען שמיץ.

א ל ע.

לאָמיר, פעטער, טרינקען איצט,
דאָרטן, שפּעטער גיט מען שמיץ.

א ר ן.

גיט מען ניט, צי גיט מען יאָ,
לאָמיר, פעטער, טרינקען דאָ,
לאָמיר, פעטער, טרינקען איצט,
שמײַסט מען שוין — איז נאָך א שמיץ...

א ל ע (צעלאַכן זיך און כאַזערן איבער).

לאָמיר, פעטער, טרינקען איצט, —
שמײַסט מען שוין — איז נאָך א שמיץ...

מיכל האַלט זיך פאַר די זײַטן לאַכנדיק. סימכע איז אויסער־זיך פונעם אײַנפאַל.

כ א ו ו ע (לאַכט, ווישנדיק זיך די אויגן). שמײַסט מען שוין — איז נאָך א שמיץ... גאָלדענע ווערטער.

אינמיטן טומל עפנט זיך די טיר, און עס קומט אַרײַן ס ע נ ד ע ר. אַן אײַנגעבויגענער, א צעבראָכענער. אַלע בלײַבן שטיין ווי פאַרגליווערט.

ס י מ כ ע. און איך האָב געמיינט, אַז סענדער וועט שוין ניט קומען.
כ א ו ו ע. וויפל איז דער שיר צו זיצן שיווע נאָך א לעבעדיק ווײַב...

סענדער ענטפערט ניט קיין וואָרט. עס ווערט אומהיימלעך.

א ר ן. סענדער, פאָלגט מיך, זאָגט אָפּ די בראָכע אַדוינוי נאָסאַן וואַ־דוינוי לאָקאַך...

מ י כ ל. גאָט האָט געגעבן, און ווער עס האָט געדאַרפט, — האָט צוגענומען...

א ר ן. און זאָגט א דאנק, וואָס איר זײַט פאָטער געוואָרן פון א שלאק באצײַטנס...

ס ע נ ד ע ר. אַף איר פארדריסט מיך ניט אזוי, כאפט זי דער טײַוול. די שטוב איז דאָך אָבער געווען א שטוב, די היים — א היים, שטענדיק אָרדענונג, ריינקײַט.

א ר ן. אין שטוב איז טאקע בא דיר געווען ריין, עפּשער ריינער, ווי בא אלעמען. די ריינקײַט אליין איז אָבער געווען א בלאָטיקע...

כ א ו ו ע. אזא בלאָטע, סענדער, אז דו וועסט זיך דארפן לאנג, לאנג ארומוואשן.

א ר ן. וואָס דאָס פאָלק זאָגט אָבער וועגן כאראָטע, ווייסט איר?

ס י מ כ ע. אז ס'איז ניט מײַסע סויכער?

א ר ן. ניין. דאָס פאָלק זאָגט: אז מע האָט ניט קיין כאראָטע, בלײַבט מען שטעקן אין דער בלאָטע.

ס ע נ ד ע ר. אַף וואָס זאָל איך כאראָטע האָבן, ארן? אַף מײַנע יאָרן און טעג? איך האָב שטענדיק געהאָרעוועט מיטן שווייס, שטענדיק געווען הר־הא, שטענדיק איבערן קאָפּ אין כויוועס, קיינמאָל קיין רויקע שאָ ניט געהאט, און דאָ האָט זיך נאָך אַף מיר געגומען די מאדאם, ניט געדאכט זאָל זי ווערן: מיט אן אייגן קינד מיך צעקריגט, דאָס פּאָנעם פארשווארצט מיר, ס'איז מיר דאָך א כארפע זיך ווײַזן אַף די אויגן... נאָר וווהין זאָל איך גיין אויסריידן דאָס הארץ, אויב ניט אהער? נאָך א רעפוע — וווהין? צו ארענען. מיט א צאָרע וווהין? — ווידער אהער.

כ א ו ו ע. אז ער איז דאָך בא אונדז אלעמען אן עלטערער ברודער... (צו סענדערן.) און בענעגייע גאָלדען ביסטו א גרויסער באל־אוולע — איך בין א מאמע, סענדער. ווערט ביסטו, מע זאָל דיך שמײַסן...

ס ע נ ד ע ר. איך בין שוין געגוג א געשמיסענער. כאווע... הײַנט... אָט דאָ ניט לאנג האָט מען אָנגעקלאפּט אין טיר, האָט זיך מיר אָפּגעריסן אין הארצן... איך האָב געמיינט — ס'הארץ האָט בא איר ניט אויסגעהאלטן, פּאָרט געקומען צום טאטן זיך געזעגענען... ערשט — ס'איז גאָר ריווקע געקומען בעטן לײַען א טשעמאָדאן, אָט שטייט ער...

ערשט איצט האָט מען באמערקט סענדערס טשעמאָדאן בא דער וואנט. עס עפנט זיך די טיר, און עס קומען ארײַן: ס א ר ק ע און ג אָ ל ד ע; בא גאָלדען אין האנט א קליין טשעמאָדאנטשיקל.

א ר ן. וואָס איז אזוי שפּעט?

סאָרקע. ביז איך האָב אויסגעקליבן די שענסטע פערד און ביז גאָלדע האָט אליין איַינגעשפּאַנט, האָט געדויערט, אליין טוט זיך ניט. וואָס איז — מיר האָבן עפּעס אָנגעוואָרן?

ארן. דעם ערשטן לעכאַים...

סאָרקע. דער צווייטער לעכאַים איז ניט אַלעמאָל ערגער פונעם ערשטן... דערלאַנגט אהער צוויי גלעזלעך!

מע דערלאַנגט איר צוויי פול אָנגעגאָסענע גלעזלעך; זי גיט איבער איין גלעזל סענדערן; דאָס צווייטע גאָלדען. גאָלדע קוקט אף איר פאַרוווּנדערט.

סאָרקע. פאָלג! איך בין עלטער פון דיר!

גאָלדע נעמט דאָס גלעזל.

(ווענדט זיך צו סימכען.) נאָך צוויי!

מע דערלאַנגט איר נאָך צוויי.

(זי גיט איבער איין גלעזל זעמלען, דאָס צווייטע — ליאָוועָן). נאָך ניט גאָר!

מע דערלאַנגט איר נאָך צוויי.

(איינס גיט זי איבער ריווקען, דאָס צווייטע — נעמט זי זיך.)

סענדער. איַי, א כאַכאָמע — א מאַנסבילשער קאָפּ.

מיכל. נו, און סימכען? — א ראַכמאָנעס אף סימכען...

סאָרקע. ראַכמאָנעס האָט מען אף א קאַץ, א צארבאַלעכאַים, ניט אף א מענטשן. לעכאַים!

אלע. לעכאַים! לעכאַים!

סענדער. לעכאַים... ייִדן זאָלן פונדעסטוועגן ניט אָנווערן דאָס געפיל פון ראַכמאָנעס!

ארן. ניין, סענדער, ניט אזוי... אָנשטאָט ראַכמאָנעס — גוטהאַרציקייַט... ברייטהאַרציקייַט.

גאָלדע. און אָפנהאַרציקייַט...

כאַווע. גאָלדענע ווערטער, גאָלדענע ווערטער.

סענדער (מיט פאַרדריקטע פויסטן). ניין, ראַכמאָנעס אויך...

מיכל (גייט צו סענדערן, נעמט אים פאַנאַנדער די פויסטן). און אָפנהעניקייַט, סענדער!

סענדער (טוט א מאך מיטביידע הענט). אך, טי גענריעטא מאַ־דאמאָוונא! פאר איין זאך האָב איך דיר צו פארדאנקען: דאָס רעבע־געלט, וואָס מיך האָט געקאָסט, איז ניט אומזיסט! (צו גאָלדען.) אָבער דו, טאָכטער, ווי קומט מען עס ניט געזעגענען זיך מיט א טאטן? מיילע, ארן — צו אים קומט מען, פון אים פאָרט מען אוועק, אָבער א שטיקל טאטע בין איך דיר געווען, צי ניין...

גאָלדע. ווען די טאָכטער וואָלט געקומען צום טאַטן, וואָלט עפשער דער טאטע ניט געקומען אהער.

ארן. אָבער האָדי. (צו כאווען.) איר האָט דאָך צוגעזאָגט גיין א קאזאטשקע.

כאווע (צו סענדערן). און עפשער א ברויגעז־טאנץ.

ארן. אויס ברויגעז־טאנץ! א טאנץ פון ברייטהארציקייט, א טאנץ א פרייער, ווי אונדזער לעבן דאָ אין סטעפּ.

כאווע הייבט אָן, נאָך איר ציִען זיך אריין אלע. עס דערהערט זיך א טומל, א געזאנג, א קלאפּן אין פּייקל. דער טאנץ ווערט איבערגעריסן.

מיכל. מע פאָרט שוין נאָך ליאָוועו, — זאָלן לעבן און געזונט זיין אונדזערע רויטארמייער!

סימכע. און אונדזער אגראָנאָמשע! לעכאַים! (ער וויל שוין אויס־טרינקען.)

עס קומען אָן מאמעד, זיין זון איבראהים, זיין טאָכטער טאמאר און נאָך קאָלווירטניקעס, אלע אָנגעטאָן יאָמטעוודיק.

סימכע (זינגט).

די מעכוטאָנים גייען...
די מעכוטאָנים גייען...

ארן (העלפט אים).

די מעכוטאָנים גייען, קינדער,
די מעכוטאָנים גייען, שאט נאָר שאט...

מאמעד, א ביסל האָבן מיר זיך אליין פארהאלטן, א ביסל וועלן מיר אייך

פארהאלטן, און אין שטאָט וועלן מיר ערשט קומען צו דער צײַט. (ער דערלאַנגט מאַמעדן אַ בעכער בראַנפן.)
מאַמעד (עטוואָס פאַרלאָרן). פאַר די נײַע קראַסנאַאַרמייצעס!
ארן. זאָלן זיי אליין אויך אויסטרינקען... נישקאָשע, ביז זיי וועלן אָנקומען אהין, וועלן זיי זיך אויסניכטערן...

ער גיסט אָן ליאָווען און איבראַהימען.

מאַמעד (טראַכט אַ רעגע, גייט צו צו סאָרקען). סאָרקע... סאַלאַם אַלייקום...
סאָרקע. סאַלאַם, סאַלאַם אַלייקום, מאַמעד... סאַלאַם אַלייקום, איב־ראַהים.
איבראַהים. סאַלאַם אַלייקום...
סאָרקע. נו, ליאָווע, דיר אַ שאָלעם־אַלייכעם מיט אַ פּאָר געזונט איניינעם.

זיי צעקושן זיך.

מאַמעד (ער רעדט האַלב רייש, האַלב כאַף). ארן... סימקע... זע־מעל, ריבקע... כאַווא, מיקל, גאָלדע — סאַלאַם... אַלעמען — סאַלאַם... (ער דערזעט סענדערן.) הא, סענדער, וואָס מיט די פיר שעפּסן? וואָס געזאָגט מאַדאַם?
סענדער. אויס מאַדאַם... אויס שעפּסן...
מאַמעד (צעלאַכט זיך). אויס סענדער...
סענדער. פע... סענדער בלײַבט סענדער...
מיכל. פעדאָט, דאַ ניע טאָט...
סענדער. און אַזוי זאָלסטו טאַקע פאַרשרײַבן אין דײַן היסטאָריע, זעמל, אַז סענדער בלײַבט... און אַז איך האָב דיך פאַר דײַן היסטאָריע געוואָלט פּאַטשן, ווייסטו כאָטש, זעמל?..
זעמל. וואָס זשע האָט איר אַזוי לאַנג געוואַרט?..
ארן. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז נאָר מיט פּעטש גייט מען ניט ארײַן אין דער געשיכטע.
סאָרקע. טאָמער וואָלט געוועזן גענוג צו דאַרשענען? לעכאַים — און זאָל מען פאָרן...
מאַמעד. טאַקע לאַנג צײַט.

ארן. אף אלץ א צײַט, מאמעד. די קינדער אונדזערע זײַנען שוין רויטארמייער?

מאמעד. נו?

ארן. האָבן מיר דאָך הײַנט בא זיך אָנגעלייגטע געסט, און איר ווילט, מיר זאָלן זיי וואָס גיכער ארויסבאגלייטן... דער דיל, די ווענט זײַנען נײַע, זיי האָבן נאָך ווייניק סימכעס געזען, ווייניק טענץ... נו, קאָרשט, איבראהים, ווײַז אונדז, וואָס דו קאָנסט!

מע מאכט א ווארע. איבראהים גייט א טאנץ, אלע, יעדער אף זײַן אויפן, פּליעסקען צו.

סאָרקע. און דו, ליאָווע, פארשעם אונדז ניט, ווײַז, וואָס דו קאָנסט.

ליאָווע טאנצט צוזאמען מיט איבראהימען. גאָלדע שטופּט ארײַן אין ראָד טאמאר, טאמאר פארכאפּט ריווקען, ריווקע — גאָלדען, גאָלדע — זעמלען, זעמל — סאָרקען, סאָרקע — מאמעדן, מאמעד — ארענען, ארן — כאווען, כאווע — מיכלען, מיכל — סימכען, סימכע — סענדערן, סענדער — גאָלדען. מיט זייביידן ווערט דער קרײַז געשלאָסן... אינמיטן טאנץ טוט מאמעד זיך א זעץ אין קרײַז, אלע בלײַבן שטיין.

מאמעד (פארציט א ליד).

אוועק, אוועק, אוועקגעגאַן
אלי,
מיט שאָף אין סטעפּ אוועקגעגאַן
אלי.
אין וועג האָט ער גיולנאַר דערזען,
אלי.
וואָס איז מיט דיר אין סטעפּ געשען,
אלי?
די שעפּעלעך — זיי רופן: קום,
אלי!
דו זעסט, מיר בלאָנקען זיך ארום,
אלי.
דאָס הינטל פון א צײַט שוין בילט:
אלי!

ער הערט ניט — מיט גיולנאר זיך שפּילט
אלי...

ער שטייט אויף און טאנצט. אליין. דערנאָך מיט כאוועו, דערנאָך מיט גאָלדען, מיט סאָרקען. דער ערשטער שיידט זיך אָפּ ליאָווע. די לעצטע — טאנצן ריווקע און טאמאר.

ליאָווע. טאטע, שוין צײַט פאָרן, ענדיקן דעם טאנץ וועלן מיר, ווען איך וועל קומען צוריק.

כאווע. זאָג כאָטש געזונטערהייט.

ארן. וואָס זשע, כוילע איז ער קומען געזונטערהייט?

גאָלדע געזעגנט זיך מיט ריווקען.

ריווקע. איך פאָר דאָך מיט אײַך ביז דער שטאָט.

ליאָווע גייט צו צו זעמלען און גיט אים א האנט.

זעמל. פאָר געזונט.

ליאָווע. און דו זאָלסט מער ניט קריכן אין פײַער.

זעמל. אז מע וועט דארפן, וועלן מיר אלע גיין אין פײַער...

ליאָווע. נו, פארשטייט זיך, וועגן דעם רעדט מען ניט.

סאָרקע (צו ליאָווען). קום, וועלן מיר מיט דיר זיך צעקושן! גאָלדע, קוק ניט.

ארן (צו גאָלדען). און איך — מיט דיר.

גאָלדע גייט צו צו זעמלען. גיט אים א האנט.

גאָלדע. זײַ געזונט, זעמל, איך וועל דיר שרײַבן. דו זאָלסט מיר אָבער ענטפערן.

זעמל ענטפערט איר ניט און גייט ארויס פון שטוב דער ערשטער. נאָך אים — מיכל און סימכע, סענדער און גאָלדע, סאָרקע, ריווקע און אלע אנדערע. די לעצטע — ארן און ליאָווע.

ארן (אין דער שוועל שטייענדיק). ליאָווקע, זע זײַ א מענטש. זאָלסט ווערט זײַן דעם נאָמען רויטארמייער און פארגעס ניט, אז ערגעץ אין דאָרף לעבט א נאָענטער קאָרעוו דײַנער ארן פרידמאַן. (גייט ארויס.)

עס הערן זיך שטימען, געזאנגען. אז די שטימען ווערן אײַנגעשטילט, קערן זיך אום און בלײַבן שטיין אפן שוועל ארן און סאָרקע.

א ר ן. ווי מיינסטו, סאַרקע, זיי וועלן ניט פאַרשפּעטיקן?

ס אַ ר ק ע (צווייד־טיק). וואָס איז — ווי ווײַט איז מען עס פון א שטאָט?

א ר ן. האָסט שוין אויסגעמאָסטן? לאָמיך אויך וויסן.

ס אַ ר ק ע. נאָענט, ארן, זייער נאָענט...

א ר ן. אלץ, סאַרקע, ווענדט זיך, וויאַזוי מע מעסט און מיט וואָס פאַר א מאָס מע מעסט. איך, סאַרקע, בין דאָך אויך א שטאָט־מענטש — אַזויפיל יאָרן געלערנט שטאָטישע קינדער: ווו געפינט זיך אזיע און ווו ליגט ערגעץ אפריקע, און געקומען בין איך אהער... ניט איך גרויס זיך דערמיט, ניט איך פּאַל מיט דעם אראָפּ — א שטאָט־מענטש איז אויך א מענטש... הא, וואָס זאָגסטו, סאַרקע?

ס אַ ר ק ע. ווער רעדט נאָך, אז דער מענטש איז א מענטש... ארן, איך... איך האָב אײַך געוואָלט זאָגן... אז... דאָס לעצטע נײַע הויז איז שוין פאַרטיק און אז איך האָב באַשלאָסן עס אָפּשפּאָרן פאַר א דערוויי־ליקן שפּיטאָל...

א ר ן. נו, און ווען טראַכסטו ניט געבן?

ס אַ ר ק ע. זיך.

א ר ן. און דו? ווידער אין שכיינעס?..

ס אַ ר ק ע. וואָסי, אזא שלעכטע שכיינע בין איך, ארן?..

א ר ן. סאַרקעו!.. וואָס דאַרף א מענטש, ער זאָל זײַן גליקלעך: דרײַ זאכן, וואָס זײַנען קימאַט איינס און דאָס זעלבע.

ס אַ ר ק ע. לערנט מיך אויך אויס, איך זאָל קאָנען זײַן שטענדיק גליקלעך.

א ר ן. ריישיס, אז דאָס, וואָס דו טוסט הײַנט, זאָל מאָרגן ברענגען פּרוכט, דײַן ארבעט זאָל ניט גיין פאַרלאָרן; צווייטנס, אז ניט נאָר די ארבעט זאָל לעבן אין ד י ר, נאָר ד ו זאָלסט לעבן אין דער ארבעט; און, דריטנס, דו זאָלסט וויסן, ניין, דו זאָלסט זײַן זיכער, אז דײַן קינד איז דיר — א קינד, און דײַן פּרײַנט — איז דיר א פרײַנט.

ס אַ ר ק ע. ווי זאָגט כאווע: גאָלדענע ווערטער.

א ר ן. גאָלדענע, ניט גאָלדענע, האלעוויי וואָלט עס געווען עמעס, און יעדער מענטש וואָלט עס געהאַט.

ס אַ ר ק ע. גאָלדענע ווערטער... גאָלדענע ווערטער...

סאָף

אומשטערב-
לעכקייט



דראמע
אין פיר אקטן

אָנטײלנעמער

גריגאָרי ארקאדיעוויטש — אן אינזשעניער, 42 יאָר.
עמיליע — זײַן פרוי, 36 יאָר.
בראָכע — איר מוטער, 56 יאָר.
קאטיע — אן ארטיסטן, 37 יאָר.
ארנאָלד — א קינסטלער, 40 יאָר.
מישע — א דערפינדער, 23 יאָר.
האנקע — זײַן געליבטע, 22 יאָר.

ערשטער אקט

דאָס ערשטע בילד

זומער־פארנאכט. בא גריגאָרי ארקאדיעוויטשן אין קאבינעט. באם פענצטער — א טיש פאר צייכענונגען. דרײַ טירן: איינע פירט אין קאָרידאָר, די צווייטע — אין עמיליעס צימער, און די דריטע — צו בראָכען. בא דער וואנט — א שרײַבטיש. אין ווינקל — א סאך צונויפגעוויקלטע פּראָיעקטן. א שפּיגל, איבערגעדעקט מיט שווארצן. א פּיאנע מיט אן אָפן דעקל. אף דער פּיאנע אויבנאָן — א פאָטאָגראפיש בילד פון א קינד.

בראָכע (בא דער פּיאנע. זי נעמט אין האנט דאָס פאָטאָגראפישע בילד). **צו עלף יאָר... דיך אָפּגענומען בא טאטע־מאמע, בא דער באָבע דײַנער... בעסער וואָלט איך עס גאָרניט דערלעבט...**

א קלונג אין טיר.

מיסטאמע ער. (זי וויל גיין עפענען. זי דערמאָנט זיך עפּעס און פרווט מיט ציטערדיקע הענט אוועקשטעלן צוריק דאָס בילד, וואָס פאלט אום עטלעכע מאָל. זי גייט עפענען).

עס קומט ארײַן **האנקע**.

האנקע. א גוטן אָוונט, בראָכע.
בראָכע. א גוט־יאָר דיר, האנקע.

האנקע. גריגאָרי ארקאַדיעוויטש איז נאָך ניטאָ פון זאוואָד?

בראָכע. ער איז שוין געווען און ערגעץ אוועק. ער וועט מיסטאמע באלד קומען. זיץ.

האנקע גייט ארום איבערן צימער. בלײַבט שטיין בא דער פיאנע. קוקט אפן בילד און פרוווט מעכאניש צומאכן דאָס דעקל.

פארמאך ניט, האנקע. ער לאָזט זיך אפילע ניט צורירן צו א זאך, וואָס דאָס קינד האָט אמאָל אָף דעם א קוק געטאָן. שוין אָט באלד א כוידעש צײַט... א מאנסביל און זאָל ווערן אזוי אויס מענטש! (באווײַזט אפן צווייטן צימער.) פון איר איז שוין אָפּגערעדט.

האנקע. וואָס איז דער וווּנדער?

בראָכע. וואָס ווייסטו, וואָס ווייסטו? דער אומגליק איז אזוי אויך גרויס, נאָר דאָס, וואָס גריגאָרי ארקאַדיעוויטש איז דעמאָלט אין דער היים ניט געווען... איז די גאנצע טויכעכע פאָרט געפאַלן אָף אונדז, אָף עמיליען און אָף מיר. נו, וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? ער לויפט צו מיר צו און פאלט מיר אפן האלדז מיט א סימכע: „באָבע, ווייסט, וווּהין איך פאָר?" — „וווּהין, מײַן זון?" — „צו שורקען אָף דער דאטשע. אָט דאָ ניט ווײַט". — „מיט וועמען, זון מײַנער, פאָרסטו?" — „מיט שורקעס מאַמען". — „און די מאמע לאָזט דיך?" — „יאָ". פארזינדיקט אזא קינד...

האנקע. און מע האָט גאָרניט געקאָנט טאָן?

בראָכע. נאָך צוויי שאָ זײַן אין וואסער, אז מע ליגט אָף דער ערד, העלפט שוין גאָרניט. (זי ווישט זיך די אויגן.)

האנקע. באַרויִקט זיך, בראָכע.

בראָכע. איין קינד, איין אויג אין קאָפּ!

האנקע. גריגאָרי ארקאַדיעוויטשן איז אויך ניט בעסער. טרעפט אפן זאוואָד, מע רעדט צו אים, מע רעדט, און, דאכט זיך, אז ער הערט, נאָר אינמיטנדערינען רײַסט זיך בא אים ארויס אזא קרעכץ, א שטיק לעבן נעמט ער אָפּ. מע זעט, אז די הענט נעמען זיך אים ניט צו דער ארבעט.

בראָכע. מע זאָל גאָרניט געפרוווט ווערן, האנקע.

האנקע. ער איז דאָך אָבער אן אינזשעניער, פון אים פאָדערט זיך זייער א סאך: גריגאָרי ארקאַדיעוויטש אהער, גריגאָרי ארקאַדיעוויטש אהין... דער זאוואָד האָט באקומען פון דער מעלוכע א גרויסע באשטעלונג...

ב ר אָ כ ע. אף וואָס?
ה א נ ק ע. דאָס איז שוין א סאַד.
ב ר אָ כ ע. אלץ סוידעס.
ה א נ ק ע. נו, ניט קיין טיי־לעפעלעך און ניט קיין קינדער־סאָסקעס. איצט פארשטייט איר שוין? מישע ארבעט אויך ניט ווייניק.
ב ר אָ כ ע. איך ווייס, ער איז בא אונדז גאנץ אָפּט.
ה א נ ק ע. איר מיינט, איך ווייס אוואדע ניט, ווו ער איז?
ב ר אָ כ ע. גריגאָרי ארקאדיעוויטש זאָגט, דאָס איז עפּעס גאָר אן אויסנאַם. אן אָפּענער מויעך: אף וואָס ער זאָל ניט א קוק טאָן, ווילט זיך אים גלייך איבערמאכן, אויסבעסערן. איך אליין פארשטיי אין דעם גאָר־ניט, נאָר גריגאָרי זאָגט: ווען מע לאָזט אים, מישע דיינעם, וואָלט ער איבערגעמאכט די גאנצע וועלט, און ס'וואָלט, זאָגט ער, בא אים אוועק א סאך ווייניקער מאטעריאַל.
ה א נ ק ע. ניט אומזיסט האָט אים גריגאָרי ארקאדיעוויטש א נאָמען געגעבן עדיסאָן. ווער איז געווען אָט דער עדיסאָן, ווייסט איר?
ב ר אָ כ ע. מיט וועמען מע לעבט, פון דעם נעמט מען זיך אָן. באַם ראָוו אין שטוב איז די רעבעצן א האלבער ראָוו, און בא אן אינזשעניער איז די שוויגער אויך א שטיקל אינזשעניער... יאָ, זאָג מיר, האנקע, ווען זשע רעכנט איר, אין א גוטער שאָ, פארשרייבן זיך?
ה א נ ק ע. וואָס איז די איילעניש? ניט ער, ניט איך האָבן ניט קיין צימער, מע זאָגט אים אלץ צו, און ער גלייבט. ער ווארט, ביז מע וועט קומען בעטן זיך בא אים: טוט א טויווע, מישע, פארנעמט די קווארטיר.
ב ר אָ כ ע. און נאָר א דירע האלט איַיך אָפּ?
ה א נ ק ע. וואָס נאָך?
ב ר אָ כ ע. איך ווייס? אזוי איז שוין בא איַיך אלץ פארטיק? (מיט א שמייכל.) נאדן האָסטו שוין?

האנקע צעלאכט זיך.

איז זעט, פארגעסט כאָטש ניט פארבעטן מיך אף דער כאסענע... (און פארכאפּט זיך גלייך.) א נארישער מענטש... וואָס מ י ר קאָן גאָר קומען אפן זינען... נאָר וואָס זייט איר שולדיק? איר זייט דאָך יונגע קינדער. איר הייבט ערשט אָן צו לעבן אף דער וועלט.

א קלונג אין טיר.

גריגאָרי ארקאדיעוויטש.
האנקע. איך וועל גיין עפענען.
בראָכע. גיי דו.

האנקע גייט עפענען. בראָכע גייט דערווײַל ארײַן אין עמיליעס צימער. עס קומט ארײַן גריגאָרי ארקאדיעוויטש.

גריגאָרי. זאָגט מיר, האנקע, פארוואָס איז הײַנט מישע אנטלאָפן פון זאוואָד גלײַך נאָך דער ארבעט?
האנקע. הײַנט גיי איך מיט אים אין טעאטער.
גריגאָרי. אין טעאטער? (ווי פאר זיך.) אין אזא צײַט אין טעא־טער?!
האנקע (וויל זיך פארענטפערן). מיר קלײַבן זיך שוין לאנג. גרי־גאָרי ארקאדיעוויטש, ווייסט איר גאָר וואָס? קומט מיט אונדז... איר וועט זיך א ביסל צעשטרייען...
גריגאָרי. מיט אײַך?.. א גרויסן דאנק, קינדער, גייט, גייט געזונ־טערהייט, פארברענגט. נאָר פארוואָס איז ער צו מיר ניט פארגאנגען נאָך דער ארבעט?
האנקע. איך וועל אים זאָגן.
גריגאָרי. ניין, מע דארף ניט. (ער גייט צו צו זײַן ארבעטס־טיש, קוקט אין א פּראָיעקט.)
האנקע. גריגאָרי ארקאדיעוויטש!..
גריגאָרי. האָ?
האנקע. איך האָב בא אײַך געוואָלט א פרעג טאָן — עפשער ווייסט איר? עפּעס באהאלט פון מיר מישע אויס. די לעצטע צײַט דערציילט ער מיר גאָרניט. ער גייט ארום און קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען... עפשער האָט עפּעס געטראָפן מיט אים אױף דער ארבעט? זאָגט מיר. נאָר עפשער האָט ער שוין עפּעס ווידער פארטראכט?
גריגאָרי. וואָס דען — דײַן מישע!..
האנקע. ניט קיין אפּאראט, וואָס דארף פליִען אין דער סטראטאָ־ספער?
גריגאָרי. בא דײַן מישען וואָס קאָן זײַן נידעריקער פון דער סטראטאָספער? אײַ, מישע, מישע...

האנקע (מיט א שפאס). ער האָט מיר צוגעזאָגט: דעם טאָג, וואָס מיר וועלן זיך מיט אים פארשרייבן, מיך די ערשטע אופהייבן אהין...

גריגאָרי. און איר, האנקע, האָט אים צוגעזאָגט אזוי לאנג וואַרטן?

האנקע. וואָס איז?

גריגאָרי. דערווייל, האנקע, איז עס נאָך אפן הימל א יאריד... א פלאַנעטער...

האנקע. מישע רעכנט אָבער, אז איר וועט אים דאָס מאָל אויך העלפן. ווייל אָן אייך איז ער, ווי אָן הענט.

גריגאָרי. ער דארף, ער מוז לערנען, האנקע, אָן דעם וועט ער קיין אמעריקעס ניט אנטדעקן. און דערווייל — ווייניקער פליען איבערלופטן און מער מאטעמאטיק, מער פיזיק. נישקאָשע, ער וועט דערנאָך באווייזן אופטאָן צען מאָל אזויפיל. נו, זאָל זיין, איך ווייז אים, איך לערן אים, איך העלף אים, אָבער וויפל קאָן מען?

האנקע טוט א קוק אפן האנטזייגער.

גריגאָרי. איר איילט?

זי קלייבט זיך גיין.

עסט זיך ניט אָפּ דאָס הארץ, האנקע. ער וועט מיט דער צייט זיין א גרויסער לייט.

האנקע. גריגאָרי ארקאדיעוויטש, און מיט אייך וואָס וועט זיין?

גריגאָרי. מיט מיר, האנקע, וועט שוין גאָרנישט ניט זיין...

האנקע (פארכאפט זיך). ניין, איך מיין, אין טעאטער גייט איר מיט אונדז?

גריגאָרי. איך — ניט... ס'איז מיר ניט דערצו.

האנקע דערפילט זיך אומהיימלעך. זי גיט גריגאָרין די האנט. גריגאָרי גייט זי באגלייטן ביז דער טיר.

(אומקערנדיק זיך.) א גרויסער, א גרויסער פלאַנעטער, ווי בא מיר אפן הארצן. (ער בלייבט שטיין באם טיש מיט א דרייעק אין האנט.) מיט וואָס, פרעג איך, מישע, איז אָט דאָס (ער באווייזט אפן פראָיעקט) דיינס, און ניט מיינס? אָט די פלי־מאשין איז דאָך געווען נאָר א כאָלעם דיינער, א בליץ, וואָס איז דורכגעפלויגן בא דיר אין קאָפּ... בא דיר וואָלט פון דעם שיינעם כאָלעם זיך אויסלאָזן א טייך, בא דיר וואָלט

פונעם בליץ גאָרניט ווערן. (פּאוזע.) באַוואוסט האָב איך דיך, מישעז איך בין א סאך טיפער, א סאך ביטערער באַוואוסט. איך ווייס נאָר דאָס, וואָס מע האָט מיך געלערנט, מײַנע הענט קענען אָנטאָן אין פלייש און בלוט נאָר א פרעמדן געדאנק. בא מיר אליין ווערט קיין זאך ניט געבאָרן. (פּאוזע.) דאָרט, ווו עס ווערט קיין זאך ניט געבאָרן, איז ניטאָ קיין לעבן. איז זאָל דאָרטן, ווו ס'איז ניטאָ קיין לעבן, — קיין זאך מער ניט געבאָרן ווערן.

פון עמיליעס צימער גייט ארויס בראָכע. גריגאָרי מאכט זיך ניט זעענדיק. ער פארטיפט זיך נאָך מער אין דער ארבעט.

בראָכע (מאכט עטלעכע טריט פאָרויס). גרישע...

שטיל.

גרישע...

שטיל.

גריגאָרי. וואָס ווילט איר פון מיר, מאמע?

בראָכע. פארוואָס גייסטו ניט ארײַן צו איר? מע קאָן דאָך ניט צו־זען דעם צאַר.

גריגאָרי. שטעלט זיך פאָר, מאמע, איך בין שוין געוועזן, גע־רעדט, פון די רייד ווערט אָבער ניט גרינגער — ניט איר, ניט מיר.

בראָכע. דו רעדסט מיט איר אזוי, ווי זי וואָלט מיט די אייגענע הענט דערהארגעט דאָס קינד. מעגסט מיר גלייבן, א מאמען איר קינד איז ניט ווייניקער טײַער...

א געדריקטע שטילקײַט.

גרישע, איך הייס דיר ארײַנגיין. באַרויִק זי, דו זעסט אליין ניט, ווי דו מאכסט א טעל פון איר און פון דער גאנצער שטוב... נעם, דערטרינק אונדזביידן און אן עק זאָל עס נעמען... וועסטו זיך באַרויִקן.

גריגאָרי. מאמע! הערט אויף! איך בין דאָך אויך ניט פון אײַזן. מיט אײַך איז מיר א סאך גרינגער צו ריידן. עפּשער וועט איר מיך פארשטיין: מיר קאָנען מער צוזאמען ניט זײַן. עפּשער שפּעטער. דער־ווײַל האָט זיך דער טויט אוועקגעשטעלט צווישן אונדז ביידן.

בראָכע. ביסט אראָפּ פון זינען, גרישע.

גריגאָרי. ניין, מאמע, דער טויט, וואָס האָט זיך ארײַנגעריסן צו

מיר איין שטוב, האָט אין מיר אלץ איבערגעקערט מיטן קאָפּ אראָפּ. די לעצטע צײַט לאָזט מיך ניט רוען איין געדאנק: וואָס פאר א טאכלעס וועט זײַן פון מ י ר, פון דער גאנצער האָרעוואניע מײַנער? נו, פרעג איך בא אײַך, קאָן איך מיט איר ריידן וועגן דעם? זאָגט אליין, איר קענט דאָך זי בעסער...

בא די לעצטע ווערטער קומט אָן ע מ י ל י ע — א מיטלוווקסיקע שווארצכיינעווערדיקע פרוי. דאָס פּאָנעם — לײַדנדיק־בלאס, די ערשטע רעגע בלײַבט זי אומבאמערקט.

ב ר אָ כ ע. איך בעט דיך. זײַ ניט קיין אקשן... בלוט גיסט זיך מיר פון הארצן.

ע מ י ל י ע. וואָס בעטסטו אים אזוי, מאמע? מאָרגעדיקן טאָג קאָן איך אוועקפאָרן... איך דארף קיינעם ניט האָבן, ניט דיך, ניט אים — קיינעם ניט.

ב ר אָ כ ע. ד ו די מאמע דארפסט עפשער ניט, די מאמע דארף אָבער האָבן ד י ך.

ע מ י ל י ע. ווו איך וועל ניט קומען, — מײַן אָרט וועל איך געפינען.

ג ר י ג אָ ר י. עפשער וואָלט טאקע געווען בעסער אזוי... פאר אונדזביידן בעסער... ווהין וואָלסטו געוואָלט פאָרן?

ע מ י ל י ע. ווייסט אפילע ניט וויסן, ווו איך בין אהינגעקומען.

ג ר י ג אָ ר י. אָן אדרעס אָבער וועל איך דאָך דארפן וויסן.

ע מ י ל י ע. צו וואָס? ניין, גריגאָרי ארקאדיעוויטש, איר וועט ניט דארפן וויסן. איך וועל זיך שוין זען באגיין אָן אײַער הילף. (זי פירט דורך מיט ביידע הענט איבערן פּאָנעם, ווי זי וואָלט אָפּדעקן א שלייער פאר די אויגן.) און אפן ל ע צ ט ן פאל זײַנען דאָ מענטשן אומעטום.

ג ר י ג אָ ר י (ציטערט אוף). ווי? ווי האָסטו געזאָגט? אפן לעצטן פאל?!

ע מ י ל י ע. גאָרניט... איך האָב געזאָגט, אז אומעטום זײַנען דאָ מענטשן... (און גייט ארויס פון צימער.)

ב ר אָ כ ע. גיב איר ניט קיין געלט, גרישע.

ג ר י ג אָ ר י. פארוואָס?

ב ר אָ כ ע. איך ב ע ט דיך. (ארויסגייענדיק פון קאבינעט, מיט מער זיכערקײַט.) א י ך ב ע ט דיך.

עמיליע (גייט ארויס פון איר צימער אן אָנגעטאָנענע). הייסט עס, אלץ?

גריגאָרי. מיר וועלן נאָך זען.

עמיליע. און זי?

גריגאָרי (בייז). ווער איז די זי?

עמיליע. די מוטער... זי וועט מוזן בלײַבן דאָ, ביז איך וועל זי אריבערנעמען צו זיך. (מיט איראָניע.) וועסט זי שוין מוזן אויסהאלטן. זי האָט בא דיר פארדינט.

גריגאָרי. מיט וועמען רעדסטו אזוי, עמיל? מיט מיר?!

עמיליע. איך ווייס? אז ס'איז ניט ליב דער אָרעמאַן, ווערט, אפּאָנעם, איבעריק דער קלומעק אויך. זאָג, פארוואָס בין איך דיר מיט־אמאָל געוואָרן אזוי פרעמד?

גריגאָרי. איך, און דו, און דאָס קינד זײַנען געווען איינס: קומענ־דיק אהיים, פלעגט בא מיר דאָס גרעסטע פארגעניגן זײַן: זען אײַךביידן אינאיינעם — דיך לעבן אים און אים לעבן דיר. און זיך — צווישן אײַך ביידן. און איצטער, אז איך זע דיך אָן אים, גיט זיך מיר אויס, אז אלע פעדעם זײַנען איבערגעריסן... יאָ, איצטער ווײַזט זיך ארויס, אז דאָס איינציקע, וואָס האָט אונדז פארבונדן, איז געווען ער, אָן אים איז מיר די שטוב אי פּוסט, אי פרעמד...

עמיליע. גרישע... מיר איז אויך געוואָרן פּוסט די גאנצע וועלט... ווען איך האָב איצט א קינד!.. טאָג און נאכט טראכט איך נאָר וועגן איין זאך, פון זינען גייט עס מיר ניט ארויס... עס האָט זיך מיר שוין אפילע אָנגעהויבן כּאָלעמען, אָט ווי איך האלט עס אף די הענט, עס נעמט מיך ארום, און די הענטלעך זײַנען ווארעמינקע...

גריגאָרי. מיר כּאָלעמט זיך אויך, נאָר עפּעס גאָר־גאָר אנדערש... ער ליגט איינער אליין אפן ברעג טײַך... און איך הער, ווי ער זאָגט: איך בין אלט געווען דאָס צוועלפטע יאָר... איך האָב נאָך געוואָלט לעבן... אלעמאָל האָט זיך מיר געוואָלט האָבן א ברודער צי א שוועסטער, — איצטער וויל איך ניט. דו הערסט, טאטע, איך וויל ניט. אָן מיר וועט אין שטוב קיין לעבן ניט זײַן...

עמיליע גייט האסטיק ארויס פון קאבינעט. עס דערטראָגט זיך אן אײַנגעהאלטן געוויין. ער לויפט ארויס נאָך איר אין פאָדערצימער. גלײַך אָבער דערהערט זיך א קלאפּ מיט דער דרויסנדיקער טיר. ער קערט זיך אום, גייט צו צו דער פּיאנע. נעמט אין ביידע הענט דעם קינדס בילד. א דויערנדיקע שטילקײַט. עס

דערהערט זיך א קלונג אין טיר־גלעקל. ער לויפט עפענען. עס קומט אריין אַרנאָלד. אין האנט בא אים א גרויסער פּאָרטרעט, פארוויקלט אין צייטונגען און איבערגעבונדן מיט שטריק. אַרנאָלד וויל אוועקשטעלן דאָס בילד אפן דיל און באשליסט זיך ניט. ער שטעלט עס עטלעכע מאָל איבער פון איין אָרט אפן צווייטן און צולעצט שטעלט ער אוועק דאָס בילד אפן שטול.

טוט זיך אויס, אַרנאָלד... איר האָט מיר געקלונגען, אז איר וועט קומען נעכטן. איך האָב אף אײַך געווארט א גאַנצן אָוונט. כאָטש... איר ווייסט: אי געוואָלט האָב איך, איר זאָלט ברענגען דאָס בילד, אי איך האָב עפּעס מוירע א קוק צו טאָן.

אַרנאָלד. איך האָב אף דעם זייער א סאך געארבעט. און, דאכט זיך, מיר איז געראָטן איבערגעבן דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט.

גריגאָרי. וואָס האָט איר געוואָלט איבערגעבן, אַרנאָלד?

אַרנאָלד. א קינד, וואָס זײַן שמייכל קאָן שאָלעם מאכן צווישן די גרעסטע סאָנים.

גריגאָרי (ווי פאר זיך). און די בעסטע פרײַנט צעקריגן... (נאָך א פּאוזע.) די פאָטאָגראפיע, וואָס איך האָב אײַך געגעבן, איז א קליינע און ניט קיין דײַטלעכע.

אַרנאָלד. אונטער דער האנט זײַנען בא מיר געלעגן עטלעכע צייכענונגען, וואָס איך האָב פון אים געמאכט פאראיאָרן. דערצו געדענק איך אים אזוי, ווי ער וואָלט שטיין פאר מײַנע אויגן.

גריגאָרי. זעט איר, און איך געדענק שוין ניט, אוועלכער ער איז געווען. אָט זע איך אים גאָר א גרויסן, א דערוואקסענעם, א מאַנסביל, און אָט — גאָר אן אייפעלע... אז איך וויל זען אים, גיי איך צו און קוק זיך גוט אײַן... אין שפּיגל...

אַרנאָלד. און איך, קוקנדיק איצטער אף אײַך, האָב זיך באטראכט, אז איך דארף נאָך דאָרטן אייניקע ערטער איבערמאכן. איך וועל נעמען צוריק, איך וועל פארענדיקן, וועל איך ברענגען.

גריגאָרי. ניין, ניין, דאָס בילד וועט שוין בלײַבן דאָ. (ער גייט צו צום בילד און וויל פאנאנדערבינדן.)

אַרנאָלד (נעמט אים אָן בא דער האנט). ניט איצטער, גריגאָרי. זעט איר, קיינמאָל קאָן א קינסטלער ניט שיידן זיך מיט זײַן ארבעט: ער וואָלט נאָר געהאלטן אין איין אויסבעסערן, זוכן. איין זאך אופדעקן און די צווייטע פארדעקן. איך, לעמאָשל, האָב נאָך קיינמאָל ניט געוווּסט, מיט וואָס איך וועל פארענדיקן מײַן אָנגעהויבענע ארבעט.

גריגאָרי. פאַרוואָס?

אַרנאָלד. ווייל היינט בין איך ניט דער, וואָס נעכטן, מאָרגן ניט דער זעלבער, וואָס היינט. אין אָוונט — ניט דער, וואָס אינדערפרי. און יעדער טאָג מיינער באַזונדער זעצט זיך אָפּ אָפן לייוונט. יעדער טאָג באַזונדער ווערט פאַרייביקט אין מיין אַרבעט.

גריגאָרי. אַזוי?.. יעדער טאָג אייערער באַזונדער ווערט פאַריי־ביקט... נו, איז דאָך גוט אייך. און וואָס זאָלן מיר טאָן? מיר... געווײנ־לעכע מענטשן? מאָלן פּאָרטרעטן קענען מיר ניט, קיין בעטהאָווענס זיי־נען מיר ניט, קיין פּאַוולאָווס, קיין ניוטאָנס אוואדע ניט, — וואָס זאָלן מיר טאָן? מיט וואָס וועלן מיר זיך פאַרייביקן? דערמיט, וואָס מיר וועלן קומען יעדן טאָג און אָפּזיצן בא דער אַרבעט פון פרי ביז שפּעט, קעדיי מאָרגן און איבערמאָרגן ווידער טאָן דאָס זעלבע? מיט וואָס?

אַרנאָלד. ניט אַלע קאָנען דאָך זיין קינסטלער, מוזיקער, גענ:אַלע דענקער, אַזעלכע דעמבן!

גריגאָרי. יאָ, נאָר אויב מיר זיינען ניט קיין דעמבן, ווילן מיר אָבער ניט זיין דאָס גראָז, וואָס דער ווינט וואַרפט עס אין אַלע זייטן, שפּילנדיק... (פּאַוזע.) דער טאַטע מיינער, אָלעווהאַשאָלעם, איז אויך גע־ווען אַ געוויינלעכער ייִד, קיין גרויסן נאָמען אָף דער וועלט האָט ער נאָך זיך ניט געלאָזן, נאָר ער האָט געגלייבט, ניין, ער איז געווען זיכער, אַז אינגאַנצן אָפּשטאַרבן וועט ער ניט... איך ווייסט, וואָס ער האָט אונדז פאַרן טויט געזאָגט? „איך גיי דאָך נאָר אַריבער... פונדאַנען — אַהין, און צווישן איז אַפילע קיין שוועל ניטאָ...” און מיט וואָס וועל איך, גריגאָרי אַרקאַדיעוויטש, בלייבן אין דער אייביקייט? מיט וואָס? איך גלייב דאָך ניט אין דעם, וואָס דער טאַטע מיינער האָט געגלייבט!.. (פּאַוזע.) אַז דאָס קינד האָט געלעבט, האָב איך וועגן דעם אַלעם ווייניק געטראַכט: אַלע מיינע האָפענונגען האָב איך אָנגעהאַנגען אָף אים. איך האָב דאָך ניט געוווּסט, אַז ס'איז אַזוי דין און אַז עס וועט זיך אַזוי גיך איבערברעכן... איצט, אַרנאָלד, ווייס איך שוין גאָרניט... אַלץ, אַלץ מוז מיר ווערן קלאָר, אַנדערש האָט דאָס לעבן קיין שום ווערט ניט! (אַ לאַנגדויערנדיקע פּאַוזע. דער זייגער שלאָגט אַכט. גריגאָרי ציטערט אויף.)

אַרנאָלד. גריגאָרי אַרקאַדיעוויטש, טאָמער וואָלטן מיר בעסער ער־געץ געגאַנגען, דורכשפּאַצירן זיך.

גריגאָרי ענטפערט ניט. ער ווייזט נאָר מיטן קאָפּ אָף „ניין”.

גריגאָרי אַרקאַדיעוויטש...

ג ר י ג אָ ר י. וואָס איז?

אַ ר נ אָ ל ד. גאָרניט.

ג ר י ג אָ ר י. רעדט, איר האָט מיר עפּעס געוואָלט זאָגן... איך הער אײַך...

אַ ר נ אָ ל ד. איך האָב אײַך געוואָלט זאָגן, אַז איר מוזט... איר פֿאַרשטייט, איר מוזט... אָט ווי לעבן אױף דער וועלט... כאָטש אױף אַ קורצער צײַט... אוועקגיין.

ג ר י ג אָ ר י (בלײַבט שטיין). פֿונוואַנען?

אַ ר נ אָ ל ד. פֿון אָט די פֿיר ווענט.

ג ר י ג אָ ר י. וווהין?

אַ ר נ אָ ל ד. אין גאָר אַן אַנדער וועלט, צו גאָר אַנדערע מענטשן... גריגאָרי אַרקאַדיעוויטש — קומט אין טעאַטער!

ג ר י ג אָ ר י. וווהין?

אַ ר נ אָ ל ד. איך בעט אײַך זייער, קומט מיט מיר, איר מוזט אַ ביסל צעשטרייען די געדאַנקען. הײַנט שפּילט... ווייסט איר ווער?

ג ר י ג אָ ר י. אַלציינס... וואָס איז דער אונטערשייד ווער?

אַ ר נ אָ ל ד. ניין, ניט אַלציינס, הײַנט שפּילט יעקאַטערינאַ מיכײַלאָוונאַ...

ג ר י ג אָ ר י. אַ, וויסאָצקאַיאַ... אַ ליכטיקער קאָפּ, אַ גאָט־געבענטשטער טאַלאַנט. איין מאָל געטראָפֿן זי בײַ אײַך. אַ צײַט ניט געקאָנט פֿאַרגעסן...

אַ ר נ אָ ל ד. גריגאָרי אַרקאַדיעוויטש, קומט... מירן פֿאַרשפּעטיקן צום צווייטן אַקט... איך האָב איר צוגעזאָגט הײַנט זײַן אין טעאַטער.

ג ר י ג אָ ר י. ניין, אַרנאָלד. איך גיי ניט.

איינצײַטיק קלינגט דער טעלעפֿאָן און דאָס טיר־גלעקל. אַרנאָלד גייט עפֿענען די טיר.

(גייט צו צום טעלעפֿאָן, נעמט אַראָפּ דאָס טרײַבל.) כ׳הער... אַ, מישע...

עס עפֿנט זיך די טיר, און עס קומט אַרײַן עמיליע. אַרנאָלד נעמט בײַ איר צו דעם מאַנטל. דער טעלעפֿאָן־געשפּרעך ווערט פֿאַרגעזעצט. עמיליע גייט אַרײַן צו זיך אין צימער.

(נאָך אַ קורצער פּאַוזע.) אין אַנטראַקט... פֿון אויטאָמאַט רעדסטו? אַך, איך האָב דאָך זי געבעטן ניט זאָגן דיר הײַנט... (פּאַוזע. ער הערט זיך אײַן.) יאָ, מישענקע, אָבער פֿון אַ געדאַנק, אַפֿילו אַ גענִיאַלן געדאַנק ביז אַ פּראָיעקט איז... פֿאָלג מיך אַ גאַנג... (שטיל. ער הערט זיך אײַן.)

עמיליע גייט ארויס פון צימער, פאַריכטנדיק זיך עטוואָס די האָר.

אַרנאָלד. איך האָב אײַך שוין לאַנג ניט געזען, עמיליע.

עמיליע. איך פאָר אַוועק, אַרנאָלד.

גריגאָרי (אין טעלעפאָן). **וואָס זשע האָסטו געמיינט — ניסים? יאָ, יאָ, דאַפקע מאַטעמאַטיק, כימיע, פיזיק... אָט, אָט אַזוי רייד...** (שטיל. ער הערט זיך אײַן.)

אַרנאָלד. פאָרט ניט, עמיליע.

עמיליע. פאַרוואָס?

אַרנאָלד. איך וועל מאָלן פון אײַך אַ בילד, צו דער אויסשטעלונג. דאָס וועט זײַן דאָס בילד פון אַלע מײַנע בילדער... מײַן שיר־השירים.

גריגאָרי (אין טעלעפאָן). **איך בין מיד, זייער מיד, ווי נאָך קיינ־מאָל ניט. יאָ, אַ ביסל ניט אין קאָפּ אויך.** (שטיל. ער הערט זיך אײַן.)

עמיליע. דעם קינדס, ליוסקעס, בילד האָט איר פאַרענדיקט? איך וואָלט וועלן פאָרן אַוועקפאָרן...

אַרנאָלד באַווײַזט איר אָפּן פּאָרטרעט, וואָס שטייט פאַרשטעלט.

גריגאָרי (אין טעלעפאָן). **נו, אַ גוטן, מישענקע.** (ער לייגט אַוועק דאָס טרײַבל און גייט צו צו אַרנאָלדן און עמיליען.) **דו האָסט טאַקע באַשלאָסן פאָרן?**

עמיליע. מאָרגן.

גריגאָרי. ווען? איך וועל דיך פאָרן באַגלייטן.

עמיליע. נאָר דאָס — ניט. אַ דאַנק. באַלאָנים מיך באַגלייטן וועלן זיך געפינען. אַרנאָלד, מיין איך, וועט זיך אויך ניט אָפּזאָגן...

גריגאָרי. נו, איך ווייס ניט, וו׳אַזוי איר, אַרנאָלד, נאָר איך גיי.

אַרנאָלד. מיט מיר?

גריגאָרי (פּילדײַטיק). **זאָל זײַן מיט אײַך.** (ער טוט זיך אָן און גייט ארויס.)

אַרנאָלד געזעגנט זיך מיט עמיליען.

אַרנאָלד (באַם אַרויסגאַנג. עטוואָס שטיפעריש). **ביז מאָרגן, עמי־ליא איסאַקאָוונא.**

עמיליע (בלײַבט אַ רעגע זיצן, ווי צעמישט, נאָכדעם גייט זי צו, נעמט דאָס בילד, טראָגט צו צום טיש און שרײַט אויס). **מאַמע!**

ב ר אָ כ ע (באווײַזט זיך). וואָס האלטסטו עס, טאַכטער?..

עמיליע ענטפערט ניט. זי פּרוווט פאנאנדערבינדן און קאָן ניט. זי געפינט א מעסער און האקט איבער די שטריק.

פאָרהאנג

דאָס צווייטע בילד

דער זעלבער צימער אף מאָרגן. פארנאכט. דער שפּיגל אָפּגעדעקט און אף דער וואנט ליוסקעס פּאָרטרעט. דער קאבינעט — ליידיק. פון עמיליעס צימער קומען אָן פריער ע מ י ל י ע, נאָך איר — ב ר אָ כ ע. בא עמיליען אין האנט — א טשעמאָדאַן. בא בראָכען — דער פּאָרטפעלד צו אים.

ב ר אָ כ ע. וווהין, מעשוגענע, פליסטו? צו וועמען? וועמען האָסטו דאָרטן? כאווירים... פרײַנט... פרײַנט האָבן ליב, אז מע קומט צו זיי צו־גאסט אף א טאָג, אף צוויי. אפן דריטן — שעמט מען זיך א פרעג טאָן: אף לאנג?

ע מ י ל י ע. און בא וואָס זאָל איך דאָ בלײַבן?

ב ר אָ כ ע. בא דײַן מ א ן, בא דײַן ה י י ם.

ע מ י ל י ע. ניטאָ בא מיר ניט קיין מאן, ניט קיין היים. די וועלט איז גרויס — איך פאָר...

ב ר אָ כ ע. נו, פאָר, פאָר. די מאמע דײַנע וועט בלײַבן דאָ היטן ד ײַ ן שטוב, דײַן מאן. א י ך וועל זיך פון אָרט ניט רירן. אלץ וועט זיך איבער־קאָכן און אלץ וועט זײַן, ווי געוועזן, און אויב דו טרעטסט א י צ ט ע ר אריבער די שוועל...

ע מ י ל י ע. וואָס קאָן שוין זײַן ערגער?

ב ר אָ כ ע. קיינער ווייסט ניט, טאַכטער מײַנע, ווו איז דער סאָף. איין אומגליק פארשטעלט דעם צווייטן.

ע מ י ל י ע. וואָס לייגסטו מיר שטיינער אפן הארצן?

ב ר אָ כ ע. איך לייג דיר ניט קיין שטיינער, איך דערמאָן דיר נאָר, אז דאָ איז דײַן היים... אין דער היים איז ביטער, ווער ווייסט אָבער, אז ערגעץ רינט האָניק גלײַך אין מויל.

ע מ י ל י ע. ווי קאָן איך זײַן דאָ, אז ער וויל ניט.

ב ר אָ כ ע. א ליגן, ער וויל.

ע מ י ל י ע. ער ווייסט אליין ניט, וואָס ער וויל.

ב ר אָ כ ע. ד א ר פ ס ט ו וויסן, וואָס ער וויל. ווּעסטו ניט וויסן, ווּעלן וויסן אַנדערע. איך בין עלטער פאַר דיר — אַלע מאַנען זײַנען אַזעלכע. און פאַרוואָס ער וויל קיין קינד ניט, ווייסטו? ווײַל ער האָט דיך אַזוי פײַנט, מיינסטו?

ע מ י ל י ע. פאַרוואָס זשע?

ב ר אָ כ ע. ווײַל ער איז איצט אַליין ווי אַ קינד.

עס דערהערט זיך אַ קלונג אין טיר. בראָכע גייט עפענען. עס קומט אַרײַן מ י ש ע.

מ י ש ע. אַ גוטן אָוונט, עמיליִאַ איסאַקאָוונאַ, אַ גוטן אָוונט, בראָכע.

ב ר אָ כ ע. האָסט שוין מיר איין מאָל געזאָגט גוטן אָוונט, בײַ דער טיר נאָך.

מ י ש ע. אינצווייען איז שטאַרקער.

ע מ י ל י ע. ערשט פון דער אַרבעט?

מ י ש ע. פאַרהאַלטן זיך. אַרבעט אַריבערן קאָפּ. איך האָב אָבער געהערט, איר פאָרט אַוועק, בין איך געקומען זיך געזעגענען און באַגלייטן. ווען זשע גייט אָפּ אײַער צוג?

ע מ י ל י ע. פּונקט אַכט.

מ י ש ע. פּונקט אַכט? (טוט אַ קוק אויפן זייגער.) און אויב איך וואָלט פאַרשפּעטיקט אױף איין מינוט, וואָלט, הייסט עס, זײַן פאַרפאַלן?..

ע מ י ל י ע (אונטערגעשטראָכן). אויב א י ר וואָלט פאַרשפּעטיקט, וואָלט נאָך דער אומגליק ניט אַזוי גרויס געווען, מישענקע.

מ י ש ע. עמיליִאַ איסאַקאָוונאַ, אױף לאַנג פאָרט איר?

ע מ י ל י ע. איך ווייס ניט, מישע.

מ י ש ע. און דעם סאַמע איקער האָב איך פאַרגעסן — וווּהין איר פאָרט?

ע מ י ל י ע. דאָס קאָן איך אײַך ניט זאָגן...

מ י ש ע. איך מיין, דורך וועלכן וואָקזאַל?

ע מ י ל י ע. לענינגראַדער. אַ גרויסן דאַנק אײַך, מישענקע, פאַר אײַער גוטן ווילן... פאַר אײַער זאָרגן זיך...

מישע קוקט ווידער אויפן זייגער.

זאָגט מיר, מישע, מיט וואָס זײַט איר עס איצט אַזוי פאַרנומען? עפּעס זײַט איר מיר די לעצטע צײַט שטאַרק צעטראָגן...

ב ר אָ כ ע. ער איז אַלעמאָל אַזאַ, אַ צעטראָגענער אינזשעניער...

מ י ש ע. דערפֿון בין איך טאַקע צעטראָגן, וואָס איך בין ניט קיין אינזשעניער. גריגאָרי אַרקאַדיעוויטש האָט מיט מיר צו טאָן יעדן טאָג.

ב ר אָ כ ע. פֿאַרוואָס זשע לערנסטו טאַקע ניט?

מ י ש ע. איר ווייסט דאָך, פֿון קינדערהיים בין איך אַוועק גלײַך אויפֿן זאַוואָד, נאָר אַלציינס לערנען וועל איך. וואָרעם וויפֿל איז דער שיר? מע קאָן דאָך ניט אַלץ מיט גריגאָרי אַרקאַדיעוויטשעס הענט. איך ווייס גאָר ניט, ווי אַזוי איך זאָל אים דאַנקען... הײַנט וויפֿל גייט בײַ מיר פֿאַר־פֿאַלן? ווען איר ווייסט, עמיליִאַ איסאַקאָוונאַ... נעכט שלאָף איך ניט איבער דעם, אָט דאָ ניט לאַנג איז מיר אַרויף אויפֿן זינען אַ ווילדער גע־דאַנק: איר'ט מיר גלייבן, ליכטיק אין די אויגן איז מיר געוואָרן, קוים דערלעבט טאָג... נאָר אַז איך בין געקומען אויפֿן זאַוואָד און געזען דער־ציילן גריגאָרי אַרקאַדיעוויטשן, האָב איך זיך גלײַך פֿאַרפּלאָנטערט און ניט געוווּסט, ווי אַזוי מע קריכט אַרויס...

ע מ י ל י ע. און וואָס האָט געזאָגט גריגאָרי אַרקאַדיעוויטש?

מ י ש ע. אַזוי, ווײַזט אויס, איז אים זייער געפֿעלן געוואָרן, ער האָט אָבער געזאָגט, אַז דערווײַל איז נאָך אויפֿן הימל אַ יאַריד.

ע מ י ל י ע. און אויף דעם האָט איר זיך באַרויִקט?

מ י ש ע. וואָס רעדט איר, עמיליִאַ איסאַקאָוונאַ? באַרויִקט? עמעס, פֿאַר גריגאָרי אַרקאַדיעוויטשן באַווײַז איך ניט, איך מאַך זיך, אַז די גאַנצע זאַך גייט מיר ניט אַזוי שטאַרק אָן...

ע מ י ל י ע. פֿאַרוואָס?

מ י ש ע. אים זאָל ניט פֿאַרדריסן, אַלעמײַ ער קאָן מיר איצט ניט העלפֿן... ס'איז אים ניט דערצו... און אַכוץ דעם, אַרבעט ער איצט אַליין עפּעס איבער אַ פּראָיעקט...

ע מ י ל י ע. איבער וואָס פֿאַר אַ פּראָיעקט אַרבעט ער איצט, ווייסט איר ניט?

מ י ש ע. אַקוראַט זאָגן אײַך קאָן איך ניט... איך וועל דאָך בײַ אים ניט פֿרעגן... (ער טוט אַ קוק אויפֿן האַנטזייגער.)

ע מ י ל י ע. איר אײַלט זיך?

מ י ש ע. ניין. האַנקע האָט שוין געדאַרפֿט קומען.

ע מ י ל י ע. איר האָט זיך פֿאַרבענקט, מישענקע?

ב ר אָ כ ע. באַדאַרפֿט שוין אָפּשפּילן כאַסענע. און — אַ סאָף.

מ י ש ע. וואָסי, דעמאָלט הערט מען אויף צו בענקען... בראָכע?

עס דערהערט זיך א קלונג. מישע לויפט עפענען. פון א הינטערטיר דערטראָגן זיך ביידנס, מישעס און האנקעס, שטימען מיטאמאָל: „פארוואָס אזוי שפּעט?״ — „איך האָב פריִער ניט געקאָנט״. די טיר עפנט זיך, און עס גייט אריַין ה א נ ק ע.

ה א נ ק ע. נו, עמיליִא איסאקאָוונא, איר פאָרט?

ב ר אָ כ ע. פאָרן פאָרט מען, אז מע זיצט אין וואגאָן.

ע מ י ל י ע. היַינט פאָר איך, האנקע, היַינט, אָט איז דער בילעט...
(זוכט און געפינט ניט גליַיך. זי גיט מיט כשאד א קוק אף דער מוטער און גייט האסטיק אריַין צו זיך אין צימער.)

ה א נ ק ע. ווהין פאָרט עס עמיליִא איסאקאָוונא?

מ י ש ע (אונטערגעשטראָכן). פון לענינגראדער וואָקזאל.

ע מ י ל י ע (גייט ארויס פון איר צימער. באוויַיזט דעם בילעט בראָכען). איצטער גלייבט זיך שוין דיר?

בראָכע וויַיזט מיטן קאָפּ אף „ניין״. עמיליע נעמט ארופּציִען דעם פּלעד אפן טשעמאָדאן, ער קריכט קוים. האנקע העלפט איר. זי נעמט פארקנעפּלען, און עס רייַסט זיך אויס א קנעפּל.

ב ר אָ כ ע. וואָס וועסטו איצטער זאָגן?

ע מ י ל י ע. אז דו האָסט שלעכט איַינגעגייט. (זוכט. געפינט א נאָדל.)

ה א נ ק ע. וויַיזט אהער. איך וועל צונייען.

עמיליע גיט איר אָפּ.

(נייענדיק.) איך קאָן אליין נייען און שניַידן. זיך ניי איך אלץ אליין. אפילע מישען א העמדל אופגענייט, אָט דאָס, וואָס ער טראָגט.

מ י ש ע. ניט נאָר פּראָיעקטן צייכענען קען זי. אז זי נייט עפּעס אוף, איז אויך אויסגעצייכנט...

ה א נ ק ע. לאך, לאך... נו, פארטיק.

ע מ י ל י ע (מישען). און איצט וועל איך בעטן איַיך...

מ י ש ע. די רימענס אָנטאָן? די מינוט.

בראָכע דערלאנגט די רימענס ניט גערן. מישע בינדט צונויף. פּרוווט שטיַיפער פארציִען, און ס׳פּלאצט דער רימען.

ב ר אָ כ ע (צו עמיליען, שטרענג). גיב אהער דעם בילעט! איך וועל פאָרן אפן וואָקזאל פארקויפן.

מ י ש ע (עמיליען). איך וועל פאָרן, אבי בלײַבט.

ע מ י ל י ע. איך פאָר, מישענקע, איך פאָר. איך מוז אוועקפאָרן.

אלע בלײַבן אָפּהענטיק.

ה א נ ק ע (גייט צו צו איר). עמיליִא איסאַקאָוונא...

עמיליע נעמט זיך אין די הענט.

ה א נ ק ע. גריגאָרי ארקאדיעוויטש... ווען וועט קומען?

ב ר אָ כ ע. ווער ווייסט?

ה א נ ק ע. פון זאוואָד איז ער הײַנט אוועק פריִער, ווי אלעמאָל.

מ י ש ע. וואָס איז דער ווונדער — עמיליִא איסאַקאָוונא פאָרט אוועק...

ע מ י ל י ע. און ווען, קינדער, האָט איר זיך דערוווסט, אז איך פאָר?

ה א נ ק ע. נעכטן נאָך... אין טעאטער... האָט ער אונדז געזאָגט...

ע מ י ל י ע (ווי דערשראָקן). אין טעאטער? ער איז נעכטן געווען אין טעאטער?!

ה א נ ק ע. נאָכן ספּעקטאקל האָבן מיר אים נאָכאמאָל באגעגנט, ער איז געגאנגען מיט...

ע מ י ל י ע. ארנאָלדן?

מ י ש ע (ניט זיכער). ניין...

עמיליע נעמט פיבערהאפט פאנאנדערפּאקן דעם טשעמאָדאן.

(קוקט אף איר פארווונדערט.) עמיליִא איסאַקאָוונא, איר וועט דאָך פאר־שפּעטיקן.

עמיליע ענטפערט ניט. עס קומט ארײַן ג ר י ג אָ ר י א ר ק א ד י ע וו י ט ש.

ג ר י ג אָ ר י. ביסט שוין גרייט? אונטן ווארט א מאשין. מיר פאָרן אינײנעם.

ע מ י ל י ע. גריגאָרי ארקאדיעוויטש... איך פאָר ניט...

ב ר אָ כ ע (פאר זיך). א דאנק דיר, גאָט!

ג ר י ג אָ ר י. יאָ, זייער גוט. אָבער וואָס האָט געטראָפן?

ע מ י ל י ע (מיט א ביטער שמייכעלע). דער פּאס האָט זיך איבער־געריסן...

פאָרהאנג

צווייטער אקט

ווינטער. בא ארנאָלדן אין ארבעט־צימער. די ווענט באהאנגען מיט פארשיידענע בילדער — פייזאזשן, פאָרטרעטן. א פּאָר קאָפּיעס פון אלטע מײַסטערס. עטלעכע אָנגעהויבענע ארבעטן אף מאָלבערטן. א סטאנאָק מיט אן אָנגעהויבענער פיגור פון שפּינאָזע. עטלעכע בארעליעפן לענינס. ליים, פארב, פּאפּיר. פלעשער מיט פארשיידענע בוימלען. ארנאָלד און עמיליע בא א ניט פארענדיקט בילד.

ארנאָלד. אָנגעהויבן א סאך און קיין זאך ניט דערפירט ביזן סאָף, הונדערט פּלענער...

עמיליע. פאר די לעצטע עטלעכע וואָכן האָט איר א סאך אופגעטאָן. וואָס ווײַטער, גייט בא אײַך בעסער... אָט דאָס איז דעמאָלט ניט געווען.

ארנאָלד. עמעס. טאקע ניט געווען. איך האָב געמיינט, איר קוקט זיך ניט צו. און איר דערקענט פון מאָל צו מאָל, ווי עס איז געווען פריִער...

עמיליע. ווען איר זײַט פאר מיר געווען איינער פון גריגאָרי ארקאדיעוויטשעס באקאנטע, האָב איך וועגן אײַער ארבעט ווייניק וואָס געטראכט.

ארנאָלד. און איצטער?

עמיליע. איצטער — מער.

ארנאָלד. מער ווי גאָרניט?

עמיליע. וואָס ווילט איר פון מיר, ארנאָלד?

ארנאָלד. מײַן ארבעט זאָל אײַך אָנגיין מער. איר זאָלט קומען אָפטער. און ניט אזוי אײַלן אוועקגיין...

עמיליע. ארנאָלד, איך בעט אײַך זייער. נאָר ניט וועגן דעם... דערציילט מיר בעסער, ווי גרייט איר זיך צו דער אויסשטעלונג. ווען רעכנט איר פארענדיקן די פיגור, און יענץ, און יענץ... איר וועט עס אלץ באווײַזן?

ארנאָלד. זאָגט איר מיר בעסער, עמיליע, איך וועל באווײַזן?

עמיליע. איך ווייס ניט, וויאזוי איר ארבעט, איך האָב דאָך קיינ־מאָל ניט געזען, ווי מע מאָלט.

ארנאָלד. און וויאזוי איך מאָל אײַער בילד?

עמיליע. זע איך אויך ניט. איך קוק אהין, ווו איר באווײַזט מיר. פארקוק זיך אין איין פינטל און טראכט זיך מײַנס. קיינמאָל האָב איך ניט געקאָנט צונויפקלײַבן אלע מײַנע געדאנקען אזוי, ווי איצט. ווי איך קער אָבער אָפּ דעם קאָפּ פון יענעם אָרט, צעלויפן זיי זיך ווידער.

ארנאָלד. דערוף איז דאָ אָן אייצע.

עמיליע. וועלכע?

ארנאָלד. איר זאָלט שטענדיק קוקן אהין, ווו איך וועל אײַך ווײַזן...

עמיליע. איר הייבט שוין ווידער אָן? איך קום צו אײַך אזוי זעלטן... שוין זשע איז אײַך שווער אָף דער צײַט, וואָס איך בין דאָ, פארגעסן אָדער ניט דערמאָנען מיר... נו, געַנוג. איך קאָן זיך שוין עפשער זעצן?

ארנאָלד שטעלט אוועק דעם מאָלבערט עטוואָס ווײַטער.

(זי זעצט זיך און ווערט גלײַך ערנסט, שטרענג. זי טוט א פיר דורך מיט ביידע הענט איבערן פּאָנעם, ווי זי וואָלט וועלן אָפּדעקן א פּאָרהאַנג איבער די אויגן.) וווהין זאָל איך הײַנט קוקן?

ארנאָלד. איך האָב שוין מוירע זאָגן...

עמיליע. זאָגט, אז איך זיץ אָף אָט דעם שטול, בין איך בא אײַך אין די הענט.

ארנאָלד. בא מיר?

עמיליע. איצט — יאָ.

ארנאָלד גייט צו און וויל איר א קוש טאָן די האַנט. זי ווענדט אים אָפּ.

עס וועט אײַך שטערן ארבעטן, ארנאָלד.

ארנאָלד. פארקערט, עס וואָלט מיר נאָר געהאָלפן. אויב פאר אײַך

בין איך געווען נאָר גריגאָרי ארקאדיעוויטשעס א באקאנטער, זײַט איר פאר מיר דעמאָלט אויך געווען א סאך מער ווי גריגאָריס פרוי...

עמיליע. אף מער האָט איר ניט געהאט קיין רעכט.

ארנאָלד. און איצטער?

עמיליע. איצט אויך ניט! קיינע רעכט, ארנאָלד. איך געהער איצט נאָר זיך אליין. קיינעם וועל איך שוין ניט זײַן אזוי טרײַ, ווי פריִער. גענוג.

ארנאָלד. שוין זשע גלייבט איר מיר ניט?

עמיליע. אז וואָס?

ארנאָלד. אז ווען איר גייט ארײַן צו מיר, ווען אײַך איז כאָטש עפּעס וואָס געפעלן פון דעם, וואָס איך טו, דערקען איך דעמאָלט זיך אליין ניט: דער קאָפּ וויל טראכטן, די הענט ווילן ארבעטן, און די פארבן בעטן זיך אליין אפן לײַוונט... איר ווייסט, וואָס הייסט פאר מיר אײַער פּאָרטרעט? פון גאָר דער וועלט דער צאר ליגט אין אײַערע אויגן... איך וועל אים אומקערן צוריק דער וועלט און וועל פארייביקן זיך און אײַך.

עמיליע (נעמט ארויס איר האנט פון זײַנע). לאָזט מיך... איך בעט אײַך... גענוג... (זי שטייט אוף פון שטול.) דער קאָפּ דרייט זיך מיר... ווארט... ווארט... איך וועל באלד קומען צו־זיך. עמיליע איסאקאָוונא, אנו, נעמט זיך קאָרשט אין די הענט... (און טוט א פאל צו אים אף דער ברוסט, צעכליפּעט זיך. ער נעמט ארײַן איר פּאָנעם אין ביידע דלאָניעס און טוט איר א קוש אין שטערן. זי טוט א ציטער און ניכטערט זיך גלײַך אויס.) ווו איז מײַן מאנטל? איך גיי אהיים... אפגיך אהיים... הײַנט וועט איר שוין ניט ארבעטן.

ארנאָלד. ניין, עמיליע, איצט וועט איר ניט אוועקגיין... ארבעטן!.. נאָר ארבעטן!.. קומט. (ער זעצט זי אוועק באקוועמער, נעמט פּאָרזיכטיק איר פּאָנעם און דרייט אויס צו שפּינאָזעס פיגור. ער גייט צו און באַווײַזט איר אף שפּינאָזעס אָנגעבויגענעם קאָפּ.) אהער. (ער נעמט די פּאליטרע און נאָכדעם, אז ער לייגט די ערשטע פארבן.) ווער איז ער, אָט דער, אף וועמען איר קוקט, ווייסט איר?

עמיליע ווײַזט מיטן קאָפּ אף „יאָ“.

גערופן האָט מען אים אזוי, ווי מײַן טאטן... בענעדיקט... באָרוך... באָרוך שפּינאָזע. מײַן טאטע איז נאָר געווען א שניצער אף האָלץ, און ער האָט געשלײַפט גלאָז.

עמיליע. און דאָס איז געווען זײַן ארבעט?

א ר נ אָ ל ד. יאָ, דערצו איז ער נאָך געווען א גרויסער פילאָסאָף. אין הארצן זיך ארומגעטראָגן מיט א גרויסן גאָט, נאָר פון קאָפּ האָט ער אים ארויסגעטריבן.

ע מ י ל י ע. איך פארשטיי ניט.

א ר נ אָ ל ד. די מענטשן פון זײַן צײַט האָבן אים אויך ניט פארשטאַנען...

ע מ י ל י ע (עטוואָס איראָניש). אזוי ווי אײַך?

א ר נ אָ ל ד. שפּינאָזע איז געבליבן איינער, איינער אליין. נאָר שטארק, ווי אײַזן, און דורכזיכטיק, ווי גלאָז. אָט דאָס הייסט א מענטש... און אזא וויל איך אים באווײַזן פאר דער וועלט.

עמיליע נעמט זיך באוועגן.

עמיליע, עפּשער זײַט איר שוין מיד? זאָל זײַן דערווײַל גענוג, רוט זיך אָפּ א ביסל.

עמיליע וויל א קוק טאָן אף איר פּאָרטרעט.

קוקט ניט.

ע מ י ל י ע (גייט צו צו שפּינאָזען און ווענדט זיך צו ארנאָלדן מיט דער גאנצער אָפנהארציקײַט, ווי א קינד). איר ווייסט, ארנאָלד, אז איך האָב געקוקט אף אים פונדערווײַטנס, האָב איך אים געזען א לעבעדיקן, און פון דער נאָענט איז ער א שטיק ליים.

א ר נ אָ ל ד (טוט א קוק אף איר דערשראָקן). ווי? ווי האָט איר געזאָגט?

עס דערהערט זיך א קלונג אין טיר. ער גייט עפענען. עס קומט ארײַן ק א ט י ע — א יונגע פרוי, א בלאָנדע, אָנגעטאָן ווינטערדיק, נאָר לײַכט.

ק א ט י ע. ארנאָלד בענעדיקטאָוויטש! זייער גוט, וואָס איך האָב אײַך געטראָפן אין דער היים! זייער גוט, נאָר, דאכט זיך, איר זײַט פארנומען. איר ארבעט...

א ר נ אָ ל ד. אָ‫ן בייז. וואָס זשע שטייסטו אף דער שוועל? ביסט עפּעס הײַנט אזא יאָמטעוודיקע... וואָס איז מיט דיר געשען, דערצייל.

ק א ט י ע. גלײַך אפן אָרט? און ווײַן? ווײַן וועט איר שטעלן, ארנאָלד בענעדיקטאָוויטש?

א ר נ אָ ל ד. שאמפּאנסקאָיע. אבי נאָר גוטע נײַס! (גייט צו, נעמט זי

אַן באַ דער האַנט און פירט אַרײַן אין צימער.) גיי אַרײַן, טו זיך אויס, זײַט באַקאַנט.

קאַטיע. זייער אָנגענעם.

אַרנאָלד. עמיליִא איסאַקאָוונא אַרנשטאַם...

קאַטיע. וויסאָצקאַיאַ.

אַרנאָלד. יעקאַטערינאַ מיכײַלאָוונאַ.

עמיליע. אײַער פֿאַמיליע איז מיר באַקאַנט.

קאַטיע (פֿירט גלײַך איבער אַף אַן אַנדער געשפּרעך. צו אַרנאָלדן). און ווי גייט באַ אײַך די אַרבעט?

אַרנאָלד. גוואַלד, ווו נעמט מען גלויבן אין זיך אַליין?

קאַטיע. נו, נו, נו. די כאַנדראַ אַף שפּעטער. אַז איר וועט ווערן אַ באַרימטער קינסטלער... דעמאָלט וועט איר זיך קאָנען דערלויבן...

אַרנאָלד. דעמאָלט וועט מען ערשט דאַרפֿן אַרבעטן... קאַטיע, ביז ס'איז דאָ אַף דער וועלט וואַלד, און טײַך, און אַ מענטש...

עמיליע. דאָס איז דאָך אַלעמאָל געווען?

אַרנאָלד. ניט אַלץ אינײנעם, עמיליִא איסאַקאָוונא.

קאַטיע. וואָס זשע פֿעלט אײַך איצטער, אַרנאָלד?

אַרנאָלד. צײַט און...

קאַטיע. אויסטראַכטענישן... דעם פֿוילער, דעם פֿוילער טרײַבט פֿון זיך אַרויס און הערט אויף טראַכטן, פֿילאָזאָפֿירן... קונסט איז שווערע אַר־בעט — פֿינף און צוואַנציק שאָ אין מעסלעס, אַנדערש וועט איר זיך מיט אײַערע וועלדער און טײַכן ניט ספּראַווען. (צו עמיליען.) דאָס, ווײַזט אויס, איז אײַער פּאָרטרעט? דערלויבט אַ קוק טאָן.

עמיליע. דער פּאָרטרעט איז ניט מײַנער.

קאַטיע מאַכט אַ טראָט צו אַרנאָלדן.

אַרנאָלד. ניין, ניין, קיינעם ניט. וואָס זשע ביסטו מיר געקומען זאָגן? נאָר עפּשער איז עס אַ סאָד?

קאַטיע. אי יאָ, אי ניין.

אַרנאָלד. אַוודאי עפּעס אויסערגעוויינלעכס?

קאַטיע. יאָ, אַרנאָלד, פֿאַר מיר — אויסערגעוויינלעך...

עמיליע. איר וועט מיר אַנטשולדיקן, איך מוז שוין סײַוויסײַ גיין.

אַרנאָלד. ניין, עמיליִא איסאַקאָוונא, בלײַבט.

עמיליע ענטפערט ניט. זי גיט א האנט קאטיען. ארנאָלד דערלאנגט איר דעם מאנטל.

עמיליע (אוועקגייענדיק, צו קאטיען פונדערווייטנס). א גוטן. (און צו ארנאָלדן.) מער קום איך ניט צו אײַך, ארנאָלד.

ארנאָלד. פארוואָס?

עמיליע ענטפערט ניט. זי גייט ארויס.

(גייט איר נאָך, קערט זיך גלײַך אום, ווארפט פון זיך אראָפּ דעם כאלאט, טוט אָן דעם מאנטל.) קאטיע, וועסט מיר מוזן אנטשולדיקן. איך וועל אינגיכן קומען צוריק... קוק דערווײַל זשורנאלן...

קאטיע. גיי, דו מוזט דאָך גיין.

ארנאָלד. ניט אף לאנג. נאָר עפשער וואָלסטו מיר גלײַך דערציילט דעם סאָד...

קאטיע. וואָס? אף איין פוס? ארנאָלד! הײַנט איז בא מיר אזא טאָג... איין מאָל אין לעבן טרעפט עפשער אזוינס...

ארנאָלד. אויב אזוי, וועסטו מיר מוזן דערציילן שפעטער... (גייט אײַליק ארויס.)

קאטיע. א טשודאק... ער איז שוין ווידער פארליבט. זיך אײַנגע־רעדט... (זי גייט צו צו דער ביכער־שאפע, נעמט ארויס א בוך, א צווייטס.) דער אומגליק איז, וואָס ער פארשטייט א סאך מער, ווי ער קאָן... עמעצער האָט וועגן אים אמאָל אָנגעשריבן, אז ער פארמאָגט לעאָ־נארדאָ דא ווינטשיס שטריך, האָט זיך אים, ווײַזט אויס, אזוי דער קאָפּ פארדרייט, אז ער קאָן ביז הײַנט צו־זיך ניט קומען... (זי גייט צו און טוט א קוק אפן פאָרטרעט.) און זי קוקט אף אים, ווי א פארבלאָנדזשעט שעפעלע אפן פאסטעך, און ווייסט ניט, אז אליין דער פאסטעך בלאָנדזשעט אויך...

עס דערהערט זיך א קלאפּ אין טיר, זי גייט עפענען. עס קומט ארײַן **גריגאָרי ארקאדיעוויטש**.

קאטיע. דו?! איך האָב געמיינט, ארנאָלד האָט זיך אזוי גיך אומ־געקערט. ווי קומסטו איצט אהער?

גריגאָרי. אין דער היים — ניט, אין טעאטער — ניט, האָב איך א טראכט געטאָן — טאָמער ביסטו דאָ.

קאטיע. זאָג מיר, גריגאָרי, האָסט מיך הײַנט שטארק געוואָלט זען?

ג ר י ג אָ ר י (טוט זי א קוש). וועמען — דיך? צי א מענטש וויל זען זײַן פרייד, פרעגסטו?

ק א ט י ע. און שטילערהייט מײַן נאָמען דערמאָנט, יאָ, עמעס?

ג ר י ג אָ ר י. קאטיוש...

ק א ט י ע. און שטארק געבענקט נאָך מיר הײַנט?

ג ר י ג אָ ר י. פארוואָס נאָר הײַנט — אלעמאָל...

ק א ט י ע. ניין. ה ײַ נ ט, פרעג איך, ה ײַ נ ט... צי דו ביסט געווען אזוי פארנומען מיט דײַן פּראָיעקט, מיט דײַנע מאָטאָרן, אז פאר מיר איז שוין ניט געבליבן אפילע אָט אזא קליין ערטעלע אָט דאָ... און דאָ... (זי באווײַזט בא אים אפן הארצן און אפן קאָפּ.)

ג ר י ג אָ ר י. אומעטום... דאָ און דאָרט... איך ווייס ניט, ווו פריִער... מיר דאכט, אז אפילע אינעם פּראָיעקט ביסטו אויך דאָ...

ק א ט י ע. אזוי שטארק ליב האָסטו מיך?..

ג ר י ג אָ ר י. ס'איז א סאך מער, קאטיע, א סאך גרעסער און א סאך וויכטיקער... ניט נאָר דיך, צוליב דיר האָט מיר אלץ אָנגעהויבן ווערן ליב. די גאנצע וועלט... דערפאר אָבער, קאטיע, בין א י ך — דיר נאָך אלץ א ווילד־פרעמדער. עמעס?

ק א ט י ע. אן אייגענער... א נאָענטער... א גוטער פרײַנט... א גוטער מענטש... ניין, ניין, נאָר ניט קיין גוטער, א ל ע האלטן דיך פאר א גוטן, נאָר איך ניט... מיר געפעלן ניט קיין גוטע, אלדאָסבייז — נאָר פון זיי.

ג ר י ג אָ ר י. אזוי גאָר? מיט וואָס?

ק א ט י ע. מיט דעם, וואָס ז י י האלטן, אז זיי קומט אלץ — זיי זײַנען דאָך ג ו ט ע.

ג ר י ג אָ ר י. גוטס און שלעכטס איז ווי די רעכטע און לינקע האנט — צוזאמען.

ק א ט י ע. נאָר צו מ י ר זאָלסטו ניט זײַן קיין גוטער. די ערשטע מינוט, וואָס איך וועל דערפילן א שאָטן פון דעם, וואָס מענטשן רופן אָן גוטסקײַט, וועל איך פון דיר אוועק.

ג ר י ג אָ ר י. איך דערקען דיך ניט הײַנט. וואָס איז מיט דיר?

ק א ט י ע. האָסט מיך נעכטן, אייערנעכטן און מיט כאדאָשים צוריק אויך ניט געקענט... דו האָסט זיך געפילט גוט, זיצנדיק לעבן מיר... דו האָסט דאָך געמוזט ערגעץ־ווו אהינטאָן דעם דולן קאָפּ.

ג ר י ג אָ ר י. איך בין געווען אומגליקלעך. אָבער ניט דאָס אליין האָט מיך געבראכט צו דיר.

ק א ט י ע. דערפאר האָב איך אף א סאך זאכן פארמאכט די אויגן. און דאָס האָב איך געטאָן, א י ך — די שלעכטע, איך — די עגאָיסטן. אלע האלטן מיך פאר אזא, אין טעאטער — אלע.

ג ר י ג אָ ר י. ווײַזט אויס, איך איינער האלט דיך פאר א גוטער.

ק א ט י ע. דאָס דוכט זיך דיר. איין וואָרט — און אלץ קאָן זיך איבער־קערן מיטן קאָפּ אראָפּ, איין וואָרט — זאָלסט אלץ דערזען אין גאָר אן אנדער שײַן.

ג ר י ג אָ ר י. וואָס זשע איז עס פאר א קישעף־וואָרט, וואָס קאָן מאכן פון שווארץ — ווײַס, פון טאָג — נאכט? מאטער מיך ניט! וואָס פאר א זינד האָסטו אף מיר געפונען? זאָג! (ער גייט צו איר צו, און אהינטער־ארום נעמט ער זי באַם האלדז.)

ק א ט י ע. נו, נעם, דערוואָרג מיך, — וועט דיר ווערן אלץ קלאָר. איך וואָלט נאָר פרײַער וועלן זאָגן דיר...

ג ר י ג אָ ר י. עפּעס האָט געטראָפן אין טעאטער?..

ק א ט י ע. יאָ, גריגאָרי ארקאַדיעוויטש... גייט, גייט, שטייט ניט אזוי נאָענט...

ג ר י ג אָ ר י. פארוואָס טרײַבסטו מיך פון זיך?

ק א ט י ע. פארוואָס?.. ווײַל הײַנט ביסטו מיר אזוי אויך צו נאָענט. (און פלוצעם מיט א געטענדערטן טאָן.) דו ווייסט, ווי־אזוי מיר האָט זיך הײַנט געוואָלט דיך באגעגענען? מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס, א לאכנדי־קע, א פריילעכע, א גוטע, א שטילע, ווי א טויב... נאָר אז איך האָב גע־טראָפן דאָ דײַן פרוי, בין איך געבליבן אינגאנצן אויסגעלאָשן... זאָג מיר, גריגאָרי... ווען דו ביסט צוגעגאנגען צו מיר נאָענט, גאָר־גאָר נאָענט, האָסטו געפילט, געוווסט, אז דו שפּילסט זיך מיט פײַער?

ג ר י ג אָ ר י. איך בין אזוי געווען פול מיט דיר, אז איך האָב פאר־געסן, אז איך קאָן פארברענט ווערן...

ק א ט י ע. ווידער איך און איך... און וווּ בין איך? וועגן מיר האָסטו א טראכט געטאָן? ביסט צוגעגאנגען, אריבערגעטראָטן אלע שוועלן, און איך האָב דיר ניט געשטערט.

ג ר י ג אָ ר י. ביסט מיר אנטקעגן געגאנגען.

קאַטיע באַוויַיזט מיטן קאָפּ אַף „יאָ".

וויפל זיַינען מיר מיט דיר באַקאַנט?

קאַטיע. אַ ציַיט מיט יאָרן. אַוואַדע אַ מאָנאַטן פינף...

גריגאָרי. איך שעם זיך דיר דערציילן: אַ דערוואַקסענער מענטש, ווי איך, אַ צעך־אינזשעניער, און פיל זיך ווידער ווי אַן אַכצניאָריק יינגל — איך שטיי אויף אינדערפרי און טראַכט: זי מוז נאָך שלאָפן... און בין צופרידן, וואָס ס'איז שטיל און קיינער שטערט דיר ניט; באַטאָג — זע איך דיך אויסגעמישט צווישן אַנדערע אַקטיאָרן, און אַמאָל רייַסט זיך מיר אָפּ אין האַרצן, — ווער פון זיי וואָלט געקאָנט שטעלן זיך צווישן אונדז?.. און באַנאַכט, אַז איך גיי אַוועק פון דיר, בליַיב איך נאָך לאַנג, לאַנג שטיין אין הויף און קוק אַרויף צו דיַינע פענצטער: עפּשער וועסטו דורכגיין פאַרביַי...

קאַטיע. דו מיינסט, איך ווייס ניט, אַז דו שטייסט דאָרט, גריגאָרי?

גריגאָרי. וואָס זשע גייסטו ניט צו? פאַרוואָס עפנסטו ניט דאָס פענצטער?

קאַטיע. איך ווייס, אַז איך וועל צוגיין, וועלן מיר ביידע בליַיבן שטיין אַזוי ביז טאָג. איך קאָן שלאָפן שפּעטער, אָבער דו... נאָר איַינשלאָפן קאָן איך סיַיוויסיַי ניט. איך ליג מיט אָפענע אויגן. טרערן רינען אַליין פון זיך, און איך בין גליקלעך... וועסט דאָך לאַכן פון מיר, גריגאָרי, איך בין גליקלעך, וואָס דו ביסט דאָ אַף דער וועלט...

גריגאָרי. מיט וואָס האָב איך אַזוי גיך פאַרדינט דיַין ליבע, דיַין צוטרוי, ווייס איך אַליין ניט.

קאַטיע. וויַיל דו ביסט אַזאַ, ווי דו ביסט: איינער פון יענע טויזנטער מענטשן, וואָס קומען יעדן פרימאָרגן אַרבעטלעך צו דער אַרבעט, גיבן אָפּ דאָס לעבן און פאָדערן דערפאַר קיין דאַנק ניט. (זי נעמט זיַינע הענט.) זעסט, אין אָט די הענט גלייב איך... אַזעלכע הענט פאַרטראָגן ניט דאָס גליק פריַער פאַר אַלץ צו זיך אין שטוב... מיט אָט די הענט בויט זיך איצט אַ ניַיע וועלט... אין אָט די הענט האָב איך זיך איַינגעליבט — שווערע מאַנסבילשע הענט. (זי לייגט אַרויף זיַינע הענט צו זיך אַף די אַקסלען.)

גריגאָרי טוט איר אַ קוש אין די אויגן.

וואָס טוסטו? אַז מע קושט אין די אויגן — ווערט מען בלינד.

ג ר י ג אָ ר י. עפשער איז בעסער, זאָלסט ניט זען, ווען דו האָסט ליב...

ק א ט י ע. ניין, נאָר דאָס ניט. אויב דו ביסט ניט אזא, ווי איך וויל דיך זען, — וועט אונדזער פרײַנטשאַפט לאנג ניט דויערן...

ג ר י ג אָ ר י. פארליבט האָסטו זיך גאָר אין די הענט מײַנע.

ק א ט י ע. און אינעם גרויסן מענטשלעכן ווייטעק, וואָס האָט דיך ניט געלאָזט צורו — געטריבן, אַף אלץ געמאָנט, געפאָדערט אַן ענטפער... און... זוכנדיק, ביסטו געקומען צו מיר.

ג ר י ג אָ ר י. איך האָב דיך געזוכט, ווי א געוויינלעכער מענטש זוכט אויסערגעוויינלעכס.

ק א ט י ע (עטוואָס אופגעבראכט). א געוויינלעכער מענטש! עגאָיסטן! מיר, אקטיאָרן, שפּילן דאָך אויך א ײַ ד, מאָלער מאָלן א ײַ ד, מוזיקער שאפן מוזיק וועגן א ײַ ד און צוליב א ײַ ד... מיר, אקטיאָרן... (און פּלוצעם, מיט געענדערטן טאָן.) גריגאָרי, טו מיר א קוק אין די אויגן און זאָג: וואָס זעסטו דאָרט?

ג ר י ג אָ ר י. אז עפּעס באהאלטסטו פון מיר אויס. ניין, וואָרט... דאכט זיך, אז איך זע דאָרט טרערן... ליכטיקע... איך ווייס אָבער ניט, פון וועלכן קוואַל קומען זיי: פון פרייד צי פון טרויער?

ק א ט י ע. פוןביידע קוואלן מיטאמאָל... גריגאָרי, ווען דו ווייסט! ווען דו ווייסט! זאָג מיר, גריגאָרי, צי קאָנסטו זיך ניט דערמאָנען, וועגן וואָס פלעג איך אָפטער פאר אלץ ריידן מיט דיר, קלאָגן זיך פאר דיר און ווי א קינד כאָלעמען...

ג ר י ג אָ ר י. מע זאָל דיר געבן שפּילן דזשוליעטען.

ק א ט י ע. און הײַנט... הײַנט האָב איך עס באקומען...

ג ר י ג אָ ר י. הײַנט?!

ק א ט י ע. נא דיר מײַנע הענט... גאָרניט זעסטו ניט?

ג ר י ג אָ ר י (טוט איר א קוש אין די דלאָניעס). נאָר די הענט דײַנע, מער זע איך גאָרניט.

ק א ט י ע. ביסטו א בלינדער מענטש, גריגאָרי. זעסט ניט, ווי אין די הענט מײַנע האלט איך מײַן גליק.

ג ר י ג אָ ר י. זאָג מיר, מיט וואָס זאָל איך אָפּמערקן אזא וויכטיקן טאָג אין דײַן... ניין, אין אונדזער לעבן... זאָג, וואָס ווילסטו?

ק א ט י ע. גאָר־ניט.

גריגאָרי. וואָס ביסטו פּלוצעם געבליבן שטיין פאַרלאָרן? איין מינוט, און איך דערקען דיך שוין ניט, דאַרפסט דאָך היינט זיין פריילעך, ניט וויסן ווו אהינצוטאָן זיך מיט דיין פרייד, היינט איז דיר אויסגעפאַלן אַזא גליק!

קאַטיע. איך האָב מוירע, דאָס גליק זאָל זיך ניט אַרויסגליטשן פון מיינע הענט. העלף מיר, גריגאָרי, ניט אַרויסלאָזן פון מיינע הענט דאָס גליק... (צעוויינט זיך.)

גריגאָרי. וואָס פּיניקסטו מיך? פאַרגינסט מיר ניט דיין פרייד? און פאַרוואָס פאַרשטערסטו זיך אַליין דיין יאָמטעוו?.. שוין זשע האָסטו פּאָר אַזוי פיל יאָרן אַרבעט ניט פאַרדינט קיין איין טאָג פון לויטער גליק?! אַ טאָג אָן איין וואָלקנדל איבער גאָר דיין הימל. שוין זשע ביסטו ניט ווערט, זאָלסט היינט פאַרגעסן אָן אַלץ?..

קאַטיע. איך טאָר ניט.

גריגאָרי. זיך פרייען, ווי אַ קינד?!

קאַטיע. איך קאָן ניט.

גריגאָרי (דערשראָקן). פאַרוואָס? זאָג פאַרוואָס?

קאַטיע. ווייל דעם זעלבן טאָג, וואָס איך האָב זיך דערוווּסט, אַז מע גיט מיר שפּילן דזשוליעטען, האָב איך זיך דערוווּסט פון נאָך אַ זאַך... (אַ קורצע פּאַוזע.) אַז ס'לעבט אין מיר דיין קינד!..

גריגאָרי צעלאַכט זיך און צעוויינט זיך אינאיינעם. ער קאָן זיך לאַנג ניט באַרויִקן.

און איצט ליגט אַלץ אויף דער וואָגשאָל...

גריגאָרי. פאַרוואָס? איך פאַרשטיי ניט.

קאַטיע (גייט צו צו אים). אָנהייבן אַרבעטן, רעפּעטירן, זיך אָפּגעבן מיט לייב־און־לעבן, און שפּילן זאָל אַן אַנדערע, ניט איך... ניין! איך האָב עס אויסגעכאָלעמט. איך! זי לעבט שוין אין מיר, דזשוליעטע... אין מיין פלייש און בלוט, פּונקט אַזוי, ווי דאָס קינד... און אָפּגעבן מיט די אייגענע הענט אַן אַנדערער — איז איבער מיינע קויכעס, איך פאַרגין עס קיינעם ניט!.. אַרויסגייענדיק פון טעאַטער, האָב איך די ערשטע פּאָר שאָ זיך אַליין אויך ניט פאַרגינט. און ניט זאָגן קאָן איך דאָך ניט. מאָרגעדיקן טאָג וועל איך מוזן קומען אין טעאַטער און בעטן: נעמט בא מיר צו מיין גליק!.. איך שפּילן וועל ניט קאָנען... איצט פאַרשטייסטו, אַז ס'איז ניט קיין שפּילעכל... אָדער — אָדער!

גריגאָרי. וויאַזוי רעדסטו?!

ק א ט י ע. און דו זאָגסט נאָך, דו האָסט ליב מ י ך, האָסט ליב טעאַטער. ניין! ווײַזט אויס, אז ליב האָבן קאָן מען נאָר דאָס, וואָס האָט דיר כאָטש אמאָל שטארק, שטארק ווי געטאָן. אזוינס, וואָס לאָזט דיך ניט רוען נ י ט באטאָג, נ י ט באנאכט. אזוינס, וואָס קאָן דיך אופהייבן ביז צום הימל און פון דאָרט אראָפּשלײַדערן דיך אזוי, זאָלסט מיינען, אז קיינמאָל וועסטו זיך שוין מער ניט אופהייבן... דו ווייסט, גריגאָרי? ווען איך שפּיל אָפּ א ראָל און זי גיט זיך מיר ניט אײַן, דעמאָלט קאָן איך קיינעם אין די אויגן ניט קוקן, ווי איך וואָלט יעדערן פון זיי באגאנוועט. און די ערשטע ווערטער, וואָס קומען מיר דעמאָלט אף די ליפּן, איז: „מאמע! פארוואָס קומט מיר אזא שטראָף?!" איצט פארשטייסטו, וואָס הייסט ליב האָבן טעאטער? יאָ, גריגאָרי, אָדער מײַן דזשוליעטע, אָדער...

ג ר י ג אָ ר י. קאטיע! און דאָס הייסט א מוטער?!

עס עפנט זיך די טיר, און עס קומט אָן א ר נ אָ ל ד.

א ר נ אָ ל ד (בלײַבט שטיין פארוווּנדערט). גריגאָרי!.. קאטיע!..

פאָרהאנג

דריטער אקט

גריגאָרי ארקאדיעוויטשעס קאבינעט. ווינטער. לעבן פענצטער — ארנאָלדס מאָלבערט. אנטקעגן — א שטול. אף א טיש — פארשיידענע שטאָפן. ע מ י ל י ע שטייט און ארבעט: זי קלאפט אָן פארבן אף א שטיקל שטאָף. עס קומט אריַין ב ר אָ כ ע, טוט קרום א קוק אף עמיליען און אף ארנאָלדן, וועלכער העלפט איר מישן די פארב. בראָכע טוט אָן דעם מאנטל און גייט ארויס.

ע מ י ל י ע. זעט אָקאָרשט, ארנאָלד, די שילערן איַיערע זאָל אמאָל ניט איבעריאָגן דעם לערער. מע איז שטארק צופרידן מיט מיַין ארבעט.

א ר נ אָ ל ד. זעט איר, און דעם לערערס ארבעט איז נ י ט געפעלן... פארשטייט זיך, אָט דאָס (באוויַיזט אפן שטאָף), אָט דאָס דארפן זיי.

ע מ י ל י ע. ווער איז דער זיי?

א ר נ אָ ל ד. די קאָמיסיע, וואָס קליַיבט אָפּ בילדער פאר דער אויס־שטעלונג.

ע מ י ל י ע. שוין זשע איז זיי טאקע גאָרנישט ניט געפעלן געוואָרן?

א ר נ אָ ל ד. געפעלן איז זיי גראָד דאָס, וואָס איז ערשט אָנגעהויבן... אינטערעסאנט פארטראכט, זאָגן זיי. (ער באוויַיזט אפן פּאָרטרעט.) אָט דאָס איז מיר געבליבן פון אלץ.

ע מ י ל י ע. און אויב דאָס וועט זיי אויך ניט געפעלן ווערן?

א ר נ אָ ל ד. דעמאָלט וועל איך מוזן טראכטן, אז א טייל פון מיַין לעבן האָב איך געארבעט אפן ווינט.

ע מ י ל י ע. און איך וועל ניט דערלאָזן.

א ר נ אָ ל ד. וואָס?

עמיליע. טראכטן אזוי...

ארנאָלד (קוקט איינציִיטיק אפן פּאָרטרעט און אף עמיליען). פונ־וואנען ווייסט איר, איר פארשטייט דאָך גאָרניט אין מאָלעריי. איר זײַט דאָך אזוי ווי א קינד... אײַך איז דאָך נאָר געפעלן, וויאזוי אפן לײַוונט איין פארב וועקט אוף די צווייטע און מיטאמאָל צינדט זיך אָן א מענטש־לעך אויג, א האנט...

עמיליע. און זיי פארשטייען אלץ?

ארנאָלד. זייער מיינונג איז אָבער זייער וויכטיק, שוין אליין דער־פאר, וואָס פון זיי וועגדט זיך: נעמען מײַן ארבעט אף דער אויסשטעלונג אָדער ניט. די מיינונג זייערע באגלייט מיך די גאנצע צײַט אזוי, אז אָפט טו איך א טראכט: עפשער זײַנען זיי גערעכט? זיי קוקן דאָך פון דער זײַט. זיי זעען בעסער. מיסטאמע פעלט אין מײַן ארבעט דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט געפינען.

עמיליע. און דאָס הייסט בא אײַך — זיי זײַנען גערעכט? זאָגט מיר, ווען איר זײַט אף זייער אָרט, וואָלט איר צו אנדערע זיך אויך אזוי באצויגן?

ארנאָלד. געוויס. יעדערער זוכט נאָר דאָס, וואָס ער וויל געפינען...

עמיליע. זאָגט מיר, ארנאָלד, מאכט מיר קלאָר: וואָס פעלט אין אײַער ארבעט? וואָס מאָגען זיי בא אײַך?

ארנאָלד. זיי זאָגן, אז מײַן וועג קרייצט זיך ערגעץ ניט איבער מיט דעם, וואָס קומט פאָר ארום בא אונדז אין לאנד... אין הונדערט יאָר ארום, זאָגן זיי, אז מע וועט ארײַנקוקן אין מײַנע ארבעטן, וועט מען דאָרט גאָרנישט ניט געפינען — ניט אז ס'זײַנען פאָרגעקומען מילכאָמעס, רעוואָליוציעס, בירגערקריג, ניט אז מע האָט געבויט סאָציאליזם און ניט די מענטשן, וואָס האָבן אים געבויט.

עמיליע. ריכטיק. וואָס זשע ענטפערט איר זיי?

ארנאָלד. איך האָף, אין הונדערט יאָר ארום וועט מען פארשטיין, אז די אופגאבע פונעם קינסטלער איז געווען ניט אין דעם, ער זאָל אויס־מאָלן דעם שאכטיאָר אונטער דער ע ר ד, אָדער דעם פליִער אונטערן ה י מ ל, נאָר אין דעם, וויאזוי ער וועט מאָלן ז י ך, ז ײַ נ ע געדאנ־קען, ז ײַ נ ע געפילן, ז ײַ ן אייגענעם וועג, און וויאזוי ער וועט עס דערגרייכן, איז קיינעמס אייסעק ניט — ער מעג אפילע א גאנץ לעבן מאָלן נ אָ ר וואסער, נ אָ ר גראָז און נ אָ ר פּאָרטרעטן פון שיינע פרויען...

ע מ י ל י ע. איר ווייסט, ארנאָלד, וואָס איך האָב א טראכט געטאָן?
א ר נ אָ ל ד. וואָס?
ע מ י ל י ע. צי זאָל איך אײַך געבן אָף דער אויסשטעלונג מײַן פּאָרטרעט?
א ר נ אָ ל ד. אלץ — נאָר ניט דאָס, אזויפיל ארבעט, אזויפיל האָפענונ־גען ארײַנגעלייגט אין דעם פּאָרטרעט!
ע מ י ל י ע. און אויב איך וויל אײַך מער ניט דינען פאר א מאָדעל? וואָס וועט איר מיר טאָן? איך וויל ניט — און גאָר.
א ר נ אָ ל ד. אָבער פארוואָס, עמיליע?
ע מ י ל י ע. ווײַל איך וויל, אז אלע אײַערע האָפענונגען זאָלן בלײַבן דאָ, מיט מיר. דעמאָלט וועט זיי בא אײַך קיינער ניט אָפּנעמען.
א ר נ אָ ל ד (טוליעט זי צו צו זיך). עמיליע, איך האָב ניט געוווסט...
ע מ י ל י ע. אז איך בין אײַך א גוטערפרײַנט?
א ר נ אָ ל ד. אז איר זײַט מיר אזוי טײַער...

עמיליע פירט דורך מיט דער האנט איבער זײַן קאָפּ.

קיינמאָל, קיינמאָל, עמיליע, זאָל זיך ניט אָפּטאָן פון מיר אײַער האנט, נאָר זי קאָן מיך ניט לאָזן גיין צו גרונט.
ע מ י ל י ע. און ווער איז די פרוי, וואָס איז צו אײַך דעמאָלט געקו־מען? אזוי קומט מען נאָר צו א גאָר נאָענטן מענטשן.
א ר נ אָ ל ד. ווער? די ארטיסטן וויסאָצקאיא? (צעלאכט זיך.) זי איז געקומען אָנזאָגן, אז מע האָט איר געגעבן שפּילן א זעלטענע ראָל — שעקספּירס דזשוליעטע. פון קינדווײַז אָן האָט זי וועגן דעם געכאָלעמט... עמיליאַ איסאַקאָוונא, צוליב דעם זײַט איר אזוי גיך אוועק? און מער ניט געוואָלט קומען צו מיר. נאָר צוליב דעם?
ע מ י ל י ע. יאָ. און וועל מער ניט קומען...
א ר נ אָ ל ד. מיר זײַנען שוין מיט איר זייער לאנג באקאנט...
ע מ י ל י ע. און אָפט קומט זי צו אײַך?.. און גריגאָרי ארקאדיעוויטש איז מיט איר באקאנט?
א ר נ אָ ל ד. און אז באקאנט, איז וואָס?
ע מ י ל י ע. ארנאָלד! איצט... פארשטיי איך אלץ... (זי הייבט אָן ארומשפּאנען איבערן צימער, מיט די הענט איבערגעפלאָכטן איבערן קאָפּ.)

אַרנאָלד (פאַרשטעלט איר דעם וועג). נו, עמיליע, גענוג. איך בעט אײַך, פאַרגעסט, איך האָב אײַך גאָרניט געזאָגט.

עמיליע. פאַרגעסן? (און ווײַזט מיטן קאָפּ אַף „ניין".)

אַרנאָלד. עמיליע!..

עמיליע. צו וואָס האָט איר עס מיר געדאַרפט זאָגן, אַרנאָלד?

אַרנאָלד. עמיליאַ איסאַקאָווּנאַ, איר האָט דאָך אַליין געפרעגט בא מיר... (ער נעמט זי בא דער האַנט.)

עמיליע. לאָזט מיך א ווײַלע צורו...

אַרנאָלד. ניין, איך וועל ניט לאָזן... הײַנט מוזט איר אויסהערן מיך... הײַנט וועל איך אײַך זאָגן אַזוינס, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל קיינעם ניט געזאָגט...

עמיליע. וואָס? וואָסווילט איר מיר זאָגן?

אַרנאָלד. אַז ליב האָב איך אײַך ניט ווייניקער פון דעם, וואָס איז מיר טײַער, ווי מײַן לעבן... (ער ווײַזט אַפן פּאָרטרעט.)

עמיליע. און ניט מער?! ניין, אַרנאָלד, זאָגט, זאָגט, אַז מער, מער פון אַלץ...

אַרנאָלד. איר ווייסט אַליין, ניטאָ אַזא זאַך אַף דער וועלט, וואָס זאָל מיר זײַן טײַערער פון אײַך.

עמיליע. אַרנאָלד... נו, מיילע איר — ס'איז אײַער אַרבעט. אָבער פאַרוואָס מיינט איר, האָב איך געהאַט אַזויפיל געדולד זיצן און קוקן אין איין פּינטל?

אַרנאָלד. און טראַכטן וועגן שפּינאָזען...

עמיליע. קוקנדיק אַף אים, האָט זיך מיר אויך געדוכט, אַז דאָס זײַט איר...

אַרנאָלד. שוין זשע האָט איר געקאָנט האָבן אַזא ביטערן טאָעס: פאַרבײַטן מיך אַף... שפּינאָזע איז דאָך געווען א געני...

עמיליע. איר האָט דאָך נאָרוואָס געזאָגט, אַז יעדערער זוכט דאָס, וואָס ער וויל געפינען.

אַרנאָלד. נו?!

עמיליע. און איך האָב געוואָלט געפינען אײַך...

אַרנאָלד. און האָט געפונען?

עמיליע. זיך... פאָלגט מיך, אַרנאָלד, זאָגט זיך אָפּ פון דער אויסשטעלונג. צו וואָס זאָלט איר שטעלן אין קאָן אײַער לעצטע האָפעננונג? אויב איר האָט מיך כאָטש איין ביסעלע ליב, זאָגט זיך אָפּ!

ארנאָלד. עמיליע, פון הוילער ליבע אליין האָט נאָך קיינער גאָר־ניט געשאפן פאר דער אייביקייט... קעדיי א קינסטלער זאָל קאָנען וואקסן, מוז ער פון צייט צו צייט ארויסשטעלן זיין ארבעט פאר דער וועלט... קעדיי דאָס זאָל אין אים אופוועקן נאָך איינעם א מעכטיקן געפיל — קינע. איר ווייסט גאָרניט, עמיליע, וואָס פאר א גוואלדיקע קראפט דאָס איז! ניט ווייל בא יענעם מאָלער קויפט מען מער מיט א בילד, ניין! פארוואָס קומט יענעם אליין אונטער דער האנט דאָס, וואָס דו געפינסט ניט זוכנ־דיק... אמאָל האָט צוליב קינע איין גרויסער מוזיקער דעם אנדערן פאר־סאמט.

עמיליע. נו, איז ער געוואָרן גרעסער דערפון?

ארנאָלד. ניין, קיינמאָל ניט... נאָר וואָס, עמיליע, אויב דאָס מאָל, עפשער צוליב אייך, וועט מיר א שיין טאָן דאָס גליק און איך וועל שאפן אזוינס, וואָס ביז מיר איז נאָך ניט געווען, וואָס וועט דעמאָלט זיין?

עמיליע (רירט זיך צו מיט די ליפּן צו זיינע). זאָל דיר דאָס גליק ניט אופהערן שיינען!

ארנאָלד. איך ווייס גאָרניט, וויאזוי וועל איך זיך מיט דיר היינט צעשיידן? איך בין נאָך ניט אוועקגעגאנגען און בענק שוין נאָך דיר, איך וויל שוין קומען נאָכאמאָל...

עמיליע. קום, ווען דו ווילסט... איך וועל ווארטן...

ארנאָלד (טוט זיך אָן, געזעגנט זיך מיט עמיליען). אף ווידערזען.

עמיליע. אף ווידערזען...

ארנאָלד גייט ארויס.

(גייט צו צום פּאָרטרעט. פּאוזע.) זאָל דיר דאָס גליק שיינען שטענדיק, שטענדיק...

פון דרויסן קומט אָן בראָכע.

בראָכע. ער איז שוין לאנג אוועק?

עמיליע. ווער?

בראָכע. דער פארבער!

עמיליע. מאמע!

בראָכע. מיין ניט, טאָכטער, אז א מאמע גייט גלאט אזוי אוועק פון שטוב, ווען א פרעמדער מענטש קומט אריין.

עמיליע. ארנאָלד איז ניט קיין פרעמדער, און דו דארפסט ניט

אװעקגײן... פאַרװאָס האָסטו אים אַזױ פֿײַנט? װאָס האָט ער דיר געטאָן שלעכטס?

ב ר אָ כ ע. און אַז ד י ר, טאָכטער, איז נ י ט מיר?

ע מ י ל י ע. װען ניט ער, װאָלט איך שױן עפּשער לאַנג פֿון זינען אַראָפּ.

ב ר אָ כ ע. דערפֿאַר האָסטו זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר אים, װי פֿאַר אַ הײסן שטײן.

ע מ י ל י ע. איך האָב זיך געטרונקען, און ער האָט מיר אױסגעשטרעקט אַ האַנט.

ב ר אָ כ ע. איך האָב מוירע, מײַן קינד, זאָלסט ניט באַצאָלן דערפֿאַר צו טײַער. (באַװײַזט אױפֿן פּאָרטרעט.) צו דעם װעט אַמאָל נעמען אַ סאָף?

ע מ י ל י ע. אַקעגן װאָס פֿרעגסטו?

ב ר אָ כ ע. אַקעגן דעם, װאָס איך װאָלט פֿאַרשפּאַרט די טיר און אים מער ניט אַרײַנגעלאָזט. ער װעט דיר דײַן לעבן צעבערעכן. װעסט אַפֿילע ניט װיסן װען... און דעמאָלט, מײַן טאָכטער, װעט שױן זײַן שפּעט.

עס דערהערט זיך אַ קלונג.

גרישע גײט.

ע מ י ל י ע. גײ עפֿן אים. קאָנסט זיך דאָך אױף אים ניט דערװאַרטן...

בראָכע גײט עפֿענען. עמיליע גײט אַרײַן צו זיך אין צימער. עס קומט אַרײַן פֿריִער ה א נ ק ע, נאָך איר — ב ר אָ כ ע.

ה א נ ק ע. איר זײַט אײן־אַלײן אין שטוב?

ב ר אָ כ ע. עמיליאַ איסאַקאָװנאַ איז דאָ. טו זיך אױס. פֿאַרװאָס זעט מען דיך ניט, האַנקע?

האַנקע טוט זיך אױס.

און פֿאַרװאָס עפּעס הײַנט אַלײן? װוּ איז מישע?

ה א נ ק ע. אַלעמאָל אײנײנעם?

ב ר אָ כ ע. עפּעס געפֿעלן מיר ניט דײַנע רײד. אַ שװאַרצע קאַץ איז שױן דורכגעלאָפֿן צװישן אײַך?

ה א נ ק ע. איך רעד ניט מיט אים.

ב ר אָ כ ע. פֿאַרװאָס?

האנקע. אויב ער פארשטייט אליין ניט, דארף ער הערן, וואָס אַנ־דערע זאָגן אים.

בראָכע. אײַ, קינדער, קינדער...

עמיליע גייט ארויס פון איר צימער.

האנקע (זעט ניט עמיליען). ער ווייסט נאָר איינס: אומגיין מיט א פאריסענעם קאָפּ און שמייכלען. (זי דערזעט עמיליען.) א גוטן אָוונט, עמיליא איסאקאָוונא.

עמיליע. א גוטן אָוונט, האנקע, וואָס קריגט איר זיך?

האנקע. מיר? — ניין.

עמיליע. וואָס זשע, גלאט אזוי ברויגעז אף דער וועלט?

בראָכע. זיי האָבן שוין אויך ניט צעטיילט זיך מיט דער באָבעס ירושע.

עמיליע. מיסטאמע האָט ער ניט א קוק געטאָן אהין, ווו מע דארף.

האנקע ענטפערט ניט.

נאָר עפשער, האנקע, האָט איר מיט עפּעס זיך פארזינדיקט, מיט עמעצן ניט אזוי גערעדט.

האנקע. דערפאר קריגן מיר זיך קיינמאָל ניט. טאָמער ווערט ער ברויגעז, גיי איך צו און טו אים א קוק אין די אויגן, צעלאכט ער זיך.

בראָכע. דערפאר קומט אים, מ׳זאָל מיט אים ניט ריידן?

האנקע. מע טאָר ניט זײַן אזא, ווי ער איז, מע דארף וויסן, מיט וועמען מע האָט צו טאָן. מע טאָר פאר קיינעם ניט עפענען דאָס הארץ — נא קוק.

עמיליע (אָנגעשטרענגט). אקעגן וואָס זאָגט איר עס, האנקע?

עס קלינגט דער טעלעפאָן.

(גייט צו און נעמט דאָס טרײַבל.) יאָ. איך. דאָ. ניין, ניט לאנג.

האנקע שפּיצט זיך אָן.

אײַך, האנקע.

האנקע (גייט צו). איך הער, נו.

בראָכע. דורכן טעלעפאָן רעדט איר יאָ?

האנקע (בראָכען). וואָס זשע, ניט ענטפערן? (אין טעלעפאָן.)

ניט דיר זאָג איך... מע דאַרף ניט, ניין, שרעק זיך ניט, ניט וועגן דעם... מײַן וואָרט איז א וואָרט... ניין, ניטאָ, נו באַלד... (זי לייגט אוועק דאָס טרײַבל.)

עמיליע. האַנקע, וואָס האָט איר עס פריִער א זאָג געטאָן וועגן מישען? מיט וועמען האָט ער עס צו טאָן? וועמען דערציילט ער דאָס, וואָס מע דאַרף ניט?

האַנקע שווײַגט.

איר וועט ניט אוועקגיין, האַנקע, ביז איר וועט ניט זאָגן...

האַנקע. איך בין צוליב דעם געקומען... עמיליִא איסאַקאָוונא... ניט נאָר זאָגן האָב איך מוירע, אַפילע טראַכטן... גריגאָרי אַרקאַדיעוויטש איז געוועזן פאַר מישען אַלץ...

עמיליע. נו?

האַנקע. און איצטער גייט אַרום מישע אָן א קאָפּ... אַליין זאָגן גריגאָרי אַרקאַדיעוויטשן קאָן ער ניט, און איך זאָל גיין אַהער, האָט ער אויך ניט געלאָזן... אים זיצט זיך שוין דאָרט ניט. (זי באַווײַזט אויפן טעלעפאָן.)

בראָכע. פאַרוואָס האָט ער ניט געוואָלט, דו זאָלסט גיין אַהער?

האַנקע. ער זאָגט: בעסער זאָל מײַנס איבערגיין.

עמיליע. האָט קיין מוירע ניט, האַנקע, זאָגט, וואָס איז צווישן זיי פאָרגעקומען?

האַנקע. גריגאָרי אַרקאַדיעוויטש אַרבעט שוין פון א צײַט איבער א פּראָיעקט...

עמיליע (אומרויִק). ווײַטער...

האַנקע. דאַכט זיך מישען, אַז...

עמיליע. זאָגט!

האַנקע. דאַכט זיך מישען, אַז דאָס איז זײַנער... וואָס ער האָט אַמאָל דערציילט גריגאָרי אַרקאַדיעוויטשן.

בראָכע. איך פאַרשטיי שוין גאָרניט... וואָס זאָגט זי, עמיליע?

עמיליע (ענטפערט ניט). האַנקע, זאָגט מיר, איר פאַרשטייט עפּעס אין דעם? איר וואָלט דערקענט? (זי גייט און ברענגט עטלעכע צונויפגעוויקלטע פּראָיעקטן.)

האַנקע. אָן גריגאָרי אַרקאַדיעוויטשן וויל איך ניט. עמיליִא איסאַ־

קאָוונא, איך בעט אײַך זייער, מישען דערציילט ניט, וועגן וואָס מיר האָבן מיט אײַך גערעדט... איך האָב אים צוגעזאָגט...

עמיליע. און גריגאָרי ארקאדיעוויטשן?

האנקע. מישע האָט געזאָגט, ער וועט מיט אים אליין ריידן.

עמיליע. רעכט. איך וועל שווײַגן...

בראָכע (טוט זיך אָן). האנקע, האָסט, דאכט זיך, צוגעזאָגט מישען קומען באלד. איך דארף גיין עפעס אײַנקויפן, וועסט מיך גיין א ביסל באגלייטן?

האנקע. גוט. עמיליִא איסאקאָוונא, איך בעט אײַך אָבער...

עמיליע. רעכט, רעכט. מישע וועט דיך דערפאר ניט אָפּגעטן...

האנקע. א גוטן.

בראָכע און האנקע גייען ארויס.

עמיליע (וויקלט אוף איין פּראָיעקט, א צווייטן). אָט דאָס הייסט, אז מע איז א בלינדער מענטש... אָבער ער... שוין זשע האָט ער געקאָנט זיך דערלויבן אזוינס...

א קלאַפּ מיט דער טיר. עמיליע ציטערט אוף. עס קומט ארײַן גריגאָרי ארקאדיעוויטש. ער זעט אפן טיש די פּלענער.

גריגאָרי (טוט זיך ניט אויס). ווער האָט גענומען פון דאָרטן די פּראָיעקטן?

עמיליע. איך. איך האָב אופגעראמט. פארגעסן אוועקשטעלן צוריק.

גריגאָרי (שטעלט אוועק צוריק אפן אָרט). קיינער איז דאָ ניט געווען?

עמיליע. האנקע.

גריגאָרי. האנקע? וואָס האָט זי דאָ געטאָן?

עמיליע. גאָרניט. געקומען געוואָר ווערן בראָכען. איר אלטע כאַווערטע.

גריגאָרי. קיין בריוו ניט געווען?

עמיליע. איך ווייס ניט. איך וואַרט ניט אף קיין בריוו.

גריגאָרי. דו באגייסט זיך אָן דעם?

עמיליע. איך פרעג דאָך ניט בא דיר, וויאזוי דו באגייסט זיך.

גריגאָרי ענטפּערט ניט. גייט ארויס, עפנט די דרויסנדיקע טיר. זאמט זיך א רעגע באַם פאָסט־קעסטל און קערט זיך אום צוריק.

דו בלײַבסט, צי דו גייסט ווידער אוועק?..

גריגאָרי. איך וועל באלד קומען צוריק. (אָפּ.)

עמיליע. וואָס א טאָג ווערט צווישן אונדז דער אָפּגרונט אלץ טיי־פער און טיפער... פאר־פאלן... (זי גייט ארײַן צו זיך אין צימער און קערט זיך באלד אום צוריק מיט א שווארצן סאמעטן היטעלע און מיט א בערשטל.)

א קלונג אין טיר. זי גייט עפענען און קערט זיך אום א בלאסע, א דערשראָקענע. נאָך איר גייט ארײַן קאטיע.

קאטיע (דערלאנגט איר די ערשטע די האנט). איר דערקענט מיך ניט, עמיליאַ איסאקאָוונא?

עמיליע. פארוואָס? איר מיינט, איך דערקען שוין גאָר קיין מענטשן ניט? בא ארנאָלדן... האָבן מיר זיך באגעגנט, איר דארפט גריגאָרי אר־קאדיעוויטשן?

קאטיע. אײַך אויך. מיך האָט דעמאָלט פארדראָסן, פארוואָס ארנאָלד האָט אײַך געלאָזט אוועקגיין אזוי גיך. איך האָב זייער געוואָלט באקאנען זיך מיט אײַך נעענטער.

עמיליע. איך וואָלט עפּשער אויך געוואָלט, נאָר איך האָב זיך מיטאמאָל דערפילט ניט גוט... אנטשולדיקט, איך האָב פארגעסן אײַער נאָ־מען...

קאטיע. יעקאטערינא מיכײַלאָוונא.

עמיליע. יעקאטערינא מיכײַלאָוונא, איך וויל, איר זאָלט מיך שלעכט ניט פארשטיין, נאָר מיר האָט זיך געוואָלט בא אײַך עפּעס א פרעג טאָן.

קאטיע. ביטע. איך הער.

עמיליע. ארנאָלדן קענט איר שוין לאנג?

קאטיע. א יאָר דרײַ, אויב ניט מער.

עמיליע. און גריגאָרי ארקאדיעוויטשן?

קאטיע. א סאך ווייניקער...

עמיליע. און באקאנט געמאכט האָט אײַך ארנאָלד?

קאטיע. וואָס איז דער אונטערשייד — ווער?

עמיליע. ארנאָלד האָט מיר ערשט הײַנט דערציילט.

קאטיע. און מיך וווּנדערט א סאך מער, וואָס גריגאָרי ארקאַ־דיעוויטש האָט אײַך ניט דערציילט.

עמיליע. וועגן וואָס?

קאטיע. אז ער האָט א באקאנטע פרוי, מיט וועלכער ער באגעגנט זיך אמאָל...

עמיליע. צו וואָס דערציילט איר עס מיר?!

קאטיע. איך באהאלט עס ניט.

עמיליע. וואָס האָט איר צו באהאלטן? איר זײַט א פרײַער מענטש... אײַך באשולדיק איך גאָרניט.

קאטיע. און אים?

עמיליע. אים? (נאָך א קורצער פּאוזע.) אים אויך ניט... ער איז אויך א פרײַער מענטש, ער קאָן גיין, וווּהין ער וויל און צו וועמען ער וויל... איך פארשטיי נאָר ניט, פארוואָס גייט ער ניט אוועק פון שטוב? וואָס האלט אים דאָ אויף? מיר זײַנען מיט אים נאָר אלטע באקאנטע... זאָגט מיר, איר זײַט גריגאָרי ארקאדיעוויטשן זייער א נאָענטער מענטש?

קאטיע. יאָ.

עמיליע. און קענען קענט איר אים גוט?

קאטיע. איך מיין, גריגאָרי ארקאדיעוויטש באהאלט פאר מיר גאָר־ניט.

עמיליע. וואָס קאָנט איר וויסן? איז אים אפן הארצן ביטער, זײַנען די ווענט פון דער שטוב שולדיק, איז אים אפן הארצן גוט, זײַנען אים די ווענט ענג... צו אײַך ברענגט ער דאָך נאָר דעם האָניק, דעם ביס לאָזט ער איבער דאָ.

קאטיע. אקעגן וואָס זאָגט איר עס מיר, עמיליִא איסאקאָוונא?

עמיליע. זאָגט מיר, אײַך דערציילט ער וועגן אלץ?

קאטיע. עפשער מער, ווי ער וואָלט געדארפט.

עמיליע. און אז ער האָט צוגענומען אונדזער מישעס פּראָיעקט...

קאטיע. ווער?! גריגאָרי ארקאדיעוויטש?!

עמיליע. יעקאטערינא מיכײַלאָוונא, פארוואָס האָט איר אים הײַנט אויך ניט גערופן בעסער צו זיך?

קאטיע. גערופן? קיינמאָל ניט. אהער בין איך אויך געקומען ניט גערופענערהייט, און ריכטן האָב איך זיך געקאָנט ניט אף אזא פרײַנט־לעכן אופנעם. איך בין זייער צופרידן, וואָס מיר האָבן זיך מיט אײַך באקאנט נעענטער...

עמיליע. צום באדויערן, וועט אונדז ניט אויסקומען באגעגענען זיך מער... דערווײַל איז מיר נאָך זייער שווער... (זי באַווײַזט אַף ליוסקעס פּאָרטרעט.) זעט איר, אָט דאָס בינדט אונדז נאָך פאָרט צונויף. (זי ווישט די אויגן.)

עס דערהערט זיך א קלאפּ מיט דער טיר.

נו, גענוג... נארישע טרערן...

עס קומט אַרײַן **בראָכע**. זי טוט א שארפן קוק אף קאטיען און גייט אַרײַן צו זיך אין צימער. אין א קורצער ווײַלע ארום קומט זי אָן אָן א מאנטל, מיט א פּאַפּירן זעקל אין האנט. זי גייט ארויס אין דער טיר, וואָס פירט צו דער קיך און צום ארויסגאנג.

(צו קאַטיען) איר וועט מיר אנטשולדיקן, איך האָב שוין לאנג געמוזט אוועקגיין...

קאטיע. און איך האָב אײַך פארהאלטן...

עמיליע. איך האָב געווארט, ביז די מוטער וועט צוריק קומען. (זי טוט אָן דעם מאַנטל.)

עס קומט אַרײַן **גריגאָרי**. ער דערזעט קאטיען און בלײַבט שטיין באם אַרײַנגאנג. ער כאפּט א קוק אףביידע פרויען. **עמיליע** גייט האסטיק ארויס פון צימער.

גריגאָרי. דו ביסט שוין לאנג דאָ?

קאטיע. ניט זייער. אנטשולדיק, גריגאָרי ארקאדיעוויטש, וואָס איך בין געקומען, איידער דו האָסט מיך גערופן, און עפּשער... פרײַער, ווי דו האָסט מיך געוואָלט זען.

גריגאָרי. איך האָב דיך געזוכט.

קאטיע. זעסט דאָך, אז מע זוכט, געפינט מען... איין מאָל פאר דער גאנצער צײַט האָב **איך** געוואָלט זײַן **דײַן** גאסט.

גריגאָרי. פארוואָס האָסטו מיר ניט געענטפערט אף מײַן בריוו?

קאטיע. ניט עמעס, געענטפערט.

גריגאָרי. ווען?

קאטיע. הײַנט. וואָס איז, א שלעכטער ענטפער? (זי באַווײַזט אַף זיך, נאָכדעם נעמט זי ארויס א פאַרכאַסמעטן בריוו.) **דאָס איז דײַן בריוו?**

גריגאָרי. מײַנער.

קאטיע (צעריַסט דעם בריוו אף עטלעכע שטיקלעך). און איצט קאָנען מיר ריידן. אויב דו ווילסט, קאָנסטו מיר אינקורצן דערציילן, וואָס האָסטו דאָרטן געשריבן:

גריגאָרי. האָסט ניט געלייענט?

קאטיע. ניין.

גריגאָרי. וואָס איז דאָס פאר א שפּיל?

קאטיע. ענטפער דו מיר, וואָס איז דאָס פאר א שפּיל?.. וואָס איז דאָס פאר א בריוו... פאַרוואָס ביסטו אליין ניט געקומען? וואָס זשע האָסטו דאָרט פּאָרט געשריבן?

גריגאָרי. אז אויב דו האָסט אפילע א טראכט געטאָן פארהייבן א האנט אפן קינד, — וועל איך עס דיר קיינמאָל ניט מוחל זיַין... (ער גייט צו איר צו, נעמט זי אָן בא דער האנט.) דו דארפסט מיר שענקען דעם נאָמען פאָטער, דו, קאָטיע...

קאטיע (צעלאכט זיך נערוועז). איך? גליקלעך וואָלט איך געווען, גריגאָרי! עס זיַינען אָבער דאָ מענטשן, וואָס ווילן ניט אָדער קאָנען ניט פארשטיין, אז איך און דזשוליעטע זיַינען איינס.

גריגאָרי. וואָס קאָן מען אָבער טאָן, אי דזשוליעטען זאָלסטו שפּילן, אי א מוטער זאָלסטו זיַין?

קאטיע. איך ווייס גאָרניט. איך וועל דערגיין ביז צו די, וואָס פארשטייען יאָ, אז מיַין שפּילן איז ניט נאָר מיַין זאַך... אז מיך צעשיידן מיט דזשוליעטען טאָר מען ניט, אז באצאָלן פאר דזשוליעטען מיט מיַין קינד וועל איך ניט. זאָל מען פרעגן בא די, וואָס זיצן אין זאָל, צי ווילן זיי, איך זאָל זיך פרייען ווי א מוטער אויך... דעם טאָג, וואָס איך וועל דערפילן אף דער ברוסט די האנט פון מיַין קינד, וועט אויך דזשוליעטע מיַינע זיַין א געבענטשטע... דעמאָלט וועט מיַין דזשוליעטע קיינמאָל ניט שטארבן...

גריגאָרי. אלץ וועט זיַין אזוי, ווי דו ווילסט, קאטיע.

קאטיע. עמעס?

גריגאָרי. אנדערש קאָן ניט זיַין בא אונדז... אנדערש טאָר ניט זיַין. אָבער ווען דו ווייסט, קאטיע, ווי איך בין מעקאנע דיר!.. ערגעץ טיף, טיף אין הארצן פארגין איך דיר אפילע ניט אָט די עטלעכע ווערטער: „מיַין דזשוליעטע וועט קיינמאָל ניט שטארבן". פאַרוואָס קאָן איך ניט זאָגן: מיַין ארבעט וועט לעבן נאָך מיר אויך... (פּאוזע.)

קאטיע גייט צו צו זײַן ארבעט־טיש און קוקט זיך אײַן אין אן אויסגעשפּרייטן פּראָיעקט.

וואָס קוקסטו זיך אזוי אײַן? פארשטייסט עפּעס דאָרט?

קאטיע. גאָרניט... ניט דעם פּראָיעקט און ניט דעם, וואָס האָט דאָ אזויפיל ליניעס צונויפגעפּירט, איבערגעשניטן און האָט זיך צווישן זיי אליין אויך פארפּלאָנטערט... וואָס איז דאָס פאר א פּראָיעקט?

גריגאָרי. איך האָב דיר דערציילט וועגן אים, געדענקסט? ער איז דיר זייער שטארק געפעלן געוואָרן. דו האָסט אפילו געזאָגט, אז צו פארייביקן זיך איז גענוג צוטראכטן איין פלי־מאשין אזא.

קאטיע. גריגאָרי, און וועמעס נאָמען וואָלסטו געהייסן אופשרײַבן אף די פליגלען פון דער מאשין?

גריגאָרי. דײַנעם! דו האָסט מיר געגעבן קראפט אף ארבעטן. דײַן נאָמען, דײַנעם!

קאטיע (גייט צו צו אים און זאָגט אים זייער צארט, שטיל). נו, נו, בארויק זיך, ניט מײַנעם און ניט דײַנעם... עפּשער עמעצנס א דריטנס? גריגאָרי, פאר מיר זאָלסטו זײַן אינגאנצן אָפנהארציק. דאכט זיך, איך האָב דיך אלעמאָל פארשטאנען. זאָג מיר, אָט דער פּראָיעקט... איז ניט מישעס?

גריגאָרי. מײַנער! מײַנער! וואָס טויג דער פּערל, אז ער ליגט אפן דעק פון יאם? איך בין נאָך אים אראָפּ. איך האָב אים אופגעהויבן.

קאטיע. אופגעהויבן און באהאלטן?

גריגאָרי. וואָס? וואָס האָב איך בא אים גענומען, בא מישען? א נעשאָמע פון א ניט געבאָרענעם פּראָיעקט? און מײַן ארבעט איז שוין גאָרניט ווערט? אָן מיר וואָלט דער פּראָיעקט עפּשער אף דער וועלט ניט געוועזן... וואָס זשע האָב איך דאָ אָפּגעטאָן פאר א קרימינאַל?

קאטיע. אפילו אויב דו האָסט באהאלטן פון מיר... דו ווייסט דאָך, אז איך האָב אלעמאָל פײַנט געהאט די, וואָס זוכן זייער אייביקײַט מיט ליכט.

גריגאָרי. איך האָב געוואָלט, קאטיע, אופטאָן כאָטש איין זאך, איך זאָל קאָנען ריידן מיט דיר, ווי א גלײַכער מיט א גלײַכן...

קאטיע. מיט מיר? דו ווייסט ווען, גריגאָרי? ווען דו וועסט ליב האָבן דײַן ארבעט אזוי, ווי איך מײַנע, אָט דעמאָלט וועלן מיר ריידן, ווי א גלײַכער מיט א גלײַכן... די, וואָס זוכן מיט ליכט זייער אייביקײַט, טוען אָפט אָפּ אין דער פינצטער די ערגסטע פארברעכנס. צו דיר בין איך געקו־

מען דערפאַר, ווײַל איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט ניט אַזאַ!.. (זי קלײַבט זיך אוועקגיין.)

גריגאָרי. **וווהין?**

קאַטיע. **צו זיך! אהיים... איך קאָן ניט זען דעם, וואָס דאַרף ווערן אַ פאָטער מײַן קינד און איז דאָס ניט ווערט.** (אָפּ.)

גריגאָרי (טוט זיך אַ לאָז נאָך איר און בלײַבט שטיין). **ניין! פאַר־פאַלן... אַלץ פאַרפאַלן!.. נאָך אַזעלכע ווערטער קאָנען זיך מענטשן מער ניט באַגעגענען, אַזוי באַליידיקן קאָן נאָר אַ ווילד־פרעמדער...** (פּאַוזע.) **אָדער אַ בלוטיק נאָענטער...** (ער טוט זיך אָן.) **אַ טיפער, אַ ביטערער עמעס, קאַ־טיע... די, וואָס זוכן זייער אייביקײַט מיט ליכט, טוען אָפט אָפּ אין דער פינצטער די ערגסטע פאַרברעכנס... אָבער איך... איך — אויך? דו ווייסט דאָך, אַז ס'איז ניט אַזוי...** (ער גייט אַרויס.)

בראָכע (קומט אַרײַן, קוקט זיך אַרום). **איך האָב גאָרניט גע־הערט, ווי זיי זײַנען אוועק... עך, גריגאָרי, גריגאָרי...** (פאַרבײַסט די ליפּן און שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „ניין".) **אַז מע שעמט זיך שוין ניט קומען אין שטוב...** (זי גייט, ברענגט אַ באַרשט און וויל אויסקערן די שטיקלעך פּאַ־פּיר, וואָס אויפן דיל, בייגט זיך אָן און הייבט אויף עטלעכע שטיקלעך.) **אַ בריוו?..** (זי בייגט זיך ווידער אָן און קלײַבט צונויף ביז איין שטיקל, שטעלט אוועק די באַרשט, נעמט פון גריגאָריס שרײַבטיש קליי און פּרוווט אויפשטעלן דעם בריוו.) **ניט פאַר מײַנע אויגן.** (קלעפּט ווײַטער.) **ניין, עפּעס באַקומט זיך... אַ שטיקל צו אַ שטיקל, און עס ווערט אַ גאַנצע זאַך.**

אַ קלאַפּ מיט דער דרויסנדיקער טיר. בראָכע כאַפּט די שטיקלעך פּאַפּיר אין הויפן און נעמט זיך ווידער פאַר דער באַרשט. עס קומט אַרײַן עמיליע. בראָכע ווייסט ניט, וואָס צו טאָן מיטן בריוו, ווײַזן צי ניט.

עמיליע. **וואָס באַהאַלטסטו דאָרטן, מאַמע?**

בראָכע. **גאָרניט. זיי זײַנען ביידע אוועק. איך... איך האָב געוואָלט אויסקערן... האָב איך דערזען... עס וואַלגערט זיך...**

עמיליע. **וואָס?**

בראָכע. **אַ בריוו.**

עמיליע. **ווו איז ער? באַווײַז!**

בראָכע גיט איר אָפּ דעם בריוו.

דאָס האָסטו צעריסן?

ב ר אָ כ ע. ניין... איך האָב געפּרוּווט אופקלעפּן. געלעגן אונטערן שטול, ווי זי איז געזעסן.

ע מ י ל י ע (ענטפערט ניט). זײַן האַנט... (זי קוקט זיך אײַן אינעם בריוו). א קינד... (דערנאָך מיט א האַרצרײַסנדיקן געשריי.) מאַמע!

בראָכע בלײַבט א רעגע שטיין ווי געליימט. פון האַנט פאַלט בא איר ארויס די באַרשט. זי גייט צו צו עמיליען און גלעט זי איבערן קאָפּ.

ב ר אָ כ ע (מיט א ציטערנדיקער שטים). נו, גענוג! זאָל זײַן גענוג צו וויינען טאָכטער — אַן עק.

עס דערהערט זיך א קלאַפּ מיט דער דרויסנדיקער טיר. עמיליע מיטן בריוו אין האַנט גייט אַרײַן צו זיך אין צימער. בראָכע הייבט אוף די באַרשט. עס דערהערן זיך צוויי מאַנסבילשע שטימען, און עס קומען אַרײַן פריער מ י ש ע און נאָך אים — ג ר י ג אָ ר י.

ג ר י ג אָ ר י (צו בראָכען). איר האָט דאָ גאָרניט אופגעהויבן?

ב ר אָ כ ע. אַלץ אויסגעקערט און ארויסגעוואָרפן מיטן מיסט.

ג ר י ג אָ ר י. אינמיטנדערינען גענומען קערן.

ב ר אָ כ ע (פילדײַטיק). איך קאָן ניט פאַרלײַדן, פאַרשטייסטו מיך, אז אין שטוב איז ניט ר יי ן...

ג ר י ג אָ ר י. איך פאַרוועּר אײַך צו ריידן אזוי.

ב ר אָ כ ע. גרישע! פון ווען אָן רעדסטו אזוי מיט דער אַלטער בראָ־כע?! ריידן פאַרווערסטו מיר?

ג ר י ג אָ ר י. אזוי ריידן — יאָ.

ב ר אָ כ ע. זעסטו, גרישע, אַלעמאָל האָב איך וועגן יעדער קלייני־קײַט געפרעגט בא דיר, מיט דיר זיך אָן אייצע געהאַלטן, ווײַל דו ביסט געווען מײַנער א זון, און איצט מוז איך ריידן און טאָן אזוי, ווי איך פאַרשטיי.

ג ר י ג אָ ר י. איר זײַט בא מיר אין שטוב...

ב ר אָ כ ע. און עס ד ײַ ן ברויט, נאָר פונעם עמעס וועסטו זיך ניט אויסבאַהאַלטן. (זי גייט ארויס פון צימער.)

ג ר י ג אָ ר י (שטאַרק אופגערעגט). זיץ, מישע. אין א לעבן מאַכט זיך אַלץ... זאָג מיר בעסער, וואָס הערט זיך בא דיר. דאָס, וואָס איך האָב דיר אָנגעוויזן, האָסטו פאַריכטט?

מ י ש ע. א ביסל געבלאָנדזשעט, נאָר איצט בין איך שוין, דאַכט זיך,

אַף אַ וועג... גריגאָרי אַרקאַדיעוויטש, איך אַרבעט שוין אַף נײַע צוויי... איינער איז שוין בײַ מיר קימאַט פאַרטיק, און דעם צווייטן וועל איך, דאַכט זיך, אַליין ניט אויפהייבן.

גריגאָרי. פאַרוואָס זאָלסטו ניט מאַכן זאַלבעצווייט מיט אַן אינזשעניער?

מישע. איך גלייב זיי ניט.

גריגאָרי. און מיר גלייבסטו?

מישע. יאָ.

גריגאָרי. איך בין דאָך אויך אַן אינזשעניער?

מישע. איר זײַט מיר געווען אַ טאַטע...

גריגאָרי. דעם טאַטן דײַנעם האָסטו דאָך אָבער אויך ניט געקענט...

מישע. אײַך קען איך דאָך!

גריגאָרי (נאָך אַ קורצער פּאַוזע). זאָג מיר, מישענקע, איך קלײַב זיך שוין לאַנג בײַ דיר אַ פראַגע טאָן... ווען דו זיצסט אין שאָטן פון אַ הויכן בוים — טראַכסטו דעמאָלט וועגן יענעם קליינינקן יאָדערל, פון וואַנען דער בוים איז אויסגעוואַקסן?

מישע. איך ווייס ניט, ווי אַנדערע. איך טראַכט אַלעמאָל.

גריגאָרי. און אַז בײַ איינעם פון טיש איז אַראָפּגעפאַלן אַ קערנדל, און דער צווייטער האָט זיך אָנגעבויגן, אויפגעהויבן און פאַרפלאַנצט, יעדער פרי און פאַרנאַכט באַגאָסן, ווייך געמאַכט די ערד אַרום־און־אַרום, — ווע־מען, מײַנסטו, געהערט נאָך דעם דער בוים? (עס קלינגט דער טעלעפאָן. גריגאָרי גייט צו, נעמט דאָס טרײַבל.) יאָ, יאָ, איך. האָ? באַלד. (צו מי־שען.) דײַן צווייטע העלפט.

מישע. האַנקע? (אין טעלעפאָן.) איך הער. איך הער. ווער האָט דיר געזאָגט? איך אײַל ניט. (פּאַוזע.) גריגאָרי אַרקאַדיעוויטש האָט מיר פאַר־געבן אַ הארבע פראַגע, און איך ווייס נאָך ניט, וואָס צו ענטפערן...

גריגאָרי. דו פרעג בײַ איר.

מישע. יאָ, שפּעטער. עס הייבט זיך שוין באַלד אָן? גלײַך... (לייגט אוועק דאָס טרײַבל.) דאַכט זיך, זי רעדט גאָר מיט מיר ניט... אין טעלע־פאָן זאָל איך איר זאָגן, וואָס האָט איר בײַ מיר געפרעגט.

גריגאָרי. און וואָס, מײַנסטו, וואָלט זי געענטפערט?

מישע. זי וואָלט גלײַך געזאָגט: אָן דעם קערנדל וואָלט ניט געווען קיין בוים.

גריגאָרי. זי איז גערעכט.

מ י ש ע. ניין. איך מיין, אז דער, וואָס האָט דעם בוים געפּלאַנצט, באַגאָסן, ארומגעגראָבן און אויסגעכאָוועט, האָט אף אים ניט וויניקער רעכט, אויב ניט מער...

ג ר י ג אָ ר י. אזוי האלטסטו, מישע?

מ י ש ע. יאָ. (פילדיטיק.) גריגאָרי ארקאדיעוויטש...

ג ר י ג אָ ר י. וואָס?

מ י ש ע. איר געדענקט, איך האָב אייך אמאָל, מיט עטלעכע כאדאָשים צוריק, דערציילט וועגן איינעם מיינעם א פּראָיעקט, ניט קיין פּראָיעקט אפילע, אזוי עפּעס א ווילדן געדאנק.

ג ר י ג אָ ר י. נו?

מ י ש ע. א י ר האָט מיר ניט געענטפערט ניט יאָ, ניט ניין, — האָב איך שוין אליין אויך קימאט ווי פארגעסן.

ג ר י ג אָ ר י. דעם פּראָיעקט, וואָס דו האָסט מיר דערציילט?

מ י ש ע. יאָ.

ג ר י ג אָ ר י. וואָס זשע ווילסטו פון מיר?

מ י ש ע. איך האָב זיך דערמאָנט, אז ווען איך האָב אייך דערציילט, האָט איר עפּעס פארצייכנט אף א פּאפּירל.

ג ר י ג אָ ר י. לאָמיר זאָגן, איך האָב יאָ עפּעס פארצייכנט, וואָס זשע מיינסטו, אז אלע פּאפּירלעך היט איך אין אן איַיזערנעם סייף?

מ י ש ע. איך פארשטיי, נאָר אויב איר האָט גראָד דאָס פּאפּירל ניט פארלאָרן, וויל איך...

ג ר י ג אָ ר י. איך זאָל עס דיר אָפּגעבן...

מ י ש ע. ניין... איר זאָלט עס נעמען זיך!

ג ר י ג אָ ר י. וואָס, וואָס זאָל איך נעמען זיך?!

מ י ש ע. דעם פּראָיעקט, איר זאָלט אליין ארבעטן איבער אים...

ג ר י ג אָ ר י. איך? איבער דיַין פּראָיעקט?!

מ י ש ע. איך וויל אייַך כאָטש מיט עפּעס וואָס אָפּדאנקען פאר אלץ... איר האָט פאר מיר אזויפיל געטאָן!

ג ר י ג אָ ר י. א נעדאָווע ווילסטו מיר שענקען! א ביילעק געבן מיר פון דיַין רייַכער יערושע?!

מ י ש ע. וואָס רעדט איר, גריגאָרי ארקאדיעוויטש!

ג ר י ג אָ ר י. א נעדאָווע גיט מען א קופּערנע אָדער זילבערנע מאַטבייע. דער זיידע מיַינער האָט געגלייבט, אז ווען ער גיט אן אָרעמאן א

גראָשן, — ווערט פון דעם געבאָרן א מאלעך, און דו ווילסט מיר שענקען א דימענט... וואָס פאר א מאלעך, ווילסטו, זאָל פון ד ע ם געבאָרן ווערן?

מ י ש ע. וואָס פארא מאלאָכים? וועלכע נעדאָוועס? גריגאָרי ארקאדיע־וויטש!

ג ר י ג א ָר י. נו, ניט קיין נעדאָווע — א מאטאָנע... מאטאָנעס אזעלכע טראָגט מען אויך ניט אונטער, אפילע אזא גוטנפרײַנט, ווי איך בין דיר... אליין, מישענקע! אויב ס׳וועט דיר אמאָל זײַן שווער, קום צו גיין, באַוויַז...

מ י ש ע. א דאנק, גריגאָרי ארקאדיעוויטש...

ג ר י ג א ָר י. דאנקען וועסטו שפעטער. דאכט זיך, מע וואַרט דאָרטן אף דיר...

מ י ש ע. איך האָב הײַנט א פארזאמלונג. דאָס האָט זי שוין מיר פון דאָרטן געקלונגען.

ג ר י ג א ָר י. פארשטייט זיך, גיי.

מ י ש ע געזעגנט זיך און גייט ארויס.

ג ר י ג א ָר י (אליין. א קורצע פאוזע. ער געפינט זײַן פּראָיעקט, שפרייט אויס אפן טיש און קוקט ארײַן א קורצע צײַט. שטיל). א מאָ־טאָנע... א נעדאָווע — אלציינס... אך, א ביטערער עמעס, קאטיע.

פון איר צימער גייט ארויס ע מ י ל י ע.

(צו עמיליען.) ביסט גאָר דאָ? איך האָב ניט געוווסט.

ע מ י ל י ע. און ווו ד ו ביסט, ווייסטו?

גריגאָרי ענטפערט ניט. ער זעצט פאָר קוקן אינעם פּראָיעקט.

וועגן וואָס האָסטו גערעדט מיט מישען?

ג ר י ג א ָר י. ביסט דאָך געווען דאָ.

ע מ י ל י ע. וואָס טוסטו מיט אים? ווי שעמסטו זיך ניט פאר ז י ך?

ג ר י ג א ָר י. וועגן וואָס, אייגנטלעך, רעדסטו?

ע מ י ל י ע. דו ווייסט אליין.

ג ר י ג א ָר י. עמיליע, מישע איז דאָך נאָר א צובונד... ניט וועגן דעם ווילסטו מיט מיר ריידן...

ע מ י ל י ע. וועגן אלץ איז שוין לאנג אָפּגערעדט.

ג ר י ג א ָר י. ניין. ניט וועגן אלץ... איך האָב דיר געוואָלט זאָגן... א זאך, וואָס איז זייער וויכטיק פאר מיר, פאר דיר און נאָך פאר עמעצן.

ע מ י ל י ע. מע דארף ניט... מע דארף ניט... איך בעט דיך... דערצייל ניט... מיר זײַנען פרעמדע מענטשן, וועלכע לעבן אונטער איין דאך. אָבער מיט מישען וואָס טוסטו? אָפּנארן קאָן מען נאָר איין מאָל... מער וועט ער קיינמאָל קיינעם ניט גלייבן...

ג ר י ג אָ ר י. ער האָט מיר דאָך אליין פאָרגעלייגט.

ע מ י ל י ע. מישע איז ריין, ליכטיק, ווי א קינד. פון דיר איז אף אים געפאלן דער ערשטער שאָטן.

גריגאָרי כאפּט דעם פּראָיעקט און צערײַסט אים אף דער העלפט.

ווער האָט דיר געגעבן רעכט? ער איז ניט דײַנער!

ג ר י ג אָ ר י. קיינעם ניט! (און צערײַסט נאָכאמאָל.)

ע מ י ל י ע (בייגט זיך אָן. הייבט אוף דעם צעריסענעם פּראָיעקט, גייט צו צו גריגאָרין און זאָגט שטיל, מיט פארדראָס). וואָס האָסטו געטאָן, גריגאָרי?!

ג ר י ג אָ ר י. אויסגעטאָן דעם שטיין פון האלדז, עמיליע...

פאָרהאנג

פערטער אקט

דאָס ערשטע בילד

דער זעלבער צימער. א ר נ אָ ל ד און ג ר י ג אָ ר י. גריגאָרי באַם ארבעט־טיש, פארגלײַכט דעם צעריסענעם פּראָיעקט מיטן נײַעם. ארנאָלד — באַ עמיליעס פּאָרטרעט.

א ר נ אָ ל ד. דער גרויסער ראפאעל האָט פארן טויט געמאָלט זײַן אייגענעם פּאָרטרעט. דער מאלכאמאָוועס, וואָס איז געקומען צונעמען באַ אים די נעשאָמע, אז ער האָט דערזען, מיט וואָס פאר א ברען דער גרויסער ראפאעל ארבעט, — האָט אפילע באַ אים, באַם מאלכאמאָוועס, ניט געסטײַעט קיין מוט צו שטערן. איז ער געבליבן שטיין און ווארטן, ביז יענער וועט ענדיקן. אַף וואָס צו פארקוקן זיך באַ ראפאעלן אין צימער, איז געווען, מע זאָל זײַן אפילע מיט טויזנט אויגן, ווי דער מאלכאמאָוועס איז. שטייט ער פונווײַטן און קוקט און קאָן זיך זאט ניט אָנקוקן. אז ראפאעל האָט פארענדיקט, איז דער מאלכאמאָוועס צוגעלאָפן צו זײַן קאָרבן און איז שיר ניט אומגעפאלן פאר שרעק: פאר אים זײַנען געשטאנען צוויי ראפאעלס, און ווער פון זיי איז דער עכטער, ווייסט ער ניט. צום אלעם ערשטן האָט ער זיך א לאָז געטאָן צו דעם, וואָס אפן בילד. ווײַל דער, וואָס אפן בילד, איז געווען לעבעדיקער פון דעם לעבעדיקן. האָט אים אָבער ראפאעל פארצוימט דעם וועג: פעטערל, זאָגט ער מיט א שמייכל, איר וועט שוין מוזן נעמען די נעשאָמע באַ מיר, ווײַל יענער איז אומשטערבלעך...

גריגאָרי. א ווונדערלעכע מייַסע, אקעגן וואָס אָבער דערציילט איר עס?

ארנאָלד. אקעגן דעם, וואָס נאָר עמעסע גרויסע קינסטלער זייַנען אומשטערבלעך.

גריגאָרי. זעט איר, און איך האָב פון דעם אָפּגעלערנט גאָר אַן אנדער זאַך. גאָר אַן אנדער מוסער־האסקל ארויסגענומען, פאַר זיך.

ארנאָלד. וואָס? אז אף ראפאעלן איז אפילע דער מאלכאמאָוועס א מייוון?

גריגאָרי. ניין, אז צו דעם, וואָס גיט זיך אָפּ דער ארבעט זייַנער מיט לייַב־און־לעבן, קאָן אפילע דער מאלכאמאָוועס ניט צושטיין. דעריבער איז ניט נאָר ראפאעל, נאָר איר אויך, ווען אייַער ארבעט, ווען אייַער קונסט וועט כאָטש אין איין הארץ (ער באַווייַזט אף זיך), אין הארצן פון א געוויינלעכן מענטשן אופוועקן א געפיל פון ליבע צו דעם, וואָס ער טוט, מאכן אים נאָענט און טייַער דאָס, מיט וואָס ער איז פארנומען פון פרי ביז שפעט, מאכן אים קלאָר, אז זייַן טאָגטעגלעכע ארבעט איז דער טאָך פון זייַן לעבן און דער קוואל פון זייַן אומשטערבלעכקייַט, — אָט דעמאָלט וועט איר וויסן, אז געלעבט אף דער וועלט האָט איר ניט אומזיסט. (ער כאפט פון טיש דעם פראָיעקט און הייבט אים אוף אין דער הייך.) איר זעט? אָט דאָס זעט איר? איך האָב אף דעם געארבעט טעג און נעכט, כאדאָשים־לאנג, צעריסן און נאָכאמאָל אופגעשטעלט, און דער נאָמען מייַנער וועט אף אים אופגעשריבן ניט זייַן...

ארנאָלד. נו, און אין דעם האָט איר שוין געפונען אייַער אייבי־קייַט?

גריגאָרי (ווייַזט אפּן פּראָיעקט). אין דעם! מייַן מארך, מייַן בלוט לעבט דאָ... אָן מיר וואָלט עס עפשער ניט געווען. און אזוי איז דאָך מיט אלע אזוינע, ווי איך... ווי קליין און באַשיידן די ארבעט זייערע זאָל ניט זייַן.

ארנאָלד. און ווער האָט זיי אמאָל אָנגערופן גראָז, וואָס דער ווינט וואַרפט אין אלע זייַטן?

גריגאָרי. און קאָן מיטן גראָז גאָרניט מאכן...

עמיליע קומט אָן אף די לעצטע ווערטער — א שמייכלענדיקע, א מונטערע, ווי נאָך קיינמאָל ניט. אין האנט בא איר א בוקעט בלומען.

(דערזעט זי) בלומען?

ע מ י ל י ע. יאָ. דעם קינסטלער אַרנאָלד בענעדיקטאָוויטשן... בלומען אפֿן וועג פֿון זײַן אומשטערבלעכקײַט. (זי באַווײַזט אפֿן פּאָרטרעט.)

ארנאָלד גייט איר אנטקעגן א צופרידענער.

ג ר י ג א ָר י. איך ווינטש דיר, זאָלסט אלעמאָל זײַן גליקלעך אזוי ווי איצט... (גייט ארויס.)

ע מ י ל י ע (אָפּגעבנדיק די קווייטן אַרנאָלדן און ארויסציִענדיק איין קווייט פֿאַר זיך). דאָס קומט דיר פֿון מיר — פֿארן בילד, און דאָס נעם איך זיך.

א ר נ א ָל ד. אזוי ווייניק?

ע מ י ל י ע. אָ, זייער א סאך, ארנאָלד, פּונקט אזא קווייט האָט בא מיר נאָרוואָס ארויסגעצויגן א קינד, וואָס איז געזעסן בא זײַן מוטער אף די הענט... א גליקלעך קינד...

א ר נ א ָל ד. א נאַריש קינד...

ע מ י ל י ע. וואָס איז שוין ווידער, ארנאָלד?

א ר נ א ָל ד. גאָרניט. קום, מיר וועלן ארבעטן... נאָך איין קנייטשעלע בא די ליפּן און אין די אויגן... מער... סינע, מער באהאלטענע שרעק פֿאַר דער וועלט, — אָט דעמאָלט ערשט וועט זײַן פֿארענדיקט. דעמאָלט וועט בלײַבן פֿאַרייביקט דער צאַר פֿון א מוטער, ווען זי פֿארלירט איר קינד.

ע מ י ל י ע. און די פֿרייד פֿון א מוטער, וואָס האָט ווידער דערפֿילט אין לײַב א לעבעדיק קינד... וואָלסטו געקאָנט פֿאַרייביקן, ארנאָלד?

ארנאָלד ענטפֿערט ניט.

וואָס זשע שווײַגסטו, ארנאָלד? שוין זשע וואָלט דיך ניט געפֿרייט, ווען דײַן עמיליע ווערט א מוטער...

א ר נ א ָל ד. די דאָזיקע פֿרייד דויערט ניט לאַנג — איך וואָלט ניט באַוויזן... עמיליע, איך דערקען ניט די אויגן דײַנע. עמיליע, ניט אזעלכע האָב איך זיי הײַנט געוואָלט זען. איך בין געקומען פֿאַרענדיקן דעם פּאָרטרעט...

ע מ י ל י ע (אויסער־זיך). און אכוץ דער שרעק אין מײַנע אויגן האָסטו דאָ גאָרניט געדאַרפֿט?

א ר נ א ָל ד. איך דאַרף דיך, עמיליע.

ע מ י ל י ע. ניט מיך — מײַן אומגליק האָסטו געדאַרפֿט!

א ר נ א ָל ד. דיך! דיך!

עמיליע (דערשראָקן). און מײַנס אַ קינד?!

אַרנאָלד. עס װאָלט פֿאַרשטעלט מיך, פֿאַרנומען מײַן אָרט, און איך מײַן אָרט װיל נאָך קײנעם ניט אָפּטרעטן, קײנעם אױף דער װעלט ניט, אַפֿילו מײַן אײגן קינד...

עמיליע. עס װאָלט דיך ניט פֿאַרשטעלט, אַרנאָלד.

אַרנאָלד. איך האָב מורא, עס װאָלט מיר געװאָרן טײַערער פֿון דעם. (באַװײַזט אױפֿן פּאָרטרעט.)

עמיליע. װאָלסטו כאָטש געװוּסט, צוליב װעמען דו װערסט אַלט בײַ דער אַרבעט.

אַרנאָלד. עמיליע! אַז איך אַרבעט, בין איך יונג... בײַ דער אַרבעט קאָן איך נאָך אַלײן װײנען און פֿרײען זיך, װי אַ קינד... אַזאַ, װי איך, טאָר ניט זײַן קײן פֿאָטער.

עמיליע. און אַז דיך װעט אױפֿהערן פֿרײען דאָס, װאָס דו טוסט?

אַרנאָלד. דעמאָלט דאַרף איך אַװאַדע און אַװאַדע קײנעם ניט...

עמיליע. מיך אױך ניט?

אַרנאָלד. דיך און מער קײנעם ניט.

עמיליע. איך און דאָס קינד װאָלטן געװען אײנס.

אַרנאָלד. עס װאָלט אונדז צעשײדט.

עמיליע (שרײַט אױס). װאָס האָסטו געזאָגט, אַרנאָלד? פֿון פּײַער בין איך אַנטלאָפֿן צו דיר, און דו װײַזט מיר איצט דעם װעג צום װאַסער...

אַרנאָלד. װאָס רעדסטו, עמיליע! איך האָב נאָר געמײנט...

עמיליע (אין פֿאַרצװײפֿלונג). דו האָסט געזאָגט!

ארנאָלד גײט צו צו איר. עמיליע װענדט אים אָפּ פֿון זיך.

אַרנאָלד. קום! קום! איך װעל אַרבעטן... װידער זע איך יענע אױגן... יענע! נאָר מיט נאָך מער שרעק אין זײ — די ערד װעט אַ ציטער טאָן פֿון אָט די אױגן!..

עמיליע (שרײַט אױס). אַרנאָלד! אַרנאָלד! װעגן װאָס טראַכסטו, פֿאַרצײַענדיק מיר דעם שלײף אױפֿן האַלדז.

אַרנאָלד (טרוקן, כּמעט אַכזאָריעסדיק). איך טראַכט, אַז דעם קינד־סטלערס גורל איז שװער פֿאַר אים און אומדערטרעגלעך פֿאַר אַנדערע. אַז מײַן מוטער איז געלעגן אױפֿן טױטן בעט, בין איך אױך געשטאַנען, גע־קוקט און געפּײַניקט זיך: מיט װעלכע פֿאַרבן װאָלט מען געקאָנט...

עמיליע. דאָס איז געװען דער ערשטער טױט, װאָס דו האָסט געזען?

א ר נ אָ ל ד. יאָ.

ע מ י ל י ע. ווילסטו זען דעם צווייטן? עפשער וועסטו איצט געפינען פארבן...

א ר נ אָ ל ד. ביסט מיר טײַער, ווי מײַן לעבן.

ע מ י ל י ע. שווער!

א ר נ אָ ל ד. בא וואָס?

ע מ י ל י ע. בא דעם! (ווײַזט אפן פּאָרטרעט.)

ארנאָלד פארנייגט דעם קאָפּ אף „יאָ".

אויב אזוי, איז דאָס דיר אויך ניט טײַער...

(זי כאפּט פון בענקל א בערשטל מיט פארב און שטעלט אוועק א צײלעם איבערן גאנצן פּאָרטרעט.)

א ר נ אָ ל ד (בלײַבט דערשטוינט). וואָס האָסטו געטאָן, עמיליע?

ע מ י ל י ע (דערשראָקן, נאָר גלײַכגילטיק). גאָרניט... אויסגעמעקט זיך און דיך...

א ר נ אָ ל ד (לויפט צו צום פּאָרטרעט און כאפּט זיך פארן קאָפּ. ער וויל א קוק טאָן און פארמאכט פאר שרעק די אויגן). דו ווייסט, וואָס דו האָסט געטאָן מיט מיר?!

ע מ י ל י ע. דאָס, וואָס דו האָסט געטאָן מיט מיר און געוואָלט טאָן מיט דײַן קינד, וואָס איז ניטאָ אף דער וועלט און וועט קיינמאָל ניט זײַן...

ארנאָלד קערט זיך אויס צום פענצטער.

(גייט צו צו אים.) איצט בין איך רויק... איצט קאָן איך אלץ באנעמען, פארשטיין... איצט קאָן איך דיר זאָגן, אז איך האָב דיך קיינמאָל ניט ליב געהאט...

א ר נ אָ ל ד. עמיליע!

ע מ י ל י ע. אזוי ווי איצטער... און ווייסטו, פארוואָס? ווײַל איצט קלאפּט בא דיר דאָ א לעבעדיק הארץ, וואָס טוט דיר ווײ... פאר יענעם אויך א ביסל... איצט — האָבן מיר זיך מיט דיר אויסגעגלײַכט.

ארנאָלד ענטפערט גאָרניט. ער טוט אָן דעם מאנטל און לאָזט זיך צום ארויסגאנג.

ארנאָלד, דו ווילסט מיר ניט ווינטשן קיין גוטע נאכט?

א ר נ אָ ל ד (בא דער שוועל). אין א שטוב, וווּ עס ליגט א מעס, קומט

מען אריַין אָן א גוטן מאָרגן און מע גייט ארויס אָן א גוטע נאכט. (ער גייט ארויס.)

ע מ י ל י ע (בליַיבט שטיין. זי קוקט אים נאָך מיט ברייט־צעעפנטע אויגן). **א גוטע נאכט... ארנאָלד...** (אין א ווײַלע ארום נעמט זי א פאפיר און דעקט איבער דעם פּאָרטרעט. א קלונג אין טיר. זי ציטערט אוף. זי גייט עפענען.)

עס קומט אריַין ב ר אָ כ ע.

ב ר אָ כ ע (טוט אַף איר א קוק מיט שרעק און מיט כשאד). **עמיליע, וואָס ביסטו אזוי בלייך? אָן א טראָפּן בלוט אין פּאָנעם... וואָס האָט דאָ געטראָפן?**

עמיליע ענטפערט ניט.

א מאמעס הארץ ווייסט אלץ...

עמיליע שוויַיגט.

וואָס שוויַיגסטו?

ע מ י ל י ע (וויַיזט מיטן קאָפּ אַף „ניין"). **דו ווייסט גאָרניט...**

זי נעמט בראָכען בא דער האנט, פירט זי צו צום פּאָרטרעט און דעקט אָפּ דאָס פאפיר.

ב ר אָ כ ע (דערשראָקן). **ער?!**

ע מ י ל י ע. מאמע!

ב ר אָ כ ע. ניט אנטלויפן פון אים, נאָר שטיין הינטער דיַינע אקסלען. היטן דיך, ווי דאָס אויג פון קאָפּ... אָט וואָס איך וואָלט געדארפט טאָן, ווען איך בין דיר א מאמע!..

ע מ י ל י ע. וואָס איז דיַין הארץ, מאמע, פון א שטיין?

ב ר אָ כ ע. פארוואָס איז מיַין הארץ פריִער ניט געוואָרן קיין שטיין! אפן שוועל באדארפט זיך לייגן... סיַידן אריבער מיר וואָלט ער אריבער־געטראָטן...

ע מ י ל י ע. וואָס זשע?

ב ר אָ כ ע. זאָל דוכטן, א כאָלעם... אף פוסטע וועלדער...

ע מ י ל י ע. וואָס טוט מען, מאמע, אז ס'איז ניט קיין כאָלעם. מיט מיַין אומגליק האָט ער זיך געשפּילט. געשפּיגלט זיך אין אים...

בראָכע. קיין געדעכעניש זאָל פון אים ניט בלײַבן... נאָר ווײַטער זײַן דאָ — ניט דו קאָנסט און ניט דו טאָרסט. דאָס פאַרשטיי איך שוין אויך.

עמיליע. אַלץ וועל איך אַרופֿוואַרפֿן אויף די אייגענע פּלייצעס. (זי טוט זיך אָן.)

בראָכע (שטרענג). וווּהין? וועסט ערגעץ ניט גיין.

עמיליע. מאַמע! לאָז מיך, איך מוז איצט בלײַבן כאָטש אַ שאָ צײַט איין־אַליין.

בראָכע. זיץ! איך וועל אַוועקגיין.

עמיליע. וווּהין וועסטו גיין? באַלד וועט קומען גריגאָרי, איך קאָן זיך מיט אים ניט באַגעגענען.

בראָכע. גיי אַרײַן צו זיך, פֿאַרשפּאַר זיך, פֿאַרשליס די טיר...

עמיליע. איך האָב מוירע, מאַמע, איך זאָל זי דערנאָך שוין מער קיינמאָל ניט עפֿענען...

בראָכע. איך וועל זײַן מיט דיר.

עמיליע (שטויסט זי אָפּ). לאָז מיך!.. (און גייט האַסטיק אַרויס.)

בראָכע (טוט זיך פֿריִער אַ יאָג נאָך איר און בלײַבט שטיין מיט אונטערגעהאַקטע קני). וווּהין?.. וווּהין?..

א געדריקטע שטילקײַט. דורך דער אָפֿענער טיר באַווײַזט זיך האַנקע. בראָכע זעט זי ניט.

האַנקע. בראָכע...

בראָכע. אַ קלאָלע בין איך. (דערזעט זי.) האַנקע, האָסט קיינעם ניט באַגעגנט?

האַנקע. עמיליאַ איסאַקאָווגען... זי איז אַזוי געלאָפֿן, אַז איך האָב זיך פֿאַר איר דערשראָקן... איך האָב איר געזאָגט גוטן אָוונט, האָט זי זיך געמאַכט ניט זעענדיק...

בראָכע. און דו האָסט זי געלאָזן איין־אַליין?!..

האַנקע. איך בין גלײַך פֿאַרלאָפֿן אַהער, געמיינט, עפּעס האָט מיט אײַך געטראָפֿן.

בראָכע (מיט אַ ביטער שמייכעלע). מיט מיר?.. בלײַב אַ ווײַלע אין שטוב, האַנקע, איך וועל לויפֿן זען... (אָפּ.)

האַנקע. וווּהין וועט איר לויפֿן?

עס עפנט זיך די טיר, און עס קומט אַרײַן גריגאָרי.

גריגאָרי (צו האַנקען). אָ, אַ גאַסט...

האַנקע. גריגאָרי אַרקאַדיעוויטש... איך בין געקומען זאָגן...

גריגאָרי. אַז מאָרגן קלײַבט איר זיך פֿאַרשרײַבן מיט מישען?

האַנקע. יאָ. מאָרגן איז בײַ אונדז ביידן אַ פֿרײַער טאָג. איר, גרי־גאָרי אַרקאַדיעוויטש, אַרבעט מאָרגן?..

גריגאָרי. ווען אַרבעטן מיר ניט? זאָגט מיר בעסער, ווי געפֿעלט אײַך מישעס נײַער צימער... איך מיין, דערווײַל וועט אײַך איין צימער זײַן גענוג.

האַנקע. אַ דאַנק אײַך, גריגאָרי אַרקאַדיעוויטש... ווען ניט איר...

גריגאָרי. דערפֿאַר זאָלט איר צוריקוועגס פֿאַרגיין צו מיר...

האַנקע. אויף זאַוואָד?

גריגאָרי. אַהער, ניין, ניט צוריקוועגס. בעסער, אַהינצו גייענדיק.

בראָכע קומט אַרײַן.

(צו האַנקען). איך וויל אײַך בענטשן, איידער איר טרעט אַרויף אויף דעם וועג...

בראָכע. ווינטש זיי, אַז אויב, כאָלילע, אַן אומגליק, זאָלן זיי עס טראָגן זאַלבעצווייט, וועט זיי ביידן זײַן גרינגער.

גריגאָרי (גייט צו צו איר). מאַמע!

בראָכע. איך בין דיר נאָך אַלץ אַ מאַמע, גריגאָרי?..

גריגאָרי. ווו איז עמיליע?

בראָכע (ווײַזט אים מיט דער האַנט אויף פּאָרטרעט). גיי זע... דעם קורבן...

גריגאָרי (גייט צו, דעקט אָפּ דעם פּאָרטרעט און טרעט גלײַך אָפּ צוריק). ווער האָט עס געטאָן?

בראָכע. זי!

גריגאָרי. זי?!

בראָכע. אָוועקגעלאָפֿן... די אויגן אירע זאָלן ניט זען...

גריגאָרי באַם פּאָרטרעט. אַ דויערנדיקע שטילקײַט. ער גייט צו צום טעלעפֿאָן. הייבט אויף דאָס טרײַבל. לייגט אַוועק צוריק און גייט האַסטיק אַרויס פֿון צימער. שטיל. האַנקע גייט צו צום פּאָרטרעט און טוט זיך אַ כאַפּ מיט ביידע הענט פֿאַרן קאָפּ.

האַנקע...

האנקע. וואָס איז, בראָכע?

בראָכע. און וואָס, אויב... כאָלילע...

האנקע. זי וועט קומען... אָט וועט איר זען. זי וועט באלד קומען...

בראָכע. האלעווײַ...

האנקע. וווהין וועט זי גיין?

בראָכע. איך ווייס? אז די צאָרעס לויפן נאָך, אנטלויפט מען, ווו די אויגן טראָגן...

א קלונג אין טיר.

(לויפט עפענען, פון הינטערן טיר דערהערט זיך א פארצווייפלט אויס־געשריי.) טאָכטער, וווהין ביסטו פון מיר אוועק?!..

עמיליע קומט ארײַן, און נאָך איר — בראָכע.

(ווי זי וואָלט פאָרגעזעצט איר פראגע.) וווהין?

עמיליע (צו האנקען, גלײַכגילטיק). ביסט שוין לאנג דאָ?

האנקע. יאָ.

עמיליע. גריגאָרי ארקאדיעוויטש איז געווען?

האנקע. געווען.

בראָכע גייט ארויס אין קיך און, אין דער זעלבער צײַט, וואָס זי קומט צוריק מיט עסנווארג אף א טעלער, גייט ארויס עמיליע מיט א פארפאקטן טשעמאָדאַן.

עמיליע. איצט וועט זיך שוין דער פאס מער ניט איבערײַסן.

בראָכע. עמיליע!

עמיליע. איך פאָר אוועק, מאמע...

בראָכע. ווען?

עמיליע. הײַנט. באלד.

בראָכע. וווהין? נאָך וואָס?

עמיליע. נאָך אלץ... א נײַ אָרט, א נײַ לעבן, א נײַע וועלט.

בראָכע. מיינסט, אין אן אנדער שטאָט זײַנען די מענטשן אנדערע? די זעלבע וועלט אומעטום.

עמיליע. איך בין אָבער, מאמע, ניט די זעלבע... שוין ניט די עמי־ליע, פאר וועלכער עמעצער האָט אלץ געטאָן, געזאָרגט, געטראכט פאר איר... דו, מאמע, האָסט דאָך אפילע מײַן קינד געהאָדעוועט... גענוג, איך

בין שוין אויסגעוואקסן! ווער בין איך געווען? דיר — א טאָכטער, גריי־גאָרין — א מוטער פאַר זײַן קינד, ארנאָלדן — א מאָדעל פאַר זײַן אומ־שטערבלעכקייט... איך בין דאָך אליין אויך א מענטש, מאמע. ווער האָט זיך וועגן דעם פאַרטראַכט? (פּאוזע.) בלוט האָט מיך געקאָסט און וועט עפּשער קאָסטן נאָך, נאָר אויסגעניכטערט האָב איך זיך, אופגעכאַפּט זיך, ווי פון א שווערן שלאָף.

ב ר אָ כ ע. וואָס וועסטו אָבער טאָן? אַף וועמען וועסטו זיך אָנשפּאַרן?

ע מ י ל י ע. אַף זיך, מאמע. בא א ו נ ד ז ווערט קיינער ניט פאַרפאַלן...

ב ר אָ כ ע. און איך?

ע מ י ל י ע. וועסט אויך געפינען אן אָרט, ווו דו וועסט ניט זײַן איבע־ריק... וועסט גיין דערווײַל צו דײַן ברודערס טאָכטער... דערנאָך וועסטו זײַן ווידער מיט מיר.

ב ר אָ כ ע גייט ארויס פון צימער.

(גייט צו צו גריגאָריס ארבעט־טיש, לייגט אוועק דעם בריוו, וואָס זי האָט אופגעקלעפּט.) דאָס איז דײַנס — זאָל עס בלײַבן דאָ. ד ײַ נ ס דאַרף איך גאָרניט... (זי לייגט ארוף די האנט אפן הארצן.) גענוג פאַר מיר דער ווייטעק, וואָס איך פיר אוועק מיט זיך אָט דאָ... (זי גרייט זיך צו צום וועג, נאָכדעם שטעלט זי זיך אוועק אף א שטול, רירט זיך קוים צו מיט די ליפּן צום קינדס פּאָרטרעט, וואָס הענגט אף דער וואנט, און בלײַבט אזוי שטיין פאַרגליווערט, דער קאָפּ אָנגעשפּארט צום בילד. שטיל. נאָר די אקסלען ציטערן בא איר...)

ג ר י ג אָ ר י (קומט אָן און בלײַבט שטיין אפן שוועל). וואָס איז דאָ פּאָרגעקומען? איך בעט דיך, דערצייל, עמיליע.

ע מ י ל י ע. איך פאָר אוועק, גרישע. איך האָב אזוי אויך א סאך פאַר־שפּעטיקט... זײַ געזונט.

ג ר י ג אָ ר י (באוויַזט אפן איבערגעמעקטן פּאָרטרעט). און וואָס איז דאָס, עמיליע?

ע מ י ל י ע. פרעג ניט, גרישע. איך ווינטש דיר פון טיפן הארצן, דײַן קינד זאָל זײַן גליקלעכער פון דיר און פון מיר...

ג ר י ג אָ ר י (דערשטוינט). עמיליע!

פאָרהאנג

דאָס צווייטע בילד

דער זעלבער קאַבינעט. ב ר אָ כ ע און ק א ט י ע. בראָכע קלײַבט זיך אוועקגיין.

ב ר אָ כ ע. הערט זיך ניט אײַן, — דאָס האָט זיך בא מיר ניט ווילנדיק ארויסגעריסן... מע איז דאָך ניט מער ווי א מענטש... ווײַל דעם עמעס גערעדט, פאַרדריסט שוין אפילע מיך אויך ניט... וואָס עס האָט ג ע ז אָ ל ט זײַן, מ ו ז זײַן... אײַ, פריִער? פריִער איז ער געווען מײַנער, אָבער איצטער? וואָס פארא טײַנעס קאָן א י ך האָבן צו אים, אז זי, עמיליע מײַנע, האָט צו אים גאָרניט: ערשט איצט, זאָגט זי, האָבן זיך בא איר די אויגן געעפנט... און ווער ווייסט? עפשער איז זי גערעכט? עפשער איז טאקע גלײַכער אזוי... איר אָרט איז לעבן ווער זי געפינען... (אָפּ).

ק א ט י ע. קיינמאָל איז מיר נאָך ניט געווען אזוי שווער, ווי איצט... ווי איך וואָלט געשטאַנען פאר דער שוועל פון גליק און זי ניט געטאָרט אריבערטרעטן. (זי שטייט אוף און לאָזט זיך גיין צו דער טיר. בלײַבט שטיין א רעגע און גייט האסטיק ארויס.)

א קורצע ווײַלע איז דער צימער ליידיק. צוויי שטימען. עס קערן זיך אום ק א ט י ע און ג ר י ג אָ ר י.

ג ר י ג אָ ר י. ניין, קאטיע, פארקערט, אזוי, גוט, וואָס דו ביסט איצט געקומען, זיץ, קאטיע... איך האָב דיך שוין אזוי לאנג ניט געזען... לאָמיך זיך אָנקוקן אף דיר.

ק א ט י ע. אזוי שטארק האָסטו זיך פארבענקט? האָסט דאָך געקאָנט אָנשרײַבן א בריוו. זעסטו, גראָד איצט האָב איך געווארט. איך האָב שטארק געוואָלט וויסן, וויאזוי דו וועסט זיך ארויספּלאָנטערן פונעם פּראָיעקט. דו ווייסט גאָר אליין ניט, ווי טיף דאָס האָט געטראָפן מ י ך. איך האָב דעם קאָפּ ניט געקאָנט אופהייבן... וואָס זשע שווײַגסטו? זאָג, ניט אומזיסט בין איך אהער געקומען?

ג ר י ג אָ ר י. ניין, געקומען ביסטו ניט אומזיסט. אומזיסט האָב איך דיר פארשאפט אזויפיל צאר, אומזיסט האָב איך פ ו ן ד י ר באהאלטן אזוינס, וואָס באהאלטן האָב איך ניט געטאָרט.

ק א ט י ע (רירט זיך צו צו זײַן פּאָנעם זייער צארט). גריגאָרי, דו האָסט זיך פאר דער צײַט שטארק געענדערט.

ג ר י ג אָ ר י. זינט דו ביסט דעמאָלט אוועק, בין איך עלטער געוואָרן אף צען יאָר.

ק א ט י ע. און עפּשער ייִנגער?

ג ר י ג אָ ר י. גערעכט. אויב איך קאָן הײַנט קוקן דיר אין די אויגן און ריידן, ווי א גלײַכער מיט א גלײַכן, בין איך געוואָרן א סאך ייִנגער. דו ווייסט, וויִאזוי איך האָב זיך געפילט באם פאַרענדיקן דעם פּראָיעקט? ווי א דאָקטער, וואָס איז גליקלעך, וואָס ע ר האָט אונטערגעלייגט די הענט באם אראָפּברענגען אף דער וועלט א נײַ לעבן.

ק א ט י ע. און עפּשער ווי א מוטער, וואָס ליגט שוין א רויִקע, א גליקלעכע, א באַפרײַטע, מיט די הענט אהינטערן קאָפּ און מיט פײַכטע, ברייט צעעפנטע אויגן?..

ג ר י ג אָ ר י. ווער ווייסט אָבער, וועגן וואָס זי טראַכט דעמאָלט...

ק א ט י ע. זי טראַכט, אז א י צ ט וועט זי דעם מאַן גאָרניט דערציילן... אפילע... אז זי האָט אף זיך געבעטן דעם טויט... דאָס איז א י ר סאָד... אים וועט זי נאָר א שמייכל טאָן.

ג ר י ג אָ ר י. אָך, קאַטיע! דו ווייסט גאָר־ניט, וואָס א שמייכל פון א פרײַנט קאָן אמאָל אופטאָן... א מענטשן, וואָס האָט אינגאנצן פארלאָרן דעם מוט און די האָפענונג, קאָן א שמייכל דערמונטערן, ארײַנגעבן אין די ה ע נ ט קראַפט און אין הארצן גלויבן און ווילן צו לעבן און צו ארבעטן. אזא שמייכל, קאַטיע, איז אומשטערבלעך... אין אלץ, וואָס דער מענטש טוט דערנאָך, לעבט דער שמייכל. מיך אומגעקערט צום לעבן האָסטו... פאר מיר ב י ס ט ו געווען דער שמייכל. אָבער פונוואַנען ווייסטו, וועגן וואָס טראַכט א מוטער? ביסט דאָך קיינמאָל קיין מוטער ניט געווען...

ק א ט י ע. וועל איך זײַן! (און פאלט צו צו גריגאָרין.)

ג ר י ג אָ ר י. קאַטיע!

ק א ט י ע. ניין! פריִער זאָג, צי ביסטו גליקלעך?

ג ר י ג אָ ר י. זאָגן קאָן איך גאָר־ניט...

ק א ט י ע (דערשראָקן). פארוואָס?

ג ר י ג אָ ר י. ווײַל איך בין גליקלעך. (פּאוזע. און פּלוצעם.) און דזשוריעטע?

ק א ט י ע. איך! איך! מע האָט אָפּגעלייגט די פאָרשטעלונג! גריגאָרי, צוליב מיר... צוליב אים... (זייער צאַרט.) און איין ביסעלע צוליב דיר... זאָג, ביסט שטאָלץ מיט מיר?

גריגאָרי באַווײַזט נאָר מיטן קאָפּ אַף „יאָ".

ווייסט אָבער, א וועלכעס דאַרף זײַן מײַן קינד! אזא, וואָס זאָל ווערט זײַן...

גריגאָרי (א קוש טוענדיק אירע הענט). די הענט, וואָס וועלן עס דערצײַען...

קאַטיע. די ערד, אַף וועלכער עס וועט געבאָרן ווערן.

עס דערהערט זיך א קלאַפּ אין טיר. עס קומען אַן: **מישע** און **האַנקע.** דערזעענדיק קאַטיען, בלײַבן זיי שטיין אין א פאַרלעגנהײַט.

גריגאָרי. גייט אַרײַן, גייט אַרײַן, קינדער. זײַט באַקאַנט.

זיי באַקענען זיך.

קאַטיע. אָך, פאַרזעסן זיך! בא אײַך איז הײַנט א פרײַער טאָג. איך וועל ערשט פרײַ זײַן מאָרגן... א גאַנצע פאָרשטעלונג אָפּגעלייגט צוליב מיר, נאָר איך אַף א רעפּעטיציע האָב נאָך קיין איין מאָל ניט פאַרשפּעטיקט. (זי קלײַבט זיך גיין.)

גריגאָרי (צו קאַטיען). עפּשער וואָלסטו פאָרט געבליבן, כאָטש עטלעכע מינוט, צוליב אזא וויכטיקער זאַך...

קאַטיע. מיט פאַרגעניגן, נאָר איך קאָן ניט... זיי וועלן מיר אַנטשולדיקן... די אַרבעט — פרײַער פאַר אַלץ. זײַט געזונט און גליקלעך! (זי געזעגנט זיך און גייט אַרויס).

נאָך איר גייט אַרויס **גריגאָרי.** מישע און האַנקע קוקן זיך איבער.

גריגאָרי (קערט זיך אום צוריק). נו, וואָס, קינדער, גייט איר, הייסט עס, טאַקע הײַנט...

ביידע (מיטאַמאָל). יאָ.

מישע. האַנקע האָט געזאָגט, אַז איר האָט געבעטן אַרײַנגיין פריער, איידער...

גריגאָרי. יאָ, איך האָב געבעטן. אַמאָל בא ייִדן אַף א כאַסענע פלעגט מען דעם כאָסן געבן דראָשע־געשאַנק. א שיינער מינהעג געווען, האָב איך אַף דײַן כאַסענע אויך געוואָלט געבן דיר א מאַטאָנע... (ער גייט און ברענגט א צונויפגעוויקלטן פּראָיעקט.) און דאָס האָסטו פון מיר דראָשע־געשאַנק.

מישע. גריגאָרי אַרקאַדיעוויטש (ער וויל פאַנאַנדערוויקלען.)

גריגאָרי. קוק ניט, מישענקע, דאָס איז דײַנס... איך שענק דיר דײַן אייגענעם פּראָיעקט.

מישע. מײַנעם? איר האָט דאָך אױף אים געאַרבעט...

גריגאָרי. א צײַט האָט מיר געדאכט, אז ער איז מײַנער, נאָר אז דו, מישע, ביסט געקומען און געזאָגט, אז דו ווילסט מיר אים שענקען, האָב איך פארשטאַנען, אז פריִער פאר אַלץ איז ער דײַנער, ווײַל ווען עס וואָלט געווען פאַרקערט, וואָלט איך — דיר אים ניט געשענקט. (שטיל. א לאַנגדויערנדיקע פּאַוזע.) און אז אײנמאָל אין א שווערער מינוט האָב איך אים צעריסן, ווייסטו?

האַנקע. מישעס פּראָיעקט?

גריגאָרי. צעריסן האָב איך אים אין א מינוט, ווען איך האָב שוין ניט געוווּסט, וועמעס ער איז...

מישע. גריגאָרי אַרקאַדיעוויטש, באַ אונדז, אז א פּראָיעקט איז פאַר־טיק, איז שווער צו זאָגן, וועמעס ער איז — מײַנער, אײַערער — אונד־זערער... — אַלעמענס! דער, וואָס וועט דער ערשטער זיך אופהייבן אויספּרוּוון אונדזער מאַשין, וועט ניט זאָגן, אז זי איז זײַנע? און טאָמער אַן אומגליק — דאָס גאַנצע לאַנד גייט דאָך דאַן כאַדאַראָם.

גריגאָרי (כאַפּט אים אַרום, צעקושט זיך מיט אים, און ניט אָפּלאָזנ־דיק אים פון זיך, ווענדט ער זיך צו האַנקען). און איר, האַנקע, זאָגט מיר צו: לעבן זאָלט איר אים ניט לאָזן — פיזיק, כימיע, מאַטעמאַטיק... אַנדערש וועט ער עדיסאָנען ניט איבעריאָגן...

מישע (באַפרײַענדיק זיך). כאָטש ווי־עס־איז דעריאָגן...

האַנקע. גריגאָרי אַרקאַדיעוויטש, וואָס־וואָס, נאָר דאָס זאָג איך אײַך צו — ניט לאָזן לעבן דאָס קאָן איך.

גריגאָרי (צו מישען). נו וואָס זשע נעמסטו ניט דעם פּראָיעקט?

מישע. איך? גריגאָרי אַרקאַדיעוויטש, איך האָב דאָך געזאָגט: ער איז אונדזערער ביידנס. נאָר אויב דראָשע־געשאַנק איז א מוז, איז שענקט מיר בעסער אָט יענעם, דעם, וואָס איר האָט צעריסן.

גריגאָרי. גערעכט, מישענקע, יענער האָט מיך א סאַך טײַערער געקאָסט, נעם...

מישע נעמט דעם צונויפגעקלעפּטן פּראָיעקט. האַנקע טוט א קוק אויפן אַנטזייגער.

(צו מישען) דו זעסט, זי קאָן זיך שוין ניט דערוואַרטן.

האנקע. איך טרײַב אים ניט.

מישע. ווײַל זי זעט — איך גיי אליין.

גריגאָרי. איך וועל אײַך ניט פארהאלטן... גייט, קינדער, און לעבט גליקלעך.

האנקע. א דאנק.

מישע. זײַט געזונט, גריגאָרי ארקאדיעוויטש. (ער גיט אים די האנט.)

האנקע און מישע גייען ארויס.

גריגאָרי (אליין. א לאנגדויערנדיקע פאוזע, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט קאטיעס ווערטער). טרעט אריבער די שוועל, קאטיע. דער מינדסטער שאָטן — זאָל ער פאלן אף מיר, דיר זאָל זײַן נאָר ליכטיק.

סאָף

אף טויט
און אף לעבן



דראמאטישע פּאָעמע

אָנטיילנעמער

לעאָ הערצנטאָל — פאָרזיצער פון יידנראט אין געטאָ.
יודיטא — זײַן פרוי.
סטערקע — זייער טאָכטער.
יאנעק — איינער פון די, וואָס האָבן אָרגאניזירט דעם אופשטאנד אין געטאָ. סטערקעס מאן.
שעף איבער דער יידישער פאָליציי אין געטאָ.
געדאליע — איינער פון דער אונטערערדישער אופשטענדלער־אָרגאניזאציע. ספעציעל געשיקט אין דער פאָליציי.
יאָזעף — א יידישער פאָליציימאן.
ראטניצקי — א כאָסיד, אן אָנטיילנעמער אינעם אופשטאנד.
בינדלער — א ייד, וואָס טוט צדאָקע מיט סאם.
מאָזעס — סעקרעטאר פון יידנראט.
פאָליט — אן אנטלאָפענער פון טויטן־לאגער.
קאזשיק — א פוילישער יוגנטלעכער אין געטאָ.
בערעזא — א רויטארמייער, וועלכן די אונטערערדישע אָרגאניזאציע פון געטאָ האָט געראטעוועט פון לאגער פאר קריגסגעפאנגענע.
רוזשע — א דאָקטער.
אנדע — א יונגע פרוי. יודיטעס א באקאנטע.
ראָזע — א יונגע יידישע לערערן. סטערקעס כאוועריטע.
בורשטיין } דאָקטוירים.
העלער }
קאנטאָר — א מיטגליד פון יידנראט.
דער פידלער — א געצוווּנגענער צו שפילן בייסן טרײַבן די יידן צו דער שכיטע.
דאָס מיידעלע — זײַן טאָכטער, צוועלף יאָר אלט.
א דײַטשישער לייטענאנט.
יאָהאן — א צוועלפיאָריק דײַטשיש יינגל.
יידישע שלאכטלײַט, דײַטשן, פאָליציי.
די האנדלונג קומט פאָר אין א גרויסער שטאָט אין פוילן בייס דער דײַטשישער אָקופאציע.

ערשטער אַקט

באַם פאָרזיצער פון ייִדנראַט אין שטוב. צוויי צימערן. א גרויסער שפּיגל, איבערגעדעקט מיט שוואַרצן טוך. הערצנטאָל און סטערקע.

הערצנטאָל

און איך זאָג מײַנס: ווען דאָס איז אין מײַן האַנט,
איך וואָלט פאַרווערט — א פרוי זאָל צוגיין נאָ׳נט
צום מאַן, דער מאַן זאָל נאָכגעבן זײַן פרוי.
איך וואָלט פאַרווערט, אַז א פאַרליבטער יונג
מיט זײַן געליבטער בלײַבן זאָל באַנאַנד, —
פאַרווערט, צונישט געמאַכט דעם מינדסטן ווונק,
אַז קומען וועט א נעפעש אף דער וועלט
אף פּײַן, אף נײַע מאַטערניש — א ייִד.

סטערקע

און מײַנס א קינד?

הערצנטאָל

דײַן קינד וועט דען ניט זײַן
קיין ייִד? ביז זויגן וועט עס פון דער ברוסט,

עס וועט ניט וויסן נאָך, ווי ניט געוווסט
האָסטו און ניט געטראַכט פון דעם איין שטוב
בא מיר, ווו פּויליש איז געווען באם וויג,
אין שול, באם טיש, באם פולן בעכער וויַין...
און איצטער, זינט מע האָט אריַינגעשטופּט,
צונויפגעטריבן אונדז, צונויפגעשטיקט
אָט דאָ, אַף קיינמאָל ניט ארויס צוריק,
ווען יעדער טאָג א ניַיעם אומגליק ברענגט,
ווען איבער אַלע אונדז דער כאַלעף הענגט, —
(ער באוויַיזט איר אַפן איבערגעדעקטן שפּיגל.)
איר ווילט אליין פארגרעסערן די צאָל
קאָרבאָנעס ייִדישע אין געטאָ?

סטערקע צעוויינט זיך.

וויין ניט.
כ׳האָב דיר געזאָגט נאָך זייער, זייער ווייניק.
ניט צווינג מיך זאָגן אַלץ דיר מיטאמאָל.

סטערקע

וואָס נאָך? וואָס קאָנסטו זאָגן ערגערס נאָך?

הערצנטאָל

פון זינט געפאלן איז אַף מיר דער יאָך
צו זיַין דער פאָרזיצער פון ייִדנראַט,
איך האָב ביז היַינט קיין ציַיט אַלץ ניט געהאַט
מיט דיר זיך דורכריידן געענוי. אויך היַינט,
ווען דו וואָלסט אַזוי אָפן ניט דערקלערט,
אַז אַף דיַין כאַסענע דו לאַדסט איַין געסט —
א מאָלציַיט פּראַוועסט אין דער ציַיט פון פעסט,
דו וואָלסט פון מיר קיין וואָרט היַינט ניט געהערט.

סטערקע

איין אָוונט פריייד איך וויל.

ה ע ר צ נ ט אָ ל

כ׳האָב מוירע, קינד,
דאָס זאָל ניט זײַן דער לעצטער אָוונט. ווײַל
די ווענט באַם פּאַרזיצער פון ייִדנראַט,
זיי זײַנען דינער, ווי געוויינלעך ווענט,
די שויבן — דורכזיכטיקער הונדערט מאָל,
די מינדסטע פרייד באַ לעאָ הערצנטאָל
אין שטוב וועט אָפּגעטראָגן ווערן פאַר א מײַל:
דעם פרעמדן דורכגייער ס׳וועט מאַכן טויב,
דער בעסטער גוטערפרײַנט וועט ווערן בלינד,
מײַן ערלעך ברויט — פאַרעכנט זײַן, ווי רויב,
דער טראָפּן ווײַן — ווי בלוט און ווי פאַראַט.

ס ט ע ר ק ע

מיר האָבן דאָך אפילע ניט געהאַט
אין זינען פּראַוועןמאָלצײַטן אָט דאָ.
באַ לעאָ הערצנטאָל איז מער ניטאָ
קיין שטוב — א יאָמערטאָל, נאָר אויב
פאַר פרייד אױף דר׳ערד איז מער ניטאָ קיין אָרט,
וועט זי אוועק אין אונטערערד.

ה ע ר צ נ ט אָ ל

און דאָרט
וועסטו שוין זיכער זײַן, אַז קיינער וועט
דײַן פרייד ניט שטערן? טאָכטער, וויסן זײַ:
ווי טיף דײַן פרייד וועט ניט פאַרבאָרגן זײַן, —
אין גאָר דער געטאָ זײַן וועט זי דערהערט.

ס ט ע ר ק ע

וואָס איז דאָס — שרעק?!..

ה ע ר צ נ ט אָ ל

ניין, ניט קיין שרעק,

ס׳איז מײַן געוויסן ריין. ווער נאָך, ווי דו,
ווייסט גוט, אז מערער, ווי איך קאָן, איך טו.
שוין קלעפּ געכאפּט פאר זיי, וואָס קיינער ווייסט...

סטערקע

דאָס וויסן וואָלט געווען א קנאפּע טרייסט
פאר זיי.

הערצנטאָל

און אויך פאר מיר, נאָר דו, דו מוזט
דאָס וויסן, כ׳וויל, אז דו זאָלסט וויסן אלץ.
שוין וויפל מאָל געטריבן מיך אין האלדז־
און־נאקן, ראכמים בעטנדיק פאר זיי דעם דײַטש;
ניט איין מאָל שוין פארזוכט אף זיך די בײַטש,
די ביינער אונטער הויט האָבן גערעדט,
נאָר איך — די צונג האָב זיך ביז בלוט צעביסן —
ס׳האָט קיינער ניט געוווּסט און וואָלט ניט וויסן...
נאָר ניט אין מיר דאָ גייט. איך בין דען איינער?
און נאָך דעם אלעמען, מײַן קינד, דו ווילסט,
אז ניט פארשילטן זאָל איך אָט דאָס בעט,
וואָס אונטערטראָגן וועט צום טאליענס שטריק
א נײַ־געבוירענעם מיט מאזל און מיט גליק.

בא די לעצטע ווערטער קומט אָן פרוי הערצנטאָל — יודיטא.

יודיטא

איך שטער אײַך ניט?

הערצנטאָל

כאָלילע.

סטערקע

אונדז? פארקערט.

יודיטא

דעם שמועס אײַערן כ׳האָב ניט געהערט,
נאָר כ׳שטויס זיך אָן. שוין ניט דאָס ערשטע מאָל,
כ׳זע, דו ווילסט ניט אנדערש, נאָר מע זאָל
געשמיסן זײַן פאריינס מיט יידע בײַטשן:
די לעבעדיקע — ס׳וועלן טייטן דײַטשן.
די ניט־געבאָרענע — אליין די ייִדן?

הערצנטאָל

נו, רעכט. נעם רײַס אראָפּ די לאטע אויך
און גיי, און שרײַ, אָן מוירע, אין דער הויך:
„איך בין א מענטש! איר זעט, ווי איך בין פרײַ!
ניטאָ מער ארום מיר קיין געטאָ־ווענט!״
יודיטא, ס׳וועט ניט העלפן סײַוויסײַ...

ער טרעט אָפּ צום פענצטער. סטערקע טוט א ווונק צו דער מוטער און גייט ארויס; יודיטא גייט צו צום מאן און לייגט ארוף יידע הענט אף זײַנע אקסל.

יודיטא

מײַן טײַערער, בארויִק זיך, דײַן רו
איז נייטיקער מיר איצטער, ווי מײַן לעבן,
נאָר כ׳בעט דיך זייער מיר אן ענטפער געבן,
זאָג, וואָס ביסטו צעבראָכן הײַנט אזוי?
נו, מיילע, סטערקען ניט, נאָר מיר, דײַן פרוי...
א נײַער אומגליק עפּעס איז געשען,
פון מיר באהאלטסט אים אויס? אזא דיך זען
איז מיר צו שווער, כ׳בין ניט געוווינט דערצו.
ניט שרעק זיך, זאָג, וועט עפּשער דיר אראָפּ
דער שטיין פון הארצן... אלץ נאָר, וואָס געווענדט
אין מיר, — כ׳וועל טאָן. דײַן פרוי האָט שוואכע הענט,
נאָר, גאָט צו דאנקען, ס׳דינט מיר נאָך דער קאָפּ.

הערצנטאָל

דעם שטיין, יודיטא, ניט אראָפּצורייִדן.

יודיטא

וואָס קומט ארויס, וואָס דו האָסט זיך פארשלאָסן,
אויך דײַן יודיטען לאָזסט ניט צו... כ׳וויל הערן
פון דיר אליין, אז דו אליין זאָלסט זאָגן:
ווו וועסטו נעמען קראפט אף איבערטראָגן
די פּײַן, וואָס ניט נאָר דײַן שטוב זי פארפולט?
ווו וועסטו נעמען קויעך און געדולד
פאר אונדז א מוסטער בלײַבן ביזן סאָף?

הערצנטאָל

געדולד ווו וועל איך נעמען, פרעגסטו? כ׳האָף,
אז זייער גיך וועט אָנקומען דער סאָף.
די נאָדלען פונעם שטעכעדיקן דראָט
ארום דער געטאָ שטעקן שוין אין לײַב
בא אונדז, אין דער נעשאָמע שטעקן זיי...
אויב עמעצער דערווײַל נאָך לעבן בלײַבט,
איז דאָך א פראגע נאָר פון צײַט, פון ריי,
און שלעכט, וואָס ס׳טוט אונדז באלד שוין
גאָרניט וויי.

יודיטא

אָט דאָס האָט ער געוואָלט, דער פײַנט, נאָר דאָס:
ארויסקוועטשן פון אונדז דעם לעצטן זאפט,
דעם מינדסטן ווידערשטאנד אין אונדז דערשלאָגן,
און איבערלאָזן נאָר אין אונדז די קראפט:
אָן ווילן לעבן, שטארבן — אָן פארדראָס.

א קלאפּ אין טיר. יודיטא גייט ארויס, לעאָ עפנט די טיר. עס קומט ארײַן
א יידישער פּאָליציימאן.

פּאָליציימאן

גוט־מאָרגן, פּאָרזיצער!

ה ע ר צ נ ט אָ ל

איך האָב אַ נאָמען,
כ׳הייס לעאָ הערצנטאָל שוין פופציק יאָר.

פ אָ ל י צ יי מ א ן

אין געטאָ לעבנדיק, פארגעסן קאָן מען.

ה ע ר צ נ ט אָ ל

אז איר האָט שוין פארגעסן — דאָס איז קלאָר.
ווי הייסט איר, אדעראבעו, זאָגט מיר!

פ אָ ל י צ יי מ א ן

(פארלאָרן)

יאָזעף...

יוזיק... יוזעף... יויסעף...

ה ע ר צ נ ט אָ ל

אזוי? און ניט „דער געלער פאָליציַי״?
אָט די, וואָס קומען קלאָגן זיך אף אײַך
צו מיר, איך פרעג זיי — ווער? זיי זאָגן גלײַך:
„דער געלער פאָליציַי״.

פ אָ ל י צ יי מ א ן

כ׳פיל אויס מײַן פליכט
פאר אײַך, דעם יידנראט. נאָך וואָס מיך שיקט
דער שעף פון פאָליציי — דאָס פלײַסיק טו איך.
(וווילינגעריש.)
מע שיקט מיך — טו איך, שיקט מען ניט — איז רו איך.

ה ע ר צ נ ט אָ ל

האלט ס׳מויל! ביז איך האָב אײַך ניט אויסגערעדט
פון שטובן פאַן יאָזעף־יוזעף! כ׳האָב געהערט,
קיין יונגע פרוי איר לאָזט ניט דורך פארבײַ,

אז פאר א טאָג אין שטוב צו בלײַבן פרײַ
איר קומט צו איר באנאכט...

פּאָליציימאַן

ס'איז אויסגעטראכט!
די טיר וועט זי וואָלט האלטן צוגעשפארט,
וואָלט איך דאָך ניט ארײַנגיין.

הערצנטאָל

ווארט, קאָרשט, ווארט.
מיט וועמען רעדט איר! איר זײַט אומפארשעמט!
איך פרעג, ווי קאָנט איר קוקן אין די אויגן
ניט מיר, נאָר זיי, — די קינדער, פרויען, זקיינים,
וואָס כוץ דעם יידנראַט זיי האָבן קיינעם,
וואָס זאָל באשיצן זיי — שוין ניט פון דײַטש —
פון אײַך... צי ווייסט איר ניט, אז אײַער בײַטש
טרעפט טיפער זיי אין לײַב, און איר פארגעסט:
איר מיינט, צו זיי וואָס הארבער איר וועט זײַן,
איר וועט אין שווארצן צעטל ניט ארײַן?
איר וועט זיך אײַנהאנדלען אן אנדער טויט?
האָט איר א טאָעס, פּאַניע פּאָליצײַ,
אין בעסטן פאל, קאָן זײַן, מיט איין שאָ שפעטער,
איז דען צוליב א רעגע הינטיש לעבן
קעדײַ, מע זאָל אײַך אָנרופן פארעטער?..

פּאָליציימאַן

כ'האָב קיינמאָל ניט געטראכט דערפון... איך בעט אײַך,
הער פאָרזיצער, איר טרײַבט ניט איבער נאָר.
איר שטעלט אונדז פאָר, ווי אָפענע פארברעכער.

הערצנטאָל

איך שטעל אײַך פאָר פאר די נאָר, וואָס איר זײַט...
פון גאָר דער אונטערוועלט, פון אלע לעכער,
עס שמוגלען דורך אהער געמיינע לײַט —

גאנאָווים, רויבער, און דער אוילעם לײַדט
פון זיי, און איר, די פּאָליציי, וואָס טראָגט
די פליכט צו האלטן אָרדענונג אין געטאָ,
איר כאווערט זיך מיט זיי, מיט זיי פאריינס...

פּאָליציימאן

אזוינס צו ריידן, פאָרזיצער, עס וואָלט געפּאסט
ניט אײַך, איר רעדט, ווי זײַן וואָלט איר א גאסט.
א סאָד פאר אײַך, אז גראָד די אונטערוועלט
ניט איינעם האָט שוין אָף די פיס געשטעלט,
געראטעוועט פון הונגער־טויט. מיר דוכט,
אז איר אליין האָט אויך אמאָל פארזוכט
פון יענעם ברויט, פון יענעם קוישל גרינס,
וואָס די געמיינע לײַט האָבן געבראכט
אהער פון יענער זײַט; מיט ליכט מע זוכט,
ווי אָף מאָשיעכן מע קוקט ארויס
אָף זיי, ווײַל יעדעס איבעריק שטיקל ברויט
א רעטונג איז, א סימכע, א געווינס,
איר ווייסט דאָך גוט, וואָס קומט פאר קויפן שפּײַז
פון יענער זײַט, מיר שטעלן אײַן דעם קאָפּ...

הערצנטאָל

אלץ גוט, נאָר דאָס איז נאָך ניט קיין באווײַז,
אז עמעץ נעמט פון אונדז די פליכט אראָפּ
צו האלטן שטרענג די אָרדענונג אין געטאָ —
פּרוּווט אָפּשוואכן א האָר!..

פּאָליציימאן

מיר ווייסן גראָד,
וואָס אָרד'נונג הייסט... ס'וואָלט עפּשער ניט געשאט,
אז וויסן זאָל דאָס אויך דער ייִדנראט:
ווער ס'שטערט די אָרדענונג, ווער רײַסט זי אוף
פון אינווייניק.

ה ע ר צ נ ט אָ ל

איר קאָנט מיר זאָגן ווער?

פ אָ ל י צ יי מ א ן

דערווײַל זיי אַלע אָנרופן איז שווער,
נאָר אייניקע פון זיי אין פּאָנעם קען איך.

ה ע ר צ נ ט אָ ל

איך פאָדער! טייקעף רופט זיי אָן.

פ אָ ל י צ יי מ א ן

דערמיט
איר שטעלט דאָך זייער לעבן אין סאַקאָנע...
נאָר אויב איר פאָדערט שטאַרק, איך וועל
אײַך פּויסער־כאָלעם זײַן, און ווייסט איר אויך,
ווער ס׳כאַווערט זיך מ׳יט אַט דער אונטערוועלט.

אומבאמערקט קומט אַרײַן י ו ד י ט א.

זיי קלײַבן מיטלען, און זיי זאַמלען געלט
און גיבן אַלץ דאָס אָפּ דער אונטערוועלט,
און ניט אַף ברויט, כאָלילע, — אַף געווער...

ה ע ר צ נ ט אָ ל

וואָס רעדט איר שטומלאָשן, דערקלערט שוין ווער!
ווער זײַנען זיי דאָרט?

פּאוזע.

פ אָ ל י צ יי מ א ן

כ׳האָב די ערע, פּאַן,
זיי פאָרצושטעלן: אײַער טאָכטער... סטערע...
און איר געליבטער ברעידע יאַן...

ה ע ר צ נ ט אָ ל

(דערזעט יודיטען)

יודיטא, דו? דו מיינסט, ס׳איז נאָך ניט שפּעט?

אויב כ׳האָב קיין טאָעס, האָט איר זיך געקליבן
אינדרײַען גיין...

יודיטא

מיר האָבן אָפּגערעדט,
אז זײַן מיר דאַרפן דאָרטן — אכט דעם זייגער,
ניט פריִער און ניט שפּעטער, איצט איז זיבן.

עס קומט אַרײַן דער פּאָליציי־שעף.

שעף

ווי פילט זיך אין געזונט פאַן הערצנטאָל?

הערצנטאָל

א דאנק, הער שעף.

שעף

מיר האָבן זיך פארבענקט
נאָך אײַך... אָן אײַך מיר זײַנען דאָך ווי שאָף
צעווישן וועלף... ווען גייט ארויס דער פאַן
אין גאַס? ס׳איז אײַער הויז צו קליין, צו ענג
פאר זיצונגען.

(צום פּאָליציימאַן.)

ארויס און וואַרט!

הערצנטאָל

איך האָף —
ניט הײַנט, איז מאָרגן אָף געוויס. די היץ
אראָפּ, אויב ס׳וועט ניט טרייסלען נאָכאמאָל,
מיר וועלן האלטן אלץ פאר ליקווידירט.
וואָס הערט מען נײַס? שוין וויפל טעג איך זיץ
אין שטוב. האָט עפּעס וויכטיקעס פּאסירט?
פון די פארטריבענע קיין נײַע בריוו
ניטאָ?

שעף

ס׳איז דאָ, און גוטע בריוו. מע שרײַבט
דאָס זעלבע אַלץ, אַז יעדן טאָג מע טרײַבט
אַף אַרבעט זיי. מע אַרבעט שווער. דערפֿאַר
זיי זײַנען דאָרטן אויסערן געפֿאַר,
זיי בלײַבן גערן דאָרט ביז נאָך דעם קריג
און האָפֿן קומען לעבעדיק צוריק...
און צו די קרויווים זייערע זיי שרײַבן,
אַז אויב זיי ווילן זיכער לעבן בלײַבן,
זיי זאָלן בא דעם ערשטן בעסטן רוף
זיך פּאַקן גלײַך און זיך ניט זאַמען,
מע וועט דאָרט אַרבעטן און זײַן צוזאַמען.

יודיטאַ

פֿונוואַנען קומען זיי, די בריוו?

שעף

פֿון לאַגער.

יודיטאַ

פֿון וועלכן?

שעף

פֿון טרעבלינקאַ.

הערצנטאָל

זאָגט מיר, שעף,
דעם עמעס נאָר... צי קומט אײַך ניט אַרויף
אַמאָל, אַז אָט די גאַנצע מײַסע מיט די בריוו
איז גאָר אַ שפּיצל פֿונעם דײַטש — אַ בלעף.
אין האַרצן — כ׳גלייב זיי ניט, די בריוו... צו גוט...
וואָס צו — איז איבעריק. דאָ שמעקט מיט בלוט.

שעף

די פאַקטן ריידן קעגן אײַך. דער קסאַוו
איז דאָך דער בעסטער איידעס: ס׳שרײַבט א קינד
צום פאָטער, און דער פאָטער גוט דערקענט
די האַנטשריפט, אָדער א פּרוּי זיך ווענדט
צום מאַן — ס׳איז קיינער דאָך פון זיי ניט בלינד.
אומזיסט, אומזיסט דער פאָרזיצער אונדז שרעקט.
מיר דאַכט, איר האָט אַליין גאָר קיין באַגריף,
ווי טיף די שרעק אונדז אַלעמען, זי שאַט.

יודיטא

הער שעף פון פּאָליציי! אַלס אַדוואָקאַט
איז עפּשער אײַך געגוג דער צענדליק בריוו,
וואָס איר האָט דאָרט געזען. פאַר דעם געזעץ
איז דאָס געגוג באַווײַז, נאָר בא דעם קאַט —
דער אומגעזעצלעכקײַט אַליין — איך מיין,
אַז איר זײַט שולדיק, אויב נאָר אונטערהעצט
איר האָט כאָטש איינעם, ער זאָל גערן פאָרן.
אויך איצט, ניט וויסנדיק, וואָס טוט זיך דאָרט,
איר האָט פון זיי קיין איינעם ניט געוואָרנט.

שעף

די פּאַני רעדט, ווי דאָס וואָלט זיך געווענדט
אין אונדז נאָר — פאָרן אָדער אָפּן אָרט
צו בלײַבן: כ׳מיין, די פּאַני מאַכט א וויץ...

הערצנטאַל

פון אַלע די, וואָס זײַנען דאָרט פאַרטריבן,
פון צען ווען איינער וואָלט אַהער געשריבן, —
מיר וואָלטן בריוו אין טויזנטער געהאַט.
זיי וואָלטן אונדז דערפרייט כאָטש מיט א גרוס.
דעריבער זאָג איך מײַנס — איך גלייב זיי ניט,
די בריוו, און איצטער עפּעס טאָן מע מוז

אף צו פארמינערן די צאָל פון די,
וואָס דארפן ווידער פאָרן...

שעף

בלײַבן הי?
באהאלטן זיך? פון צעטל מעקן? זאָגט,
וואָס לייגט איר פאָר?

הערצנטאָל

ניין, עפּעס מוז מען טאָן:
עס טאָר ניט זײַן אזוי, ווי ביז אהער.

שעף

צום אלעם ערשטן אײַנשטעלן אין קאָן
דרײַ קעפּ, וואָס איינער איז פון זיי — אָט דער!

(ער באווײַזט אף הערצנטאָלס קאָפּ.)

די איבעריקע צוויי — איר שטויסט זיך אָן.

(ער באווײַזט אף פרוי הערצנטאָל.)

און נאָכדעם — אויסשיסן דעם ייִדנראַט,
און שפּעטער — וועט זיך אויסגיסן די שטראָף
אף גאָר דער געטאָ, און צו אלץ א סאָף.
א שיינער טאַכלעס, פאָרזיצער, ניכט וואר?

א קלאַפּ אין טיר. עס קומען ארײַן — דער סעקרעטאר פון ייִדנראַט מאָזעס און צוויי רײַך געפּוצטע פרויען: רוזשע — אן עלטערע און אנדע — א יונגע.

רוזשע

א גוטער אָוונט.

מאָזעס

ארוואָ טאָוואָ, מאר...

אנדע

(גייט צו צו יודיטען)

מיר מוזן זײַן דאָרט, יודיט, אכט דעם זייגער,
דער דײַטש איז פּינקטלעך.

הערצנטאָל מיטן סעקרעטאר גייען אָפּ צום שרײַבטיש.

שעף

(צו די פרויען)

און פון וואָס, אשטייגער,
וועט איר דאָרט אָנהייבן — האָט איר געטראכט?

אנדע

(שטעלט זיך אוועק פארן שעף, ווי פארן דײַטש)

כ׳וועל זאָגן: אויב איר האָט אליין א קינד,
אף אונדזערע ראכמאָנעס האָבן וועט איר,
ס׳איז די באקאָשע אונדזערע ניט גרויס:
פּירט נאָר אריבער דאָס יעסוימים־הויז
פון יענער זײַט צו אונדז אהער אין געטאָ.
דרײַ הונדערט קינדער גייען אויס, ווײַל זינט
די מאכט האָט פון דער געטאָ אָפּגעשניטן
די גאס, ווו דאָס יעסוימים־הויז געפינט זיך,
געבליבן שטעקן איז דאָס הויז אינמיטן
דער וועלט — אי ניט אהין, אי ניט אהער.
די קינדער לײַדן וואָס א טאָג אלץ מער,
און אויך די מאכט דערפון האָט נוצן ווינציק.

שעף

און אויב ער זאָגט אײַך: נו, און אונדז, דער מאכט,
די קינדער אײַערע איר טרויט ניט אָן?
איר טוט א טראכט, וואָס וועט איר דעמלט טאָן?

ר ו ז ש ע

הער שעף, איר זײַט דאָך אויך א ייִד, זאָגט איר,
מיט וואָס מע קאָן אים ווייך מאכן דאָס הארץ?

ש ע ף

מיט ווערטער, פּאני, האָט אים ניט גערירט
נאָך קיינער, איר וועט אויך בא אים ניט פּויעלן.
דער דײַטשער קאָמיסאר, יאק באָגא קאָכאם,
האָט ליב א קלינגעוודיקס, א וואָגיקס...

א נ ד ע

גאָלד?

ש ע ף

דעם זעלבן ווערט מע קאָן מיט זילבער אויך.

י ו ד י ט א אָפּ אין צווייטן צימער.

איר מיינט, כאָלילע, נאָר פּונעם געצאָלט,
וואָס ער באקומט פאר הערשעווען אין פּוילן,
ער קלײַבט זיך רײַך ווערן? עס איז דאָך קלאָר.
דערצו ער דארף נאָך אויריננגלעך א פּאָר,
באזעצט מיט א גענוגער צאָל קאראט,
א קדושן־פינגערל ער שאצט אָפּ הויך,
און ווייסט אף אלץ די פּרײַזן אקוראט.
ער נעמט און זאָגט אפילע ניט קיין דאנק.
נאָר אָן דעם וועט אומזיסט זײַן אײַער גאנג.

עס קערט זיך אום י ו ד י ט א מיט א שיין קעסטעלע.

י ו ד י ט א

(צום שעף)

איר קלערט, ס׳וועט זײַן גענוג דאָס אויסלייז־געלט?

שעף

(נעמט ארויס פון קעסטעלע צוויי שווערע גאָלדענע בראַסלעטן און באַטראַכט זיי)

צו דעם קאָליר איז ער שוין צוגעווינט —
דאָס וועט אים לאָזן טראַכטן, צי אים לוינט
ס׳געשעפט. אין אָט דעם קעסטעלע עס פעלט
אַזוינס, וואָס זאָל אַ בלענד טאָן אים די אויגן.
אַז איידער נאָך ער האָט ארויסגעצויגן,
און איידער ער וועט טאָן אַ קלער אַף ניט,
נאָך איידער ווען און וואָס — ער זאָל שוין גלײַך
דאָס גוטע צעטל אונטערשרײַבן אײַך.
נאָר ווייסט איר, עפּעס האָב איך אַ געפיל,
אַז דאָס... וואָלט מיטגעהאָלפן זייער פיל.

(ער באַווײַזט אַף רוזשעס בראָש.)

אַ קורצע פּאַוזע.

רוזשע

(טוט אויס פון זיך די בראָש)

דאָס איז מיר אַ מאַטאָנע פון שפּיטאָל,
ווו איך האָב אָפּגעאַרבעט פופצן יאָר
אַלס דאָקטער, שיידן זיך איז שווערלעך, נאָר
ווײַבאַלד מע מוז דערמיט אים קויפן — כ׳גיב,
און זאָל זײַן מיר ניט שווער, און אים — זײַן ליב.

אַנדע

(טוט אויס אירע אוירינגלעך)

אָט דאָס איז נאָך מײַן מוטערס אַ געשאַנק.
אַוועקגעבן, פאַרשטייט זיך, טוט מיר באַנק,
נאָר זי וואָלט אירע זיכער אויסגעטאָן
אָן רייד, און איך וועל הײַנט איר ווילן טאָן.

(זי לייגט אַוועק די אוירינגלעך.)

יודיטא פאַרמאַכט דאָס קעסטעלע.

שעף

װאַרט, אײַלט זיך ניט אַזױ, פֿרױ הערצנטאָל.
און מיך, מײַן פֿרױ האָט איר געװאָלט פֿאַרשעמען?
אױב זי אַלײן, זי קאָן ניט גײן מיט אײַך,
איר װעט מיט זיך כאָטש איר מאַטאָנע נעמען.

(ער טוט אױס פֿון האַנט אַ קאַסטבאַר פֿינגערל.)

אַף געבן מער — בין איך ניט צופֿיל רײַך,
און איצטער אײַלט זיך צו. באַגלײטן אײַך
װעט גײן דער פּאָליצײַ, ער װאַרט שױן לאַנג.

הערצנטאָל

(רײַסט איבער דעם געשפּרעך מיטן סעקרעטאַר און גײט צו צו די פֿרױען)

דאָס אײנציקע, װאָס זאָגן אײַך איך קאָן:
זאָל זײַן מיט גליק... און נאָך װאָס: איר געדענקט...
דרײַ הונדערט לעבנס שטײען איצט אין קאָן.

יודיטא

דרײַ הונדערט? נאָך מיט דרײַ...

(זי באַװײַזט אַף אַנדערן, אַף רוזשען און אַף זיך.)

שעף

(שרײַט אױס)

פֿאַן יאָזעף!

פּאָליציימאַן

(באַװײַזט זיך)

כ'הער!

שעף

איר גײט באַגלײטן זײ, דערנאָך אָהער
צוריק זײ ברענגען.

פּאָליציימאַן

רעכט, הער שעף.

רוזשע

אַדיע.

די פּרויען גענזעגענען זיך מיט די מאַנצבלען און גייען אַרויס. נאָך זיי — דער פּאָליציימאַן.

שעף

איצט זײַנען מיר געבליבן זאַלבעדריט.
ס׳האָט אײַער סעקרעטאַר אײַך שוין באַוויזן
דעם נײַעם צירקולאַר?

מאָזעס

ניין, שעף, נאָך ניט.
די דעלעגאַציע האָט מיר געשטערט.
ווײַל ווען זיי וואָלטן נאָך אַזוינס דערהערט,
זיי וואָלטן גאָר באַ זיך אַראָפּגעפאַלן.

הערצנטאָל

גענוג! אַ סאָף! כ׳בין זען שוין אים אַ באַלן,
דעם צירקוליאַר.

מאָזעס

(אָפּגעבנדיק)

מיט יעדן טאָג — אַ נײַער בראָך.

הערצנטאָל לייענט. פּאַוזע.

שעף

אַ וואָך וועט דורכפליִען. און נאָך אַ וואָך...

הערצנטאָל

לאָזט לייענען!

(שטיל.)

געציילטע פופצן טעג!
קיין טאָג ניט מער... און וואָס וועט זײַן דערנאָך?

שעף

דערנאָך? קיין איין געבורט אין געטאָ. שלוס!

הערצנטאָל

און יענע, וועלכע דארפן האָבן שפּעטער?
איר וועט ניט גיין דאָך קעגן דער נאטור...

שעף

נאָר דאָ שטייט צופיל קלאָר: קיין איין געבורט...

הערצנטאָל

(לייענט ארויס פונעם באפעל)

„צום שיסן — אָן געריכט... דער יידנראט
וועט ענטפערן דערפאר דער דײַטשער פּאָליציי..."

שעף

דאָס הייסט, אז צאָלן וועט מען מיט דער פעל.
דעריבער האָב איך אלץ, מיר דאכט, באווארנט:
פונדאנען וועט ארויסגיין דער באפעל,
דאָס צווייטע וואָרט — געהערט די אקושאָרן.
זיי וועלן באלד זײַן דאָ. און ניט נאָר זיי.
געשיקט כ'האָב רופן מיטגלידער פון ראט —
קיין איין מינוט איצט טאָר ניט גיין פארלאָרן.

מאָזעס

כוץ דעם, נאָך פראגן דאָ א גאנצע ריי.
די נײַ־געקומענע פון קעלן, און פון ווין,
פון אמסטערדאם — ווו טוט מען זיי אהין?
און שטײַערס, שפּײַז, און ארבעט, נאָך און נאָך —

עס האָט זיך אָנגעקליבן פאר דער וואָך —
פון די, וואָס דארפן פאָרן, כ׳רייד שוין ניט.

ה ע ר צ נ ט אָ ל

דער איקער זײַנען זיי — פון זיי דארף גיין
די רייד צום אלעם ערשטן... פארגעדענקט,
די צעטלען, רייסטערס — אלץ אין אָרד׳נונג ברענגט.

דער סעקרעטאר גייט אָפּ אין א זײַט. הערצנטאָל גייט צו צום שעף און זאָגט אים קימאט בעסאָד.

הער שעף... נו, זאָגט, ניט שוין זײַט איר דערפאר,
מיר זאָלן אויספילן דעם צירקוליאר
אָט ווי ער שטייט און גייט?

ש ע ף

(בייז)

פארוואָס? איר ווילט —
איר פּרוּווט אים ענדערן, ס׳איז אײַער זאך,
נאָר מיר, די פּאָליציי, וואָס שטייט אף וואך
פון דעם געזעץ, און אויסער גוטס דער געטאָ
דערמיט — מיר זײַנען קיין זאך מער ניט אויסן...

א קלאפּ אין טיר. עס קומען אריין די דאָקטוירים בורשטיין און העלער און צוויי מיטגלידער פון ראט: ראטניצקי און קאנטאָר. מע באגריסט זיך שווײַגנדיק. א לאנגע פּאוזע.

ר א ט נ י צ ק י

וואָס איז דאָס שווײַגן וואָס מע שווײַגט? ראבויסײַ!
הער שעף, איר ווייסט מיסטאמע, וואָס באטײַט
ראבויסײַ?

ש ע ף

איך?

ר א ט נ י צ ק י

אויב ניט, מאכט אויך ניט אויס.

איך וויל אײַך ניט באליידיקן דערמיט —
איר זײַט ניט איינער דאָך אפן יאריד.
דערפאר זײַט איר א גיטער, הײַסער ייִד.

שעף

איך מיין, אז ניט קיין ערגערער פון אײַך.

הערצנטאָל

נו, פאן ראטניצקי, זאָגט אײַך, וואָס איר ווילט,
נאָר איצט פיקירן זיך איז מער ווי ווילד.

קאנטאָר

דער כוסיד האָט זיך איצט אין אים צעשפּילט.
דער געררער כוסיד...

הערצנטאָל

דאָ איז ניט דאָס אָרט,
די געטאָ האָט אונדז אלע אויסגעגלײַכט.
זאָגט בעסער, דאָקטער העלער און בורשטיין,
איר קאָנט פאנאנדערפלאָנטערן דעם קנויל
און געבן אונדז אין האנט א פאָדעם
אף אָנצוכאפּן זיך אָן אים, צי ניין?
מיר ווארטן איצטער נאָר אף אײַער וואָרט.

ראטניצקי

נאָר — א י ר, ווײַל האָפן אפן דײַטשס כאסאָדים...

בורשטיין

ווען גאָרניט טאָן — די פרויען ווילן ה אָ ב ן:
בא דער — אן ערשטלינג, די — דערוואַרט א זון.
פון צו באפרײַען זיך ניט פרווט דערמאָנען,
זיי מאכן זיך ניט הערנדיק דערפון.
און וויפל מאָל איך האָב געפּרווט דערקלערן:
ניט איצט די צײַט זיך פרוכפּערן און מערן...

נאָר זיי — זיי וועלן האלטן ס׳קינד באגראָבן
אין אלקער, אין א קעלער, אין א שײַער,
נאָר קומען אין שפּיטאָל זיי וועלן ניט.
די אײַנגעשפּארטקײַט קאָן זיי קאָסטן טײַער.

שעף

ניט אײַנריידן, ניט טײַנען, זיך ניט דינגען,
ניט בעטן דארף מען זיך בא זיי, נאָר צווינגען.

הערצנטאָל

הער סעקרעטאר, איר פירט א פּראָטאָקאָל?

מאָזעס

איך שרײַב גענוי, מיט אלע פּראָטיי־פּראָטים,
ווי אין א פּינקעס, כיירעם־צײַט אמאָל.

שעף

די דײַטשע פּאָליציי וועט זיך ניט פּוילן
מיט פרעמדע הענט צו שארן הייסע קוילן,
און נאָכשפּירן, און זוכן אין די הײַזער,
און אויב ס׳וועט איר אליין דאָס ניט געראָטן,
עס וועלן זיך געפינען אויך... באוויײַזער.
מע דארף דאָך קוקן ניכטער אף דער זאך —
זיי האָבן שוין דעם מענטש געגנוג פארדאָרבן,
אף צו געפינען דעם צי יענעם קאָרבן.

הערצנטאָל

ניטאָ צעווישן אונדז אזאַ!

שעף

ניטאָ?
אז גוט און וויל איז אונדז.

העלער

און איך לייג פאַר
ארויסרופן אין קראנקען־הויז די פרוי,
זי וואָרענען און זאָגן איר אזוי:
דיר דראָ׳ט דער טויט, דײַן מאן, דײַן קינד
און אויך דײַן פאָטער־מוטערס הויזגעזינד.

שעף

די ברויט־קארטן אוועקנעמען בא איר
און אויסמעקן פון אלע שטיצע־ביכער,
קיין האָלץ, קיין הילף דעם גאנצן הויז ניט געבן,
און דאָס וועט בעסער ווירקן... איך בין זיכער.
ווײַל דאָרט, ווו ס׳רעדט זיך וועגן זייער לעבן, —
וואָס שטרענגער זײַן — וועט זײַן פאר זיי געזינטער.

העלער

און די, וואָס זײַנען שוין אין הויכן כוידעש?
עס וועלן דאָך געבאָרן ווערן קינדער!
די האנט וועט זיך דען אופהייבן אף זיי
בא עמעצן פון אונדז? אַט נעמט און שיסט מיך...

ראטניצקי

און עפשער זען באהאלטן זיי בא קריסטן?

עס גיט זיך א פראל אוף די טיר, און אפן שוועל בלײַבט שטיין א מיטליאָריקע מענטש — באָרוועס, אָפגעריסן, פארוואקסן און צעבלוטיקט. אלע בלײַבן ווי געפלעפט.

הערצנטאָל

ווער זײַט איר?

פאָליט

א ניט־פארגראָבענער, —
א ניט־דערשאָסענער, א ניט־פארברענטער...

הערצנטאָל

אנטשולדיקט, עפשער קאָנט איר זאָגן קלאָרער.

פּאָליט

פון צווישן טויטע — לעבעדיק ארויס,
און צווישן לעבעדיקע — כ׳בין א טויטער.

הערצנטאָל

ניט רעדט פארשטעלט. פונוואנען קומט איר אָן?

פּאָליט

איך קום פון דאָרט, פונוואנען קיינער מער
וועט זיך ניט אומקערן צוריק אהער.

הערצנטאָל

פונוואנען זײַט איר?

פּאָליט

כ׳בין א היגער. כ׳קען
דעם פאָרזיצער, זײַן טאָכטער און זײַן פרוי.

הערצנטאָל

איך בעט אונדז זאָגן דײַטלעך און גענוי,
פונוואנען קומט איר איצט און ווער איר זײַט?

פּאָליט

איך בין פון די, וואָס האָבן יאָ געבליבט,
אז אויסער אָט די הויכע געטאָ־ווענט,
איז דאָ א האָפענונג צו בלײַבן לעבן.
געגלייבט און אנדערע אויך אײַנגערעדט:
דאָס ערגסטע, אויב פארטרײַבן אונדז מע וועט
קיין מיזרעך ארבעטן אוווידאס־פערעך,
ווײַל ערגער ווי אין געטאָ וועט ניט זײַן —
צו יענע לײַכטזיניקע לײַט געהער איך.

שעף

ווי הייסט דאָס אָרט, פונוואנען איר קומט אָן?

פּאָליט

דאָס אָרט? דאָס אָרט האָט ניט קיין נאָמען...

ער טוט זיך א וואלגער אף דער ערד. אלע פאָרען זיך ארום אים.

הערצנטאָל

(בייגט זיך אָן)

שטייט אוף,

מײַן פרײַנט, דערלאנגט אים וואסער!.. גאָט אליין
האָט אײַך הײַנט צוגעשיקט, ווײַל אײַער וואָרט
איז וויכטיק, וויכטיק הײַנט ביז גאָר! איר זײַט
דער ערשטער איידעס פאר דער גאנצער צײַט,
אן איידעס וועגן דעם, וואָס דאָרט קומט פאָר.

שעף

(שטארק נערוועז)

אנטלאָפענער, בארויקט זיך און זאָגט,
אויב איר זײַט נאָך בא אײַערע געדאנקען:
צי האָט מען אײַך אין שטאָט ניט נאָכגעיאָגט,
און ווי זײַט איר אין געטאָ דורכגעגאנגען?
צי עמעצער האָט שוין מיט אײַך גערעדט?
זיך נאָכגעפרעגט בא אײַך, פונוואנען זײַט איר,
וווהין איר גייט, און אזוי ווײַטער...
באם טויער האָט מען אײַך ניט אָפּגעשטעלט?

פּאָליט

(קומט עטוואָס צו־זיך)

געגאנגען א קאָלאָנע פון דער שטאָט
אין געטאָ. נאָך דער ארבעט, בא דער דראָט־

פארצוימונג כ׳האָב צו איר זיך צוגעשארט.
מע האָט געזען — ס׳האָט קיינעם ניט געארט.
פארקערט, ארײַנגענומען און פארשטעלט;
און ווען מע האָט באם טויער קאָנטראָלירט,
צי טראָגט מען ניט ארײַן קיין עסנווארג,
האָט זיך פארקאָכט א שטיקעלע יאריד;
געכאפט, ווי אלע, כ׳האָב א שטויס אין קארק
און כ׳בין אדורך... אוי, ווי איך בין מיד...
כ׳וועל אײַך דערציילן אלץ, נאָר שפּעטער, שפּעטער...

(ער שלאָפט אײַן.)

ש ע ף

מע דארף אים אָפּפירן.

ה ע ר צ נ ט אָ ל

ווהין?!

שעף באווײַזט אף זיך.

וואָס רעדט איר?

ש ע ף

וואָס איז? ער דארף איצט גאָרניט, כוץ א בעט.
ער וועט זיך אויסשלאָפן און קומען צו־זיך.
א דאָקטער, אויב מע דארף...

ר א ט נ י צ ק י

הער שעף, איך בעט,
פארגינט די מיצווע מיר. האכנאָסאס־אָרכים
איז פון די גרעסטע מיצוועס אף דער וועלט,
כ׳וועל אים אליין ארומוואשן די ווונדן.

ש ע ף

א מיצווע האָט אײַך פלוצעם אויסגעפעלט?
גייט טוט א קוש א צווייט מאָל די מעזוזע!
איך ווייס, מיט וואָס די מיצווע איז פארבונדן.

ר א ט נ י צ ק י

נו, אדעראבעע, זאָגט מיר, לאָמיר האָרכן...

ש ע ף

ניט שרעקט זיך, מ׳וועט דאָס מויל אים ניט
פאַרשליסן,
נאָר אויסער אונדז, דאַרף קיינער גאָרניט וויסן!

ה ע ר צ נ ט אָ ל

פאַרוואָס? איך האַלט פאַרקערט.

ש ע ף

איך מיין, דערווייל.

פּ אָ ל י ט

(פון שלאָף)

אַלע, אַלע באַ דער גרוב...
פרויען מיט די קינדער אויף די הענט.
מע האָט געשאָסן און מע האָט געברענט,
לעבעדיק אין גרוב אַריינגעשטופּט...

(ער צעוויינט זיך.)

אין צימער ווערט אַ צערודערונג. הערצנטאָל און ראַטניצקי נעמען אונטער די אָרעמס דעם פּאָליט און פירן אים אָפּ אין צווייטן צימער. פאַר דער צייט קומען אַריין יודיטאַ, רוזשע און דער פּאָליציימאַן. עס קערן זיך אום הערצנטאָל און ראַטניצקי.

ה ע ר צ נ ט אָ ל

(דערשראָקן, דערזעענדיק די אַריינגעקומענע)

און אַנדערן ווו האָט איר אַהינגעטאָן?

י ו ד י ט אַ

דער טאַליען האָט געלאָזן זי
באַ זיך... ביז מאָרגן אינדערפרי.

ער וועט באטראכטן זיך באנאכט
און וועט איר ענטפער געבן פינקטלעך אכט...

אפן שוועל וואקסט אויס י א נ ע ק.

י ו ד י ט א

(שטיל, וואָרענענדיק)

יאנעק! יאן!..

סאָף פון ערשטן אקט

צווייטער אקט

א שטאָל, אויסגעבעט מיט שטרוי; פּעסער. אַף א פּלעקל — א כאָמעט און אנדערע איבערבלײַבענישן פון פערדישן געשפּאַן. אַף דער וואַנט — א לאַמטערן. האַלבּ־טונקל. יאַנעק און געדאַליע רוקן איבער אַן אײַזערנע פּאַס און שטעלן זי אַוועק אין א ווינקל.

יאַנעק

נו, גדאַליע, זאָג, צי האָט זיך דײַנע פערד
אַמאָל געכאָלעמט, אַז אַף יענעם אָרט,
וווּ זיי זײַנען געשטאַנען בא דעם האָבער,
וועט זײַן א פּאַלאַץ אויסגעבויט, און ווו?
א נײַן איילן טיף אונטער דער ערד.

געדאַליע

(פאַריכטנדיק דאָס שטרוי אַרום דער פּאַס)

און, יאַנעק, דיר וואָס כאָלעמט זיך, אַז דו
האָסט, פּעוונע, אויסגעפונען אָט דאָס אָרט?
האָסטו א גרויסן טאָעס! מאַנע פערד —
אָהאָ! זיי האָבן אַלץ פאַרויסגעזען
פון פריִער נאָך, און איידער וואָס און ווען,
זיי האָבן מיט די קאָפּיטעס געגראָבן.

י א נ ע ק

נעוויִם — ניט קיין פערד.

ג ע ד א ל י ע

נו־נו, אָן שפּאַס.

י א נ ע ק

כאָלילע! כ׳זאָג נאָר, זיי האָבן דערטאַפּט
דאָס אָרט, ווו זײַן אמאָל וועט אונדזער שטאַב;
וואָדען? אז ס׳ליגט די כאָכמע אין די פּיס?

ג ע ד א ל י ע

א דײַגע — ווו, אבי זי איז פאַראַן.

י א נ ע ק

זאָג, וואָס וואָלט זײַן, ווען פּלוצעם קערט דיר אום
דער דײַטש דײַן פערד־און־וואָגן, דײַן געשפּאַן,
די לייצעס מיט דער בײַטש?..

ג ע ד א ל י ע

פרעגסט, וואָס וואָלט זײַן?
כ׳וואָלט מיטן דישל אים אין זײַט אַרײַן
און וואָלט פאַרקערט אף גאָר אן אנדער טראַקט...
עך, גוטערברודער, מיך האָט עס געפּאַקט
באַם סאַמע לעבער... לאַכסט!

(ער טוט זיך א קלאַפּ אין דער ברוסט.)

א צענטער דאָר

פורמאַנעס — טאַטעס, זיידעס, עלטערזיידעס.
פון זינט קרוין־פּוילן שטייט שוין אף דער ערד,
נאָך פריִער, פאַר דעם גרויסן קאַזשימיר,
געפירט מיר האָבן פּאָטשט, געהאַלטן פערד,
און פּלוצעם — הערסט — דו טאָרסט ניט, זאָגט מען מיר,

דו, גדאליע, טאָרסט ניט אָנטרייבן קא פערד...
פאר־וואָס? — ווייל דו ביסט עס ניט ווערט.
פאר־וואָס? — דערפאר, ווייל ביסט א ייִד.
ווי קומט א ייִד — צו אלדי שווארצע יאָר —
גאָר האלטן לייצעס אין די הענט?

יאנעק

א ייִד
זאָל האָבן מאכט, זאָל זײַן איבער א פערד,
באם דייטש? כאָלילע! דאָס דערלויבט זיך ניט,
א ייִד זאָל אין א מענטשן זײַן גערעכטן?
דער דייטש וועט ניט דערלאָזן, שטרענג פארבאָטן!..

געדאליע

צו כאָלעם קומען זיי צו מיר, די זיידעס.
איין זיידן כ׳האָב געקענט נאָך — לאנג געלעבט,
צו אכציק יאָר — נאָך זעק מיט מעל געשלעפט
אף זיך — פון מיל אין סקלאד, פון סקלאד — צום קרעמער,
אין דער „פאָווסטאניע” אן אָנטיילנעמער,
געקומען שטיל, די בייטש אין גורט פארשטעקט,
און מיטן עלנבויגן — אופגעוועקט:
גענוג געדרעמלט, פאסאזשיר! א שוויס
האָט מיך באשלאָגן. גאָט איז מיר אן איידעס:
א באָרוועסער בין איך אוועק אין שטאָל,
און שטייף צום הארץ צוגעדריקט דעם כאָמעט,
א ווײַל געבליבן, ווי א גוילעם, שטיין
און זיך צעיאָמערט —
געמיינט, אז פלאצן וועט אין מיר די גאל...

יאנעק

(נאָך א שווערער פאוזע)
געדאליע... א, געדאליע...

ג ע ד א ל י ע

אז איך הייס
געדאליע, ווייס איך.

י א נ ע ק

וואָס זשע ווייסטו ניט?

ג ע ד א ל י ע

(באוויַזט זיַנע ברייטע דלאָניעס)

איך ווייס ניט, יאנעק, וואָס מע טוט דאמיט?

י א נ ע ק

איך האָב פאר דיר אן ארבעט — פערוושי סאָרט.

ג ע ד א ל י ע

ניט מאטער, זאָג.

י א נ ע ק

ניין, פריַער גיב א וואָרט,
אז דו וועסט טאָן, וואָס יאנעק וועט דיר זאָגן.

ג ע ד א ל י ע

(אין א פארלעגנהיַיט)

דו זאָלסט דערנאָך מיך האלטן בא דער צוים?

י א נ ע ק

און דיסציפלין?

ג ע ד א ל י ע

נו, רייד שוין, רייד.

י א נ ע ק

די ערד,
געדאליע, זאָלסטו גראָבן מיט דער נאָז,
נאָר ווערן זאָלסטו מיר... א פּאָליציַי.

ג ע ד א ל י ע

א פּאָליציַיער? יאַך? ג ע ד א ל י ע? — וואָס
האָסטו זיך אָנגעטראכט? גיי שלאָף זיך אויס.

י א נ ע ק

מיר האָבן, דאכט זיך, אָפּגערעדט, פּאָרויס:
געדאליע טוט, וואָס הייסן וועט אים יאַן.

ג ע ד א ל י ע

וואָס פאר א סייכל איז אין דעם פאראַן?

י א נ ע ק

פאראַן א סייכל, און פאראַן א מיין.

(ער טוט אים א פּאטש אין פּלייצע.)

וועסט עלטער ווערן — וועסטו אלץ פארשטיין.
האקלאל, דו ווערסט — א פּאָליציַי!

ג ע ד א ל י ע

(קימאט מעכאניש)

איך ווער.

פּאוזע.

און יאָגן זיי... אין נאקן?

י א נ ע ק

אָפּטמאָל מער

פון אנדערע...

ג ע ד א ל י ע

איך קאָן ניט, יאנעק.

י א נ ע ק

מוזט.

ג ע ד א ל י ע

פארוואָס גראָד איך?

י א נ ע ק

אזוי האָט מיר פארגלוסט...

ג ע ד א ל י ע

אזוי... און צולייגן אמאָל א יאד?

י א נ ע ק

ניט פאלן זאָל אף דיר דער מינדסטער כשאד —
אפילע דאָס, קעדיי דײַן צווייטע האנט
זאָל קאָנען זיי אמאָל א טויווע טאָן,
אזא, אז דאָס זאָל איבערוועגן אלץ.
נו, איצטער, גדאליע, זעסט שוין, ווו דו האלטסט?

ג ע ד א ל י ע

איך זע!

י א נ ע ק

און דאָס איז ערשט דער אלעפבייס.

ג ע ד א ל י ע

נישקאָשע פון א פעקל אפן האלדז!

י א נ ע ק

א ביסל שווערלעך, גדאליע, נאָר אָן בייז.
דו האָסט א שטארקן האלדז — דו וועסט פארטראָגן.

יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן:
אַ ווינקל זאָלסטו זיך זוכן ווײַט פונדאַנען,
די שטוב, די גאַס איז מער דיר ניט באַקאַנט, —
אַפילע ניט אַרײַנשמעקן אַהער.
פון אונדז דו קענסט נאָר צווייען און ניט מער:
נאָר מיך און סטערקען. מיך וועסטו ניט זען,
דורך איר וועסטו שוין וויסן, וואָס און ווען
דו האָסט צו טאָן. פאַרליר קיין צײַט ניט, גײַ.
כ׳באַגריס דיך... מיטן נאָמען: פּאָליצײַ.

(ער נעמט אים אַרום.)

געדאַליע

ווי איינער וויל ניט שטאַרבן — וויל איך ניט...

יאַנעק

באַם שעף פון פּאָליצײַ געפינען כיין —
ער זאָל דיר טרויען מער, ווי זיך אַליין;
זיך היטן פון אַ ניט באַטראַכטן שריט.

זיי געזעגענען זיך. געדאַליע קלײַבט זיך אַוועקגיין. אַז ער האַלט שוין באַם אַרויסגיין, טוט אים יאַנעק אַ רוף.

געדאַליע...

געדאַליע קערט זיך אום.

כ׳האָב צו דיר אַ ביטע.

געדאַליע

זאָג.

יאַנעק

אַ קליינע, אַ פּערזענלעכע באַקאָשע.

געדאַליע

נו, זאָג שוין, זאָג.

י א נ ע ק

זינט כ׳בין אוועק פון שטוב...

ג ע ד א ל י ע

איך ווייס, די מאמע זיצט דאָרט אָן א גראָשן.
באם פענעץ ברויט און בא די קאלטע טעפּ.

י א נ ע ק

בא מיר פלעגט זי נאָך קריגן אָפּט א זופּ.
איך ווייס ניט, ווי זי קריכט גאָר אף די טרעפּ.

ג ע ד א ל י ע

מאלוכים העלפן איר... וואָס איז ניט ווערט?
אונדז אויסגעהאָדעוועט אזא בענאָק!
וואָס איז זי אלט?

י א נ ע ק

סאכאקל פופציק יאָר...
איז אָט, געדאליע, בעט איך דיך: אמאָל
איר אָנקלאפּן אין טיר, מײַן ווײַסער טויב,
וועסט מיר א גרויסע טויווע טאָן דערמיט,
ווי נאָר זי וועט דערהערן דײַנע טריט,
זי וועט זיך פונעם בענקל טאָן א הויב,
אפגיך ארופוואָרפן אף זיך די טוך:
א דאנק אײַך, טײַערע, פאר דעם באזוך,
און פאר דער טירכע אײַערער — א דאנק.
פון זינט איך הער שוין ניט מײַן יאנקלס קאָל,
זײַט איר, מײַן פרײַנט, מײַן איינציקער געווס...

ג ע ד א ל י ע

זײַ רויִק, יאנעק, דו פארלאָז זיך שוין
אף מיר — כ׳וועל ברענגען ניט נאָר א גערוס.

י א נ ע ק

נאָר כאס־כאָלילע ניט דערציילן איר,
אווו איך בין — צו גוט זאָלסטו ניט זײַן!

ג ע ד א ל י ע

כ׳פארשטיי, וויבאלד א סאָד, איז דאָך ניט שײַ׳ך —
א מאמע, ניט קא מאמע, — אלע גלײַך.

י א נ ע ק

איצט, גדאליע, אײַל זיך צו, כ׳לעש אויס די שײַן,
שוין צײַט צוריק אין פאלאץ מיר ארײַן.
געדענק: א צײַט — אָפּ־כאווער זאָלסטו זײַן.

זיי צעקושן זיך. פינצטער. א לאנגע פאוזע. דערנאָך באווײַזט זיך די הייל אונטער דער ערד — א לענגלעכער קאָרידאָר, געבעט מיט פריש־געזעגטע ברעטער. אין ווינקל בא א קאסע מיט שריפט שטייט י א נ ע ק און זעצט אן „אופרוף״. אנטקעגן אים, אף אן איבערגעקערט קעסטל, — ס ט ע ר ק ע. שטיל.

ס ט ע ר ק ע

כ׳האָב קיינמאָל ניט געזען די מאמע וויינען,
און הײַנט — א גאנצן טאָג זי הערט ניט אוף.
און וויפל כ׳האָב מיט איר ניט אײַנגעטײַנעט,
אז אין דער געטאָ אנדע איז ניט איינע, —
זאָל זי כאָטש ענטפערן א וואָרט דערוף!
זי זיצט און וויינט — אזעלכע טרערן רינען...
פארשטייסט דאָך, יאנעק, בא דעם בעסטן ווילן,
וואָס פאר א טרייסט האָב איך געקאָנט געפינען?
ווײַזט אויס, ס׳איז איר שוין ב י ז צ ו ם ה א ל ד ז
דערגאנגען,
אז זי... אז אנדע האָט זיך אופגעהאנגען...
אז זי איז ניט די לעצטע פרוי אין געטאָ,
פאר וועלכער דאָס וועט זײַן די בעסטע רעטונג —
אזוי צי אנדערש נעמען זיך דאָס לעבן.

י א נ ע ק

ווען זי וואָלט זיך א כעזשבן אָפּגעגעבן...

סטערקע

זי האָט אין זיך מער טראָגן ניט געקאָנט
דאָס הינטיש בלוט! דאָס איז איר כעזשבן, יאַן.

יאנעק

אף זיך אליין ארופלייגן א האנט?
אין גאָרגל אײַנבײַסן זיך אים באדארפט!

סטערקע

ווי גרינג מיט ווערטער זיך מע ווארפט!
זיך אײַנבײַסן... האָסט שוין אמאָל געפּרוווט?

יאנעק

נו, זײַ ניט בייז, מײַן לעבן, קום אהער.

סטערקע גייט ניט.

כ׳פארשטיי, כ׳פארשטיי, ס׳איז איצט דיר ניט דערצו,
מיר — אויך. און כ׳ווארף, כאָלילע, ניט ארוף
די שולד פאר דעם אף איר, אף אונדזער אנדען,
ניט זי — וואָלט הײַנט געטראָפן עפּעס אנדערש,
קיין צאָרעס פעלן אונדז ניט אויס, און דאָך —
אין הארצן טראָג איך הײַנט אף איר פארדראָס!..

סטערקע

פארוואָס?

יאנעק

פארגעסן שוין? „איין אָוונט פריידז!״
האָסט דאָך אליין געזאָגט... כ׳פלעג יעדן טאָג
א טראכט טאָן: מאָרגן קומט די גוטע שאָ,
איך האָב געווארט, געהאָפט און זיך געגרייט,
און הײַנט — א גאנצן טאָג איז יאָמטעוו דאָ
אין הייל.

סטערקע

ווײַזט אויס, מע טאָר ניט.

יאנעק

מע מעג! דעם אומגליק אף לעהאכעס — זאָגן:
א כאסענע מיט אונטערפירער צוויי,
נאָר צוויי...

סטערקע

(פארמאכט אים מיט דער האנט דאָס מויל)
ניט זינדיק, יאנעק, מיט די רייד...

יאנעק טוט איר לײַכט א ביס די דלאָניע.

סטערקע

וואָס בײַסטו זיך?

יאנעק

כ'וויל וויסן, אז איך לעב
און דו לעבסט אויך, און ס'טוט דיר ווי מײַן ביס.
כ'האָב ליב דײַן האנט, כ'האָב זייער ליב דײַן האנט,
שוין לאנג זי ניט געזען...

סטערקע

די האנט — מער גאָרניט?

יאנעק

פון קאָפּ און ביז די טריט — אלץ ליב און זיס,
נאָר גיי — איך װעל דיך אויסשמירן אין פארב...

זי גייט צו אים צו, ער נעמט זי ארום מיט די הוילע עלנבויגנס און לייגט צו זײַן פארוואקסן פּאָנעם צו איר באק.

נו, וואָס? א שטעכעדיקער יאן — און גוט?

סטערקע

א גוטער, און א זיסער, און א ליבער,
נאַר, יאנעק, זאָג, ווי טראָגט מען אָט דאָס אלץ אריבער?

יאנעק

א שאָד, וואָס אנדע האָט זיך ניט דערמאָנט
אָן יענער פרוי, וואָס איז געשטאנען פארן דײַטש,
געשטאנען שטאָלץ... דערבײַ א צווייטע פרוי
געפאלן איז דעם טאליען צו די פיס,
און יענע האָט זיך גלײַך געטאָן א ריס,
מיט קראפט, מיט גוואלד צוריק זי אופגעשטעלט:
„דו ווילדע פרוי, דו ווייסט ניט, ווי אזוי
א מענטש דארף איצט אוועקגיין פון דער וועלט?"
דאָס לעצטע וואָרט באגעגנט האָט א שאָס,
נאָר אָט ד ע ר טויט, ער וועקט ניט קיין פארדראָס,
פארקערט, אין דעם מיר שעפן קויכעס, מוט,
ווײַל נאָר פארלאָרנקײַט, מעהומע, שרעק
אונדז שטערן איצט ארויסצוטרעטן אָפן;
אויב ניט גענוג מיר זײַנען נאָך באוואָפנט,
דערפאר מיר זײַנען נאָך גענוג אין צאָל,
און ערגער זײַן וועט דעמאָלט טויזנט מאָל,
ווען ליגן וועט די ביקס און דער נאגאן,
און אויספעלן עס וועט פאר זיי די האנט.

סטערקע

פארוואָס זשע, יאנעק, שווײַגסטו וועגן דעם
אין אָט די אופרופן, וואָס דו צעשיקסט?
מיר וועלן זיי צעקלעפּן אף די ווענט,
נאָר פון די אלע שיינע רייד מיט מיר
וועט קיינער זיך ניט כאפּן פאר דער ביקס
און דעם נאגאן ניט נעמען אין די הענט.
דערקלער מיר, אדעראבע, דעם באטײַט.

אַנשטאָט צו שרײַבן: נעמט געווער אין האנט,
מיר רופן צו א שטילן ווידערשטאנד...
(זי לייענט ארויס פונעם אופרוף.)
„מישפּאָכעס, פּאַרלעך, איינציקוויַיז —
פארגראָבן זיך, באהאלטן זיך, ניט פּאָרן!״

יאנעק

א גאנצער נאפּאָלעאָן געוואָרן!
פארשטייסט, אין דעם באשטייט די גאנצע קונסט
פון שלאכט: ארויסטרעטן — אפילע איינער, —
נאָר אין דײַן כאווערס שטיצע זיכער זײַ,
אז אין א נויט, אז אין א שווערער צײַט,
די הילף — זי וועט ניט דורכגיין דיך פארבײַ...
און דאָ בא אונדז? אָפּט טרעפט נאָך רײַסערײַ,
און איין פּארטיי דער צווייטער ציינער ווײַזט.
צי וועט די גאנצע געטאָ גיין נאָך אונדז?
דערווײַל מיר זײַנען נאָך א מינדערהײַט —
זיי גלייבן ניט, זיי ווילן אָן א שטרוי
זיך אָנכאפּן צי אָן דעם מינדסטן שאָטן,
אז ערגעץ איז אָן אויסלייזונג פאראן,
אז ערגעץ איז אָט דער ווילקיר פארבאָטן...
נאָך גאָר ניט לאנג געווען אזעלכע לײַט,
געדארשנט האָבן זיי: ס׳איז פונקט די צײַט,
דאָס אָרט, אז ייִדן זאָלן זיך צעגעטן
מיט גאָר דער וועלט און פאר זיך שאבעס מאכן,
ס׳איז זייער רוף געווען: „צוריק אין געטאָ!״
קעדייי פארהיטן, קלוימערשט, די קולטור
און נאָך אזעלכע שיינע, הויכע זאכן...
אָנשטאָט ארויסגיין מיט געווער אין דרויסן,
אז קינדס־קינדער מיט אונדז זיך זאָלן גרויסן:
„זיי זײַנען ניט געשטאנען אף די קני,
אין שלאכט געפאלן, נאָר ניט אָפּגעטראָטן!״
(מיטאמאָל.)
וואָס ווייִנסטו?

סטערקע

וועלכע קינדער, יאנעק? די,
וואָס טאָרן מער ניט קומען אַף דער וועלט?
וואָס ווערן הײַנט פאַרברענט דאָרט אין די לאַגערס?
פון וועלכע קינדער רעדסטו, יאַן, דו ווייסט,
מיך וווּנדערט אָפּט, ווי גיי איך גאָר ארום
אַף מײַנע פיס. און עס, און טרינק, און קום,
און וויל, דו זאָלסט מיך ליב האָבן...

יאנעק

וואָס איז?
דער הימל איז געפאַלן אַף דער ערד?
מיר וועלן האָבן קינדער, און ס'וועט זײַן
א וועלט... א לעבן...

סטערקע

דאָ אונטער דער ערד?

יאנעק

דערווײַל... אַלץ ביז א צײַט.

סטערקע

דערווײַל ווערסט גראָ
און באַ די אויגן — אָט אַזעלכע רעדער!

(זי רײַסט אויס באַ אים א האָר.)

נאַ, טו א קוק: צו פינף און צוואַנציק יאָר.

יאנעק

א דײַגע, סטערקע, גראָ מוז ווערן יעדער,
און אויב א ביסל פריִער — אויך אָן בייז,
אַזוי פּאַסט בעסער נאָך צום פּאָנעם — ניין?

דו ווייסט, פון וואָס כ׳ווער גראָ — פון זײַן אַליין, אָן דיר...

ס ט ע ר ק ע

און ניט פאַרזוכן לאַנג דעם טאַם
פון פרישער לופט, ניט אָנקוקן די זון,
און גראָד אַ זומער שטייט — אַ גאָטס־געָנאָד.

י א נ ע ק

(הייבט אויף דעם קאָפּ אין דער הייך)

אַ היץ?

ס ט ע ר ק ע

באַ פערציק גראַד.

י א נ ע ק

אַ ווינט?

ס ט ע ר ק ע

ניין, שטיל.

י א נ ע ק

די זון — זי סאַרפּעט... סטערקעלע, איך וויל...

ס ט ע ר ק ע

זאָג, וואָס?

י א נ ע ק

פאַרשרײַב אָט דאָ אין טאָגבוך: יון,
טויזנט נײַן הונדערט צוויי און פערציק.

סטערקע שרײַבט.

א בונקער, א מאלינע — רוף עס אָן,
ווי דיר געפעלט, אין דר׳ערד — א צווייטע שטאָט...
און אויבן שײַנט די זון — א שאָד, א שאָד...

(פאוזע. מיטאמאָל.)

די לעצטע ווערטער שרײַב ניט.

סטערקע

שוין פארפאלן.

יאנעק

א שאָד...

סטערקע

דו טאָרסט בא זיך ניט זײַן געפאלן.

יאנעק

כאָלילע! איך? דער דײַטש וועט ניט דערלעבן,
געזאָגט: לעהאכעס אלע סאָנים — הײַנט
מיר פראווען כאסענע... אָנשטאָט א זאל —
א לאנגע שמאָלע הייל אונטער דער שטאָט,
אָנשטאָט א טיש — אַ קאסטן שריפט, אָנשטאָט
א רינגעלע מיט כופע־אוקעדושן —
דיך וועט דײַן יאנקעלע הײַנט שטארק א קוש טאָן...

(ער נעמט ארום סטערקען.)

פון א געהיימער טיר אומבאמערקט באווײַזן זיך: בערעזא און ראָזע.ביידע טראָגן אונטער אָף א ברעטל א פלאש ווײַן מיט פארבײַסן.

ראָזע

וויוואט! די מעכוטאָנים זײַנען דאָ!
זאָל זײַן מיט מאזל אין א גוטער שאָ!
און איצט, בערעזא, ווינטש זיי...

בערעזא

מאזל טאָ...

(ער גייט צו צו יאַנעקן און סטערקען.)

ראָזע

(זינגט שטיל)

ניין, קאַלעניו, קאַלע,
פאַרגיס ניט קיין טרערן —
דער פײַנט זאָל ניט זעען.
קיין פרײַנט זאָל ניט הערן.
דעם קאָפּ — ניט פאַרנייגן,
כאָטש ס'הארץ איז געבראָכן.
א קאָס לאָמיר הייבן
פאַר אונדזער ניצאָכן...

(זי פאַלט סטערקען אפן האַלדז.)

פּלוצעם דערהערט זיך א שטילער קלאַפּ פון א ברעטל אָן א ברעטל. יאַנעק און אלע בלײַבן אָנגעשטרענגט ווארטן, דער קלאַפּ כאַזערט זיך איבער דרײַ מאָל. יאַנעק עפנט אוף א געהיים טירל, און דורך אויסגעגראָבענע טרעפּ, וואָס זײַנען ביז אהער געווען פאַרשטעלט, לאָזט ער זיך אַרוף. פינצטער. א לאַנגע פּאַוזע. נאָכדעם, בא א קאַרגער שײַן פון א האַנט־לאַמטערן, קומען אַראָפּ קאַזשיק און דער פּאָליט. אהינטער זיי — יאַנעק.

יאַנעק

געפעלט אײַך אונדזער פּאַלאַץ?

פּאָליט

(קוקט זיך ארום)

זייער פײַן געבויט.

יאַנעק

א ביסל ענגלעך דער ארײַן...

ק א ז ש י ק

דער טויער וויל ניט עפענען זיך ברייטער.
ניט איבעריקס באקוועם דער דורכגאנג אויך.

י א נ ע ק

א שטיקל וועג געפּויזעט אפן בויך?

ק א ז ש י ק

פרעגסט? ווי א וואָרעם א צונויפגעדרייטער.

י א נ ע ק

דערפאר בא אונדז אָט דאָ מע גלײַכט זיך אויס.
מע ווערט אפסנײַ א מענטש...

פּ אָ ל י ט

א גרויסן דאנק.

י א נ ע ק

פאר וואָס?

פּ אָ ל י ט

פאר אײַער צוטרוי.

י א נ ע ק

כ׳מיין... איך גלייב,
איר וועט אונדז ניט ארויסגעבן, דערהויפּט,
אז שווערער, ווי ארײַנגיין, איז ארויס
פונדאנען... זיצט, איך בעט זיך פילן פרײַ.
ווי הייסט איר?

פּ אָ ל י ט

מײַער.

יאנעק

אײַער פאך?

פּאָליט

א פארבער,
א שילדן־מאכער און א שטיקל מאָלער.

יאנעק

ווי אלט זײַט איר, הער מײַער?

פּאָליט

יאך?
כ׳בין אלט אזויפיל, וויפל ס׳דארף דאָס פײַער,
אז פון א קינד זאָל בלײַבן אש, די צײַט
איך ווייס געננוי — א יונגע פרוי ברענט גיך,
פיל גיכער פון א מאנצבל; איך געדענק:
געגאנגען איז אין לאגער דאָרט א בײַט.
די קוילערס פלעגן שלאָגן זיך פאר זיי —
מיט זיי מע פלעגט די שײַטערס אונטערהייצן;

פּאוזע.

כ׳בין אלט אזויפיל, וויפל ס׳דארף א הונט,
זײַן באלעבאָס זאָל אים אזוי צערייצן,
דער הונט זאָל פון אײַך רײַסן שטיקער... איך בין אלט
אזויפיל, וויפל ס׳דויערט מיט געוואלד,
מיט בײַטשן יאָגנדיק אין האלדז־און־נאקן,
ארײַנטרײַבן אין ענג־פארפּראָפּטן קאמער
א הונדערט מאנצבלען, פרויען אָדאָם־נאקעט,
און אין א שאָ ארום, שוין דורך א צווייטער טיר,
ארויסוואַרפן זיי אלע אף דער גאס —
דערשטיקטע, האלב־פארסאמטע דורכן גאז.
כ׳בין אלט... כ׳בין אלט שוין אָן א שיר...

נאָר אָפּט מיר דאַכט, כ'בין זייער, זייער יונג,
געלעבט כ'האָב אַף דער ערד איין אויגנבליק:
דעם אויגנבליק, ווען איך האָב אים געשטיקט...
ווײַל פון מײַן גאַנצן לעבן איך געדענק
נאָר איינס: דעםווילדן, פּלוצעמדיקן שפּרונג
אַף אים, אַף האַנסן — דעם, וואָס מיטן הונט,
איך בין פון אים שוין ניט אַראָפּ צוריק,
ביז איך האָב ניט דערהערט דעם לעצטן כריפּ.
די הענט געוואָרן זײַנען מיר, ווי צווענג,
קוים אָפּגעווישט דעם סוינעס בלוט פון ליפּ...

קאַזשיק

און ווו האָט איר דעם פײַנעם יונג באַשטאַט?

פּאָליט

(צעלאַכט זיך היסטעריש)

א הוילץ, ווי די מאַמע ט'אים געהאַט,
באַנאַכט אים אָפּגעשיקט צו גאָט... אין פײַער.

(ער מאַכט א באַוועגונג, ווי אים וואָלט עפּעס פאַרשמעקט.)

קאַזשיק

וואָס שמעקט איר אַלץ?

פּאָליט

די גאַנצע צײַט — דער רויך
גייט נאָך... דער ריייעך פון געברענטן ביין...

יאַנעק

(וועלכער האָט די גאַנצע צײַט געשריבן)

הער מײַער, דאָ איז אַלץ געניי פאַרשריבן,
קיין וואָרט כ'האָב ניט פאַרפעלט. און איצטער זאָגט:
צי האָט איר עפּעס דאָ ניט איבערטריבן?

צי קאָנט איר כאַסמענען אַט דאָס פּאַפּיר?
מיר זײַנען אײדעס דאָ — אַ ייִד, אַ פּויל,
אַ רוס, און יעדערער אכרײַעס טראָגט
פאַר אַלץ, וואָס קומט פונדאַנען אין דער הייך...

פּאָליט

קיין ליגן כ׳וויל ניט ברענגען פאַרן מויל,
און אַלץ, וואָס שטייט געשריבן דאָ — איז ליגן...

קאַזשיק

וואָס הייסט?

סטערקע

וואָס רעדט איר! איר זײַט ניט באַם זינען!

פּאָליט

ניין־ניין. כ׳בין קלאָר.

(ער נעמט אין די הענט דאָס פּאַפּיר.)

ווען דאָס זאָל עמעס זײַן —
די ערד וואָלט זיך דאָך איבערקערן...
די וועלט וואָלט ניט געשוויגן!
נאָר אויב אַ כסימע דאַרפן זיי...

(ער טוט אַ כאַפּ פון דער שריפט־קאַסטע אַ מעשענע ווירע און צעשנײַדט זיך די האַנט.)

יאַנעק

וואָס טוט איר?

פּאָליט

מײַן בלוט זאָל אײדעס זאָגן פאַר מײַן קינד
און פאַר מײַן פרוי... מײַן פאָטער און מײַן מוטער...

(ער צעוואַרפט איבערן קאַסטן עטלעכע בײַגעלעך פּאַפּיר און פאַרפלעקט זיי מיט פליסנדיק בלוט.)

גענוג? צי נאָך?

י א נ ע ק

ארויסהענגען ניט נאָר
אין גאַס, ווו מענטשן לויפן איַיליק דורך,
נאָר אויך, ווו זיי באַהאַלטן זיך — אין סכראָנען, —
דאָס בלוט זאָל שטענדיק זיי אָן בלוט דערמאָנען.

פ אָ ל י ט

צי וועט אָבער דאָס בלוט זיַין אופגעמאָנט?

ב ע ר ע ז א

(גייט צו און לייגט ארוף זיַין האנט אפן פאָליטס וווּנד)
Кровь за кровь![1]

ק א ז ש י ק

(טוט דאָס זעלבע)
Krew za krew![1]

י א נ ע ק

(טוט דאָס זעלבע)

מיט זייער בלוט — פאר אונדזער בלוט!
מיט זייער טויט — פאר אונדזער לעבן!

סאָף פון צווייטן אקט

---

[1] בלוט פאר בלוט! (רוסיש און פויליש)

דריטער אקט

דאָס ערשטע בילד

אין יידנראַט.

הערצנטאָל

איך וועל אײַך הייסן האַלטן אונטער וואָך!
איר זײַט געפערלעך — איר דאַרפט זײַן פאַרשפאַרט.
איר ווייסט דען, ווער איר זײַט?

בינדלער

לעמאַשל?

הערצנטאָל

קאַיִן!

בינדלער טוט אַף אים אַ קוק פאַרכידעשט און ווענדט אָפּ פון אים זײַן בליק.

הערצנטאָל

ס'געפעלט אײַך ניט? איז טוט גיט אַזאַ זאָך!
איר הערט, אין טפיסע וועט איר בא מיר פוילן:

א ייִד זאָל זיך אזעלכעס טאָן דערוועגן!
ווי קאָן א ייִד בא זיך אליין גאָר פּויעלן
פארקויפן סאם א צווייטן? זאָגט, דערקלערט:
צונויפשלאָגן דערפון זיך א פארמעגן
האָט איר געמיינט? וואָס טויג אײַך איצט דאָס געלט?
איר וועט אין געטאָ בויען זיך א הויז?
שידוכים טאָן? צי עפּשער נאָר דערפאר,
ווײַל סאם איז איצט א גאנגבארער ארטיקל,
דעם טויט אין בוזעם טראָגט איר אום?
וואָס שווײַגט איר? רעדט! צי איר זײַט שטום
געוואָרן מיטאמאָל? הער סעקרעטאר,
די טאשן אלע טייקעף קערט אים אויס —
באזוכן אים פון קאָפּ און ביז די פיס!

דער סעקרעטאר באזוכט אים, ער לייגט ארויס אפן טיש פארשיידענע דאָקומענטן, פּאפּירן. הערצנטאָל, פון זײַן זײַט, טרייסלט איבער יעדעס פּאפּירל.

ווען איך געפין איין פּראָשעק סאם, מיר דוכט,
דער ערשטער ער וואָלט איצט פון אים פארזוכט.

מ אָ ז ע ס

וווארט, ווארט, וואָס איז דאָ אין פּאפּיר פארוויקלט?

ה ע ר צ נ ט אָ ל

באוויַיזט קאָרשט.

מ אָ ז ע ס

(נעמט פאנאנדער דאָס פּאפּיר. אנטוישט)
ברעקלעך ברויט.

ה ע ר צ נ ט אָ ל

נאָר עפּשער ליגט
אין זיי דער סאם?

מאַזעס

איך ווייס? ס'קאָן זייער זײַן.
באַם טייטן מײַז דעם סאַם מע טוט אַרײַן
אין ברויט.

בינדלער כאַפּט אַרויס באַם סעקרעטאַר פון האַנט דאָס פּאַפּירל און וואַרפט אַרײַן
אין מויל די ברעקלעך ברויט.

מאַזעס

הער בינדלער!

הערצנטאָל

וואָס האָט איר געטאָן?

בינדלער

איך בין שוין פרײַ?

הערצנטאָל

דערווײַל האָט אײַך געגליקט,
וויבאַלד מע האָט אײַך ניט געכאַפּט באַם האַנט,
זײַט איר קיין גאַנעוו ניט, נאָר איך דערמאָן
אײַך נאָכאַמאָל און וואָרן אײַך...

בינדלער קערעוועט זיך אויס און לאָזט זיך גיין. הערצנטאָל און דער סעקרעטאַר
באַגלייטן אים מיט די אויגן.

מאַזעס

(שרײַט פּלוצעם אויס)

וואַרט אויף!

בינדלער שטעלט זיך ניט אָפּ.

הער בינדלער!

בינדלער דרייט זיך האַסטיק אויס מיטן פּאָנעם צום סעקרעטאַר. דער סעקרעטאַר
דרייט אים אויס צו זיך מיט דער פּלייצע. אַזוי עטלעכע מאָל. מע זעט באַשײַמ־
פּערלעך, אַז בינדלער באַהאַלט אויס די פּלייצע.

הערצנטאָל

(צו מאָזעסן)

צו וואָס מושטרירט איר אים?

מאָזעס

איין אויגנבליק,

הער פאָרזיצער!

ער רײַסט אוף די נאָט פון דער געלער לאטע, וואָס אף דער פלייצע, שפארט ארײַן די פינגער און איינציקווײַז ציט ער ארויס פון אונטער דער שאנד־לאטע עטלעכע ווײַסע אקוראט־צונויפגעלייגטע פאפירלעך. ער לייגט עס אוועק אפן טיש. בינדלער, ווי ער איז געשטאנען מיט אן אָנגעבויגענעם קאָפּ, אזוי לאָזט ער זיך גיין. הערצנטאָל פארלויפט אים דעם וועג. פאר דער צײַט גייט צו דער סעקרעטאר צום טיש און לייגט ארײַן א פּראָשעק סאם צו זיך אין קעשענע.

הערצנטאָל

זאָגט, בינדלער, דאָס איז ער?

בינדלער באווײַזט מיטן קאָפּ אף „יאָ“. הערצנטאָל לויפט צו צום טיש און טראָגט אונטער בינדלערן די ווײַסע פּאפירלעך.

בינדלער

(טוט א קוק אף הערצנטאָלס האנט)

הער פאָרזיצער, דאָ פעלט, באדארפט זײַן מער...

הערצנטאָל

ווי הייסט ער, אָט דער סאם, וואָס איר פארקויפט?
א סאך האָט איר דורך אים שוין אויסגעריכט
אף יענער־וועלט? איר שטייט פארן געריכט!

בינדלער

מײַן סאם — ער איז דער שטארקסטער אף דער וועלט,
נאָר ווײַזט מיר דעם, וואָס האָט געצאָלט מיר געלט.

הערצנטאָל

אזוי? אומזיסט געגעבן? גוטער מענטש!
מיט גאָט געהאנדלט?

בינדלער

לעסטערט ניט!
איר זײַט בא אים אין האנט. איך האָב דערמיט
געטאָן א כעסעד שעל עמעס — א גרינגער טויט
האָט זיי פון אלע פלאָגן אויסגעלייזט:
פאר דעם, וואָס איז געבליבן צווישן שטריק
און מעסער, איז מײַן סאם געווען א גליק.

הערצנטאָל

פארוואָס האָט איר אַף זיך אים ניט געפרווּט?
וואָלט זײַן פארשפּאָרט אײַך אויספרעגן דערנאָך.

בינדלער

ניט פרעגט פארוואָס, הער פּאָרזיצער, דערוף
אײַך ענטפער געבן זאָל מײַן גרויסער בראָך.

(ער ציט ארויס פון בוזעם־קעשענע א פּאַטאָ.)

א קינד — א דימענט — צוויי און צוואנציק יאָר —
ס'האָט אײַנגענומען סאם, עס זאָל ניט זען,
ווי ס'וועט איר כאווערטע דעם שלייף פארציִען,
אין שטוב בא מיר כ'האָבביידע זיי געטראָפן:
די כאווערטע — געהאנגען אַף דער טליִע,
און זי — געלעגן רויִק אין איר בעט,
ווי זי וואָלט נאָרוואָס, נאָרוואָס אײַנגעשלאָפן —
א גרינגער טויט, ווײַזט אויס... אָט, זעט...

מאָזעס

(נעמט אין האנט די פּאַטאָ)

די כאווערטע ווי האָט געהייסן?

בינדלער

אנדע.
צו קוורע כ'האָב געבראכט באנאנד זיי ביידן...
פון דעמלט אָן האָב איך אַף זיך גענומען:

צו דעם, וואָס קאָן ניט טראָגן מער דיליידן,
מיט מײַן רעפּוע אים אנטקעגן קומען.

עס קומט אַרײַן ראַטניצקי.

הערצנטאָל

אָט איז אַ גאָטספּאָרכטיקער מאַן, פאַר אים
די ייִדישע געזעצן זײַנען אָפן.
איז לאָמיר הערן, וואָס אײַך קומט דערפאַר,
און לויטן דין מיר וועלן אײַך באַשטראָפן.

ראַטניצקי

ווען איך וואָלט טויזנט דינים אײַך געבראַכט,
זיי וואָלטן איינעם לעבעדיק געמאַכט?
כאַראָטע העלפט נאָר צווישן מענטש און גאָט,
נאָר האָט אַ מענטש אַ מענטשן שלעכטס געטאָן, —
קיין טשוווע העלפט ניט — גאָט נעמט זי ניט אָן.

בינדלער

איך האָב ניט קיין כאַראָטע. גאָטס געבאָט:
צו הילף דעם כאַוער קומען אין אַ נויט.
כ'האָב גוטס געטאָן און וואָלט געטאָן אויך ווײַטער.

ראַטניצקי

אַמאָל בײַ ייִדן וואָלט מען אײַך פאַרשטיינען!

בינדלער

פאַרשטיינט, אויב ס'קומט.

הערצנטאָל טוט אַ קלונג מיטן גלעקל. אין טיר באַווײַזט זיך געדאַליע מיט אַ צייכן פון אַ פּאָליצייער.

הערצנטאָל

פירט אָפּ אים און פאַרשפּאַרט.

געדאליע

אף לאנג?

הערצנטאָל

ביזוואנען

ארויס וועט אים פון קאָפּ דאָס מעשוגאַס.

געדאליע נעמט אים פארן ארבל.

בינדלער

לאָזט פרײַ די האנט, כ׳וועל ערגעץ ניט אנטלויפן.

(צו הערצנטאָלן.)

איר זאָגט, ער זאָל מיך פירן דורך די הויפן.
פון זינט מײַן קינד איז אָפּגעגאַן פונדאנעץ,
איך טראָג קא שיך און גיי ניט מיט דער גאַס.

געדאליע טרעט אים אָפּ דעם וועג, בינדלער גייט פאָרויס.

מאָזעס

וואָס טוט מען מיטן סאַם?

הערצנטאָל

ארויסשיטן... אין אוניטאַז!

מאָזעס

דערלויבט, וועל איך דאָס טאָן.

הערצנטאָל

ניין, ניין, אליין מיט מײַנע הענט...

(קלײַבט זיך ארויסגיין.)

אין טיר באַווײַזט זיך א צוועלפיאָריק דײַטשיש יִנגל, מיליטעריש געקליידט, מיט א הילצערן ביקסל אין האנט. אהינטער אים — א לייטענאַנט.

גוט־מאָרגן...

ל י י ט ע נ א נ ט

(ענטפערט ניט. ער באווײַזט מיט דער האנט אפן ייִנגל)

דער קערל יאָהאן — ער וועט בלײַבן היר.

מאָזעס און ראטניצקי קוקן זיך איבער.

די שוץ פון ייִדנראט איז אונדזער זאך;
די מאכט באשטימט האָט אײַך אן ערע־וואך.

דאָס ייִנגל גלײַכט זיך אויס, הערצנטאָל בייגט זיך עטוואָס אָן.

ה ע ר צ נ ט אָ ל

דאנקע־שיין... פאר אײַער זאָרג. אין וואָס,
דערלויבט אײַך פרעגן, וועט באשטיין זײַן פליכט?

ל י י ט ע נ א נ ט

די יודען זײַנען אופגערעגט און בייז
אוּן מוזן, זיכער, טראָגן פיל פארדראָס
אף אײַך און אפן יודנראט, ווער ווייסט.
זיי קאָנען אײַך באפאלן אומגעריכט,
און דאן, גייט פרווט דעם שולדיקן געפינען.
ס'וועט יעדער יודע זאָגן: רעכט פארדינט!
און אײַער נאָמען אויסבאָדן אין שמוץ.
דערום באשטימט מיר האָבן אײַך... א שוץ...
דער יונג טראָגט וואָפן... ער וועט שטענדיק אײַך
נאך־האוזע און צוריק אהער באגלייטן...
דער ייִנגסטער פאָרשטייער פון דײַטשן־רײַך
וועט מיטן פאָרזיצער זיך מער ניט שיידן.
פערשטאנדען, יאָהאן?

י אָ ה א ן

(טוט א ביל)

הײַל!

ל י י ט ע נ א נ ט

אף ווידערזען.

הערצנטאָל

(ווי ער וואָלט זיך אופגעכאפּט פון א שווערן שלאָף)

הער לייטענאנט!

(ער טוט זיך א לאָז נאָך אים און בלײַבט שטיין. צעעפנט דעם פּויסט, טוט פּילדײַטיק א קוק אַף די ווײַסע פראַשקעס סאַם און לאָזט זיך אנטשיידן גיין פון צימער. דאָס ייִנגל נאָך אים.)

ראטניצקי

(ווען ביידע זײַנען שוין אויסערן צימער)

דער קליינער טאליען פּוסטריט גייט אים נאָך.
אזא מין שנעק און פּילט זיך אזוי שטאָלץ.

מאָזעס

געזען דאָס ביקסל... כ'מיין דאָס שטיקל האָלץ.

ראטניצקי

ס'איז כויזעק נאַר, איך פיל אַף זיך דעם שפּײַ...
דאָס הייסט: איר זעט, ס'איז אײַער צײַט פארבײַ.
דער גאנצער ייִדנראַט איז ווערט א פעניג —
דעם קלענסטן טאליען זײַט איר אונטערטעניק...

מאָזעס

און מאָרגן קאָן מען אופהענגען א שלאָס
אַף אלץ, וואָס דאָ אין געטאָ האָט געהאַט
דעם קלינגענדיקן נאָמען ייִדנראַט.

ראטניצקי

(קוקט זיך ארום)

הער מאָזעס, ווי איר זעט מיך איצט א ייִדן,
ווען ניט די אָרוועס...

מאָזעס

עך, ווען ניט דער גזאַר,
אז יעדער ייִד איז אָרעוו פאַרן צווייטן,

עס וואָלט בא אונדז גאָר אנדערש זײַן א סאך!
מיר וואָלטן אפֿן קאָפּ געלאָזט זיך טרעטן?
פּשעפּראשאם פּאנא! כ׳וואָלט אים מיט א שטעקן
דעם קאָפּ צעשפּאָלטן, אָבער גיי און מאך,
אז הענגען מיך אליין וועט זיי ניט קלעקן —
זיי וועלן אויסקוילען א גאנצע גאס.
אָט ווען איך קאָן אוועק צו זיי...

ר א ט נ י צ ק י

צו וועמען?

מ אָ ז ע ס

צו אים, צום איידעם...

ר א ט נ י צ ק י

אונדז וועט ער ניט נעמען.

(בעסאָד.)

ס׳איז עמעס, מאָזעס, אז זיי קאָנען שוין
ארויסוויַיזן א קויעך... היפּש אין צאָל?

סעקרעטאר באווײַזט אף „יאָ״.

פונוואנען ווייסט איר?

מ אָ ז ע ס

(אין פארלעגנהײַט)

המ... א ייִד — ער האָט דיר שטענדיק ליב
צו פרעגן שײַלעס... מיר אין מויל קיין פינגער
ארײַנלייגן באדארף מען ניט, איך וויס.

ר א ט נ י צ ק י

מיך וונדערט נאָר, ווו נעמען זיי געווער?

מאַזעס

(א ביסל דערשראָקן)

ווו נעמען זיי?.. איר פרעגט מיך עפּעס גרינגערס...
פּאר געלט — מע קריגט... איך האָב געהערט א פּרײַז:
מיט גאָלד שטאָפּ אָן די גאנצע לענג פון רער.
בעמיילע קויפן ביקסן מיטאמאָל
אָ סאך איז שווערלעך, קויפט מען איינציקווײַז.

אומבאמערקט קומט ארײַן געדאליע.

ראטניצקי

איר וועט מיר גלייבן, ווען איך ווייס נאָר ווו
זיי זײַנען — האלב פון מײַן פארמעגן כ׳גיב
אוועק, נאָר גיי און זוך א ווינט אין פעלד.
שוין, דאכט זיך, ניט קא יונגערמאן, און וואָלט
אליין...

אהינטערן וואנט א טומל; בײדע דרייען זיך אויס און דערזעען געדאליען. ראטניצקי טוט א קוק אף אים דערשראָקן.

ראטניצקי

וואָס טוסטו דאָ?

מאַזעס

זע, זיך אוועקגעשטעלט!

געדאליע

א פרוי דאָרטווארט, צום פּאָרזיצער זי דארף.
ארײַנלאָזן, צי זאָל זי פּאָרן ווײַטער?

ראטניצקי

(צום סעקרעטאר, אומרויק)

וואָס זאמט ער זיך אזוי?

(צו געדאליען.)

רופט זי ארײַן.

געדאליע גייט ארויס און לאָזט ארײַן די פרוי.

פ ר ו י

דער פאָרזיצער איז דאָ ניטאָ?

מ אָ ז ע ס

ווער זײַט איר?

פ ר ו י

איר קענט מיך ניט?

מ אָ ז ע ס

(ווישט אויס די ברילן)

איר זײַט מיר אומבאַקאַנט.

עס קומט אַרײַן **ה ע ר צ נ ט אָ ל**, און הינטער אים — **י אָ ה א ן.**

הער פאָרזיצער, די פרוי וויל זעען אײַך.
איך קען זי ניט, און זי...

פ ר ו י

פאַן הערצנטאָל
דערקענט שוין אויך אונדז ניט? ווײַזט אויס, ס׳איז מיר
באַשערט צו ווערן רײַך.

ה ע ר צ נ ט אָ ל

וואַרט, וואַרט, דאָס קאָל
דערמאָנט מיר זייער...
(און פּלוצעם.)

פאַני רוזשאַ!.. ווײַ!..

וואָס גייט די פאַני אויסגעפּוצט אַזוי?

ר ו ז ש ע

(שטיל)

ניט וווּנדערט זיך — דאָס קאָן מיר ברענגען שאָדן.

הערצנטאָל

וואָס טוט די פּאַני דאָ?

רוזשע

כ'קאָן ריידן פרײַ?

ווער איז ער, אָט דער יונג?

(ווײַזט אף יאָהאַנען.)

הערצנטאָל

אָט דער? — מײַן שאָטן,

וואָס גיכער וועט באַפרײַען זיך פון מיר,

ווי איך פון אים. נאָר זאָגט, ניט שרעקט זיך, זאָגט,

א וועלכע נײַע פּלאָג האָט אײַך געבראַכט

אין ייִדנראַט?

רוזשע

די לעצטע צוויי־דרײַ טעג

די טירן פון שפּיטאָל זײַנען פאַרמאַכט

פאַר אונדז — דאָקטוירים עלטערע, גענוג

פאַראַן זײַנען אין געטאָ יונגע לײַט

אף צו פאַרבײַטן אונדז... און וואָס באַטײַט

אין געטאָ זײַן אָן ארבעט, איז באַוווּסט:

דאָס הייסט, עס וואַרט אף דיר דער שוואַרצער צוג...

דעריבער האָב איך אָנטאָן זיך געמוזט

ניט לויט מײַן עלטער נאָך, ניט לויט מײַן שטאַט

און צוײַלן אהער אין ייִדנראַט

און אויסבעטן בא אײַך א נײַעם שײַן,

ווו שוואַרץ אף ווײַס זאָל אָנגעשריבן זײַן,

אז אַלט בין איך ניט מער פון דרײַסיק יאָר,

און ווי זאָגט דאָרט אין שפּריכוואָרט דער פראַנצויז:

די פרוי איז אַלט אזוי, ווי זי זעט אויס...

עס דערהערט זיך א דערוויטערטע שיסערײַ פון ביקסן. אַלע שטרענגען זיך אָן. אין טיר באַווײַזט זיך דער פּאָליצײ־שעף.

ש ע ף

(שטאַרק אופגערעגט)

נו, איצטער זעט איר שוין דעם רעזולטאַט?
מע רעדט שוין מער אַפילע ניט מיט אײַך!
מע שלעפּט שוין מענטשן פון די הײַזער גלײַך —
אַפילע די, וואָס אַרבעטן — סײַ אַלט,
סײַ יונג — מע כאַפּט שוין מענטשן פון דער גאַס!

(ער שלעפּט אַרויס פון בוזעם־טאַש עטלעכע אופרופן מיט בלוט־פלעקן.)

איר זעט? אַראָפּגעריסן פון די ווענט...
באַהאַלטן זיך זיי ליגן פאַר — פאַרברעכער!
אַליין זיי וועלן ליגן אין די לעכער,
און דאָ, בא יעדן מינדסטן סקריפּ פון טיר
דאָס בלוט זאָל אונדז פאַרקילט ווערן פאַר שרעק.

ר א ט נ י צ ק י

ווער ווייסט, ווי בעסער איז?

ש ע ף

זיי זײַנען דול!
די שפּיר־הינט האָבן צו אַ גוטן שמעק.
איר גייט און טוט אַ קוק: די גאַס איז פול
מיט די באַהאַלטענע, וואָס וועלן פאָרן,
נאָר איצט שוין דורך געוואַלד, און אין געצײַל.
די געטאָ איז באַלאַגערט! נאָך אַ ווײַל...

(ער באַווײַזט אַפּן צימער.)

און אָט די שיף אין שטורעמדיקן יאַם
וועט מען צעגראָבן ברעטערווײַז... און דאַן —
מיר זײַנען שוין מיט קיין זאַך ניט באַוואָרנט...

ה ע ר צ נ ט א ָ ל

וואָס אײַצעט איר?

שעף

אײן אײצע איז פאראַן...
אין געטאָ גלײַך ארויסלאָזן א רוף:
געפינען טײקעף, װוּ עס האלט זיך אוף
דער שולדיקער אין אַט דער נײַער גזײרע.

הערצנטאָל

װאָס רעדט איר נארישקײַט! איר מײנט, אז כוץ
דעם שולדיקן אין אונדזער גרויסן בראָך,
איז עמעצער פון אונדז — אונדז שולדיק נאָך?

שעף

די רײד — זײ ברענגען זײער װײניק נוץ
בא גאָר דער ײִדן־פרײַנטשאפט זײערער.
ס׳האָט אונדזער ײִדנראט א שלעכטן שעם
באם קאָמיסאר...

הערצנטאָל

(פארנײגט זיך)

א דאנק, װאָס כאָטש מיט דעם
האָט איר דערפרײט מיך.

שעף

איך מוז אָבער אײַך אויך
דערצאָרענען... װײַל ס׳איז שוין מער קײן סאָד,
אז אין דער געטאָ ארבעט א געהײם־
אָרגאניזאציע — דאָס גאנצע רומל
געװעזענע פארטײען דאָרטן איז —
אין אונטערערד!
אויב זײ האָבן זיך געקריגט
אמאָל, געקליגט, געכקירעט זיך, געטומלט
און יעדער — מיט זײַן בײנדל זיך געקוויקט, —
איז הײַנט דאָרט שאָלעם אינעם נײַעם „סיים״,

וואָס הייסט בא זיי דאָרט: „נאַציאָנאַלער ראַט“...
נאָר כוץ דעם, איז דאָרט נאָך א ראַט פאַראַן —
א מיליטערישער... דאָרט האָט איר אַלץ:
פון א פאַריזשער ייִד און ביז א רוס
א קריגסגעפאַנגענעם פון די סאָוועטן...

הערצנטאָל

און איר — איר האָט א פּינקטלעכן געריס...

שעף

כ'וואָלט גערן פון דעם אַלעמען ניט וויסן,
וואָס טוט מען אָבער, ס'ווייסט דער קאָמיסאַר
און ס'ווייסט געסטאַפּאָ... אז אין דעם קאָנצערט
שפּילט בראַודע יאַן די ערשטע פידל, אז ניט איר,
נאָר ער — ער טוט אין געטאָ אומגעשטערט;
אז פון אַרײַנשמוגלען א ביקס און ביז
אַרויסוויַזן אַן אָפענעם באַיקאַט
אף א פאַבריק — די אָנפירונג געהערט
צו אָט דעם ראַט, זיי האָבן פרייַע הענט
ניט נאָר דאָ בא אונדז, אין ייִדנשטאָט,
נאָר ווייַט אַריבער אָט די געטאָ־ווענט.
זיי שטעלן זיך ניט אָפּ פאַר קיין געפאַר
און שיקן געלט, געווער אין פרעמדע שטעט
און אויך צו די, וואָס וואָגלען אום אין וואַלד, —
דאָס אַלץ איז, צום באַדויערן, באַוווּסט...
דער קאָמיסאַר — ער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט:
נאָר... יאַנען ברענגען אים... און ער זאָגט צו
דערפאַר אף ווייַטער לאָזן אונדז צורו:
דער שטורעם אין די ברעגעס וועט אַרײַן,
און דאָס, וואָס איז געווען, וועט מער ניט זיַין...

(ער דערלאַנגט הערצנטאָלן דאָס פּאַפּיר וועגן ברענגען יאַנעקן.)

הערצנטאָל

וואָס וויל ער? זאָגט! וואָס פאָדערט ער פון מיר?

שעף

אז איר זאָלט כאסמענען אָט דאָס פאפיר.
איך מיין, די געטאָ איז איין לעבן ווערט?

א לאנגע פאוזע

ניט טראכט צו לאנג, איר מוזט עס טאָן דערפאר,
קעדיי פארשפאָרן איבעריקע רייד:
„דער פאָרזיצער היט אויס דער טאָכטערס מאן
און שטעלט דערמיט די געטאָ אין געפאר".
אזעלכע רייד זײַנען פאראן.

הערצנטאָל

מע רעדט... איז זאָל מעןריידן, וואָס מע וויל!

שעף

מיט דער געסטאפּאָ שפּילט איר שלעכט די שפּיל.
זי קאָן די טאָכטער נעמען אָנשטאָט אים.

הערצנטאָל

(אויסער־זיך)

גייט זאָגט דעם דײַטש...

יאָהאן שטעלט זיך אוף.

גייט זאָגט דעם קאָמיסאר!
דער פאָרזיצער פון יודנראט באשטימט...
אז איינעם קאָן ער געבן...
(ער באווײַזט אף זיך.)
איינעם... ביטע!

עס גיט זיך א פראל אוף די טיר, אף דער שוועל בלײַבט שטיין דער לייטענאנט. ער באטראכט שארף אלע בײַוועזנדע, נאָך א רעגע — און אין צימער גייען ארײַן עטלעכע מאנצבלען און פרויען. אהינטער זיי — א דײַטשישער סאָלדאט.

(דערזעט צווישן זיי יודיטען.)

מײַן גאָט! ווי קומסטו איצט אהער, יודיטא!

י ו ד י ט א

וואָס פּרעגסטו, לעאָ, מיך — איך בין דען איינע?
מיר זײַנען אלע גלײַך געכאַפּט אין גאַס;
מע טרײַבט אונדז צו דער באַן; קוים אײַנגעבעטן,
מע זאָל אהערצו אונדז פארפירן...

ל ײ ט ע נ א נ ט

וואס?

ה ע ר צ נ ט אָ ל

הער לייטענאנט, דאָס איז מײַן פרוי...

ש ע ף

גענוי, כ׳באשטעטיק.

ל ײ ט ע נ א נ ט

(צו הערצנטאָלן)

אָבער אײַער פרוי
האָט גאָרנישט ניט געזאָגט מיר, זי בלײַבט דאָ!

(ער קערט זיך אום צו יודיטען און וויל אראָפּרײַסן פון איר די געלע לאטע.)

י ו ד י ט א

(ווערט זיך אנטשיידן)

וואָס טוט איר?

ל ײ ט ע נ א נ ט

כ׳וויל פון אײַך דעם געלן פלעק
ארונטערנעמען, כ׳פיל מיך זייער שלעכט,
דאס זאָ אײַן שיינע פראו טראגען מוז
דעם שאנדע־צייכן: „יודע״, כ׳גיב אײַך רעכט
שפּאצירן אָן דעם...

יודיטא

דאנקע שיין, נאָר איך —
איך שעם זיך ניט מיט דעם, הער לייטענאַנט.
אויב יאָ, כ׳וואָלט שעמען זיך באַדאַרפט דערמיט,
וואָס מײַנע אויגן זײַנען שוואַרץ, און ווײַס
די ציין, וואָס כ׳בין א פרוי און האָב א קינד.
ס׳איז מײַן נאַטור, אָבער ניט מײַן שאַנד.

צווישן אוילעם נעמט זיך איינער האַסטיק אַראָפּציִען דאָס העמדל.

שעף

וואָס וויל ער טאָן?

יונגערמאַן

איך? גאָרניט. איך באַווײַז,
ווי טיף אין מיר איז אײַנגעקריצט דער ייִד.

(ער קערעוועט זיך אויס מיט דער פּלייצע, אַף וועלכער ס׳איז מיט דײַטשישער פּינקטלעכקײַט אויסגעברענט „Jude“.)

לייטענאַנט

(דערלאַנגט אים מיטן שטעקן איבער דער פּלייצע)

אַרויס! אַרויס! געשווינד!

דער דײַטשישער סאָלדאַט נעמט טרײַבן אַלעמען פון צימער.

איינער

הער לייטענאַנט, איר קוקט זיך בעסער אײַן,
איך בין ניט אַרבעטלאָז — אָט איז מײַן שײַן.

צווייטער

מיט געלע שײַנען נעמט מען ניט. איר זעט?

ל ײ ט ע נ א נ ט

װוּ האָט מען אײַך געפּאַקט? אין גרוב? אין בעט?
צי אין פֿאַבריק? גענוג! אַרויס! געשווינד!

(צום שעף, שטרענג.)

די אָרד׳נונג האַלט אויף דער גאַס! צו דרײַ,
ניט מער, אין רײ און פֿירן ביזן טויער,
דערנאָך מיט אַ באַריכט אַהער צוריק!
איר הערט, מע פֿירט זײ דאָרטן מיט מוזיק!..

אַ ל ע גײען אַרויס. נאָך זײ — ד ע ר ש ע ף.

ר ו ז ש ע

(װאָס איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען דערװײַטערט, אַרויסגײענדיק פֿאַרהאַלט זי זיך לעבן יודיטען)

פֿאַרבלײַבט געזונט.

י ו ד י ט א

(דערקענט זי. דערשראָקן)

הער לײטענאַנט, איך פֿאָדער און איך בעט!
איר האָט אַלײן געגעבן מיר אַ גרונט,
איך זאָל איצט קאָנען װענדן זיך צו אײַך:
אויב אײַער גוטער װילן זיך פֿאַרשפּרײט
אויף מיר, צעטײלט אים צװישן אונדז.

ל ײ ט ע נ א נ ט

שוין שפּעט.

י ו ד י ט א

זי איז אַ גוטער דאָקטער, זי איז גרײט
צו אַרבעטן, זײַן נוצלעך.

ל ײ ט ע נ א נ ט

(קוקט זיך שאַרף אײַן אין רוזשען און שרײַט אויס)
יאָהאָן!

יאָהאַן

(גייט צו)

היל!

לייטענאַנט

(צו יאָהאַנען)

ווי אַלט איז דיזעס מעדכען?

יאָהאַן נעצט איַין דעם פינגער און נעמט מיט אים פירן איבער רוזשעס אָנגעפאַרבטע באַקן. ער בייגט זיך אָן און קוקט זיך בעסער איַין. ער צעלאַכט זיך שטאַרק. רוזשע טוט אים אַ פּאַטש אין פּאָנעם. דער לייטענאַנט שיסט אויס. רוזשע פאַלט. דער לייטענאַנט צו יודיטען און הערצנטאָלן.

אונד זי זינד פרײַ!

יודיטא און הערצנטאָל גייען געבראָכן אַרויס. נאָך זיי — יאָהאַן. אין פוסטן צימער באַם פענצטער — דער דײַטשישער לייטענאַנט.

דאָס צווייטע בילד

באַ הערצנטאָלן אין שטוב. דער סעקרעטאַר פון יידנראַט מאָזעס און יודיטא.

מאָזעס

איך בעט איַיך, פאַני, גייט פון שטוב אַוועק.
קיין רעגע טאָרט איר דאָ ניט בלײַבן מער.
דער פאָרזיצער האָט מיך געשיקט אַהער
נאָר צוליב דעם.

יודיטא

איר מיינט, אַז אָפן וועג
איז ווייניקער געפערלעך?

מאָזעס

איצט איז נאַכט,
און איר וועט ווי־עס־איז אַדורך, טוט אָן אַ טוך,
אַן אַנדער קלייד.

יודיטא

נײן־נײן, דאָס — ניט.
מײַן פרײַנט, באַהאַלטן זיך מיר שטײט ניט אָן,
און ס'איז שױן קײן באַהעלטעניש ניטאָ.
דערצו, װי קאָן איך גײן, און ער?

מאָזעס

מיר דאַכט,
די פּאַני װײסט נאָך ניט, מיט װאָס דאָס שמעקט.
צו צװעלף — אין ייִדנראַט אױב ס'קומט ניט יאָן,
װעט קאָסטן אונדז די נאַכט צװײ טױזנט מאַן
די כאַשעװוסטע אין געטאָ... כ'מײן, דערין
די מיטגלידער פֿון ייִדנראַט מיט װײַב־און־קינד...
איר װײסט עפּשער, װוּ סטערקע זיך געפֿינט.
צי עמעץ אַנדערש, פּרוּװט זיך גײן אַהין.

יודיטא

נײן־נײן! איך גײ צו א ים... ער איז נאָך דאָרט?

מאָזעס

געװען, נאָר איצט — װער װײסט... די גאַס איז אױף —
געשרײ, און כשאַד, און שושקערײַ אַף טריט
און שריט.

יודיטא

הער מאָזעס, זאָגט, דעם עמעס נאָר:
װאָס טראַכטן זײ — די מיטגלידער פֿון ראַט?
װאָס רעדט דער אױלעם? און אַף װעמענס צאַד
זײַט איר אַלײן?..

מאָזעס

ס'איז זײער שװער באַשליסן,
איך װיל ניט נעמען דאָס אַף מײַן געװיסן.

י ו ד י ט א

הער מאָזעס, יאַנעק איז מײַן סטערקעס מאַן,
נאָר גלייבט מיר, ערנוואָרט, אַז ניט דערפאַר,
ווען ס׳וועט א גאַנצע געטאָ אויסגעראָטן,
איז נאָך איין לעבן שפּילט שוין ניט קיין ראָל.
נאָר ניט מ ײַ ן א ײ ד ע ם דאַרף דער קאָמיסאַר.
דער דײַטש, ער דאַרף אָוועקנעמען בא אונדז
די לעצטע האָפענונג; ווײַל לאָמיר זאָגן,
אַז יאַנעק וועט די שווערסטע פּײַן פאַרטראָגן,
דערשלאָגן זיך בא אים וועט ניט געראָטן —
ער וועט ניט אויסגעבן, און זייער ווונטש
וועט בלײַבן ניט דערפילט — דאָס בין איך זיכער, —
צי דען איז אָבער זיכער דער האַמוין,
אַז ווי מע גיט אָפּ יאַנעקן, איז ש ו י ן —
גענוג, דער לעצטער קאָרבן — נאַריש, ווילד!

מ אָ ז ע ס

מע טרינקט זיך... כאַפּט מען אָן זיך פאַר א שטרוי...

י ו ד י ט א

איז יאַנעק דאָס די שטרוי? און ווו זײַט איר?
איר גייט אַהין און פּרוּווט זיי דאָרט דערקלערן.
גלייבט מיר, ווען איך בין נאָר ניט לעאָס פרוי...

מ אָ ז ע ס

און איר גלייבט מיר... איר האָט דאָך ניט קיין גרונט
דערווײַל מיר נ י ט גלייבן... איך קאָן אײַך שווערן,
ווען ס׳איז מײַן פּאָנעם ווייניקער באַקאַנט,
איך וואָלט געגאַנגען אָנשטאָט אים! „כ׳בין יאַן״,
וואָלט איך געזאָגט, און — טוט מיר, וואָס איר ווילט.
נאָר שלעכט, מיך קען אין געטאָ יעדער הונט.

י ו ד י ט א

און אויב זיי וואָלטן אײַך געפּײַניקט?

מ אָ ז ע ס

לאנג

מיך מאטערן זיי וואָלטן ניט...

י ו ד י ט א

פארוואָס?

מ אָ ז ע ס

(באוויַיזט אפן טאש)

ס׳איז דאָ א שפּרוך... ווען פול וועט זיַין די מאָס
פון מיַינע לייד, כ׳וועל לאָזן אים אין גאנג,
איך האלט אים גרייט אף יעדן פאל...

י ו ד י ט א

וואָלט איר באקאנט מיך, עפּשער, מיטן שפּרוך?

מ אָ ז ע ס

ניין־ניין, איַיך ניט, איר גייט אוועק... וואָס גיכער...
איך צווייפל ניט, אז סטערקעלען מע זוכט.
אויב מע געפינט זי ניט...

י ו ד י ט א

גיב גאָט!

מ אָ ז ע ס

נאָר דאן

זיַיט איר דער קאָרבן...

י ו ד י ט א

מאָזעס, ס׳ערגערט מיך,
וואָס מ יַי ן לעבן איַיך גייט אָן מער, ווי סטערעס.

מ אָ ז ע ס

און מער, ווי מיַינס.

י ו ד י ט א

א דאנק. כ׳וואָלט ניט געוואָלט
אײַך אויספרווון, איך ווייס, אז זייער שווער איז
צו שענקען סאם א פרײַנט, נאָר טײלן זיך
דערמיט, וואָס קאָן דען זײַן נאָך מער באַוויַיז?

מ אָ ז ע ס

ווען ס׳וועט קיין אנדער ברײרע שוין ניט זײַן.
דערווײַל עס האלט נאָך ניט דערבײַ... איר גייט?

י ו ד י ט א

נו, רעכט, איך גיי אין צימער נאָר ארײַן
זיך איבערטאָן.

זי גייט ארײַן אין צווייטן צימער. מאָזעס נעמט ארויס פון בוזעם דעם פראָשעק סאם. עס דערהערן זיך טריט. עס קומען ארײַן צוויי דײַטשן — דער ל יי ט ע נ א נ ט און א ס אָ ל ד א ט.

ל יי ט ע נ א נ ט

איזט היר די האוז־פרוי?

מ אָ ז ע ס

דאָ איז זי ניטאָ.

ל יי ט ע נ א נ ט

און איר?

מ אָ ז ע ס

אין יידנראט דער סעקרעטאר.

ל יי ט ע נ א נ ט

פאמיליע, נאָמען?

מאזעס

מאָזעס שווארץ.

עס קומט אָן יודיטא.

ליטענאנט

וואָס טוט
דער סעקרעטאר באם פאָרזיצער אין הויז?
מיט אײַער הער באגייט איר זיך ניט גוט.
זײַן סעקרעטאר איר זײַט, נאָר ניט זײַן פרויס.

מאָזעס

איך וועל אײַך ניט דערלויבן.

ליטענאנט

(צו יודיטען)

ביטע שיין.

(ער ווײַזט איר אָף דער טיר.)

מאָזעס

דערוועגט זיך ניט!

ליטענאנט

איר זײַט א דרייסטער ריטער,
איר רופט ארויס מיך אָף דועל... אָ, גאָט,
איר האָט ניט קיין געווער? באקומט עס, ביטע...

(ער גיט אים אָפּ זײַן רעוואָלווער און אליין נעמט ער באם צווייטן דײַטש.)

כ׳בעט צום באריער...

מאָזעס מאכט א טראָט אהינטער.

א טראָט און נאָך א טראָט...

יודיטא

הער מאָזעס!

לייטענאנט

אכטונג, סעקונדאנט! איינס...

מאָזעס

(לאָזט אראָפּ דעם רעוואָלווער)

אין אָט דעם הויז איך האָב קיין רעכט צו שיסן —
צו טײַער וואָלט געקאָסט אונדז אײַער טויט.
ס'האָט ניט די ווערט פאר אונדז...

לייטענאנט טוט מאָזעסן א כאַפּ פארן האלדז.

יודיטא

(טוט א געשריי)

הער לויט...

לייטענאנט

(לאָזט מאָזעסן אָפּ)

מיט וועמען רעדסטו!..

מאָזעס

כ'ווייס... נאָר איר זײַט וויסן,
אז אויסער אָט דעם הויז איז דאָ א וועלט.
ניט מיינט, אז איר וועט אונדזער בלוט פארגיסן
און אײַך וועט ווערן אָט דאָס בלוט געשענקט.
אונדז פעלט נאָר קראַפט, נאָר ניט קיין מוט
אונדז פעלט.

געדענקט!

לייטענאנט

אין קאמף מיט אונדז האָט פראנקרײַך ניט געהאט
קיין מוט, האָט עסטרײַך, בעלגיע, סלאָוואקיע,

האָט טשעכיע, פוילן, האָלאַנד, דענעמאַרק
די טויערן געעפנט פאַר אונדז פריי.
נאָר איר, דער סעקרעטאַר פון יידנראַט...
(צעלאַכט זיך.)

י ו ד י ט אַ

(רויק, נאָר זייער איבערצייגנדיק)

פאַרגעסט ניט אייער בראָך בײַ סטאַלינגראַד!
די טרויער־טעג, וואָס איר האָט אָפּגעריכט.
ס׳הייסט אונדזער געטאָ איצטער ג ע ט אָ ג ר אַ ד!..

ל ײַ ט ע נ אַ נ ט

דאָנערוועטער! אונטערזוכן ס׳הויז!
(צום צווייטן דײַטש.)
האַלט וואַך בײַם טיר און לאָזט זיי ניט אַרויס
פון אויגן!..

ער גייט אַרײַן אין צווייטן צימער. מאָזעס דערנעענטערט זיך צו יודיטען, און אומבאַמערקט גיט ער איר איבער דעם סאַם.

מ אָ ז ע ס

אַז ווי איז ביידן אונדז...

י ו ד י ט אַ

קיין בעסערע מאַטאָנע
אַ מאַן אַ פרוי האָט קיינמאָל ניט געשענקט...

ל ײַ ט ע נ אַ נ ט

(קומט ווידער אַרײַן)

הערויס!

דער ד ײַ ט ש גייט אַרויס, נאָך אים — י ו ד י ט אַ און מ אָ ז ע ס. אַהינטער זיי — דער ל ײַ ט ע נ אַ נ ט. אַ ווײַל בלײַבט דער צימער ליידיק. פונדערווײַטן דערטראָגט זיך מוזיק פון אַ פידל, וואָס ווערט נעענטער און דײַטלעכער. דורך דער אָפענער טיר גייט אַרײַן אַ מ י ט ל י אָ ר י ק ע ר י י ד, אַנגעטאָן ווי אַ לעץ — מיט

א מיץ אפן קאָפּ, א גלעקל אפן האלדז און אין האנט — א פידל. נאָך אים — א מיידעלע פון א יאָר צוועלף.ביידע באָרוועס.

דאָס מיידעלע

וואָס קיינער איז ניטאָ — אָט דאָס איז גוט.
דאָ קאָן מען זיך באהאלטן, טאטע, קום אהין...
(באווייזט אפן צווייטן צימער.)

דער פידלער

פונדאנען גיי איך ערגעץ ניט.

דאָס מיידעלע

דאָ וווינט דער פּאָרזיצער. איך ווייס די שטוב.
ס׳וועט קיינער אונדז ניט טרייבן צום וואָקזאַל,
און דו וועסט ניט באגלייטן אפן פידל,
כ׳האָב אזוי מוירע, ווען דו שפּילסט אין גאס...

דער פאָטער מאכט א באוועגונג, דאָס גלעקל אפן האלדז צעקלינגט זיך.

מע דארף ניט מיטן גלעקל, טאטע, ניין,
מע וועט זיי שיסן דאָרט...

דער פידלער

דאָס טוט ניט וויי,
מיין קינד, מע מאכט עס איינס און צוויי!..
ניט שרעק זיך, נארעלע, ניט וויין,
פיף־פאף! כ׳וועל זינגען דיר א לידל...

דאָס מיידעלע

מע דארף ניט, טאטע!.. ניין!

דער פידלער

האָסט מוירע אלץ.
ניט איך האָב אָנגעטאָן דאָס אפן קאָפּ,
ניט איך האָב אופגעהאנגען אפן האלדז, —

ניט איך — די ערשטע פידל — נאָכעם שײַעס...
אמאָל געשפּילט אף כאסענעס,
הײַנט שפּיל איך אף לעווײַעס...

(ער זינגט און שפּילט דערבײַ.)

אייל מאָליי ראכמים שויכיין באמרוימים,
גאָט איז א פאָטער אף אלע יעסוימים;
באָס — א שטוב — קאָן מען בויען און צעווארפן,
און דער מאלכאמאָוועס טוט דעם כאלעף שארפן...
גימל מאכט: געטאָ — געטאָ...

אף דער שוועל באוויַזט זיך הערצנטאָל, נאָך אים — יאָהאַן. דאָס מיידעלע טוליעט זיך צום פאָטער און קוקט מיט נײַגער און שרעק אף יאָהאַנען.

הערצנטאָל

ווער זײַט איר? ווי זײַט איר אין שטוב אריַין?

דאָס מיידעלע

די טיר... די טיר געווען אָפן, פעטער.

הערצנטאָל

די טיר?..

(ער לויפט אריַין אין צווייטן צימער.)

יאָהאַן

(גייט צו צום מיידעלע און טוט איר צוויי מאָל א שטארקן שנעל אין שטערן)

פיף־פאף!..

דאָס מיידעלע

(שטופּט אים אָפּ פון זיך)

גיי, גיי פון מיר, איך טשעפּע דיך?..

יאָהאַן צילט זיך ווידער א שטארקן שנעל טאָן.

(װענדט אָפּ זײַן האַנט)

װאָס שנעלסטו זיך, עס טוט דאָך װײ...

יאָהאַן שטעלט אַף איר אָן דאָס ביקסל. אין אַרײַנגאַנג־טיר — דער פּ אָ ל י צ ײ־ ש ע ף, אין טיר פון צװײטן צימער — ה ע ר צ נ ט אָ ל.

ש ע ף

(דראָענדיק, צו יאָהאַנען)

פּרעטש!

יאָהאַן טרעט אָפּ.

ה ע ר צ נ ט אָ ל

(כאַפּט אָן דעם שעף בײַ דער האַנט)

הער שעף! כ׳װעל קײנמאָל אײַך דאָס ניט
פֿאַרגעסן!

ש ע ף

פאַרװאָס? װאָס איז? כ׳בין ניט קײן ייִד?
און ניט קײן ייִדיש האַרץ זיך קלאַפּט אַט דאָ?
צי איך האָב װײניקער, װי איר, אים פֿײַנט?

ה ע ר צ נ ט אָ ל

נײן־נײן, ניט דאָס: עס טרעפט אַ שװערע שאָ,
װען אַף דער גאַנצער װעלט בלײַבסט אײן־אַלײן
און... פּלוצעם קומט אַרײַן אַ מענטש, אַ פרײַנט...

ש ע ף

אַ פרײַנט — אױב איר װעט װעלן מיך פאַרשטײן...

ד ע ר פ י ד ל ע ר

(נעמט װידער שפּילן און זינגען)

דאַלעד מאַכט...

הערצנטאָל

(נעמט ארום דעם פידלער)

גייט, פעטער, גייט, שוין צײַט אײַך גיין. ס'איז הײַנט
ניט זיכערער בא מיר, ווי אף דער גאס.

דער פידלער און דאָס מיידעלע לאָזן זיך גיין צו דער טיר. דאָס מיידעלע קוקט זיך אום. יאָהאַן ווײַזט איר א פויסט.

דאָס מיידעלע

(צו יאָהאַנען, מיט גרויס ווירדע)

פיף־פאף!.. קיין האָר עס טוט ניט וויי!
זאָג, טאטע... עמעס, אז עס טוט ניט וויי...

דער פידלער ווײַזט מיטן קאָפּ אף „ניין". דאָס מיידעלע — א שטאָלצע, א גליקלעכע, נעמט אָן דעם פאָטער בא דער האנט און גייט ארויס.

שעף

(טוט א שלײַדער אפן טיש א דין פעקל)

נאַט. פראָשען פאנא.

הערצנטאָל

(דערשראָקן)

דאָס — וואָס איז?

שעף

נעמט, וויקלט אָפּ, ס'דערוואַרט אײַך א סורפריז,
נאָר זעט, ניט אײַנשמירן אין בלוט די הענט;
יאַק באָגא קאָכאַם — ס'ליגט דאָרט א פרעזענט
פאר אײַך פון אײַער איידעם בראַודע יאַן,
וואָס טראָגט מיסטאמע זיבן פרעמדע נעמען,
נאָר איך מיין יענעם — אײַער טאָכטערס מאַן,
איך בעט דאָס פעקעלע פאנאנדערנעמען.

הערצנטאָל וויקלט פאנאנדער דאָס פעקל, נעמט פון דאָרט ארויס יאַנעקס פּאַספּאָרט, פארגאָסן מיט בלוט. ער טוט דערשראָקן א קוק אפן שעף.

וואָס קוקט איר? דאָס איז אײַער יאַנעקס בלוט?
די געטאָ אויסלייזן האָט אים קיין בלוט,
קיין שטאָלץ, קיין גוטער ווילן ניט געקלעקט...
ער האָט דערשאָסן זיך, און מיטן בלוט
פון הארצן אָט דער פאַספּאָרט איז פארפלעקט.
זאָל זײַן, איך גלייב, נאָר ער — דער קאָמיסאַר,
געוואָרנט האָט מיך נאָרוואָס קורץ און שארף!
דאָס הארץ באדארף ער ניט, זײַן קאָפּ ער דארף.

הערצנטאָל

הער שעף, ניט אנדערש, אז איר זײַט אראָפּ
פון זינען! איר קאָנט אים ניט מוחל זײַן,
וואָס ער האָט זײַנע זעקס און צוואנציק יאָר
פאר אײַך,

(ער באווײַזט אף יאָהאַנען)

פאר אים

קיין קאָרבן ניט געבראַכט!

שעף

פאר מיר? פאר אײַך! פאר גאָר דער געטאָ... יאָ!
כ׳פארשטיי, ארײַנלאָזן אין הארץ א קויל
איז גרינגער, ווי דעם דײַטש זיך איבערגעבן,
נאָר ער, וואָס האָט דערפירט דערצו, אָט ער
באדארפט וואָלט נעמען ניט נאָר זיך אין אכט...

הערצנטאָל

ס׳וואָלט יאַנעקס קאָפּ די געטאָ ניט פארשטעלט.
ניט מער, ס׳וואָלט נאָך איין קאָפּ איצט אויסגעפעלט.

שעף

נו, רעדט שוין ווײַטער, זאָגט: די געטאָ וואָלט
געוואָרן נידעריקער מיט א קאָפּ.

הערצנטאָל

אויב כ'האָב עס ניט געזאָגט...

שעף

האָט איר געטראַכט?

(און פּלוצעם.)

הער פּאָרזיצער! איין זאַך איז מיר ניט קלאָר:
עס רינט פאַר אײַך דעם איידעמס בלוט. אָט זעט.
און איר — קיין איין מאָל זיך ניט אויסגערעדט,
אַז ער איז טויט — ס'איז ניט אומזיסט...

הערצנטאָל

(פאַרכאַפּט זיך)

הער שעף,

דאָס האַרץ דערלאָזט מיך ניט.

(ער נעמט אין האַנט דעם פּאַספּאָרט.)

נאָר גיי גלייב ניט.

שעף

פאַן הערצנטאָל, די געטאָ שטייט אין קאָן!
אַף איין וואָג — יאַן, און אַף דער צווייטער — מיר,
דעריבער בעט איך ניט בא אײַך — איך מאָן!
ס'וועט אים דער דײַטש דאַך סײַוויסײַ געפינען
און שלעפּן מיט גוואַלד, נאָר איר — אָנשטאָט
די געטאָ אויסקויפן דורך אים — איר האָט
באַהאַלטן אים! איר ווייסט, אַז דאָס וועט נאָר
דעם מאַלכאַמאָוועס פאַר אַן אויסרייד דינען.

הערצנטאָל

איר האָט אַ גרונט דערפאַר?

שעף

(שטאַרק אופגערעגט)

א גרונט? א כשאַד,
ווײַל ווער האָט סומען געלט פון יידנראַט
געשיקט צו זיי אַף אײַנקויפן געווער?..
אויב ניט אליין פאַן הערצנטאָל, איז ווער?
די געטאָ קלינגט דערמיט! קיין כידעש ניט,
זיי וועלן באַלד צעטראָגן אײַך דאָס הויז
און זײַן גערעכט...

הערצנטאָל

(אויסער־זיך)

איך בעט דעם שעף אַרויס פון שטוב!

שעף

אזוי? דער קאָמיסאַר אליין
האָט קיינמאָל ניט געטריבן מיך — טרײַבט איר?
איך גיי! נאָר איר וועט שוין דורך אָט דער טיר
מער ניט אַרויס.

הערצנטאָל

כ'בין עפשער אַרעסטירט?

שעף

ווײַזט אויס.

הערצנטאָל

ס'איז אומדערהערט! דאָס איז געמיין!..

שעף

פאַרקערט, מיר קומט א דאַנק פון אײַך... איך מיין,
דערפאַר, וואָס איר דערווײַל אין שטוב פאַרבלײַבט,
די איבעריקע מיטגלידער פון ראַט,

זיי זײַנען ווײַט פון זייער היים מיט ווײַב־
און־קינד, איך האָב באגעגנט אײַער פרוי...

ה ע ר צ נ ט אָ ל

יודיטא? ווו איז זי?

ש ע ף

איר פרעגט אזוי,
ווי איך וואָלט אָפּגעגעבן דעם באפעל.

ה ע ר צ נ ט אָ ל

הער שעף! איך פאָדער זאָגן, ווו זי איז?

ש ע ף

דערווײַל מיסטאמע נאָך אין וועג, נאָר ביז
איר וועט זיך אקשענען, זיך טאָן א ריר...

הערצנטאָל לאָזט זיך צום ארויסגאנג. אין טיר באגעגנט אים א היפּשע צאָל מ א נ צ ב ל ע ן און פ ר ו י ע ן. הערצנטאָל בלײַבט שטיין.

ה ע ר צ נ ט אָ ל

איך ווייס ניט, יידן, ווו ער איז, נאָר אויב
איר גלייבט מיר ניט...

ש ט י מ ע ן

מיר גלייבן אײַך.

א י י נ ע ר

איך גלייב,
וואָס קומט אָבער ארויס — די געטאָ הענגט
איצט אף א האָר, זיי וועלן אונדז פארניכטן.

ה ע ר צ נ ט אָ ל

און איר זײַט זיכער, אז מיט יאנעקס טויט
וועט איר דאָס מאזל אײַערס שוין פאריכטן?

הערט אויס מיך, ברידער, ייִדן, שווערע יאָרן
מיר האָבן דורכגעלעבט, אויב דאָס הייסט לעבן.
כ'האָב שטענדיק זיך א כעזשבן אָפּגעגעבן,
זיך ניט גענארט, נאָר וואָס איך האָב געקאָנט,
האָב איך געטאָן אַף אײַנשטילן דעם צאָרן,
נאָר איצט — ניט אָפּצוקויפן זיך מיט גאָלד
און ניט מיט טרערן... יאנעקס לעבן וואָלט
דערמוטיקט אונדז פיל מער, ווי יאנעקס טויט,
נאָר אויב זײַן בלוט איר דאַרפט, אָט איז זײַן בלוט.

איינער שטרעקט אויס די האַנט נאָכן פּאַספּאָרט.

שעף

(רײַסט בא אים ארויס פון האַנט)

פּאַן הערצנטאָל, ער לעבט! און איר האָט מוט
זיך מוידע זײַן פאַר אָט דער איידע ייִדן,
אַז איר ווילט אײַער טאָכטערס מאַן פּאַרהיטן.

הערצנטאָל

ניטאָ קיין טאָכטער און ניטאָ... קיין פרוי,
איך בעט אײַך, ברידער, גייט אהיים, צעגייט זיך.

א שטים

איז וואָס זשע גיט איר פאַרט אונדז פאַר אַן אייצע?

הערצנטאָל

זאָל יעדער זוכן זיך זײַן וועג... איך בין אײַך מער
קיין פאַסטעך ניט, און איר זײַט ניט קיין שאָף.
דער זעלבער ייִד, ווי דו, ווי דו, ווי ער —
כ'בין איינער איצט פון אײַך...

דער אוילעם הייבט זיך אָן פּאַנאַנדערגייִן.

ש ע ף

(צו הערצנטאָלן)

הערט אויס, איך האָף,
מיר וועט זיך עפשער אײַנגעבן ביז טאָג
אַלץ אָפּלייגן... כ׳וועל טויזנטער טערוצים
זיי אויסזוכן אָף צו באַשיצן אײַך
און אײַער פרוי, נאָר איר זאָלט אזוי גוט זײַן,
און אונדז דערנאָך ניט אונטערפירן. זאָגט,
א נאכט אָף צו באַטראַכטן זיך געַנוג?

ה ע ר צ נ ט אָ ל

גענוג, אפילע צופיל...

ש ע ף

זאָלט איר וויסן.
אויב ניט, — געדענקט, וועט ריין זײַן מײַן געוויסן.

(ער גייט ארויס.)

ה ע ר צ נ ט אָ ל

אפילע איצט מע לאָזט מיך ניט אליין,
נאָר איך בין פרײַ צו טאָן, ווי מיר געפעלט...
כ׳האָב בינדלערן... דאַן צום געריכט געשטעלט,
איצט וועט ער מיר ארויסהעלפן אין נויט.

(ער דערמאָנט זיך.)

„פאר דעם, וואָס איז געבליבן צווישן שטריק
און מעסער, — איז מײַן סאַם געווען א גליק״...
זײַ מויכל מיר, יודיטא, וואָס איך נעם
אָף זיך אזא מין גרינגן טויט.
פארגיב מיר, סטערקע, מײַנע הארבע רייד.
דאָס לעצטע וואָרט צו דיר וואָלט איצטער זײַן:
זײַ רויִק, יאַן, ס׳איז אומרויִק דער פײַנט!
און דו, מײַן טאָכטער, דו — געבויר א קינד!

די ביינער מײַנע װעלן דאָ צעפֿוילן,
נאָר זאָל ניט אָפּגעווישט זײַן מיטן ווינט
דער זייכער אונדזערער אין מ׳דינאַס־פּוילן...

(ער לאָזט זיך גיין אין צווייטן צימער און בלײַבט שטיין.)

גאָט מײַנער... צי דען איז דאָס דער סאָף...

(ער גייט אַרײַן אין צימער.)

א לאַנגדויערנדיקע פּאַוזע. פּלוצעם דערהערט זיך א שטאַרקער קלאַפּ. אַפֿן שוועל ציט זיך אויס הערצנטאָלס טויטע האַנט.

יאָהאַן

(לויפט אַרײַן און הייבט אים אָן טרייסלען)

יודע... יודע... יודע...

אין טיר באַווײַזט זיך געדאַליע. ער לויפט צו און בייגט זיך אָן איבער הערצנטאָלן.

געדאַליע

ס׳איז יאַך — געדאַליע. יאַנעק האָט געשיקט
אײַך אָנזאָגן... מיר הייבן אָן!

(שטיל.)

פֿאַר אַלץ, וואָס איר באַם לעבן האָט געטאָן
פֿאַר אונדז — א דאַנק, עס וועט אײַך גיין פֿאָרויס,
און מיר — פֿון שפּאַן מיר גייען באַלד אַרויס.

(ער שטייט האַסטיק אויף, רײַסט אַראָפּ פֿון האַנט דאָס פּאָליציי־בענדל און גייט צו צו יאָהאַנען. יאָהאַן טרעט אָפּ אַלץ טיפֿער אין צימער.)

אַז צומאַכן די אויגן זאָלסט אַף אַלץ —
כ׳וועל דיר דעם כאָמעט אָנטאָן אַפֿן האַלדז.

סאָף פֿון דריטן אַקט

פערטער אקט

דאָס ערשטע בילד

באַ ראַטניצקין אין הויז אַף אַ קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר. ס ט ע ר ק ע, דער ש ע ף און דער פּ אָ ל י ט.

ש ע ף

איר זעט, ניטאָ פאַר מיר קיין אויסבאַהאַלט,
נאָר כ׳האָף, איר וועט זיך איבערצייַגן באַלד,
אַז ס׳שטייט פאַר אייַך אַ גוטערפרייַנט. איך האָב
דאָס לעבן אייַנגעשטעלט און בין אַליין
אַרייַן אַהער, ווייַל איין זאַך נאָר איך וויל:
אייַך וואָרענען צום לעצטן מאָל — די שפּיל
איז פאַרן טייַוול... טאַנקען שטייען גרייט!
מיט וואָס וועט איר אַרויסגיין קעגן זיי?
מיט די צעהיצטע קעפּ? צי מיט געשריי
זיי אָפּשטעלן? צי אָנשיטן זיי זאַלץ?
דערווייַל באַטראַכטן זיך איז נאָך ניט שפּעט.
דאָס לעצטע פון די ל ע צ ט ע אַף אַ האָר איז,
וואָס האָפט איר נאָך דערבייַ געווינען?

סטערקע

אלץ!
אכוץ מיט גוואלד פארכאפטע טעריטאָריעס,
כוץ נײַע האנדל־מערק און ווירקונג־זאָנעס,
כוץ דורשט נאָך רויב, וואָס אָט דאָס אלץ באגלייט, —
פון אָט דעם אלעם ריין איז אונדזער קאמף:
ס'וועט יעדער שלאָגן זיך, ס'זאָל בלײַבן איינער,
דער איינער, וואָס אים טייטן קאָן ניט קיינער!

שעף

ווער איז ער, ווער?

סטערקע

פאר אײַך — א פוסטער קלאנג,
און אים וועט איר דעם דײַטש ניט איבערגעבן!

שעף

זאָגט, ווער?

סטערקע

דער קאָוועד פונעם פאָלק!

שעף

און לאנג
איר קלײַבט זיך האלטן אף אָט דעם געווער?

סטערקע

ביז לעבן וועט דאָס פאָלק — ניט מער.

שעף

נו, יאָ,
דער שעף פאראטן האָט זײַן פאָלק! וואָדען?
דער פאָרעץ מיט דער לאטע אף זײַן ברוסט!
דער דײַטש — א צענטל ווען ער וואָלט געוווסט
פון דעם, וואָס איך האָב פון אים אויסבאהאלטן —
איך וואָלט שוין צען מאָל אף דער טליִע זיך געוויגט...

איר האָט געזען — איך גיי ארום א פרײַער,
נאָר ניט געזען דעם שטריק ארום מײַן האלדז...

פּאָליט

א שאָד... איך וואָלט אײַך פריִער נאָך דערשטיקט!

דער שעף טוט זיך א וואָרף צום פּאָליט.

סטערקע

(פארצוימט אים דעם וועג)

דאָס רעדט אָט דער, וואָס איר האָט זיך געקליבן
אף זיבן שלעסער אים דאָס מויל פארשליסן.
דורך אים זאָל ניט ארויסשרײַען דאָס בלוט
פון יענע, וואָס מע האָט צום טויט געטריבן,
און איר האָט אויסבאהאלטן אלץ געוואָלט —
פון וועמען? צוליב וואָס? נו, זאָגט, האָט מוט.

שעף

כ'האָב ניט געוווּסט און מוירע געהאט וויסן.

סטערקע

און אז איר האָט שוין יאָ געוווּסט, האָט איר
א קלאַפּ געטאָן א פינגער אָן א פינגער,
אף קלאָר צו מאכן, וואָס דערוואַרט זיי דאָרט?

שעף

זיי וואָלטן וויסן — וואָלט שוין זײַן זיי גרינגער?
נאָר כ'שווער אײַך בא מײַן לעבן, ערן־וואָרט:
נאָך יעדער אקציע כ'האָב געמיינט: א סאָף!
פון הײַנט — דער דײַטש, ער וועט שוין מער ניט טרײַבן,
אז איין טייל יידן איז געווען באשערט
א קאָרבן זײַן, דער צווייטער טייל זאָל בלײַבן...

ס ט ע ר ק ע

און אז דער דײַטש געהייסן האָט זיך קלײַבן
דעם צווייטן טייל, דעם דריטן און דעם פערטן,
דעם זיבעטן... וואָס האָט איר דאַן געקלערט?

ש ע ף

א צענטכיילעק וועט לעבן בלײַבן!..

פּ אָ ל י ט

יאָ...
דערוואַרט זיך — נײַן צענטל שוין ניטאָ...
זײַט זיכער, שעף, אין אײַער לעצטער שאָ
וועט אײַער כעזשבן קומען אײַך אנטקעגן!

ש ע ף

פאר דעם באשלוס צו מאכן „יידן־ריין״
די געטאָ — א י ר און אײַערע קאָלעגן —
אף אײַך די שולד! איר וואָלט פון אָנהייב אָן
אנטקעגן ניט געשפּרונגען מיט דער שווערד, —
ס׳וואָלט ניט געברענט אונטערן דײַטש די ערד,
ער וואָלט זיך פאר קיין אופשטאנדן ניט שרעקן,
געוועזן וואָלט עפשער אנדערש...

פּ אָ ל י ט

ווייניק האָט געברענט
באַם דײַטש אונטער די פיס!.. ווען כ׳וואָלט געקענט,
כ׳וואָלט אָנצינדן די ערד פון אלע עקן —
דער פלאם זאָל שוין פאר אלע סאָנים קלעקן.
געבליבן זײַנען מיר שוין קנאפּ אין צאָל,
צום גרויסן אומגליק אונדזערן, נאָר קלאָר
פאר אונדז איז אונדזער וועג און אונדזער ציל...

שעף

אנטשולדיקט... איך האָב קיינמאָל ניט געטראַכט.
א מענטש, וואָס שפּאַרט דעם קאָפּ אונטער דער האַק,
זאָל טראַכטן וועגן ווײַטע צילן... **שמאָל**
איז דער ארויסגאַנג פון דער געטאָ. **ברייט**
איז דער אַרײַנגאַנג פאַרן דײַטש...

סטערקע

און איר?
צו וועלכן וועג וואָלט איר דאַן צוגעשטאַנען?

שעף

צום סאַמע קירצסטן וועג — א קויל אין קאָפּ,
נאָר כ׳האָף, אַז מיר וועלן דערצו ניט קומען...

סטערקע

דערפאַר האָט איר אין קאָפּ אַרײַנגענומען,
אַז יאַן זאָל גיין צום דײַטש!

שעף

ס׳איז איצט שוין שפּעט.

סטערקע

אַזוי? שוין שפּעט? און ווען געווען איז פרי?

שעף

די גאַנצע געטאָ דאַרף איצט זאָגן אָפּן...

סטערקע

קום, סוינע, זע: מיר שטייען אַף די קני!
הער שעף! איר האָט דאָס לעבן אײַנגעשטעלט
און אונדז געקומען וואָרענען — איך גלייב,
איר האָט געהאַט א גוטן מיין דערבײַ,

דערפאַר איך נעם אַף זיך אײַך לאָזן פרײַ,
נאָר איר װעט מוזן אײַנשטעלן דאָס לעבן
א צװײט מאָל איצט: דעם דײַטש אַן ענטפער געבן,
אז נעמען פון דער געטאָ װעט ער שטױב
און אש, און דאָס װעט אױך אים קאָסטן בלוט...
הער מײַער, זאָגט, צי איר זײַט מאַסקים?

פּאָליט

גוט.

שעף

דערלױבט אײַך זאָגן, אײדער כ׳גײ אַװעק:
אכוץ מײַן גאַנג צום דײַטש, כ׳האָב נאָך א װעג.

(דער שעף גײט אַרױס. נאָך אים — דער פּאָליט.)

סטערקע

(אַלײן. זי פאַרקײַטלט די טיר)

שױן פערטע שאָ, װי יאַנעק איז אַװעק,
און נאָך ניטאָ. איך שטעל מיר גאָרניט פאָר,
פאַרװאָס ער זאַמט זיך דאָרטן אזױ לאַנג?
ס׳איז אונטער דר׳ערד דאָך צען מינוטן גאַנג
אַהין, ניט מער, אז פּופּצן — איז א סאַך.
װוײַזט אױס, די זיצונג דױערט נאָך, מע רעדט,
מע אײַצעט זיך, כ׳האָב מורא נאָר, די הילף
זאָל אונדז ניט אָנקומען אמאָל צו שפּעט...

צװײ שטילע קלעפּ אין לאָד. סטערקע שפּיצט זיך אָן. שטיל. װידער צװײ קלעפּ, און נאָכן פינפטן קלאַפּ עפנט זי די טיר און עס קומען אַרײַן ראַטניצקי און ראָזע. סטערקע לױפט איר אַנטקעגן.

װאָס מאַכסטו, ראָזע, דײַניקע װאָס מאַכן?

ראָזע

צו דיר אַרײַנגײן, װי צום קאָמיסאַר.

ראטניצקי

ווּדען? אַף דעם בין איך אוועקגעשטעלט.
ניין־ניין, איר מיינט, ס'איז עפּעס אײַך א שפּיל!
כ'מוז וויסן אַלץ: ווּהין, נאָך וואָס, צו וועמען...

ראָזע

איך זאָג אים דעם פּאַראָל: „די וואַסערמיל".
איז דאָס נאָך ווייניק אים: רוף אָן אים נעמען...

ראטניצקי

אַנטשולדיקט, פּאַני, כ'בין א פרומער ייִד,
וואָס עכטע פרומקייט הייסט, דאָס ווייסט דאָך יעדער:
אַלץ פּינקטלעך, ווי געזוגט, מוז זײַן געהיט
אין אַלע נעכט א גאַנץ יאָר, הײַנט א פּשיטע
אום פּײַסעך, אין דער נאַכט פון ערשטן סײַדער.

ראָזע

ס'איז פּייסעך הײַנט?

ראטניצקי

ווּדען? איר ווייסט גאָר ניט?
ס'איז מאַצע־שמורע דאָ און אַרבע־קויסעס,
ס'וועט קומען יאַנעק, וועט שוין זײַן א טיש
מיט כריין און מיט כאַרויסעס...

(ער גייט ארויס.)

סטערקע

נו, ווײַז שוין גיכער, וואָס האָסטו געבראַכט —
א ביקס, א פּיסטאָלעט?

ראָזע

ניין, דאָס מאָל ניט.
איך בין געקומען זען, ווי דו לעבסט.

צו שווער שוין דיר דער וואָגן, וואָס דו שלעפּסט.
דו דאַרפסט אַ מוטער ווערן. שפּאַן מ י ך אײַן.

ס ט ע ר ק ע

און מיט די לעצטע קינדער וואָס וועט זײַן?
אױף הפקר לאָזן זיי? ניין, דו זײַ דאָרט,
ס'מוז יעדער איצט פאַרבלײַבן אויף זײַן אָרט.
ניט מאַכן קיינע איבעררײַסן — אַלץ
זאָל גיין, ווי ס'גייט...

ר אָ ז ע

דער כאַלעף — אויפן האַלדז.
אין גאַס קיין לעבעדיקער הונט. ס'איז פּוסט,
ווי אויסגעשטאָרבן וואָלט די גאַנצע געטאָ.
אַ מוטער לאָזט ניט אָפּ דאָס קינד פון זיך...

ס ט ע ר ק ע

אַזוי? די קינדער קאָנען מער ניט גיין
צום לערער? זאָל דער לערער גיין צום קינד!

ר אָ ז ע

מיר דאַכט, כ'וואָלט דאָ געבראַכט אײַך מערער נוץ.

ס ט ע ר ק ע

פונוואַנען גייסטו עס?

ר אָ ז ע

געביטן ברויט.

ס ט ע ר ק ע

אויף וואָס?

ראָזע

(נעמט ארויס פון קוישל עטלעכע גרינע צווײַגלעך)

אַף אַט די גרינע צווײַגעלעך, דו ווייסט,
פאַראַן דאָך קינדערלעך בא מיר, וואָס כוץ
די גרינע אָדערלעך אונטער דער הויט,
זיי האָבן קיינמאָל ניט געזען קיין גרינס.
זיי וועלן זיכער פרעגן, ווי דאָס הייסט,
ווי עסט מען דאָס... די ליפּן זיך צעבײַסט?
דאָס הארץ דיר ווערט צעפּלאצט? — דאָס איז ד ײַ ן זאַך,
נאָר פאַר די קינדער קיין זאַך ניט באווײַז,
טו אלץ, די קינדער זאָלן טאָן א לאַך,
אַן איבעריקער שמייכל — א געווינס.
די לערער און די גרויסע קינדער פאַסטן,
א טאָג זיך אָפּגעזאָגט פון ראַציאָן, —
איך זאָל פון אונטער דר׳ערד נאָר קריגן גרינס
פאַר גאָר די קלייניגקע...

סטערקע

און דו געפינסט,
אז דאָ, אין שטאָב, איז ער, דער אויבנאָן...
דו פילסט דאָך אויס א הייליקע שעליכעס;
דו וועסט מיר גלייבן — האַלעווײַ טו איך עס.
דו ביסט דאָך, ווי די טויב אין נויעכס קאַסטן,
דו טראָגסט אין מויל די גרינע בלאַט — א גרוס,
אז ערגעץ האָט דאָס וואסער זיך געפעלט
און ס׳וועט נאָך זײַן א לעבן אַף דער וועלט...

(זי גיט איבער ראָזען די צווײַגלעך, איין בלעטל רײַסט זי אָפּ
און טראָגט צו צו דער נאָז.)

ווי גוט עס שמעקט דאָס לעבן... כ׳מוז
דאָס בלעטעלע פאַרהיטן... ווייסטו וווּ?
דער טאַטע האָט געפירט א טאָגבוך — ביז
דער לעצטער שאָ... די לעצטע ווערטער:
„און דו — געבויר א קינד!״

(זי לייגט אַרײַן דאָס אָפּגעריסן בלעטעלע אינעם פּאָטערס טאָגבוך.)

די לערער זאָג, זיי זאָלן זיך דאָרט גרייטן,
ווײַל ס'קאָן דער פּייסעך זײַן הײַנט א פארשטערטער.

ראָזע

דו ווייסט שוין עפּעס, סטערקע, און באהאלטסט
פון מיר? איך מיין, אז איך מעג וויסן אלץ.
זאָג, ווו איז יאנעק?

סטערקע

ראָזע, ווו איז ער?
איך ווייס נאָר, אז לעם מיר איז ער ניטאָ.
אז ווי א יאָר עס ציט זיך יעדער שאָ.

עס דערהערן זיך די זעלבע פינף קלעפּ, וואָס פריִער. סטערקע באגלייט ארויס ראָזען, און עס קומען אַרײַן דער פּאָליט און קאזשיק.

(צו קאזשיקן.)

זאָג, ווו איז יאן, דעם עמעס נאָר!

קאזשיק

מיר האָבן זיך צעשיידט אף יענער גאס,
כ'מיין אונטער יענער גאס, וואָס פירט אין הייל
צו אונדז...

סטערקע

שוין לאנג?

קאזשיק

א שאָ צוריק.

סטערקע

דערצייל,
זיי האָבן אײַך דאָרט עפּעס צוגעזאָגט?

ק א ז ש י ק

א טראנספּאָרט מיט געווער אריבערשיקן...
ס׳האָט יאנעק פּאָשעט, אָפּן זיי דערקלערט:
אז מיר וועלן ניט ווארטן אף קיין גליקן,
אז די ניט גלײַכע שלאכט מיר זײַנען גרייט
צו אופנעמען... און מעג דער דײַטש ארײַן
און לאָזן פון דער געטאָ אש און שטויב —
קיין א יי נ ע ם וועט ער לעבעדיק ניט נעמען!
געפעלט זיך שוין די צײַט פאר דעם! און אויב
דערוווארטן זיך איז אונדז שוין ניט באשערט
אף הילף פון מיזרעך־זײַט, אויב זי וועט קומען,
ווען מיר וועלן ניט זײַן שוין אף דער וועלט, —
אזוי האָט יאנעק זיי געזאָגט, — אלציינס!
מיר האָבן פאר א בײַשפּיל זיך געשטעלט
אָט יענע ווונדערלעכע וואָלגע־שטאָט,
וואָס האָט געשלאָגן זיך פאר יעדער טראָט,
און כאָטש דער פײַנט האָט זי פארוויסט, פארברענט,
נאָר ער האָט פאָרט די שטאָט ניט אײַנגענומען, —
אזוי האָט יאן געזאָגט... זיך אזש צעוויינט...

ס ט ע ר ק ע

און זיי?

ק א ז ש י ק

פארשטאנען גוט, וואָס יאנעק מיינט,
אז יאנעק שפּילט זיך דאָ ניט מיט קיין רייד,
און ס׳האָט אין געטאָ שוין געלאָזט דאָס אײַז,
איז גאָר קיין פראגע ניט — געווער און שפּײַז.

ס ט ע ר ק ע

און הילף, אכוץ געווער?

ק א ז ש י ק

אויך הילף וועט זײַן.

דערוויַיל האָט יאַן געהייסן דאָס געווער
פון גרוב ארויסנעמען. א טייל פון דעם
צעשיקן אף די פּאָסטנס...

(קאזשיק און דער פּאָליט גייען צו צום אויוון, וואָס אין ווינקל.)

נו, קאָרשט נעם!

זיי רוקן אָפּ דעם אויוון און עפענען אוף א קעלער. דער ערשטער קריכט אריַין דער פּאָליט און נאָך אים — קאזשיק. אין טיר דערהערן זיך עטלעכע שטארקע קלעפּ. סטערקע דעקט איַיליק צו דעם קעלער.

ס ט ע ר ק ע

ווער קאָן עס זיַין? ווער זאָל איצט גיין אהער?
די צאָל איז ריכטיק, נאָר דער קלאַפּ — ניט דער.

די קלעפּ אין טיר כאזערן זיך איבער. סטערקע קייטלט אָפּ די טיר. אין צימער קומען אריַין עטלעכע באוואָפנטע ד יַ ט ש ן. סטערקע טרעט אָפּ דערשראָקן אהינ־טער. פון צווישן די אריַינגעקומענע טיילט זיך אויס איינער אן עלטסטער און לאָזט זיך גיין צו סטערקען. אז ער גייט צו גאָר נאָענט, שריַיט סטערקע אויס: „בערעזאָ!" און פאלט אים אפן האלדז.

ב ע ר ע ז א

בערעזאָ! איך! טאק טאָטשנאָ. יאַן איז דאָ?
א ראפּאָרט אָפּגעבן דעם קאָמאנדיר
האָב איך געדארפט...

ס ט ע ר ק ע

איך הער דיך!

ב ע ר ע ז א

דיר?

(ער ראפּאָרטירט.)

צום אלעם ערשטן אָפּגעלייגט אף קאלט
די טפיסע־וואך — קיין האָן האָט ניט געקרייט.
פאר אונדז, די אויסשפּירער, איז ניט קיין ניַיס.
אראָפּגענומען שטיל און איינציקוויַיז.

דערנאָך די אינוויינִיקסטע וואך — קאַפּוט,
און אַלעמען באַפרײַט... וואָלסט זען די פרייד!
נאָר אַלע קראַנק און שוואַך...

ס ט ע ר ק ע

(אומרויִק)

וואַרט איין מינוט...
צי האָט איר עפּשער צופעליק געזען
אין טפּיסע דאָרט... א פרוי?

ב ע ר ע ז א

א סאַך...

ס ט ע ר ק ע

ווו זײַנען זיי?

ב ע ר ע ז א

ס'זוכט יעדערע איר היים.

עס עפנט זיך די טיר, און עס באַווײַזט זיך י ו ד י ט א, אַהינטער איר — ר א ט־נ י צ ק י. סטערקע בלײַבט א רעגע שטיין, ווי פאַרגליווערט, נאָכדעם לאָזט זי זיך לויפן צו דער מוטער און טוט זיך א בראָך אויף די קני.

י ו ד י ט א

גענוג, מײַן קינד, גענוג געוויינט, געלויבט
איז גאָט — איך לעב! פון הײַנט — מיט דיר באַנאַנד
מיר וועלן זײַן...

ראַטניצקי און בערעזא הייבן אויף סטערקען און זעצן זי אַוועק אויפן שטול.

ס ט ע ר ק ע

(ניט אָפּלאָזנדיק יודיטעס האַנט)

געהאָפט, נאָר ניט געגלייבט,
אַז כ'וועל אַמאָל נאָך האַלטן אָט די האַנט...

(און פלוצעם הויך.)

זעסט, יאנעק, מיר האָבן א מאמע נאָך!

י ו ד י ט א

ווו איז ער, יאנעק? קינדערלעך, איר לעבט...

ר א ט נ י צ ק י

אזעלכע ווען לעבן אייביק...

ב ע ר ע ז א

(שטיל)

טאק טאָטשנאָ.

יודיטא קוקט זיך אום אף אים.

ס ט ע ר ק ע

אָט דאָס איז, מוטער, — כ'וויל, אז דו זאָלסט וויסן, —
דער מענטש, וואָס האָט באפרייט דיך פון דער טפיסע.

ב ע ר ע ז א

(גייט צו)

בערעזא.

י ו ד י ט א

הערצנטאָל.

ר א ט נ י צ ק י

א בראָכע מאכן כ'וואָלט אף דעם אמאָל.

ס ט ע ר ק ע

און היינט?

ר א ט נ י צ ק י

זאָל זיין געבענטשט
דאָס פאָלק, דאָס לאנד, פונוואנען אָט דער מענטש

געקומען איז אהער און טיילט מיט אונדז
דעם גורל גלײַך אף גלײַך...

אין דער אינוווייניקסטער וואנט דערהערן זיך עטלעכע טויבע קלעפּ.

סטערקע

(שטארק אופגערעגט)

מאמע, ער!

(צו בערעזא.)

פאר די באפרײַטע גלײַך אן אָרט און שפּײַז
באוואָרענען, און צו דער צײַט באווײַזן
זיך אומקערן צוריק אהער.

אין וואנט כאזערן זיך איבער די קלעפּ. דאָס צימער ווערט באפרײַט. ראטניצקי רײַסט אראָפּ פון דער וואנט דעם טעפּיך. באנאנד מיט סטערקען רוקן זיי פאנאנדער די וואנט, און עס באווײַזט זיך א צווייט צימער מיט א פּייסעכדיק געגרייטן טיש. יודיטא שטייט אוף אנטקעגן יאנעקן, קאזשיקן און דעם פּאָליט.

יאנעק

איר זײַט שוין, מוטער דאָ, וועט אלץ זײַן גוט!

יודיטא

דאנק גאָט, איך לעב און זע די קינדער מײַנע —
מער מאָן איך בא אים גאָרניט!

סטערקע

(איבעראשט)

מוטער!..

יודיטא

מיינסט,
מײַן קינד, מע דארף דערמאָנען מיר — כאָלילע!
אויך ז ײַ ן בלוט אופגעמאָנט וועט זײַן פארייגס.

ר א ט נ י צ ק י

מיר פאסט זיך ניט ארײַנמישן אפילע,
נאָר הײַנט איז יאָמטעוו, פייסעך, כ׳בעט צום טיש,
זאָל גאָט מיר מויכל זײַן, וואָס ס׳פעלט אויס פיש.

(ער באווײַזט אף א גראנאטע.)

און וואָס די קניידלעך זײַנען הארטלעך... לײַדער
ס׳איז באלד שוין האלבע נאכט, שוין צײַט צום סײַדער.

י א נ ע ק

מיך דאָרשט, די ליפּן טריקענען — א גרויל...
ראטניצקי! איידער־וואָס א ביסל ווײַן אין מויל
מע מעג?

ר א ט נ י צ ק י

פארשטייט זיך, ניט, נאָר דיר — נישקאָשע.

י א נ ע ק

(טרינקט אָפּ א ביסל)

איר מיינט, אז איצט איז אלץ זיי קלאָר שוין?
נאָך זייער ווײַט: די ארבעטער־פּארטיי,
די פאָלקס־גווארדיע — אָט זיי, נאָר זיי
בעעמעס קומען אונדז צו הילף מיט אלץ,
דערפאר דער צ ו ו י י ט ע ר צאד מאכט פוילע שטיק.
דו הערסט און ווייסט מיט זיי ניט, ווו דו האלטסט.

(ער הייבט אוף דעם קאָס.)

פאר אונדזער לעבן און פאר פוילנס גליק!

ק א ז ש י ק

(נעמט א קאָס)

ס׳וועט פוילן קיינמאָל דאָס ניט מויכל זײַן:
פארוואָס דער דײַטש האָט אויסגעקליבן פוילן,

אף אונדזער ערד מיט בלוט זאָל זײַן פֿארשריבן:
פון אומעטום קיין פוילן האָט מען זיי געטריבן...
איך טרינק פאר די, וואָס וועלן אָט דעם פלעק
פון אונדזער ערד מיט סוינעס בלוט פארוואשן. —
פאר די, וואָס שלאָגן זיך איצט דורך א וועג
צו זייער כאַרעווער, נאָר שטאָלצער ווארשע!

(ער טרינקט אויס ביזן דעק.)

ר א ט נ י צ ק י
(שטייט אוף)

ראבויסקי! שוין אזויפיל טויזנט יאָר
באם סיידער זאָגן מיר: בעכאָל דאָר וועדאָר...
אין יעדן דאָר א האָמאָן זוכט זיך אָפּ,
וואָס וויל א סאָף מאכן צו אונדז... נאָר
האקאָדויש באָרוך הו — גאָט לייזט אונדז אויס
פון זייער האנט. כאָלילע, כ׳לייקן ניט
אויך הײַנט אין זײַן האזשגאָכע, נאָר א טײַטש,
א מיין א טיפערן איך דרינג ארויס
פון דעם: קא סאָפעק ניט, אז יעדער ייִד,
אז יעדער מענטש, וואָס האָט א הארץ, און גאָט
אין הארצן, מאסקים איז: ס׳פארדינט דער פײַנט,
אז ליגן זאָל ער נײַן אייל אין דר׳ערד,
נאָר מאסקים זײַן אליין איז איצט שוין ווייניק...
ס׳דארף יעדער איינער זאָגן זיך אליין:
איך בין דערוף דער איינציקער שאָליעך...
ערשט דעמאָלט, ברידער, וועלן מיר זײַן ווערט
און דעמאָלט, ייִדן, בין איך אײַך מאוטיעך,
אז מיר וועלן נאָך זויכע זײַן
דעם שויפער שעל מאָשיעך!

אין טיר דערהערן זיך עטלעכע שטארקע קלעפּ. אלע שטעלן אוועק אפן טיש די קויסעס, קאזשיק עפנט די טיר, און עס קומען אריין: דער ל י י ט ע נ א נ ט, דער ש ע ף, ג ע ד א ל י ע און דער געלער פּאָליצײַ י אָ ז ע ף, וועלכער מאכט א טראָט פאָרויס און קוקט זיך אום אפן שעף.

יאָזעף

פון אונטער דר׳ערד כ׳האָב אופגעזוכט דאָס אָרט.
אָהאָ! זיי זײַנען דאָ, די רעדלפירער!

(ער דערזעט יודיטען און טוט א פליעסק מיט די הענט.)

יודיטא הערצנטאָל! מײַן ערן־וואָרט!..
איר באסיעכידע און דער איידעם אירער!
הער שעף! דער פאָליט, וואָס איר האָט געזוכט,
איז דאָ... און יענער איז מיר אויך באקאנט...

(ער ווײַזט אף קאזשיקן.)

לייטענאנט

ווער איז דאָ יאנעק?

קאזשיק

איך.

יאנעק

ניין, איך.

לייטענאנט

דער זעלבער קוק בא אלעמען... גיי טרעף.
ס׳איז יאנעק אָבער איינער, ניט קיין דרײַ.

שעף

דערווײַל — נאָר צוויי, נאָר ס׳קען אמאָל געשען,
דער דריטער זאָל זײַן איך... דער שעף.

דער לייטענאנט ווארפט זיך אפן שעף.

געדאליע

(שלאָגט ארויס פון לייטענאנטס האנט דעם פיסטאָלעט)

פר... פר... פר...
אן אקס האָט זיך צעבראָכן!
די בײַטש האָט זיך צעפלאָכטן!..

ל י י ט ע נ א נ ט

אוועק! איך שיס דיך, ווי א הונט!..

ג ע ד א ל י ע

(הייבט אוף דעם פּיסטאָלעט)

נא, שיס!

דו ציטערסט דאָך... דו שטייסט קוים אף די פיס,
ווי מײַן בולאנער ערעוו דער פּעגירע...

י אָ ז ע ף

א טײַער פערד געווען און איז געפאלן!

ש ע ף

גענוג קאָמעדיע! די טיר פארשפּארט!

(צום לייטענאנט.)

צום אלעם ערשטן וויסן כ׳בין א באלן,
צי ווייסט איר, וווּ איר האלט? איר האָט דערוואַרט
פון אײַער פּאָליציי אזא מין גאנג?
קלוג־קלוג, נאָר מיר האָבן אײַך פּאָרט פארנארט
אין זאק, ווײַל איר האָט מיך נאָך אים געשיקט

(ווײַזט אף יאנעקן.)

און זי —

(ווײַזט אף סטערקען.)

נאָך אײַך!

י א נ ע ק

זי?

ס ט ע ר ק ע

אײַך, הער לייטענאנט,

האָט די גערעכטיקייט אהער געבראכט,
און זײַן באשטראָפט וועט איר הײַנט פון איר האנט.

ל ײ ט ע נ א נ ט

כ׳בין א סאָלדאט — כ׳האָב אויסגעפילט מײַן פליכט.

י א נ ע ק

אזוי? דאָס הייסט, איר זײַט געווען גענייט,
דעריבער בעט איר, אײַך זאָל דער געריכט
ארויסטראָגן דערפאר א גרינגן טויט —
קאָן זײַן, מיר זאָלן נעמען דאָס אין אכט.
נו, יאָ, איר זײַט דאָך נאָר א פינפטע ראָד
אין היטלערס רײַטוואָגן. א שאָד, א שאָד...
נאָר כ׳האָף, דער גאנצער רײַטוואָגן וועט ווײַט
שוין ניט פאָרפאָרן!..

ל ײ ט ע נ א נ ט

יודע, צו געוואגט!

י א נ ע ק

איר שטייט שוין מיט א פוס אף יענער זײַט,
און אלץ פארשיקערט נאָך פון בלוט איר זײַט!
ניט איבערעכענען, ניט איבערציילן
דאָס בייז, וואָס אלע איר האָט אָפּגעטאָן
דער וועלט, און אונדז — אין פולסטער מאָס...
אין ווייסט:
נאָר אײַער כורבן אונדזער ווונד וועט היילן
און דער ניצאָכן איבער אײַך — די טרייסט
וועט זײַן; און מיר, פארבליבענע אין געטאָ,
פארייניקט זײַן זאָל אונדזער יעדער קויל
צו יענער הייליקער און גרויסער שלאכט,
וואָס האָט פון אײַך א וויסטעניש געמאכט
בא מאָסקווע, סטאלינגראד און נאָך און נאָך...

22—832

מיר האָבן דאָ געיאָמטעווט אײַער בראָך,
דעם רוסישן „הורא״ מיר האָבן דאָ געהערט,
און דאָס, הער לייטענאַנט, האָט אונדז געגעבן
דעם מוט צו שטאַרבן און די קראַפט צו לעבן.
א סאָף! איך האָב שוין צופיל זיך פאַרעדט:
דעם שטיין פון האַרץ געפּרוּווט אַראָפּצורײדן
פאַר אײַך, פאַר אײַער האַרץ, וואָס איז פון שטיין...

עס קומט אַרײַן בערעזא, דערזעט דעם לייטענאַנט און בלײַבט שטיין.

בערעזאַ! כ׳בעט דיך צוגיין נע׳נטער.

בערעזא גייט צו.

מײַער,

מיט וואָס וואָלט איר געמישפּעט?

פּאָליט

(באַשמעקט די לופט)

איך — מיט פײַער.

יאַנעק

און, סטערקע, דו?

סטערקע

פאַר אַנדערן — אופגעהאַנגען!

יאַנעק

פאַר רוזשען — שיסן. נו, און פאַר מײַן מאַמען...

(צו געדאַליען.)

זאָג דו.

געדאַליע

פאַר לעאָ הערצנטאָל — ער וואָלט

בא מיר צופוס אף יענער־וועלט געגאנגען,
און כ׳וואָלט נאָך צוגעקנאקט אים מיט דער בײַטש...

יאנעק

(צו קאזשיקן)

און, קאזשיק, דו?

קאזשיק

כ׳וואָלט אָט דעם יונגן קאט
א באָרוועסן געיאָגט אף הייסע קוילן.

בערעזא

און גאָר? דערמיט באפרײַט ווערן וועט פוילן?
אז אויסגעלייזט זאָל זײַן פון זיי די וועלט, —
א טליִע אין בערלין כ׳וואָלט זיי געשטעלט.

יודיטא

דערלויבט אויך מיר. און זאָל הײַנט זײַן מײַן ריי.

(זי נעמט ארויס דעם פראָשעק סאם.)

א גוטער מענטש געווען דער סעקרעטאר,
ער האָט פון ז י ך די רעטונג אָפּגעשפּאָרט
פאר מיר... דער מענטש האָט שטארק געאכט
מײַן מאן, מײַן קאָוועד האָט ער אָפּגעהיט,
געשטעלט זיך קעגן דײַטש. זיך ניט פארטראכט.
פאר דיר צום קאָמיסאר געווען גרייט
צו גיין. איז אויב ניט לעבעדיקערהייט,
זאָל ער כאָטש איצט פארנעמען דאָ זײַן אָרט.

זי טרעט א ביסל אָפּ, דאָס זעלבע טוט אויך יאנעק, ווי זיי וואָלטן ביידע געמאכט א פלאץ פארן סעקרעטאר. יודיטא שיט ארײַן דעם סאם אין א בעכער אפן טיש.

לייטענאנט

דער טויטער סעקרעטאר?!

יאנעק

ניין, איך! כ'בין גראָ
געוואָרן פאר דער צייט, נאָר כ'בין נאָך יונג
און לעב. דיך האָבן מישפּעטן געדאַרפט
די עלטסטע פון דער געטאָ. זייער ווונק
צו אויספילן וואָלט מיר א זכיע זיין,
נאָר יענע עלטסטע זיינען שוין ניטאָ,
און איך — דער יינגסטער — זייער אָרט פארנעם...
הער שעף, אויך איר א כיילעק האָט אין דעם!

שעף

(נעמט אין האנט דעם בעכער מיט סאם)

איז עפשער אָט דער „וויין" געוועזן פארגרייט
פאר מיר? מיין וועג אהער געוועזן איז קרום —
כ'וועל אָנעמען דעם טויט פאר ליב...

יאנעק

דער סאם קומט פונעם דייטש — דעם דייטש קערט אום.
און וועגן אייך וועט שפּעטער גיין א רייד!
ס'האָט אייער לעצטער שריט דעם קרומען וועג
ניט אויסגעגלייכט, די שולד — ניט אָפּגעמעקט!

(צום לייטענאנט.)

די מאָס פון שטראָף טרינקט אויס און ביזן דעק!

לייטענאנט טרינקט אויס דעם סאם.

יאָזעף

און איצט — ווהין?

יאנעק

אין אלדי שווארצע יאָר.
איך האָב איצט עפּעס וויכטיקערס אין זינען!

ל י י ט ע נ א נ ט

(לאָזט זיך צום ארויסגאנג. בלײַבט שטײן און ווענדט זיך צו יאנעקן)

ווערסט זוכן אזא טויט און ניט געפינען!

(ער טוט זיך א וואקל. דער געלער פּאָליציײַ פירט אים ארויס.)

י א נ ע ק

(שטארק אופגערעגט, נאָר צוריקגעהאלטן)

ראטניצקי, דאכט זיך, אז די ערשטע נאכט
פון פייסעך איז מען וואך?

ר א ט נ י צ ק י

די ערשטע פייסעך־נאכט הייסט „לייל־שימורים",
נאָר גראָד די נאכט פון שוועס איז מען אוף.

אין טיר וואקסט אויס ר אָ ז ע — א בלאסע, אן אופגערעגטע.

י א נ ע ק

(לויפט צו צו איר)

נו?

ר אָ ז ע

דײַטשן! איינציקווײַז, צו צווייַ, צו דרײַ
זיי דרינגען דורך אין געטאָ...

י א נ ע ק

ס'איז א קונץ
דערבײַ — זיי ווילן אויסמײַדן א שטורעם
און שטילערהייט אונדז אפן קאָפּ ארוף.

ס ט ע ר ק ע

פונדעסטוועגן עס קלעקט זיי ניט קיין מוט
ארײַנצוגיין אין געטאָ פראנק־און־פרײַ.

יאַנעק

אַז מיר וועלן פאַרשפּילן — דאָס איז קלאָר
פאַר זיי, מײַן טײַערע, איצט גייט זיי נאָר
אין דעם: דאָס זאָל זיי קאָסטן ווייניק בלוט!
און איך וויל גראָד — עס זאָל זיי **בלײַבן** ווייניק...

עס לויפט אַרײַן דער **געלער פּאָליצײַ**.

יאָזעף

איר הערט ניט? טאַנקען גייען!

יאַנעק

זיי וועלן ניט דערגיין! דער וועג איז גוט
מינירט — זיי זאָלן נאָר אַף דעם אַרויף!
פון איצט — דער לאָזונג אונדזערער וועט זײַן:
דער דײַטש, וואָס איז אין געטאָ נאָר אַרײַן,
ער זאָל צוריק פונדאַנען ניט אַרויס!
כאַווײרים, פרײַנט מײַנע, מײַן ליבע פרוי,

סטערקע גייט צו צו יאַנעקן.

איר וועט מיר גלייבן, כ׳פיל זיך איצט אַזוי,
ווי עמעץ וואָלט מיך נעמען בײַ די האָר,
מיך אויפהייבן און ווײַזן מיר פאָרויס,
וואָס זײַן וועט שפּעטער מיט אַ טויזנט יאָר:
דערציילן וועט מען וווּנדער וועגן אָט דעם דאָר,
וואָס גייט פון געטאָ **איצט** אַרויס!

ראַטניצקי

אָט ווי אַמאָל די ייִדן — פון מיצרַיִם...

עס קומט אַרײַן אַ היפּשע **מאַכנע קעמפער**, באַוואָפנטע מיט ביקסן און גראַנאַטעס.

י א נ ע ק

(צו געדאַליען, קאַזשיקן און בערעזאַ)

די פֿאָנען אויפֿן העכסטן דאַך הענגט אויף!
פֿון אַלע ווענט זאָל וועקן אונדזער רוף,
די דרײַ געציילטע ווערטער:
„מיט קאָוועד שטאַרבן!"
די אָנפֿירער פֿון אַלע גאַס־אָטריאַדן
פֿאַרבינדונג זאָלן האַלטן מיטן שטאַב.
די דײַטשע לאַגערן מיט קליידער, שפּײַז,
וואָס זיי געפֿינען זיך בײַ אונדז דאָ הי,
אין געטאָ, — זאָלן הײַנט נאָך, ביז גאַנצפֿרי,
זײַן אויפֿגעריסן! וואָס מע וועט ניט קענען
אַרויסנעמען, באַזאָרגן — אַלץ פֿאַרברענען!
ס'זאָל קיין זאַך אײַך ניט אויסזען צו טײַער —
פֿײַער! פֿײַער!

עס דערהערט זיך אַ שרעקלעכער אויפֿרײַס. סטערקע טוליעט זיך צו צו יודיטען. אַ צווייטער אויפֿרײַס. געדאַליע, קאַזשיק, דער פֿאָליט און די איבעריקע אַרײַנגעקומענע לאָזן זיך צום אַרויסגאַנג. יאַנעק בײַ דער ברייט־צעעפֿנטער טיר.

איר זעט, ווי ליכטיק איז אין געטאָ? ברידער, זעט!

דאָס צווייטע בילד

עס ברענט דער לעצטער קוואַרטאַל פֿון געטאָ. פֿאַרשטעקט צווישן האַלב־כאָרעווע ווענט פֿון אַ פֿירשטאָקיק הויז זיצן צ ו ו י ק ע מ פ ע ר. איינער פֿון זיי טוט איבער אַ שוך. דורך דעם דורכבראָך אין דער מיטלסטער וואַנט זעט מען די גע־בליבענע טרעפּ פֿון שטוב, וועלכע הענגען ווי אינדערלופֿטן.

ע ר ש ט ע ר ק ע מ פ ע ר

ס'איז פֿונעם פֿלאַם צעשמאָלצן דער אַספֿאַלט,
דו טוסט אַ טראָט, — איז ווי אין הייסן פּעך.

צווייטער קעמפער

עס ברענט שוין העכער פערציק טעג און נעכט,
און מיך עס שוידערט אלץ, און מיר איז קאלט.

עס דערהערן זיך טריט. די קעמפער פארשווינדן הינטער דער וואנט. עס קומען אַן יאנעק און יאָזעף.

יאָזעף

עס ברענט די לעצטע גאס. דער רויך,
ער טרײַבט ארויס די קעמפער פון די גריבער.
א קליינינק הײַפעלע מיר בלײַבן איבער —
זיך שלאָגן ווײַטער שוין ניטאָ קיין קויעך.

לאנגע פאוזע.

וואָס שווײַגט איר, זאָגט, רעדט אויס מיט מיר א וואָרט!

יאנעק ענטפערט ניט.

זאָגט, ענטפערט מיר! איך קאָן שוין מער ניט לײַדן!
דאָס פײַער פירט אראָפּ מיך פונעם זינען,
כ'וועל זיך אליין דעם גאָרגל איבערשנײַדן.

יאנעק

א טויט אזא געהאט האָט אײַער שעף.
כ'וועל אײַך א טויט א שענערן געפינען,
א שווערן, א פארגעבנדיקן טויט:
אָט דאָרט, אהינטער כורווע, איז פאראן
א טיפע הייל — דאָרט וואַרטן נײַן מאן.
איר גייט אהין, איר וועט דאָרט זײַן דער צענטער.
איר וועט דאָרט פאר א דײַטש זיך איבערטאָן,
און ווען די דײַטשן וועלן זײַן שוין נאָ'נט —
זיך אויסמישן מיט זיי — און וואָס צו טאָן
ניט איך דארף זאָגן אײַך — איר וועט שוין זען
אליין. אָט דער אָטריאַד קאָן עפּשער זײַן
דער לעצטער טויט־אָטריאַד... און יענע נײַן

ארויסגערופן האָבן זיך אליין —
א קאָוועד איז זײַן איינער פון די צען.

יאָזעף באַווײַזט אף „יאָ״. יאנעק דריקט אים די האנט.

א דאנק. דורכדאנען שפאנט, וועט זײַן אײַך נע׳בעטער.

יאָזעף גייט אוועק. עס קומט אָן דאָס מיידעלע, דעם קלעזמערס טאָכטער. יאנעק שטעלט זי אָפּ.

יאנעק

פאראָל!

דאָס מיידעלע

„איך גיי מײַן וועג״.

יאנעק

„דער וועג איז פרײַ״.

דאָס מיידעלע

קיין דײַטשן זעט מען ניט?

יאנעק

נאָך גאָר ניט לאנג
א גרופּע דײַטשן זײַנען דורך פארבײַ.

דאָס מיידעלע

ווו זײַנען זיי אוועק? אין וועלכער זײַט?

יאנעק

זיי וואָלטן, טאָכטער, זײַן שוין זייער ווײַט,
נאָר מיר האָבן זיי גראָד פארשפאַרט א גאנג.

דאָס מיידעלע

אהא, כ׳פארשטיי, אָט דאָס איז זייער גוט.
איצט, פעטער, זאָגט, ווו קאָן איך זעען יאנען?

יאנעק

נאָר יאנען דארפסטו, אנדערש לוינט דיר ניט?

דאָס מיידעלע

(שטרענג)

אים עפּעס איבערגעבן כ׳מוז — פארשטאנען?

יאנעק

איז אָט וואָס, טאָכטער, איך בין יאן. דערציי!!

דאָס מיידעלע

אויב דו ביסט יאן, איז זאָג מיר יאנס פּאראָל.

יאנעק

„א שטיקל סוכער".

דאָס מיידעלע

„סוכער גיבו!"

יאנעק

אזוי זשע רייד, אזא האָב איך דיך ליב.

(ער גיט איר א סוכער.)

דאָס מיידעלע

(קײַענדיק)

דער פּעטער קאזשיק האָט מיר אָנגעזאָגט,
כ׳זאָל לויפן גיך און איבערגעבן... יאנען,
אז אָנגעקומען זײַנען פּארטיזאנער
פון וואלד אין געטאָ — ייִדן און פּאליאקן.
זיי שלאָגן זיך שוין דאָרטן, שוין פאראן
פארוואונדעטע... דערהארגעטע...

(נאָך א קורצער פּאוזע.)

ער האָט מיר ניט געהייסן זאָגן אײַך...

יאנעק

אז וואָס?

דאָס מיידעלע

אז ער אליין...

יאנעק

פארוואונדעט? שווער?

דאָס מיידעלע צעוויינט זיך. עס קומען אָן געדאליע און דער פּאָליט.

יאנעק

ניטאָ, ניטאָ שוין קאזשיק אויך.

דאָס מיידעלע

(וויל אים מיט עפּעס טרייסטן)

אוי, פּעטער יאן!
איך האָב געהערט אין גרוב דורך ראַדיאָ:
מע טרײַבט דעם דײַטש אין האלדז־און־נאַקן.

(מיט א שווערן זיפץ)

אָט, ווען די רויטארמיי באוויַזט אריַין
אין געטאָ!..

יאנעק

(הייבט זי אויף אין דער הייך)
קינד, נו וואָס וואָלט דעמאָלט זיַין?

דאָס מיידעלע

וואָס הייסט? מיר וואָלטן בליַיבן לעבן!..

ג ע ד א ל י ע

(גערירט ביז טרערן)

ניט געזאָרגט!

מיר ווועלן דיך ניט לאָזן, קינד, דו האָרכסט?
געדאַליע האָט נאָך קיינמאָל ניט געזאָגט
קא ליגן, יאך וועל דיר א טאטע זײַן.

זי טוליעט זיך צו צו געדאַליען.

י א נ ע ק

און איצטער לאָמיר אפדערגיך באשליסן,
וואָס ענטפערט מען אף דעם?
(ער באווײַזט זיי א פאפיר.)
דער דײַטש לייגט פאָר:
מיר זאָלן אָפּשטעלן דעם ווידערשטאנד —
דאָס האָט איר איינס, באפרײַען זאָלן מיר
און אומקערן צוריק זיי אלע דײַטשן,
וואָס מיר האָבן פארכאפּט אין שלאכט
אלס קריגסגעפאנגענע — איז צוויי,
און דריטנס... דריטנס, שענקען זיי
דערפאר דאָס לעבן די, וואָס לעבן נאָך,
די שווער־פארוווּנדעטע זיי זאָגן צו
שפּיטאָלן, הילף... וואָס ענטפערט מען דערוף?

פ אָ ל י ט

איין ענטפער איז פאר זיי פאראן...

ג ע ד א ל י ע

א בראָך
צו זייער קאָפּ, צו זייער הענט־און־פיס,
צו זייער לײַב־און־לעבן... לאָז מיך נאָר,
איך פיר ארויס זיי און צעשיס!

יאנעק

און גאָר?

ווער קאָן זיך עס אַזוינס פאַרגינען? ניין!
פאַר יעדן לעבעדיקן דײַטש, וואָס יאָך
וועל אָפּגעבן, איך פֿאָדער צוואַנציק ייִדן —
געזונטע, יונגע. טאָמער ניט? כ'רײַס אויף
די גרוב, — באַגראָבן זיי דאָרט און באַשיטן,
זיי זיצן דאָרטן, דאַנקען גאָט, א סאַך,
און זײַנען נאָך דערוויַיל בא מיר אין האַנט,
איך וואָלט געקאָנט זיי מאַכן איינס און צוויי די קונץ,
נאָר אונדז איז וויכטיק צו פאַרציִען... אונדז? —
וואָס לענגער... ערגעץ מוז א פונק פאַרפליִען...
מיר זײַנען שטאָלץ, וואָס אונדזער ווידערשטאַנד
דעם דײַטש, ער דויערט שוין אַזויפיל צײַט,
ווי בא דעם דײַטש פאַרכאַפּן האַלב אייראָפּע,
און מיר האָבן דערוויַיל קיין ווײַסע פאָן
נאָך ניט אַרויסגעהאַנגען...

בערעזא

(קומט צו לויפן)

צײַט שוין עפּעס טאָן

מיט זיי.

יאנעק

שוין צײַט, נאָר צען מאָל מעסט און איין מאָל שנײַד.

בערעזא

אַזוי צי אַנדערש א באַפעל גיב אָפּ מיר.

יאנעק

פאַר קיינע געלט! אַליין! מיט מײַנע הענט
איך מוז זיי אופרײַסן...

בערעזא

זאָל זײַן, אַז דו,

נאָר איך פאַרשטיי ניט, צוליב וואָס דאָס וואַרטן,
דער דײַטש קאָן יעדע ווײַל אפסנײַ א שפּאַר טאָן
און גראָד פאַרבײַ דעם גרוב, און דעמאָלט שרײַ...

יאנעק

אזוי? פאַרבײַ דעם גרוב? הערסט, קלוגער קאָפּ,
אָט דאָס באַדאַרף איך דאָך. איך האָב דערבײַ
א מיין — דער אופּרײַס וועט מיר צוויי מאָל דינען:
כוץ די געפאַנגענע, וואָס וועלן פליִען
צעריסענע אין לופט, — דעם טויט געפינען
דאָ וועלן נאָך אזויפיל דײַטשן... איך —
איך גיי אהין, און מיר צוהילף — בערעזא!

פּאליט

איך האָב געמיינט, אז, יאנעק, איר
וועט שיקן מיך אהין. איך האָב דאָס רעכט
אפילע פאָדערן בא אײַך, איר זאָלט מיך שיקן.
אָט פרעגט בא מענטשן, זאָלן מענטשן זאָגן:
אפילע אין געריכט וואָלט איך געוווּנען,
נאָר איינער איר האָט מיר דאָס ניט פאַרגונען...
אויב אופרײַסן, דאַרף איך!

בערעזא

טאַק טאָטשנאָ, ער.

יאנעק

וואַרט אויס... איך האָב נאָך צײַט. מע וועט באַשליסן.
בערעזא, דו וועסט אף דײַן פּאָסט צוריקגיין,
וועסט מײַן באַשלוס איינגיכן זיך דערוויסן.
און, געדאַליע, דו גיי סטערקען רוף, נאָר שנעל...
נעם מיט דאָס קינד... פאַרייניקן מיט די,
וואָס מיר האָבן אַרויסשיקן באַשטימט
פון געטאָ... איר צו שטאַרבן איז נאָך פרי.

דאָס מיידעלע

זיי האָבן זיך דאָך אָפּגעזאָגט צו גיין —
די יונגע ווילן ניט.

יאנעק

(געדאליען)

און מײַן באפעל
איז גאָרניט? כ׳האָב געהייסן זיי צי ניין?
קיין רעגע זאָלן זיי דאָ מער ניט בלײַבן!
וואָס איז? איך שיק אהין זיי טפילן שרײַבן?
אויב יאָ, איז סײַדן אף דעם סוינעס פעל...

געדאליע נעמט דאָס מיידעלע און גייט אוועק.

(שטיל צו זיך אליין.)

כ׳וואָלט וועלן בלײַבן אויג אף אויג מיט איר,
צי וועלן מיר זיך זעען נאָכאמאָל?

פּאָליט

וואָס רעדט איר, יאנעק?

יאנעק

יאָ, דאָס הארץ זאָגט מיר.

פּאָליט

פון ווען אָן הערט איר, וואָס דאָס הארץ זאָגט אײַך?
מיר האָט געדאכט, אז איר זײַט ניט פון די, וואָס
דאָס הארץ בא זיי איז גאָר אין גרויסער כשיוועס.

יאנעק

אזוי גאָר! מײַן נעשאָמע איז א שטיין?
איר אלע זעט: איך שיק א מענטש צום טויט

און טראכט: דאָס טוט דער טרוקענער פארשטאנד.
כ׳האָב אויך אזוי געמיינט, נאָר איצט... אַנשטאָט
צו טראכטן, וואָס עס פאסט אין אזא שטאנד,
איך טראכט גאָר שיידים ווייסן וועגן וואָס,
און ס׳לאָזט מיך ניט צורו, און כ׳האָב פארדראָס
דערפון...

פּאָליט

צום ביישפּיל, יאנעק, זאָגט...

יאנעק

איך קלער, ווי וועלן די, וואָס זיינען ניט געווען
אין געטאָ, קאָנען אָט דאָס אלץ באנעמען,
פארשטיין, וואָס דאָ אין געטאָ איז געשען?
מיר דאכט, אז נאָכדעם זיין וועט זייער שווער
פאנאנדערפלאָנטערן דעם גאנצן קנויל
פון גוורע, שוואכקייט, לעבנסלוסט און גרויל
און מער פון אלץ אזוינס, וואָס האָט קיין נאָמען
און רופט זיך פּאָשעט: געטאָ... זייער גוט
וועט זיין, אויב זיי וועלן נאָך טרעפן וועמען
פון די, וואָס טרעטן איצט אף אָט דער ערד.

סטערקע באוויזט זיך. זי לאָזט זיך לויפן צו יאנעקן. דער פּאָליט פאר־
שווינדט הינטער דער כאָרעוואר וואנט.

וואָס ווייסטו, סטערקע, כ׳בין נאָך דאָ... דערוויַיל...

(ער פּרוּווט אויסטאָן פון איר דעם אוטאָמאט.)

סטערקע

וואָס ווילסטו טאָן?

יאנעק

ער ציט דאָך דיר אראָפּ
דעם האלדז, אָט זע, א טיפער שניט.

סטערקע

מע נעמט
אראָפּ דעם קאָפּ, באַווײַנט מען ניט די האָר.

(און מיטאמאָל.)

דעם עמעס זאָג: מיר דאַרפן זיך צעשיידן?

יאַנעק באַווײַזט אויף „יאָ".

נאַ, יאַנעק, נעם די ביקס, נאָר גיכער. אײַל...
ביז קיינער איז ניטאָ — באַפרײַ אונדז ביידן —
ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג, יאָ! אויב נאָר
דו קאָנסט עס טאָן, איך בעט דיך, יאַנעק, טו,
ס'זאָל זײַן ניט שווער, די אויגן מאַך איך צו.

זי גיט אים איבער דעם אויטאָמאַט. יאַנעק ציילט, קלוימערשט, די קוילן.

יאַנעק

דײַן קויל איז דאָ ניטאָ... איז בלײַבט עס... פעסט:
דו נעמסט מיט זיך די מוטער און דו וועסט...

סטערקע

וווּהין?

יאַנעק

אויף יענער זײַט, און טאַקע באַלד.
אַרויס וועט איר פון שטאָט, פון דאָרט אין וואַלד,
מע וועט אײַך דאָרט באַגעגענען, ווי נאָר
איר וועט אַרויסגיין פון קאַנאַל, און נעמט
צו זיך דעם קלעזמערס קינד.

סטערקע

אָן דיר — איך גיי
אין ערגעץ ניט! דערשיס מיך אויף אָן אָרט,
און זאָל מען שפּעטער זאָגן וועגן דיר:

ער איז געווען אזוי פארליבט אין איר —
דערשאָסן האָט ער זי, נאָר ניט פארשעמט.

(זי פאלט צו צו אים.)

נו, זאָג, מיט וואָס ארויסרופן דײַן האס
צו מיר? איך ווייס, דו קאָנסט זײַן שטארק אין קאס, —
כ׳האָב דיך געזען אין ליבשאפט, אויך אין צאָרן, —
זאָלסט ווערן אופגעבראכט אזוי — דײַן האנט
קיין ציטער זאָל ניט טאָן. דו ווילסט, איך וועל
דיר פאלן צו די פיס... די שווערסטע זינד
כ׳וועל אויסטראכטן אף זיך...

יאנעק

זאָלסט פארן מויל
ניט ברענגען גאָר אזוינס! דו גייסט!.. דאָס קינד
זאָל הייסן...

סטערקע

(דערשראָקן)

יאנעקל... וואָס רעדסטו?

יאנעק

די לעצטע האָפענונג — נאָך ניט פארלאָרן,
נאָר מיר זײַנען שוין פאָרט קימאט די לעצטע.

סטערקע

איז לאָמיר ביידע...

יאנעק

ביז דעם לעצטן מענטש,
האָב איך געזאָגט — און ביז דער לעצטער קויל.

סטערקע

איך גיי ניט, יאן! איך וויל ניט, און איך קאָן ניט!

יאנעק

ביסט ניט אליין, דו שטעלסט דאָך אין סאַקאַנע...

סטערקע

דו ביסט מיר טײַערער פון דעם, וואָס לעבט
נאָך ניט!.. איין גוירל, יאַנעק, פאַר אונדז ביידן!
דער טויט וואָלט אונדז באַדאַרפט צעשיידן,
נאָר ניט דאָס לעבן, וואָס דו וואַרפסט מיר צו...

יאנעק

(זייער שטיל)

ווען ס׳לעבט די גאַנצע געטאָ אויף אַפּסניי,
זיי וואָלטן, סטערקע, אַלע דיך געבענטשט
אין וועג... זיי וואָלטן דיר געזאָגט: ביסט לײַב
פון אונדזער לײַב און אונדזערע ביסטו,
מיר זײַנען אַף דיר גויזער: לעבן בלײַב!

געדאליע און יודיטא קומען צו לויפן.

יאנעק

וואָס האָט געטראָפן?

געדאליע

שוין ניטאָ קא וועג!
אַ באָמבע האָט די מיט פון הייל פאַרשאָטן,
ניט דורכצוקריכן.

יאנעק

יענע זײַנען דורך?

געדאליע

צוויי אַלטע — ניט באַוויזן. שוין, מיר דוכט,
די לעצטע צוויי...

ס ט ע ר ק ע

(כאפּט זיך אָן אין דעם)

א גוטער סימען — כ׳גיי ניט!
ס׳האָט גאָט אליין אוועקגיין מיר פארבאָטן —
אין דעם פאר מיר אן אָנזאָג איז פאראן.

י א נ ע ק

ניט גאָט — דער דײַטש! ווײַזט אויס, ס׳איז אים
נאָך ווייניק!
דעם לעצטן האָט ער נאָך ניט אויסגעראָטן —
דאָס לעצטע קינד...

(צו געדאליען, שטארק אופגערעגט.)

געדאליע, דו ביסט דער,
וואָס וועט פאר זיי אין הייל א דורכגאנג מאכן,
דו וועסט זיך מער ניט אומקערן אהער,
וועסט בלײַבן דאָרט, צי גיין אין וואלד — וווהין
מע וועט דיך שיקן. זײַן וועסט אין רעשוס
פון דעם געהיימען אופשטאנד־קאָמיטעט:
איך האָב אליין געקליבן זיך אהין
נאָך הילף, נאָר איצטער, דאכט זיך, איז שוין שפּעט.
איצט גיין וועסטו... גיב איבער דאָרט א גרוס
און אייניקע — א דאנק... נו, ווּוס?

ג ע ד א ל י ע

ווייבאלד
דו זאָגסט: מע דארף, איך גיי.

י א נ ע ק

(ווײַזט אף סטערקען און יודיטען)

און זיי... כ׳גיב אָפּ
אף דײַנע הענט — געדענק!

(ער פאלט צו צו געדאליען און צעוויינט זיך, ווי א קינד)

יודיטא

(גייט צו, נעמט ארום יאנעקן און דריקט אים צו צו זיך)

נו, יאנעק... יאנעק...

בארויק זיך...

סטערקע גייט צו צו יודיטען. יודיטא שליסט זיי ביידן איין אין אירע אָרעמס.

ניט אלץ נאָך, קינדערלעך, פארפאלן,
ס'איז אונדזער צאָרן נאָך ניט אויסגעלאָשן —
דער בעסטער סימען, אז מיר לעבן נאָך!
מיט בלוט באשווער איך הײַנט דעם לעצטן מענטש,
מיט אונדזער בלוט, וואָס גיסט זיך, ווי א טײַך,
אז דאָס, וואָס הייליק איז פאר מיר, פאר אײַך
אָט הײַנט, זאָל אינעם וואָכעדיקסטן טאָג
ניט ווערן וואָך!..

א קעמפער קומט אָן.

יאנעק

(באפרײַט זיך פון יודיטעס אָרעמס)

נו, זאָג! וואָס שטייסטו, זאָג!

קעמפער

א גרויסע מאכנע דײַטשן אפן וועג
אהער, מע זעט קיין סאָף ניט און קיין ברעג.
דער פּאָליט האָט געשיקט מיך... ער רײַסט אוף
די גרוב... אָן א דערלויבעניש דערוף...

עס דערהערט זיך א שרעקלעכער אופרײַס.

יאנעק

(טוט א כאפּ דעם קעמפער פארן אקסל)

דו הערסט, צי ניט! זיי וועלן ניט אוועק

פון דאָרטן, כ׳האָב געזאָגט: קיין איינער ניט!
נאָך מיר!

(יאַנעק פאַרשווינדט, נאָך אים — דער קעמפער.)

סטערקע

יאַ־נעק! יאַ־נעק!

יודיטא פאַרצוימט איר דעם וועג. אַ לאַנגדויערנדיקע פּאַוזע.

געדאַליע

איך האָב פאַרגעסן וואָרענען...

יודיטא

זאָגט, וואָס?

געדאַליע

קעדיי ניט פאַלן זאָל באַם דײַטש קיין כשאַד,
אַז דער אַרײַנגאַנג אין דער הייל איז דאָ...

יודיטא

וואָס דאַרף מען טאָן?

געדאַליע

פאַרמאַכן אַקוראַט.
דערנאָך מיט שטיינער אויסבעטן פון אויבן.

יודיטא

דאָס הייסט, אַז עמעץ מוז פאַרבלײַבן?

געדאַליע

יאָ.

יודיטא

בלײַב איך.

געדאליע

וואָס רעדט איר? איר? איך גיי און רוף
אהער א קעמפּער פונעם פּאָסט.

יודיטא

דערוף
האָט יאנעק ניט געגעבן אײַך קיין רעכט,
און איך וועל אײַך דאָס קיינמאָל ניט דערלויבן:
איר ווילט ארויסנעמען בא מיר פון האנט
דאָס איינציקע, וואָס איך בין טאָן אימשטאנד?
אויב עפּעס בעטן, כ׳בעט מיר געבן איצט
אזוינס, איך זאָל ניט בלײַבן אומבאשיצט...

סטערקע

(ווי זי וואָלט ערשט געקומען צו־זיך)
מיר בלײַבן דאָ!

יודיטא

(צו סטערקען, באַפוילעריש)
אין הייל אראָפּ!

סטערקע

און דו?

יודיטא

כ׳וועל זײַן מיט דיר... כ׳וועל אָפּהיטן דײַן רו...
כ׳וועל שטענדיק, שטענדיק זײַן, מײַן קינד, מיט דיר.

(צו געדאליען.)

פארגעסט ניט דעם באפעל פון קאָמאנדיר!

סטערקע

(צו יודיטען)
נו, רעכט, איך גיי, נאָר דו וועסט גיין פּאָרויס...

יודיטא

(זייער שטרענג)

גענאָגט: איך בלײַב, וועט אנדערש שוין ניט זײַן!
דו ווייסט א פאל, ווען כ'האָב מײַן וואָרט געביטן?
זאָל דוכטן, כ'בין פון טפיסע ניט ארויס.
כ'האָב ניט געטראכט דאָס לעבן זיך פארהיטן
און ניט געטראכט מער אָנקוקן די שײַן
פון טאָג, ניט דיך, ניט יאנעקן... געזעגן —
א דאנק דיר, גאָט, פאר דעם! וואָס וועט געשען?

(און פארכאפט זיך.)

אָ, ניין, ניט ווײַל מײַן לעבן ביליק שעץ איך,
נאָר שטעל זיך פאָר — אז יאנעק קומט אהער,
דאָס הארץ וועט אים א צי טאָן צו דעם אָרט, —
און כאָטש ער איז א שטארקער מענטש, נאָר פאָרט...
ווער וועט אים לעבן זיך אנידערזעצן?..
און טרייסטן אים, אים זאָגן א גוט וואָרט,
ער קאָן אין דעם זיך נייטיקן אמאָל...

עס דערטראָגט זיך א נאָענטע שיסערײַ. סטערקע פאלט צו צו דער מוטער, יודי־טא רײַסט זי אָפּ פון זיך מיט גוואלד.

אין היילן!

געדאליע נעמט ארום סטערקען בא די אקסלען, און זיי לאָזן זיך גיין. יודיטא שטייט אָפּ פון זיי אף עטלעכע שפאן.

סטערקע

(איידער זי פארשווינדט הינטער דער כאָרעווער וואנט)

ווען ניט דאָס קינד, וואָס אלע איר דערוואַרט
ווי אף מאָשיעכן, כוץ מיר, דער מוטער,
מיט הענט און פיס איך וואָלט זיך אײַנגעשפארט.
ס'וואָלט מײַן געשריי די טויטע אופגערודערט:

איר מיינט, איך וועל געבוירן אײַך א פאָלק?
דעם כורבן אופבויען וועט יאנעקס קינד?..
נאָר דאָס איז פאַרט דאָס איינציקע, וואָס בינדט
צום לעבן נאָך, און כ׳גיב זיך אונטער, כ׳פאָלג...

געדאליע

(צו יודיטען, ווען סטערקע איז שוין ניטאָ)

אָט האָט איר אײַך מײַן האנט: ווען אײַער מאן
וואָלט דאָ זײַן, וואָלט ער אײַך געזאָגט: מע קאָן
אף אים, אף אָט דעם געדאליען, זיך פארלאָזן —
קיין שטויב אף איר זאָל פאלן, ער ט׳ניט לאָזן.
און יאך, פון מײַן זײַט, מוטער, זאָג אײַך צו...
אויב ס׳איז באשערט מיר זײַן א... פארטיזאן,
איך וועל דעם דײַטש די פּאָסטראָמקעס צערײַסן!
ער וועט זיך נאָר די עלנבויגנס בײַסן —
יאך וועל אים ווײַזן, וואָס געדאליע קאָן...

(ער גיט איר איבער א רעוואָלווער.)

אָט דאָס איז יאנס, אף יעדן פאל, נעמט צו.
ס׳איז אלץ דאָרט גרייט... דאָס צינגל דריקט נאָר אָן.

יודיטא נעמט צו דעם רעוואָלווער. זי ווײַזט געדאליען, ער זאָל גלײַך אוועקגיין.

יודיטא

(אליין, קוקט זיך ארום, זי הערט זיך צו)

ס׳איז שטיל ארום, און ס׳דרייט זיך מיר דער קאָפּ.
איך גיי... איך מיין, אז זי איז שוין אראָפּ...

זי לאָזט זיך האסטיק גיין אין דער ריכטונג, ווו סטערקע און געדאליע זײַנען אוועק. עס ווערט שטיל. מע זעט, ווי יודיטא טראָגט איבער שטיינער אף צו פארוואלגערן דעם ארײַנגאנג. א רעגע בלײַבט זי זיצן אויסגעשעפּט.

אָט וועל איך באלד פארוואלגערן די דעק,
און אלץ פארענדיקט, שוין... אין וועלכן וועג
זאָל איך זיך לאָזן? לעאָ, דאכט זיך מיר,
אז אלע וועגן פירן איצט צו דיר...

א נאָענטע שיסעריַי. זי פּרוּווט איבערלויפן אפן צווייטן ברעג פון דער כורווע. עס קומט אָן א ד ײַ ט ש ע ר אָ פ י צ ע ר. ער דערזעט יודיטען. פון אומדערוואַרט־קיַיט בלײַבט ער שטיין. אויך יודיטא בלײַבט ווי פארגליווערט. דער אָפיצער פאַרויס מיטן רעוואָלווער לאָזט זיך איבער דער גרויסער קופּע שטיינער. יודיטא שיסט אויס און טרעפט ניט. זי לאָזט זיך לויפן. דער אָפיצער שיסט אויס יודיטען אין רוקן. זי פאלט פון יענער זיַיט קופּע שטיינער. פארביַי לויפן דורך ע ט ל ע כ ע ב א ו ו אָ פ נ־ ט ע ק ע מ פ ע ר, אהינטער זיי — ר א ט נ י צ ק י. דער קאָפּ איז בא אים באנדא־זשירט, ער באמערקט דעם אָפיצער און שיסט אויס אין אים. דער דיַיטש פאלט. ראטניצקי בייגט זיך אָן און ריַיסט ארויס דעם רעוואָלווער פון זיַין פארקלעמטן פויסט.

ר א ט נ י צ ק י

ס'איז ניט קא העפקער!
אף מ ײַ נ ע כורוועס דאָס געפונענע!..

ער לאָזט זיך אָניאָגן די איבעריקע קעמפער. פון א צווייטער ריכטונג ריַיסט זיך אריַין י א נ, א פארשטויבטער, א פארסאָפּעטער, מיט א פארוויקלטער רויטער פאָן אין האנט. א רעגע קוקט ער זיך ארום אין אלע זיַיטן און לאָזט זיך גליַיך צו די טרעפּ, וואָס אהינטער דער האלב־כאָרעווער וואנט.

י א נ ע ק

(אף די טרעפּ)

ניין, ניין, כ'וועל נאָכאמאָל דערטראָגן זי ארוף!
די גאנצע וועלט דערהערן זאָל דעם רוף
פון בלוט, וואָס טאָר ניט, וועט ניט בליַיבן טויט!

(ער שטיַיגט ארוף נאָך א שטאָק און כאַפּט א קוק ארום.)

צעשטערט איז אלץ, וואָס מיר האָבן געבויט,
געפלאנצט, געכאָוועט זיבן הונדערט יאָר
אף פוילנס ערד... דו הערסט מיך, ערשטער — דער,
וואָס וועט צוריק זיך אומקערן אהער?
פאר אלץ, פאר אלץ זאָל ווערן אופגעמאָנט.

(ער נעמט האסטיק קלעטערן ארוף, דערגרייכט דעם שפּיץ און נעמט פיבערהאַפט פארפעסטיקן די פאָן.)

ס'איז איצט אין געטאָ אזוי שטיל — מיר דאכט,
איך הער, ווי ס'גייט די א ו י ס ל יי ז ו נ ג אהער

און, סטערקע, דו ביסט צווישן זיי,
גו גיכער, גיכער גיי.
נעקאָמע!

י ו ד י ט א

(זייער שטיל)

דאָס דאכט זיך מיר, אז עמעצער דערמאָנט
איר נאָמען...

זי טוט א קער דעם קאָפּ און דערזעט יאנעקן. זי לייגט צו די פינגער פון דער האנט צו די ליפּן און בלײַבט ליגן טויט. עס ווערט אן אָנגעלאָף פון ד ײַ ט ש ן. זיי רינגלען ארום די כורווע.

ד ײַ ט ש

לעבעדיק אים נעמען!
די רויטע טוך אראָפּ!

די דײַטשן דערנעענטערן זיך צו די טרעפּ.

י א נ ע ק

(וויקלט זיך אײַן אין דער פאָן)

געהייליקט זײַט, געפאלענע אין שלאכט!
און זײַט באצאָלט, פארשניטענע אין געטאָ!

ער טוט א שלײַדער די גראנאטע, און אין דעם זעלבן אויגנבליק טוט ער א שפּרונג אראָפּ. עס דערהערט זיך א שרעקלעכער אויפרײַס. אין דער הייך צעפלאטערט זיך די רויטע פאָן.

סאָף

פאַרזייט אין וואָרט

וועגן שמועל האַלקינען און זײַן שאַפן

בלויז וועגן דעם, וואָס גרויס איז,
לוינט צו קלערן.

א. בלאָק

1

„מײַן וואָרט — מײַן ערד ביסטו, אין דיר פאַרזייט בין איך אינגאַנצן", — אַזוי זאָגט וועגן זיך שמועל האַלקין אין איינער אַ ליד זײַנער. און בעעמעס, האַלקין איז פאַרזייט און אופגעגאַנגען אין וואָרט, אין דיכטונג. ער איז געווען אַ פּאָעט לויט דער נאַטור און אַרט דענקען, לויט זײַן באַרוף און מעהוס. אָן דיכטונג האָט בא אים דאָס לעבן קיין לעבן ניט געהייסן.

האַלקין האָט זיך אַנטפּלעקט אַלס דיכטער אין אַ ביז גאָר שטורמישער צײַט, אין די ערשטע יאָרן פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. אָבער געקומען איז ער מיט זײַן וואָרט צום פאָלק אָן טומל און ראַש, באַשיידן און מיט אַן אָפן האַרץ אַלס טיפער אויסדריקער פון זײַנע שטימונגען און מאַכשאָוועס.

דערפון טאַקע קומען זײַנע, וואָלט איך געזאָגט, צאַוואָע־פערזן:

אָן מיר, ווען איר וועט זײַן דאָ אויף דער וועלט,
פאַר די, וואָס ס'וועט מײַן אָנדענק בלײַבן טײַער,
מיך מעסטן זאָלט איר נאָר מיט יענעם פײַער,
וואָס האָט דורך שאָטן־טעג מײַן וועג באַהעלט.

שמועל האלקין האָט געהאַט טאַלאַנט צו זײַן גרויס און איז געווען גרויס, ווײַל ער האָט געהאַט טאַלאַנט. און פּונקט ווי דער מערקווירדיקער רוסישער דיכטער אַלעקסאַנדער בלאָק, האָט אויך דער מערקווירדיקער ייִדישער דיכטער מיט רעכט געקאָנט זאָגן: עס לוינט צו קלערן בלויז וועגן דעם, וואָס גרויס איז. די אייגנאַרטיקייט פון האַלקינס טאַלאַנט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אין סאַמע, דוכט זיך, קלייניקייטן פלעגט ער אויפדעקן פלאַסטן פון וויכטיקסטן באַטײַט. צו וואָס זײַן וואָרט האָט זיך נאָר צוגערירט, צו אַ נאַטור־בילד צי צו אַ סאָציאַלן פאַקט, איז עס אין זײַנע פּאָעטישע פאַרוואַנדלונגען געוואָרן עכט און גרויסאַרטיק. אַזאַ איז שוין געווען די טעווע פון זײַן דיכטערישער ריִע און געהער.

2

האַלקינס קינסטלערישע נאַטור האָט זיך, ווי ער דערציילט, לעבאַטכילע אַנט־פּלעקט אין מאָלערײַ. און דאָך האָט אים געצויגן צו קלאַנג און טראַף, ווי ער וואָלט געפילט, אַז וואָרט טראָגט פאַר אים מער מעגלעכקייטן, איידער פאַרב, אויסצודריקן זײַנע געפילן און ראַיוינעס. דער יונגער קינסטלער לעבט זיך אויס אַ געווויסע צײַט אין דער צווײ־אייניקייט פון קאָליר און קלאַנג.

צו די ערשטע ליטעראַרישע פּרווון זײַנע געהערט אַ דראַמע וועגן פּלייטים אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. דעם דראַנג און ווילן אויפצודעקן אין דיִאַלאָג די אינערלעכע וועלט פונעם מענטשן פאַרהיט ער אין זיך און וועט שפּעטער רעאַליזירן אין זײַנע רײַפע קינסטלערישע יאָרן. דערווײַל איז אים אַכצן יאָר. רוסלאַנד לעבט איבער אַ צײַט פון גרויסע אויפטרייסלונגען. דער אימפּעריִאַליסטי־שער קריג האָט אויפגעדעקט די נישטיקייט פונעם צאַריזם, די מעסירעסנעפּעשדיקע גרייטקייט פונעם רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט אַף אַ רעוואָליוציאָנערן אופן אויפ־רײַסן די סאָציִאַלע סיסטעם פון שקלאַפערײַ און עקספּלואַטאַציע. דער יונגער האַל־קין האָט מאַמעש מיט אַלע כושים דערפילט דעם הייסן אָטעם פון דער צײַט. מיט אַ פּאָר כאַדאָשים פאַר דעם אויפברויז פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע גע־זעגנט ער זיך מיט זײַן קליינער היימשטאָט און לאָזט זיך „אין דער גרויסער וועלט אַרײַן", פּריִער קיין קיִעוו, דערנאָך קיין יעקאַטערינאָסלאַוו (הײַנט דניעפּראָ־פּעטראָווסק). דאָ טרעפט ער זיך מיט אַ גרופּע קרעפטיקע דיכטער — פּערעץ מאַרקיש, מיכאַיִל סוועטלאָוו, מיכאַיִל גאָלאָדני, כאַנע לעווין, און טאַקע אין זייער סוויווע גיט ער ענדגילטיק אָפּ די בכוירע דער ליטעראַטור. אין 1922 יאָר פאָרט ער אַריבער קיין מאָסקווע, ווו זײַן ווונדערבאַרער פּאָעטישער און דראַמאַטורגי־שער טאַלאַנט האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער פולער מאָס.

3

איינע פון האלקינס האסכאָלע־לידער „פון פאַרגאנגענעם" (1920) האלט סאכאקל אכט שורעס, וועל איך זיך דערלויבן זיי דאָ צו ברענגען:

די ליפּן באַם טאטן, ווי עמעצן בענטשט ער,
די אויגן צום הארט־גרינעם מײַרעוו געהויבן;
דעם טויט־קאלטן פּאָרהאנג ער הייבט אוף פון פענצטער,
ווישט אויס מיט די פינגער פארלאָפענע שויבן...
צוויי שטערן — צוויי נאָדלען אין הימל פארשטאָכן,
באזילבערטע בלאָטעס צעגרײַזלען די זשאבעס,
אוי, זאָל מען דעם טישטעך ניט לייגן דעם וואָכיקן —
זאָל דאָ נאָך פארבלײַבן א זייכער פון שאבעס...

שוין אין די ערשטע לידער האלקינס איז ניט שווער אײַנצוזען, אז ער איז געקניפּט און געבונדן מיט די גײַסטיקע אויצרעס פון אונדזער אמאָל, אָבער פארכאפּט איז ער פון די אידייען און אידעאלן, וואָס ס׳האָט מיט זיך געבראכט די רעוואָליוציע, און זיי שטרעבט ער אויסצודריקן און באזינגען. „זאָל דאָ נאָך פארבלײַבן א זייכער פון שאבעס" הייסט ציִען ווײַטער די פּערעצישע מעסוירע „שאבעס זאָל זײַן", וואָס אין נײַע סאָציִאלע באדינגונגען באטײַט עס זיך שלאָגן, ווי האלקין זאָגט אין א ליד פון 1921, „פאר ליכטיקן זײַן, וואָס איך און וואָס דו וועלן איידעס באלד זײַן". „א זייכער פון שאבעס" איז א סימען־מוווהעק פון יאָמטעוו. און יאָמטעוו אידענטיפיצירט דער דיכטער מיט שעפערישקײַט, מיט פרייד פון פרײַער מי, פון בויען א נײַ לעבן.

דעם קאמף פארן ליכטיקן זײַן, דער בויונג פונעם נײַעם לעבן האָט האלקין געווידמעט צארטע און מוטיקע פערזן, לידער און באלאדן, פּאָעמעס און דראמעס, זײַן גאנצע שאפונג, וואָס אָן איר איז אומעגלעך זיך פאָרשטעלן דעם אנט־וויקלונגס־וועג פון דער סאָוועטישער יִדישער ליטעראטור.

לייענענדיק האלקינען, דערפילט איר גלײַך, אז אין זײַנע ווערק פּרעוואלירט דורכזיכטיקײַט פון בילד, ציכטיקײַט פון וואָרט, מערקווירדיקע פּאשטעס. אָבער אינעם הינטערגרונט פון אָט דער פּאשטעס זעט זיך קעסיידער אָן פּאָעטישע שלייַמעס און מענטשלעכע קאָמפּליצירטקײַט. א פּארטראכטער און א טיכטיקער, א פּאָעטיש־באשײַנטער און א פארליבטער אין דעם רעאלן זײַן, האָט ער געבענטשט אין זײַן ליד אלדאָס לעבעדיקע, אלץ, וואָס עטעמט און שפּראָצט, מאכט באוועגן און באוועגט זיך.

האלקינס געזאַנג איז ליריש און טראַגיש, ברייט און טיף. ער האָט פאַרמאָגט אַן אָנסאָפּיקן קוואַל פון וואָרט, קלאַנג, ריטם, פאָרם און בילד, קעדיי אַרויסצו־ברענגען זײַנע געדאַנקען און געפילן, עמפינדונגען און שפּירונגען, גלויבן און ציל:

זאָלן שוין קינדער זײַן ניכטער
פון גיפטיקן ביטער־געטראַנק, —
זאָלן שוין שרעק און פאַרניכטונג
אויסגעמעקט זײַן פון געדאַנק.

זײַן געזאַנג איז געגאַנגען פון אינערלעכן באַרוף „ניט באַהאַלטן דעם קאָפּ״ אַפילו דאַן, „ווען דער רודער צעקלאַפּט זיך אָן ריפּן, וואָס סטאַרטשען אין גרונ־טיקע טיפן״; איז געווען באַהעפט מיט דער גרויסער נײַער וועלט, „וואָס קומט פון יעטווידער געזיכט״.

4

די גרויסע נײַע וועלט אין איר גאַנג און אַנטוויקלונג, מיט אירע אידעאַלן און ווידעראַנאַנדן האָט זיך געשטאַלטיקט אין זײַנע פּאָעטישע שאַפונגען, וואָס זײַנען געזאַמלט אין די ביכער „לידער״ (1922), „ווײ און מוט״ (1929), „פאַרן נײַעם פונדאַמענט״ (1932), „קאָנטאַקט״ (1935), „ערדישע וועגן״ (1945), „דער בוים פון לעבן״ (1948) און אַנד. זייער שעפער כאַראַקטעריזירט די דאָזיקע ווערק אַלס ביכער — עטאַפּן. „נאָר עטאַפּן באַ אַ דיכטער זײַנען דען, — פרעגט ער, — אַזוי שטרענג אָפּגעגרענעצט? אָפט פלעגט אַ שטאַרקע כוואַליע איבערפלייצן פון איין עטאַפּ אין אַ צווייטן. דעריבער זײַנען אין יעדער בוך פאַראַן עלעמענטן פון אַלע עטאַפּן, כאָטש יעדער בוך האָט זײַן אייגענעם גרונט־מאָטיוו״. אַזוי, פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין „ווײ און מוט״ דער מאָטיוו פון סאָציאַליסטישן נײַ־געבורט; אין „ערדישע וועגן״ — דער העראָישער קאַמף פונעם סאָוועטישן פאָלק בײַס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע; אין „דעם בוים פון לעבן״, ווידער, וואָס איז אַ זאַמלונג פון אויסגעוויילטע ווערק, זעט זיך בוילעטער אָן דער איבערפלעכט פון אַלע עטאַפּן און בעמיילע די רײַכקײַט פון האַלקינס דיכטערי־שער פּאַליטרע.

פיל פון האַלקינס לידער טראָגן אויף זיך דעם כויסעם פון פילאָסאָפישער אָפּאָ־ריסטישקײַט. אָבער האַגאַם דער געדאַנקלעכער עלעמענט אין זיי פאַרנעמט אַ וויכטיק אָרט, דאָך איז ניט צו געפינען דאָ קיין שפּור פון רעזאָניאָרישקײַט, ווײַל

האלקינס געדאנקלעך ליד קומט ניט סטאם פון פילאָסאָפישער באהאוונטקייט, נאָר פון צאפלדיקן לעבן.

אלס קלאל טוט קעסיידער א בליץ די בילדערישע געשטאלטיקונג פון זיינע פארטראכטן מיט טיפער כאָכמע. אף איינער א רעזשיסערן־קאָנפערענץ אין מאָסקווע האָט דער געניאלער בינע־מייסטער שלוימע מיכאָעלס אלס ביישפיל פון דעם, וויאזוי א געדאנק קאָן דערהויבן ווערן צו פראכטפולער בילדערישער פאראלגעמיינערונג, געבראכט האלקינס ליד:

דאָס גלאָז איז דורכזיכטיק און ריין —
דו זעסט דורך דעם די גאנצע וועלט:
ווער עס וויינט, און ווער עס קוועלט.
נאָר ווי דו האָסט איין זייט פארשטעלט
מיט זילבער־פארב, וואָס האָט די ווערט
א גראָשן געלט צי עטוואָס מער, —
פארשווינדט פון אויג די גאנצע ערד,
פון ריינעם גלאָז א שפיגל ווערט,
און ווי דער שפיגל זאָל זיין ריין —
דו זעסט אין אים נאָר זיך אליין.

„א מיניאטיוריש מייסטער־ווערק", — האָט וועגן דער זעלבער ליד געזאָגט דער באוווסטער היסטאָריקער און פאָרשער פון דער יידישער ליטעראטור מ. וויינער. די דאָזיקע צען לאקאָנישע שורעס האָבן אים געגעבן די מעגלעכקייט צו באהויפטן: „בא א טייל דיכטער אונדזערע האָבן די מעטאפאָרן בלויז די אופגאבע עפעס וואָס אויסערלעכס אָנשוילעך צו מאכן... בא האלקינען זיינען די מעטאפאָרן געוויינלעך ניט סטאם אסאָציאטיוו, און ניט סטאם צוליב אָנשוילעכקייט, נאָר אויך מאָשלדיק, אלעגאָריש, דה. זיי שטייען אין א מער דירעקטער באציונג צום אויסגעדריקטן געדאנק. און דאָס איז אזוי ניט בלויז בא די איינצלנע מעטאפאָרן און פארגלייכונגען, נאָר אויך וואָס שייעך דעם סאכאקלדיקן בילד פון דער ליד. דער סוזשעט גופע פון דער ליד איז אָפט בא אים א מאָשלדיקער, אן אלעגאָרישער".

האלקין דער פאָעט איז א ליריקער א דענקער. מיט דעם וויל איך אונטערשטרייכן, אז זיינע פערזן — ספּאָנטאנע בילדערישע צייכענונגען, וואָס טרייסלען אוף אונדזער געמיט, — בארייכערן העך אונדזערע געפילן, העך אונדזער געדאנק.

5

י.־ל. פּערעץ איז געווען פון די ערשטע, וואָס זײַנען ארויסגעטראָטן קעגן דער ייִדישער אסקעזע. האלקין האָט פאָרגעזעצט די דאָזיקע פּערעצישע טראַדיציע און ווונדערבאר אײדל געזונגען וועגן ליבע:

אוּן אינדערפרי, ווען ס׳האָט דער טאָג געבלויט,
איז צען מאָל ליבער מיר געווען מײַן הויט,
וואָס האָט אף זיך דײַן רויך, דײַן הויך פארהיט...

זײַנע ליבע־מאָטיוון גייען אוף מיט קאָלירפולע אימאזשן, זיי זײַנען א מוסטער פון לירישן פּאַטאָס, קאָמפּאָזיציאָנעלער הארמאָנישקײַט און פּאָעטישער מײַסטער־שאפט. ער האָט זייער גוט געוווּסט די סודעס פון ליבע, וואָס איר גליִ שמעלצט איבער יעסורים אין גליק, וואָס איר פרילינגדיקע פרייד איז אליין דער צויבער פון לעבן. און דאָ ווילט זיך דערציילן וועגן דער ראָל, וואָס אין האלקינס דיכ־טערישן גוירל האָט געשפּילט זײַן פרוי מארי. זיי האָבן זיך באגעגנט אף אן אויסטערלישן אופן. ער, א געבוירענער אין ראָהאטשאָוו, אין א שטוב, ווו „פּאר אָרעמקײַט — א שוועבעלע אף צוויי, כ׳געדענק, אמאָל די מאמע פלעגט צעשפּאלטן", איז אין 1918 געקומען צו א פעטער קיין יעקאטערינאָסלאוו. ווי באוווּסט, האָט אין 1919 דעניקין אף א קורצער צײַט פארכאפּט די שטאָט. אין איינעם א טאָג, ווען שמועל איז ארויסגעגאנגען פון זײַן פעטערס הויז, זײַנען אף אים אָנגעפאלן דעניקינצעס און שיר ניט צעשאָסן. זײַן מענטשלעכער כיין האָט אָבער באווירקט אפילע די דאָזיקע באנדיטן. זיי האָבן אים באראבעוועט, נאָר אָפּגעלאָזט א לעבע־דיקן. אין דער נאָענטסטער שטוב, וווּהין ער איז אן אופגערודערטער ארײַנגע־לאָפן, האָט א יונג מיידל געוואשן וועש. דאָס איז געווען מארי...

מארי האָט, אויסער ייִדיש, גוט באהערשט רוסיש, פראנצויזיש. ווי איר בא־שערטער, איז זי געווען פארליבט אין דער קולטור פון איר פאָלק, אין דער ייִדי־שער און רוסישער ליטעראטור. אומקערנדיק זיך רעטראָספעקטיוו צו יענע טעג פון זייער ערשטער באגעגעניש, שרײַבט האלקין אין א ליד, געווידמעט מארי:

און ס׳וואָלט געשען, ווען זײַן וואָלט אונדז באשערט
ניט גיין באנאנד ביז אָונטיקער ערד,
ניט ביידע גלײַך — דעם זעלבן רוף געהערט.
אזוי וואָלט זײַן, ווען ס׳בלײַבט קיין זייכער ניט
פון יענע פריִע מאלכעסדיקע טריט,
וואָס האָט ביז הײַנט אין הארצן זיך פארהיט.

מיר, זײַנע לײענער און פֿאַרערער, װאָלטן זיכער א סאך פֿאַרלאָרן, װען ס׳װאָלט געשען ניט אזוי, װי עס איז געװען אין לעבן.

מארי האָט געװירקט, אז שמועל האַלקין זאָל קײנמאָל, אפילו אין די שװערסטע צײַטן, װאָס אים איז אױסגעקומען איבערלעבן, ניט פֿאַרלירן זײַן מוט. און ס׳איז צו באַװוּנדערן דעם פֿאַרגעפֿיל, מיט װעלכן דער דיכטער האָט אין אַן אַנדער ליד געשריבן:

> און אז באַשערן װעט דער גורל
> װאָגלעניש און װאַנדערן —
> דו װעסט מיטגײן פֿונדערװײַטן,
> ניט קײן אַנדערע.

6

צו האַלקינס באַדײַטנדיקסטע װערק געהערן זײַנע דראַמאַטישע שריפֿטן. דער קישעף פֿונעם טעאַטער, װי געזאָגט, האָט אים געלאָקט, װען ער איז געװען גאָר יונג. אָבער ערשט דאַן, װען ער קומט אין א נאָענטן קאָנטאַקט מיט שלוימע מיכאָעלסן, געפֿינט זײַן דראַמאַטורגישער טאַלאַנט דעם געהעריקן טיקן.

האַלקין האָט געלערנט בא מיכאָעלסן, אז א פֿאָרשטעלונג איז א װיכטיקער דערקענונגס־אַקט, װאָס דעקט אױף אף אן אײגנאַרטיקן אופֿן די קאָמפּליצירטקײַט פֿון דער װירקלעכקײַט. דעריבער מוז אין יעטװידן סצענישן באַשאַף זיך לײַכטן א קינסטלערישע דערקענטעניש־אידײ פֿון א גרױסן באַטײַט. די דאָזיקע אידײ דאַרף ליגן אין טאָך פֿון דער גאַנצער סצענישער האַנדלונג, פֿונעם גורל און דער אױפֿירונג פֿון די פּערסאָנאַזשן, פֿון דער טעאַטראַלער אױספֿאָרמירונג און פֿון דער מוזיק, ד״ה. פֿון די אַלע קאָמפּאָנענטן, װאָס קאָנסטרויִרן א פֿאָרשטעלונג. האַלקין איז געװען מעסוגל אַרױסצוברענגען אידײען פֿון אזא מאַסשטאַב און דערמיט געבן די מעגלעכקײַט דעם רעזשיסער און אַקטיאָר שאַפֿן עכט קינסטלע־רישע סצענישע געשטאַלטן און װערק.

דאָס ערשטע, װאָס מיכאָעלס און האַלקין האָבן פֿאַרגענומען, איז געװען א ליטעראַרישע נעסיִע צום פֿאָטער פֿונעם ייִדישן טעאַטער, צו אַװראָם גאָלדפֿאַ־דענען. אַפֿן סוזשעט פֿון זײַן נאַיִװער מעלאָדראַמע „שולאַמיס״, װאָס איז געבױט אַפֿן סמאַך פֿון א ביבלישער לעגענדע, האָבן זײ באַשלאָסן צו שאַפֿן א ספּעק־טאַקל, װאָס זאָל קלינגען װי א פּאָעמע װעגן ליבע און טרײַשאַפֿט, מענטשלעכער װירדע און שטאָלץ. דעם 11 אַפּרעל 1937 איז אין „גאָסעט״ געװען אַן עמעסער יאָמטעװ. האַלקינס און מיכאָעלסעס פֿאַרטראַכט האָט געקראָגן בינע־אױסשפּרײט,

לײַב און לעבן. דער אוילעם האָט באַגײַסטערט אופגענומען די נײַע פאָרשטע־לונג.

דערנאָך קומט „באַר־קאָכבא". און כאָטש אין גאָלדפאַדענס רעפּערטואַר געפינט זיך אַ פּיעסע אויך מיט אַזאַ נאָמען, איז אָבער דער סאָוועטישער דיכטער אין זײַן נײַעם ווערק פרײַ פון וועלכע־ניט־איז ליטעראַרישע אײַנפלוסן. אין האַלקינס „באַר־קאָכבא", וואָס איז, ווי „שולאַמיס", באַצייכנט אַלס דראַמאַטישע פּאָעמע, איז קוידעמקאָל אָנצוזען, ווי טיף דער דראַמאַטורג האָט געאַרבעט איבער דער היסטאָרישער טעמע, ווי גענוי ער האָט דערלערנט דעם פּאָלקס־אופשטאַנד קעגן דער רוימישער הערשאַפט איבער יעהודע. איר לייענט „באַר־קאָכבא" און וווּנדערט זיך, ווי האַרמאָניש עס זײַנען דאָ פאַרייניקט די רײַכקײַט פון קוילעך־האַדימיען און די קראַפט פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. האַלקין באַווײַזט באַר־קאָכבאַן אַלס פאָרשטייער פון די יידישע און ניט־ייִדישע פויערים און באַלמע־לאָכעס, וועלכע האָבן אין אָפענעם קאַמף געמיינזאַם זיך קעגנגעשטעלט דער רוימישער מעלוכע־מאַשין, ווי אויך די יעניקע אין יעהודע, וועלכע האָבן געשטיצט די רוימישע פאַרשקלאַפער. אין באַר־קאָכבאַן האָט האַלקין דערזען יענע כאַראַק־טער־שטריכן, וואָס זײַנען אינעם לויף פון היסטאָרישן פּראָצעס געוואָרן רעפּרע־זענטאַטיוו אַלס כאַראַקטער־אייגנטימלעכקײַטן פונעם פאָלקס־מענטש. דער דיכ־טער־דראַמאַטורג האָט אויסגעוועבט די פיגורן פון די אופשטענדלער — פון באַר־קאָכבאַן, זײַן געליבטער פּנינא, דעם שמיד עלישא, ווײַנגערטנער הילעל און אַנד. מיט, אויב עס לאָזט זיך אַזוי זאָגן, קינסטלערישן ענטוזיאַזם, אויסדריקנדיק אין די דאָזיקע געשטאַלטן זײַן היספּײַלעס פאַר דער וויטאַליטעט פון די פאָלקס־מאַסן, זײַן פלאַם־פײַערדיקן רוף זיך שלאָגן פאַר סאָציאַלן יוישער און גערעכטיקײַט. „...ווען שטאַרבן איז באַשערט פאַר פרײַהײַט פון זײַן פאָלק — בלײַבט לעבן שטענדיק". אין די דאָזיקע אַקאָרד־שורעס פון דער פּאָעמע איז פאַרבאָרגן איר אידייִשער פאַרטראַכט, די טיפע איבערצײַגונג פונעם דראַמאַטורג, אַז דער מענטש, וואָס לאָזט זיך אין קאַמף קעגן סאָציאַלן בייז, איז אַ שטיק פײַער, וואָס לײַכט אין דורעס און ווערט קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן.

אין האַלקינען האָט געשטורעמט אַן אינערלעכער ווולקאַן מיט דראַמאַטורגי־שער ענערגיע. נאָך „באַר־קאָכבא" האָט ער געשאַפן אַ ריי גרעסערע און קלענערע דראַמאַטישע ווערק, און צווישן זיי די פיר פּיעסן, וועלכע גייען אַרײַן אין דער דאָזיקער אויסגאַבע און ווערן איצט, כוץ דער דראַמאַטישער פּאָעמע „אויף טויט און אויף לעבן", וואָס איז געווען אײַנגעשלאָסן אין בוך „דער בוים פון לעבן" און איז דערשינען אויך אין אַ רוסישער איבערזעצונג, צום ערשטן מאָל פאַרעפנט־לעכט בײַ אונדז.

די פּראָבלעמאַטיק פון אָט די פּיעסן איז ביז גאָר אָרגאַניש פאַר האַלקינען. „אַרן פרידמאַן", לעמאָשל, איז ניט סתּם א פּיעסע, וואָס שפּיגלט אָפּ א געוויסן פּעריאָד אינעם לעבן פון דעם סאָוועטישן ייִדנטום — די באַהעפטונג פון דער שטעטלדיקער אָרעמשאַפט צו פּראָדוקטיווער מי, באַזונדערס צו קאָלעקטיווער ערדאַרבעט. דער דראַמאַטורג הייבט אויף אין שײַכעס דערמיט, ווי דער לייענער האָט זיך געקאָנט איבערצײַגן, די פּראָבלעם וועגן קיום פון דער ייִדישער פאָלקס־קולטור, וועלכע האָט אים טיף געדערגט. די פּיעסע איז אופגעפירט געוואָרן אין „גאָסעט", און אין האַלקינס אַרכיוו האָבן זיך פאַרהיט עטלעכע זײַטלעך, וואָס ער האָט ספּעציעל אָנגעשריבן צו דער דאָזיקער שטעלונג. כאַראַקטעריזירנדיק זײַן הויפּט־העלד, שרײַבט ער צווישן אַנדערס: „אַרן פרידמאַן איז זיכער, אַז גראָד דאָ, בײַ אונדז אין לאַנד, קאָן און דאַרף פאַרגעזעצט ווערן די גאָלדענע קייט פון דער ייִדישער פאָלקס־קולטור". באַנאַנד דערמיט ווערט געשטעלט די אויך איצט אַקטועלע פּראָבלעם: שטאָט און דאָרף. אַרן פרידמאַן קומט, ווי האַלקין פאָרמולירט, „אין א דורכויסיקן שאַרפן קאָנפליקט מיטן צווייטן הויפּט־פּערסאָנאַזש פון דער פּיעסע, מיט זײַן אייגענעם זון ליאָווען", וואָס וויל פאַרלאָזן דאָס דאָרף, ווו, לויט זײַן מיינונג, „דער, וואָס זייט, וואַקסט דאָ ניט".

„אַרן פרידמאַן" האָט, אייגנטלעך, באַטײַט א נײַע ווענדונג אין רעפּערטואַר פון „גאָסעט". אויף דער בינע איז אויף א פאַנאַנדערגעוויקלטן אופן געקומען די פּראָדוציר־טעמע, די טעמע פון קאָלווירטישער האָרעוואַניע.

גאָר אַנדערע, אָבער אויך זייער אים נאָענטע פראַגן רעגן האַלקינען אין „אומשטערבלעכקײַט". קוידעמקאָל, די פּראָבלעם פון דעם קינסטלערס אומשטערבלעכקײַט אין זײַן שאַפונג און די וועגן, וועלכע פירן דערצו. עס ווילט זיך באַטאָנען, אַז האַלקינס דראַמע קלינגט אויסערסט הײַנטצײַטיק, ווײַל די גרונט־פּראָבלעם, וואָס ער באַרירט, איז אין א גרויסער מאָס פאַרבונדן מיט דער שטורמישער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט און טעכניק. ווי א קלאָל, זײַנען הײַנט מאַסשטאַבאַרטיקע דערפינדונגען און אַנטדעקונגען א רעזולטאַט פון קאָלעקטיווער מי. נעמט טאַקע האַלקין אונטער א קינסטלערישע פאָרשונג, כּדי צו באַגרײַפן און באַווײַזן די פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן, וואָס שאַפן געמיינזאַם מאַטעריעלע און גײַסטיקע ווערטן, אָבער זײַנען שטאַרק פאַרנומען מיט זייער אינדיווידועלן בײַטראָג, וואָס איז שוין אין טאָך ניט מער ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון געשאַפענעם.

רעאַליזירנדיק זײַן פאַרטראַכט, האָט האַלקין אַרויסגעפירט געשטאַלטן, וועלכע זײַנען לאַכלוטן נײַ געווען אין דער ייִדישער דראַמאַטורגיע. אויב ניט רעכענען די אַלטע מוטער בראָכע, איז דאָ ניטאָ קיין איין שטייגער־פיגור. אין „אומשטערב־

לעכקײַט" האָבן מיר צו טאָן מיט פאָרשטייער פון אונדזער שעפערישער און טעכנישער אינטעליגענץ. די הויפט־פערסאָנאזשן — דער אינזשעניער גריגאָרי ארקאדיעוויטש און דער מאָלער ארנאָלד ווערן באוויזן אין שײַן פון שטרענגן געוויסן, וואָס שטראָפט פארן מינדסטן פרווו אָפצונייגן זיך פונעם סאָציאליסטישן מאָראלישן אימפעראטיוו.

א וויכטיקן באטײַט פאר דער פראָבלעמאטיק פון דער פיעסע האָט די געשטאלט פון דער ארטיסטן קאטיע. האלקין מאָלט זי מיט די העלסטע פארבן. אירע איבערלעבונגען האָבן אויך א דירעקטע שײַכעס צו דער פראָבלעם פון אומשטערבלעכקײַט. מיר מיינען דאָ אירע קאָמפליצירטע ראנגלענישן: ווערן א מוטער אָדער אויסשפילן שעקספירס דזשוליעטע — א ראָל א טרוים פון יעטווידער יונגער שוישפילערן. קאטיע איז א פילבארע נאטור, אָבער מיט אן אנטשלאָסענעם כאראקטער. די קראפט פון איר ליבע אנטפלעקט די טיפענישן פון גריגאָריס נעשאָמע, וועלכע ווערט געלײַטערט אדאנק קאטיעס גײַסטיקער ציכטיקײַט.

האלקין זעט זײַנע געשטאלטן אין באוועגונג, אין אנטוויקלונג. דורך פיל שטרויכלונגען און איבערלעבונגען הייבט ער זיי אויף אף א מין דראמאטישן בארג־שפיץ, ווו עס זעט זיך בוילעט אָן זייער מענטשלעכע קאָמפליצירטקײַט.

פאָרשנדיק די אורשפרינגלעכע קוואלן פון דער נײַער עטיק, ווענדט זיך האלקין צו א טעמע, וואָס האָט שוין געהאט געקראָגן איר פארקערפערונג אין אונדזער קלאסישער ליטעראטור — דער גורל פון א ייִדישן קונסט־מענטש. די פיעסע „דער שפילפויגל", וועלכע איז געווידמעט דער לעבנס־טראגעדיע פון אן אויסערסט טאלאנטירטן פידלער, איז רײַך מיט ייִדישע און רוסישע געשטאלטן. סימבאָליש דערהויבן איז די פרײַנטשאפט פונעם ייִדישן קלעזמער בײַרעך מיטן רוסישן רעוואָליוציאָנער אנדריי.

אסאָציאטיוו רופט בײַרעך ארויס אין זיקאָרן שאָלעם־אליכעמס סטעמפעניו. אָבער אינדערעמעסן איז האלקינס פידלער א נײַ קינסטלעריש געשטאלט, ווײַל דער סאָוועטישער דיכטער מאָלט בײַרעכן כאָטש אין פון יאָרן אײַנגעשטעלטע לעבנס־פאָרמען, אָבער ווי א מענטשן מיט נײַע איבערצײַגונגען און אָנשויונגען. אונטער דער ווירקונג פון אנדרייען באנעמט בײַרעך, אז פערזענלעך און סאָציאל גליק איז פארבונדן מיט דעם רעוואָליוציאָנערן רוסלאנד. און ווי ס'איז פאר בײַרעכן אומעגלעך צוליב קאריערע אָנצונעמען די קריסטלעכע רעליגיע, אזוי איז אים פרעמד דער געדאנק צו ראטעווען זײַן טאלאנט ערגעץ־ווו אויסער דעם גוול פון זײַן געבורטס־לאנד.

און נאָך איין פאראלעל ווילט זיך דורכפירן צווישן שאָלעם־אליכעמס „סטעמפעניו" און האלקינס „שפילפויגל". אויב בא שאָלעם־אליכעמען אין ראָמאן איז

די טראגישע פיגור ראָכעלע, וועלכע געפינט אין זיך ניט קיין קויעך איינצוריידן מיט דער סוויווע, ווי ליבע איז פאַרווערט, — איז אין האַלקינס פּיעסע טראַגיש ביירעך, וואָס וויל און איז גרייט ברעכן דעם צאַם פון מיטלאַלטערלעכע האַסאַ־געס. אין קאַמף קעגן זיי ווערט ער פיזיש צעבראָכן, אָבער ער זיגט גייסטיק אַלס אָנזאָגער פון נייע עטישע באַגריפן.

ריידנדיק וועגן א געוויסער נאָענטקייט פון „סטעמפעניו" און דעם „שפּיל־פויגל", האָבן מיר בעדייע ניט מער ווי צו דערמאָנען וועגן האַלקינס שפּעטע־רער יעניקע. אין א ליד, געווידמעט „דעם פאָלקס־קוואַל שאָלעם־אַלייכעמען", זאָגט ער אַליין וועגן דעם אַזוי:

און פאַל איך צו אַמאָל צו זיינס א וואָרט,
וואָס ער האָט אויסגערעדט, צי שווייגנדיק פאַרשריבן,
מיר דוכט זיך אויס: איך שטיי אויף יענעם אָרט,
פונוואַנען אָדאָם איז געוועזן פאַרטריבן.

צום בוים פון לעבן צי איך אויס מיין האַנט,
א ריר — און פון זיין זאַפט וועל איך פאַרזוכן,
און גאָט וועט צווישן בלעטער מיך ניט זוכן,
ווייל מיין באַגלייטער שטייט מיט מיר באַנאַנד.

א פּרינציפּיעלן באַדייט פון קינסטלערישן און היסטאָרישן שטאַנדפּונקט האָט די דראַמאַטישע פּאָעמע „אויף טויט און אויף לעבן". די גרונט־אידיי, וואָס באַוועגט דעם דיכטער און דראַמאַטורג, איז באַוויזן אויפן סמאַך פון רעאַלע פאַקטן, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אין דעם גרויזאַמסטן פּעריאָד פון זיין געשיכטע ניט גע־וועזן פּאַסיוו, ניט געגאַנגען ווי שאָף צו דער שכיטע. האַלקין פאָרשט די פּסיכאָ־לאָגיע פון די פאָלקס־מאַסן, וועלכע די פאַשיסטן האָבן פאַרטריבן אין די געטאָס, און דערוויזט, אַז זיי האָבן ניט רעזיגנירט. פאַרקערט, טראָץ דעם גרויסן בראָך, האָבן זיי ניט שאָלעם געמאַכט מיט זייער לאַגע און זיינען געוועזן קאַמפּספּייק. אין דער שטענדיקער אַטמאָספער פון סאַקאָנע און אומרו, וואָס האָט געהערשט אין געטאָ, איז געגעבן געוועזן דער רוף „לאָזט זיך ניט!", קעדיי מענטשן זאָלן זיך פאַרייניקן אין קאַמף קעגן הענקער.

די פּערזאָן אין דער פּאָעמע עטעמען מיט פאַרביטערונג, מיט צאָרן און מערידע קעגן שווידערלעכסטן סוינע פון אונדזער פאָלק. ווייזנדיק די אינערלעכע וועלט פון די הויפּט־געשטאַלטן יאַנעק, סטערקע, יודיטא, דעקט אויף דער קינסטלער

די פסיכיש־אידיישע עלעמענטן, וואָס יוירן אין פאָלק און ווערן איבערגעגעבן פון דאָר צו דאָר, דערנערנדיק זײַן שטאָלץ און מוט.

ווי פּערעץ מאַרקיש אין „טראָט פון דורות", אַזוי אויך שמועל האַלקין אין „אַף טויט און אַף לעבן" שטעלט אויף דעם באַפליגלטן און אומדערהערט־דרייסטן קאַמף אין די געטאָס, דעקט אויף די נעשאָמע פון פאָלק.

אין קאַמף קעגן פאַשיזם גייען האַנט בײַ האַנט דער ייִד יאַנעק, דער פּאָליאַק קאַזשיק און דער רוס בערעזאַ. זייער אייניקײַט איז רעכטמעסיק, ווי רעכטמעסיק ס'איז דער טעזיס, אַז אַ סוינע פון איין פאָלק איז אַ סוינע פון דער גאַנצער מענטשהייט.

די טראַגעדיע „אַף טויט און אַף לעבן" איז האַלקינס אַ קינסטלערישער נײַצאָכן. זי וועט זיכער אַרײַן אין דעם גאָלדענעם פאָנד פון אונדזער גײַסטיקער קולטור.

7

פיל מי און טאַלאַנט האָט האַלקין געשענקט איבערזעצונגען. פּושקין, בלאָק, לאָנגפעלאָ, מאַיאַקאָווסקי, יעסענין קלינגען אַדאַנק אים מאָלע־כיין אין ייִדיש. דאָ ווילט זיך דעריקער אָפּמערקן זײַנע איבערזעצונגען פון שעקספּירן, וואָס אויך דורך זיי איז ער געקומען צום טעאַטער.

אָט וואָס מיכאָעלס האָט דערציילט וועגן האַלקינס אָפּטו מיט זײַן איבערזעצונג „קיניג ליר": די אַקטיאָרן האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט, ווי וועט שעקספּירס טראַגעדיע מעגולגל ווערן אין שאָלעם־אַלייכעמס שפּראַך, אַף וועלכער זיי האָבן פיל מאָל געדעדט פון דער בינע. האַלקינס פּאָעטישע יעצירע האָט אָבער גוויוער געוואָען פיל סטירעס און שווערקײַטן. ווײַל דער איבערזעצער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון בוכשטעבלעכקײַט, ווײַל ס'האָט זיך אים אײַנגעגעבן דערלאַנגען אין ייִדיש דעם פּאָעטישן געבוי, דעם סטיל פונעם ווערק, זײַן נעשאָמע. האַלקינס אָפּטו, באַטאָנט מיכאָעלס, האָט אים געהאָלפן טיף אַרײַנצודרינגען אין שעקספּירס וועלט, אין די סוידעס פון זײַן וואָרט און ריטם.

אין מיכאָעלסעס אַרכיוו האָב איך געפונען האַלקינס אַ בריוו פונעם 1 אויגוסט 1940. צווישן אַנדערס ווערט דאָרט געשריבן: „איך בין צוגעטראָטן צו ריטשאַרדן (אין קלאַמערן זאָל דערמאָנט ווערן, אַז נאָך לירן האָט מיכאָעלס געטרוימט שפּילן די הויפּט־ראָל אין שעקספּירס „ריטשאַרד דער דריטער" — מ. ב.). איך נעם אים ס'באַיו. איינס קאָן איך אײַך זאָגן, אַז פּונקט אַזוי ווי בײַ לירן, אַזוי איצט אוואדע וועל איך האָבן אין זינען אײַער גאַנג, אײַער כאַראַקטער פון אײַנ־

טאָנירונג, אײַער מאניר פון אויסדרוק — אלנפאלס דאָס איז מײַן ציל, און דער וואָס לעבט אייביק זאָל זײַן צוהילף...״ זייער א וויכטיקע ארויסזאָגונג. פארבײַגייענדיק בארירט דאָ האלקין די פּראָבלעם וועגן דער פילזײַטיקער פונקציע פונעם דיכטערישן וואָרט, וואָס מוז, ווען עס רעדט זיך וועגן אן איבערזעצונג פון א דראמאטיש ווערק, אויך זײַן סצעניש. האלקינס קינסטלעריש לאָשן איז געוועזן רײַך און מעסוגל איבערצודיכטן אנדערשפּראכיקע ווערק, זיי זאָלן קלינגען קימאט אזוי אָרגאניש ווי אין זייער ברייִשעסדיקער פּראכט.

8

לעבן טאָמיד אין ליד איז פאר האלקינען געוועזן פונקט אזוי נאטירלעך, ווי נאטירלעך ס׳איז, אז אין פרילינג זאָלן גרינען גראָזן. און גאָר פלוצעם איז ער ניט געוואָרן...

מיט א סאך יאָרן צוריק האָט מיר האלקין דערציילט: „ווען דער טאטע מײַנער האָט געגויסעסט, האָבן מיר, די קינדער זײַנע, אים מיט א געשריי אָפּגערופן. און אז ער האָט אף א רעגע ווידער באוווסטזײַן און לאָשן געקראָגן, האָט ער אונדז געזאָגט: ווײַזט זיך ארויס, קינדערלעך, אז ס׳איז גאָר קיין שוועל ניטאָ...״

שמועל האלקין האָט, ווי דער טאטע זײַנער, ניט געוווסט פון קיין שוועל צווישן לעבן און טויט. אין שלאָף דעם 21 סענטיאבער 1960 איז ער אף אייביק פון אונדז אוועק.

* * *

האלקינס שאפונג איז איין גרויסער טאָגבוך, ווו דער דיכטער דערציילט מיט אויסשעפּנדיקער אופריכטיקײַט וועגן זײַן פּאָעטישער וועלט־אופאסונג. „אויב דיכטונג הייסט ביז לעצט זיך טרײַ זײַן — בין איך געווען ביז לעצטן טרײַ״.

צווישן די גרעסטע קינסטלער פון יידישן וואָרט, וואָס האָבן מיט זייער פּאָעטישן שאפן ארויסגעשטראלט אין דער צוקונפט, רופן מיר מיט רעכט אָן דעם הערלעכן און שיינעם נאָמען — שמועל האלקין.

מ. בעלענקי

אינהאלט

מײַן ביאָגראַפיע אינקורצן 5

פּיעסן

דער שפּילפויגל 25
ארן פרידמאן 99
אומשטערבלעכקייט 175
אף טויט און אף לעבן* 241
מ. בעלענקי. פאַרזייט אין וואָרט (וועגן שמועל האלקינען און זײַן שאַפן) 379

Самуил Залманович Галкин

ПЬЕСЫ

(На еврейском языке)

Художник *Г. А. Кравцов*
Редактор *М. Я. Шульман*
Худож. редактор *Е. Ф. Капустин*
Техн. редактор *Р. Я. Соколова*
Корректор *А. Б. Стрельник*

М. «Советский писатель», 1977, 392 стр.
План выпуска 1977 г. № 341

ИБ № 586

Сдано в набор 15/X 1976 г. Подписано к печати 17/V 1977 г. Формат 70×108¹/₃₂. Бумага тип. № 1. Печ. л. 12,25. Усл. печ. л. 17,15. Уч. изд. л. 15,96. Тираж 1 300 экз. Заказ 832. Цена 1 р. 28 к. Издательство «Советский писатель». Москва Г-69, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва Г-19, пер. Аксакова, 13